STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05944

UNTER DER HERSHAFT FUN DI KALIFN

S. N. Orlowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. נ. אָרלאָווסקי

אונטער דער הערשאַפט פון די קאַליפן

היסטאָרישער ראָמאַן אויס דעם אַראַבישן לעבן פון IX יאָרהונדערט

יידיש שרה רייזען

COP. 2

44486 17

1 9 2 5

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

S. Orłowski. „Pod władzą kalifów“. Tł. S. Rejzen.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńsk'e“ B. Kleckina.

I

דאָס איז געווען אין דעם צוואַנציקסטן יאָר ממשלה פֿון דעם באַרימטן באַגדאַדער קאַליף, האַרון-אַל-ראַשיד.

די הויפּלייט האָבן אים גערופֿן דער גרויסער און דער גערעכ-טיקער, די דיכטער האָבן אין לידער און אין מעשהלעך באַזונגען זיין אומגעווייגלעכע חכמה און אים אָנגערופֿן דער שטערן פֿון דער אַראַ-בישער וועלט.

אָבער דאָס זיינען בלויז געווען די פֿאַנטאַזיעס פֿון די דיכטער, חניפֿה פֿון די הכנעהדיקע קנעכט, ווייל אין דער ווירקלעכקייט איז האַרון געווען דערזעלבער גרויזאַמער דעספּאָט, ווי די אַלע אַנדערע הערשער פֿון מזרח. אמת, ער האָט ליב געהאַט אַמאָל, איבער-הויפּט פֿאַר די שלוחים פֿון ביזאַנטיע און רוים, זיך אויסצופּיינען מיט זיין חכמה און יושר, וואָס האָבן דערמאָנט די חכמה און דעם יושר פֿון שלמה המלך, אָבער זיינע מקורבים האָבן גוט געוואוסט, אַז דאָס ווערט בלויז געמאַכט פֿון גדלות וועגן, זאָלן די געסט פֿון די פֿרעמדע מדינות ווערן איבערראַשט.

אָבער נאָך זייער אַוועקפֿאָר פֿלעגט ווידער אַלץ אַוועקגיין אויף דעם אַלטן שטייגער, און די הויפּלייט האָבן ווידער געציטערט פֿאַר האַרונס פֿלוצלונגדיקן צאָרן, פֿאַר זיין בייזן בליק, ניט קוקנדיק אויף דער צייטווייליקער רואיקייט. דער לייב האָט געדרעמלט, אָבער קיינער האָט ניט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז דאָך אַ לייב און פֿריער אָדער שפּעטער וועט ער אויפֿוואַכן און זיין רויב פֿאַרצוקן.

און ס'איז געווען אין דעם צוואַנציקסטן יאָר, זינט האַרון איז געזעסן אויפֿן שטול פֿון באַגדאַדער קאַליף.

ס'איז געווען פרילינג, אָבער אין באַגדאַד האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די גרויסע היצן, וואָס האָבן שרעקלעך געמאַטערט די מענטשן. זומער איז די היץ געווען אַזוי גרויס, אַז יעדערער, ווער ס'האָט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט, האָט פאַרלאָזט די שטאָט. אַפילו די סוחרים פון אינדיע זיינען ניט געווען בכוח צו פאַרטראָגן דעמדאָזיקן קלימאַט, און האָבן געאיילט צו פאַרענדיקן זייערע געשעפטן און אַוועקפאָרן אַהיים. איצט אין דעם חודש מאַי איז די היץ געווען נאָך צו פאַרטראָגן. די לופט איבער דעם פליין פון ארם-נהרים איז געווען אָנגעזאַפּט מיט הייסע אויסדעמפונגען. דידאָזיקע אויסדעמפונגען זיינען אויפגעשטיגן איבער דעם פייכטן באָדן און איבער דעם ברייטן חידקל, וואָס האָט שנעל געיאָגט צום ים זיינע טריבע געלע וואַסערן.

ס'איז אָנגעקומען דער גליקזעליקער אַסר *). די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן צו מערב, און אין דריי שעה אַרום האָט זי זיך באַדאַרפט באַהאַלטן הינטער די פלאַכע פליינען, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אין דער ווייט ביז די ברעגן פון פרת. אין דער הייסער לופט האָט זיך לייכט גענומען שפּירן די קילקייט פון דעם נאָענטן פאַרנאַכט. באַגדאַד איז געווען אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט שטראַלן פון דער זון. בלענדיק האָבן זיך געוויזן די נידעריקע הייזער מיט די פלאַכע דעכער, און די טורעמס פון די מינאַרעטן, וואָס האָבן זיך דערהויבן איבער די הייזער, האָבן זיך אַזוי דייטלעך און שיין אָפּגעפינקלט אין דעם בלויען הימל. די האַנדלסשטאָט האָט געקאָכט מיט לעבן, ווי אַ גרויסער מילבן-נעסט. דעם הערשערס פּאַלאַץ האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט און אַהער האָבן זיך די קלאַנגען פון שטאָט-געווימל דערטראָגן ווי אַ גערויש פון אַ כוואַליע און האָבן ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין דער אַרומיקער שטילקייט פון די מירמלשטיינערנע קאָלאָנאַדעס.

האַרון-אַל-ראַשיד האָט גערוט אויף די ווידענע קישנס פון זיין געלעגער. פון דעם פּאַלאַץ זיינעם, וואָס איז געווען געבויט אויף אַ קינסטלעך געמאַכטן באַרג, האָט זיך געזען דער טייך חידקל,

---

*) די שעה, ווען די זון געפינט זיך אויף אַ גלייכן מהלך פון זעניט און האָריזאָנט.

וואָס איז נאָך געווען שטורמיש צעגאָסן פון די פרילינגס־רעגנס.
דערנאָך איז געגאַנגען דער טאָל פון ארם־נהרים; אונטער די שטראַלן
פון דער פרילינגס־זון האָט דער טאָל געפינקלט ווי אַ אומענדלעך־
לאַנגער טעפעך פון דימענטן. וואו־ניט־וואו אויף דעמדאָזיקן בונטן
גרינס זיינען געשטאַנען צעוואָרפן אין גרופעס באַנאַנען־ביימער, פאַל־
מען, פונדערווייטנס האָבן זיך געזען דערפלעך; געצעלטן, געבויט
אויף דעם פרימיטיוון שטייגער פון ברייטע פאַלמען־בלעטער, האָבן
זיך באַהאַלטן אונטער דעם שאָטן פון די טשינאַרן און האָבן פאַר־
געשטעלט אַ הערלעך בילד פונדערווייטנס, פון דער טעראַסע פון
פאַלאַץ. אָבער פון דער נאָענט זיינען דאָס געווען נעבעכדיקע ערי־
מקלט פון דחקות און דלות. ווייטער, סאַמע ביים האָריזאָנט, האָבן,
קוים צו מערקן, זיך געטונקלט עפעס אומבאַוועגלעכע וואָלקנס —
דאָס זיינען געווען די שניי־שפיצן פון די ווייטע פערסישע בערג.

דעם קאַליפס פאַלאַץ האָט זיך געפונען אין עק שטאָט. דעם
הערשערס בליק האָט פריי געקענט אומוואַנדערן איבער דעם שיינעם
בילד — גאָרנישט האָט דאָ געשטערט דעם אָפענעם פרייעלעכן פיי־
זאַזש.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער טייך חידקל האָט אויף דעמ־
דאָזיקן אָרט געבילדעט זייער אַ באַקוועמען פלאַץ פאַר אַ האַפן פאַר
די האַנדלס־שיפן, האָט דאָך דער קאַליף באַפוילן מאַכן דעם פאָרט
נידעריקער, דאָרטן, וואו די ברעגן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט
אַ אומגעוווינטן זומפיקן באָדן. אַ סך אַרבעטער — פערסיאַנער און
אַראַבער, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אָנלאָדן און אויסלאָדן
די שיפן—פלעגן אויסשטאַרבן פון דעם שרעקלעכן פיבער, און דאָך
איז דער האַפן אַלץ געבליבן דאָ, וואו דער קאַליף האָט אים
באַפוילן אויסצובויען.

ער איז געלעגן איצט אויף די ווייכע קישנס, זיך קוויקנדיק
מיט דער שיינקייט פון דעם העלן פאַרנאַכט. האַרון איז נאָך ניט
געווען קיין אַלטער מאַן. אַ שוואַרצע באָרד האָט באַוואַקסן זיין בלייך
איידל געזיכט; אַ לייכטע טשאַלמע פון ראָזן טיול, אויסגענייט מיט
גאָלד, האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ, אָפּשפּיגלענדיק די ווייסקייט פון
זיין שטערן. די אָדלער־נאָז און די גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן

דעם קאַליפס פּנים צוגעגעבן דעם אויסדרוק פון שטרענגקייט און דעספּאָטיזם. איצט אָבער האָבן דידאָזיקע אויגן, וואָס פאַר זייער בליק האָבן טויזנטער מענטשן געציטערט און געפלאַטערט, אַרומגעבלאָנדזשעט פויל איבער דעם באַקאַנטן פּייזאַזש, איבער דער אויסשטאַטונג פון דעם פּראַכטפולן פּאַלאַץ.

ניט לאַנג איז דערדאָזיקער פּאַלאַץ געוואָרן אויסגעבויט, אָבער ביי דעם הערשער אין די אויגן האָט ער שוין פאַרלאָרן דעם חן פון נייקייט. די פילפאַרביקע קאָלאָנעס פון מירמלשטיין און יאַשמים זיינען געשטאַנען אין ציילן פון ביידע זייטן. איבער דער מיט פון טעראַסע, וואו איצט האָט גערוט דער קאַליף, האָט זיך דערהויבן אַ קופּאָל, וואָס איז געווען פאַרשיידנפאַרביק געמאָלט. די קונציקע צייכענונגען האָבן זיך איבערגעפלאָכטן אַלץ אין אַנדערע קאָמבינירונגען. אָט איז עפּעס אַזוי ווי אַ קאָפּ פון אַ דראַקאָן. צי דען איז עס מעגלעך? צי דען האָט דער קינסטלער עובר געווען אויף דעם געזעץ פון דעם נביא, וואָס פאַרווערט צו מאָלן לעבעדיקע באַשעפענישן, און ער האָט אויסגעמאָלט אַ לעבעדיקן קאָפּ? ניין, ס׳איז ניט קיין קאָפּ פון אַ דראַקאָן, דאָס איז אַ וואונדערבאַרע, אויסגעוויינלעכע ליליע, ווי אַ צונג פון אַ אויפגעעפנטן מויל שטעקט אַרויס אַ בלאַט פון אַ ניט געוויינלעכן פעדער-גראָז.

האַרון פירט אָפּ זיין בליק פון דעם אויסגעמאָלטן באַלקן און שטעלט אים אָפּ אויף דער שיינער קאָלאָנאַדע. אין געמאָסטענע ציילן גייען די קאָלאָנען אַלץ נידעריקער און נידעריקער ביזן סאַמע גאָרטן. דער גאָרטן לאָזט זיך אַראָפּ אין טעראַסן צו דעם טייך חידקל.

— לאַנגווייליק! — טראַכט האַרון, קוקנדיק אויף די שוין גוט באַקאַנטע געצעלטן פון די טונקעלע קיפּאַריסן, אויף די בלומען-בייטן, וואָס זיינען אויסגעזייט מיט פּערסישע רויזן.

— דערעסן געוואָרן אויך די רויזן. — טראַכט האַרון און קוקט פויל אויף די בלומען-טעפּעכער, וואָס זיי זיינען דער שטאָלץ פון דעם הויף-גערטנער.

ניט ווייט פון דעם קאַליפס געלעגער שלאָגט אַ פאָנטאַן און זינגענדיק קלינגט אָפּ דער פינקלענדיקער שטראָם, וואָס פאַלט אין

דעם ווייסן מירמלנעם באַסיין אַריין, פונוואַנען עס טראָגט מיט פֿריש־קייט.

לאַנגווייליק און שווער איז דעם קאַליף.

ער וואַרפט אַ שטרענגן בליק אויף די צוויי קנעכט־פּושים און מאַכט זיי אומגעדולדיק אַ צייכן מיטן קאָפּ. די קנעכט זיינען מיד געוואָרן שטייענדיק איבער דעם גלעגער פון דעם הערשער און פאָכן מיט די גרויסע פאַוועגע פעכערס — וואָס האַלטן זיך אויף די לאַנגע באַגולטע הענטלעך; זיי זיינען אָבער געהאָרזאַם און פאָלגן דעם באַפעל און נאָך שנעלער הייבן זיך אָן צו באַוועגן די בלויע פעכערס, וואָס ווייען־אָן קילקייט.

— לאַנגווייליק! — טראַכט האַרון־אַל־ראַשיד, אומזיסט זוכנדיק צו געפינען עטוואָס נייס, אינטערעסאַנטעס צווישן דעם אַלעם, וואָס רינגלט אים אַרום.

— וואָס קאָן מען צוטראַכטן? אפשר גאָר רופן די געפאַנגענע פון האַרעם? זיי האָבן שוין אָבער אויך דערעסן. דיזעלבע שמייכלען, דיזעלבע פנימער, דיזעלבע טענץ.

אַ פינסטערער וואָלקן לייגט זיך אויף שטערן פון דעם הערשער פון אַ האַלבער וועלט.

ער דערמאָנט זיך אָן דער שיינער זאָבעאידע, אָן זיין געליבטע וויב. אַזאַ שיינקייט, אַזאַ שכל, אַזאַ חן האָט ניט געזען קיין איינער פון די מלכים פון דער ערד. און אָט דער אוצר, די שיין פון מזרח, די גאַזעל מיט די שוואַרצע אויגן — האָט בּיי אים דער בייזער מזל צוגענומען; — זי ליגט דאָרט אויף מעריב, בּיי די טויערן פון שטאָט אין אַ רייכער מאַוזאָלעי, וואָס שטייגט אַרויף אין דער הייך, דעקט צו איר געביין. דאָס איז גאָר און גאָר, וואָס דער קאַליף האָט נאָך געקאָנט טאָן פאַר זיין אָרעמער גאַזעל.

ער גיט אַ פיר מיטן האַנט איבערן הויכן שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּטרייבן די שווערע געדאַנקען. זיינע אויגן, עטוואָס פאַר־מאַכטע, האָבן ווידער פויל אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די באַקאָנטע בילדער און זייער אויסדרוק האָט דערציילט פון אומעט און לאַנג־ווייליקייט.

— אפשר זאָל גאָר קומען יצחק מאָסילי? דערדאָזיקער אַלטער קאָן בעסער פאַר אַלע אַנדערע מיך פריילעך מאַכן מיט זיין שפילן.

הארון האָט זיך געווענדט צום דינער, וועלכער איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען ביי דער טיר.

— הוסיין! זאָל מען גלייך ברענגען אַהער יצחק מאָסילי, דעם יידן.

דער דינער האָט זיך פאַרנייגט און איז אַוועק.

— יאָ, אַזוי איז עס! יצחק מאָסילי איז דער שטאָלץ פון מיין הויף, — האָט דער קאַליף געטראַכט און איז געווען צופרידן, וואָס זיין געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס איינגענעמס. — הגם ער פאַרנעמט זיך מער מיט האַנדל, ווי מיט מוזיק. דער נביא האָט אים אַנטפּלעקט פיל פון די גן־עדן־לידער. איך האָב אים ליב דערפאַר, וואָס ער האָט פאַר מיר קיין מורא ניט. ס'איז מיר זייער גוט באַקאַנט, אַז אַלע מיינע הויפלייט ציטערן פאַר מיר — אַפילו די חכמים און די קינסטלער. — אָט למשל, נעמען דעם פנקס־שרייבער אַבדאַלאַ, אַלע ווערן פאַרציטערט, ווי נאָר איך גיב אַ ריר מיט די ברעמען.

און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיין האַרטן פּנים און האָט פאַרטריבן דעם שאָטן פון פאַרבענקטער פאַרקלערטקייט.

— יאָ, אַלע האָבן זיי פאַר מיר מורא. סיי דער געשיכטעשרייבער אַבדאַלאַ, סיי דער שטערנזעער מאַנסור, וועלכער געדענקט נאָך דאָס אומקומען פון זיין גאַנצער פאַמיליע, און ס'האָט פאַר מיר מורא מיין דאָקטאָר כאַנאַין, און מאָזדאַר, און דערדאָזיקער אַלטער חונף, דער דיכטער אַבול־סיני! אַלע, אַלע אָן אויסנאַם האָבן זיי פאַר מיר מורא. נאָר איין מאָסילי האָט נאָך די העזה אַמאָל ניט צו זיין מיט מיר מסכים. דער שאַלקהאַפטיקער ייד וויים נישקשה, אַז נאָך אַזאַ מוזיקער ווי ער וועט מען אין דער גאַנצער מדינה ניט געפינען! דעריבער מאַך איך זיך ניט זעענדיק אויף די אַלע זיינע אוצרות, וואָס ער זאַמלט ביי זיך אין הויז אַלס נדן פאַר זיין שיינער טאָכטער; ווען ניט זיין גרויסער טאַלענט וואָלט איך

שוין לאַנג אָפּגעגעבן אַ באַפעל אָפּצונעמען בײַ אים אַ טײל פאַרמעגן. עס פּאַסט ניט, אַז אַ מוזיקער זאָל זײַן רײַכער פאַר קיסרים.

האַרונס געדאַנקען, וואָס האָבן אָנגענומען בנוגע דעם ייִדן אַזאַ געפערלעכע ווענדונג, זײַנען פלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן מיט דעם רעש פון דער טיר, וואָס האָט זיך מיט אַ גרויסן האַסט אויפגעפּראַלט.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער שווײַגעדיקער הוסײן און נאָך אים די הויכע פיגור פון יצחקן, וועלכער האָט אַפילו פאַר דעם הערשער פון באַגדאַד געקענט בלײַבן, ווי תמיד רואיק און קאַלטבלוטיק. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט פון לאַנגאָן געוואוינט אין באַגדאַד, איז זײַן קלײדונג געווען אַ נאַציאָנאַל־יידישע. זײַן טלית האָט זיך אין ברײטע פאַלדן אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד און איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ פּאַס, אויסגעזעצט מיט דימענטן, פּערל און בריליאַנטן, אָבער הינטער דעם פּאַס האָט ניט געפינקלט קײן קינזשאַל און קײן מעסער—יצחק האָט ניט געהאַלטן פון דעם מנהג פון די אַראַבער, וועלכע גײען שטענדיק באַוואָפנט. זײַן קאָפּ איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ העל־בלויען שלײער און אַ עלאַסטיש גילדערן שטריקל האָט צונויפגעצויגן דעמדאָזיקן געוועב. זײַן פּנים איז געווען ערנסט; די לאַנגע באָרד האָט עטוואָס געזילבערט מיט גרויקײט.

אַרײַנגעקומען אין דעם קײלעכדיקן זאַל, האָט זיך יצחק ניט געבוקט בײַ דער שוועל — לויט דעם עטיקעט פון הויף, ווײַל דאָס פאַרווערט דער יידישער גלויבן. ער איז לאַנגזאַם און מיט ווערדע צוגעגאַנגען צו דעם געלעגער פון דעם קאַליף, זיך נידעריק פאַרנויגט און געזאָגט:

— דער גרויסער האַרון האָט באַוויליקט מיך צו זען?

II

באַמע עק שטאָט פון באַגדאַד, דאָרטן, וואו די הייזלעך האָבן זיך ניט געטוליעט איינס צום אַנדערן אין שמאָלע און קרומע געסלעך, נאָר זיינען צעוואָרפן געווען דאָ און דאָרט צווישן די סעדער און מאַיס־פּלאַנטאַציעס, האָט זיך געפונען אַ נידעריק געמויערט הויז. דאָס הויז איז געווען ווייס געפאַרבט, זיין פלאַכער דאַך איז געווען אַרומגעצוימט מיט פּאַרענטשן; צו דער גאַס איז קיין פענסטער ניט אַרויסגעגאַנגען. פון דער ווייסער וואַנט האָט זיך אַרויסגעזען איין קליינע טיר פון שוואַרצן האָלץ. די טיר איז געווען פעסט צוגעמאַכט.

פון דרויסן האָט דאָס הויז אויסגעזען וויסט און פאַרלאָזן; אָבער אויב דער דורכגייער וואָלט געקאָנט אַריינדרינגען אינעווייניק, וואָלט ער דערזען אַ שיין בילד.

דאָס הויז, לויט ווי ביי די אַראַבער פלעגט מען בויען הייזער, איז געווען געבויט אין דער פאָרם פון אַ קוואַדראַט; אינמיטן פון דעמדאָזיקן קוואַדראַט האָט זיך געפונען דער הויף. אַ גאַלעריע מיט אויסגעמאָלטע קאָלאָנען האָט אים אַרומגערינגלט; אויפן הויף זיינען אַרויסגעגאַנגען אַלע פענסטער און אַלע טירן פון די צימערן. און איבערן גאַנצן שטח האָט זיך געשפרייט אַ לעבעדיקער דאַך פון ווייַנשטאָק. ער האָט זיך איבערגעפלאָכטן איבער דעם טרעליאַזש און האָט געוואָרפן העל־גרינע פלעקן אויף דעם מירמלשטיינערנעם דיל. אינמיטן הויף האָט געשלאָגן אַ קליינער פאָנטאַן. די אַרכיטעקטור פון הויז האָט עדות געזאָגט, אַז אַמאָל האָט דאָ געוואוינט אַ גרויסער פירשט, אָבער איצט איז דאָס הויז געווען שוין גאָר חרוב. דער מאַרמאָר פון די דילן איז צעשפאָלטן געוואָרן, די אַראַבעסקן

אויף די קאָלאָנעס זיינען געוואָרן שוואַרץ און ערטערווייז איז פון זיי אַראָפּ די פאַרב און ס'האָט זיך אַרויסגעזען דער הוילער ציגל. ביי דער העלער שיין פון ביטאָגיקן ליכט האָבן זיך די אַלע טרויעריקע סימנים פון חרובקייט און אַלטקייט געוואָרפן אין די אויגן, אָבער איצט, אין דעמדאָזיקן הערלעכן פאַרנאַכט, האָט דער הויף, אינגאַנצן פאַרהילט אין גרינעם האַלבטונקל, פאַרגעשטעלט אַ הערלעך בילד.

אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט. די היין פון דעם פרילינגדיקן טאָג האָט נאָר־וואָס גענומען אַראָפּפאַלן, און די מענטשן פון דעם הויז האָבן זיך נאָך ניט אַנטשלאָסן אַרויסצוגיין אויף גאָטס וועלט פון די קילע און טונקעלע צימערן. אין איינעם פון דידאָזיקע צימערן איז די טיר געווען אָפן. אויף דער ערד, אויף אויסגעשפּרייטע מאַטעס, זיינען געלעגן דריי פרויען. איינע פון זיי, פון אַ יאָר צוואַנציק, האָט געשטילט אַ קינד ביי איר ברוסט. לויט איניקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון איר געזיכט און לויט דער ציורונג, וואָס זי האָט געטראָגן, האָט מען אין איר גלייך געקאָנט דערקענען אַ פּערסיאַנערין. געהייסן האָט זי קעלאַם. די צווייטע פרוי, עטוואָס יינגער, איז געלעגן אויף דער מאַטע. צוקאָפּנס אַ געל קישעלע, און די נאַקעטע הענט, ווי געטאָקטע, פאַרלייגט אונטערן האַלז. קענטיק, אַז זי האָט געדרעמלט, אָבער אויך אין איר דרעמלען איז איר פּנים געווען אויסערגעוויינלעך שיין און אויסדרוקספול. אַ מאַטע טונקעלע הויט, די ברעמען, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעגאַנגען אין האַלבקרייזן איבער די פאַרמאַכטע אויגן, די לאַנגע טונקעלע אונטערברעמען, די וואונדער־שיינע האָר — אַלץ איז געווען פול שיינקייט און חן ביי דערדאָזיקער שלאַנקער גראַציעזער פרוי.

ניט אומזיסט האָט זיך וועלעדאַטע גערעכנט איינע פון די שענסטע פרויען פון באַגדאַד, און דאָס גליק איז געווען, וואָס דער מאַן האָט זי קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון שטוב, ווען־ניט וואָלט זי אַריינגעפאַלן אין האַרעם צו דעם קאַליף. די דריטע פרוי איז געווען אַ נעגערטע אַ שקלאַפין. זי איז געזעסן ביי דער טיר און האָט געשפונען דאָס ויידענע געשפינס. די שלאָפעדיקע שטיל־

קייט איז איבערגעריסן געוואָרן בלויז מיט דעם זשומען פון די שפּינדלעך און מיט דעם שאָרך פון דעם זייד.

קעלאָם האָט אָפּגעריסן דאָס קינד פון ברוסט און גענומען אים איינוויגן, מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געוויש, וועלכער האָט זי געמאַכט אויפציטערן. די טיר פון צווייטן צימער האָט זיך אויפגעפּראַלט, און פון דאָרטן איז אַרויסגעלאָפן אַ יונגער אַראַבער — אַ פאַרשלאָפענער און מיט ברענענדיקע אויגן.

די פרויען זיינען אויפגעשפרונגען, דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך צעשריען; די נעגערטע האָט אַרויסגעלאָזן די אַרבעט פון האַנט, און די שטילע פאַזאַנען, וואָס זיינען געוועסט אַריינגעגאַנגען אין צימער זיינען מיט הילכיקע געשרייען זיך צעלאָפן אין די ווינקלען.

— גיט אַהער קישנס, גיכער! — האָט געשריען דער אַראַבער אַרויסלויפנדיק אויפן הויף — שנעלער! — האָט ער זיך געקאָכט.

די ערשטע איז צו זיך געקומען וועלעדאַטע, זי האָט געכאַפּט איר געלע קישן, אַרויסגעלאָפן אויפן הויף און זי אַנידערגעלייגט ביי דעם פאָנטאַן.

דער יונגער אַראַבער האָט זיך אַוועקגעלייגט ביי דעם פאָנטאַן.

— שנעלער נעמט אייערע האַרפעס! — האָט ער באַפוילן זיינע פרויען, — לאָז דאָס קינד איבער ביי דער דינסט, — האָט ער געשריען אויף קעלאָמען, —זעענדיק, אַז זי איז געבליבן גאָר קאַלט צו דעם־דאָזיקן פּלוצלונגדיקן טומל. און ער האָט ווידער געשריען:

— קומט אַהערביידע! וועלעדאַטע, ברענג אַהער פאַפיר און די האַרפעס.

וועלעדאַטע איז געלאָפן שנעל נאָך די האַרפעס, דערווייל איז קעלאָם צוגעגאַנגען צום מאַן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און, פייל געגעצנדיק, צו אים געזאָגט:

— וואָס איז דאָס מיט דיר ווידער געשען, זיריאַב, איך האָב זיך דערשראָקן, איך האָב געמיינט, אַז דיך האָט אַ סקאָרפּיאָן אַ ביס געטאָן.

און זי האָט פאַרדריכט אויף זיין קאָפּ די לייכטע טולענע טשאַלמע. ער האָט פאַרדריסלעך אָפּגעשטופּט איר האַנט.

— וואָס איז מיט מיר! צי דען קאָנסטו פאַרשטיין, וואָס מיט מיר איז!

ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין דער הייך און האָט געווענדט זיין בליק אויף דער גרינער נעץ פון די ווייַנטרויבן, דורך וועלכער עס האָט געבלויט דער פילפאַרביקער הימל, און די אויגן זיינע, שוואַרצע ווי אַגאַט, האָבן געשמייכלט און געקוקט טרוימעריש. ער איז מיט זיינע געדאַנקען אַוועקגעפלויגן העט-ווייט אין זיין היימלאַנד — אין דעם ברייטן פרייען מדבר, און האָט פאַרגעסן אָן דעם וואָר.

מיטאַמאָל האָט ער דערוואַכט.

— נעם שוין גיכער די האַרפּע, — האָט ער געזאָגט צו קעלאַמען, ווערנדיק ווידער אומגעדולדיק, — וועלעדאַטע! וואו ביסטו? וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

וועלעדאַטע איז איילִיק געקומען צו לויפן. אירע טונקעלע באַקן האָבן זיך גערויטלט; זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן זיריאַבן אויף דעם מירמלשטיינערנעם דיל, האָט אים דערלאַנגט פּאַפּיר און פּעדער, האָט איין האַרפּע געגעבן קעלאַמען, די אַנדערע גענומען זיך און מיט אַ קלינגענדיקער שטים געזאָגט:

— נו, שוין, הייב אָן, איצט בין איך גרייט.

— נעמט אייניקע אַקאָרדן, — האָט זיריאַב געהייסן, — און זיך געמאַכט באַקוועם צו שרייבן.

זיינע אויגן האָבן געפלאַמט פון באַגייסטערונג. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ביסל און האָט גענומען זינגען, פאַרשרייבנדיק די ווערטער פון ליד. זיין שטים איז געווען אַ וואונדערבאַרע און וואָס לענגער ער האָט געזונגען, אַלץ מער באַגייסטערונג און פייער האָט זיך געהערט אין זיין שטים. וועלעדאַטע האָט מיט אַלע חושים געהערט. זי האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די שטראַלנדיקע אויגן פון זיריאַבן און האָט מיט אַ וואונדערבאַרער געשיקטקייט צוגעקליבן אויף דער האַרפּע די פּאַסנדיקע אַקאָרדן צו דעם ליד. קעלאַם האָט פויל און שלעפּעריק געקרימפּלט מיט די סטרונעס; ווען ניט די מורא, אַז זיריאַב זאָל ניט בייז ווערן און איר געבן דעם קלאַפּ, וואָלט זי אַוועק אין הויז און זיך געהאַלטן מיט איר קליינעם אַלי.

— וואַרט, וואַרט, איך האָב געמאַכט אַ טעות, — האָט וועלע־דאַטע געזאָגט און אָנגענומען זיריאַבן פאַר דער האַנט, — ווי אַזוי האָסטו עס געזונגען?

זיריאַב האָט אָנגעהויבן פון דאָסניי. ער האָט געזונגען און אין זיין אויפגערעגטקייט האָט ער ניט באַוויזן אַלץ צו פאַרשרייבן. ענדלעך האָט ער אָפּגערוקט פון זיך דאָס פּאַפּיר און האָט אָנגעוויזן, אַז עמעצער אַ צווייטער זאָל שרייבן. וועלעדאַטע האָט צוגערוקט דאָס פּאַפּיר צו קעלאַמען.

— שרייב דו, — האָט זי שטיל געזאָגט.

אַ אויסטערליש בילד האָט פאָרגעשטעלט איצט דער הויף. די קרומע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אַדורכגעריסן הורך דעם וויינשטאָק און זיך צעלייגט אין פלעקן אויף דעם מאַרמאָרנעם דיל און אויף דעם רעדל מענטשן, וואָס איז געזעסן ביים פאָנטאַן, וועלכער האָט געמורמלט דורך זיין זילבערנעם שטרעמל, אָבער זיריאַבס געזאַנג האָט פאַרטויבט זיין געמורמל. דער זינגער אַליין איז געזעסן צוזאַמענגעדרייט אויף דעם זיידענעם קישן, אַרומגענומענדיק מיט די הענט די קני; און האָט געקוקט מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן וויַיט-וויַיט, נאָר ווער ווייס, צי ער האָט עפּעס געזען, ווייל זיין גאַנ־צער וועזן איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט דעם געזאַנג.

קעלאַם האָט געשווינד פאַרשריבן די ווערטער, וועלעדאַטע האָט, צוזאַמענציענדיק די ברעמען, מיט אָנשטרענגונג געקוקט אויף איר מאַן, צו כאַפּן לויט דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט די טענער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין זיין געדאַנק, און האָט צוגעקליבן אַקאָרדן, ניט קוקנדיק אַפילו אויף דער האַרפע.

דאָס ליד האָט זיך געענדיקט, אָבער דער צויבער פון דעם געזאַנג האָט נאָך געשוועבט איבער דער קליינער גרופּע. דער ערשטער איז צו זיך געקומען זיריאַב און האָט געפרעגט די פרויען:

— געפעלט אייך?

— ס'איז וואונדערבאַר, — האָט וועלעדאַטע אויסגעשריען און האָט זיך געוואָרפן צום מאַן קושן — דו ביסט אַ צויבערער, זיריאַב! נאָך איינער צו דיר איז אויף דער וועלט ניטאָ!

— איצט, מסתמא, גלוסט זיך דיר, אַז מען זאָל דיר ברענגען פּרוכט און וויין? — האָט קלאַס שפּאָטיש אים אַ פרעג געטאָן, באַוויינדיק דערבײַ אירע פּערל־ציינדלעך — אָדער דו האָסט נאָך בדעה ווייטער צו מאַכן זיך נאַריש?...

— די שיין פון מיינע אויגן! — האָט זיריאַב אויסגעשריען, — און האָט לוסטיק זי צוגעצויגן צו זיך. איך האָב מײַן ליד שוין היינט פאַרענדיקט! איך שווער דיר מיט דער פרייהייט פון מעקאַ און מיט דײַן רויטן מײַלכל! וואָס איז שייך אָבער די טייטלען, וואָלט איך זיך פון זיי ניט אָפּגעזאָגט, ווײַל איך בין שטאַרק הונגעריק.

קעלאַס איז אַוועק. דער יונגער אַראַבער האָט זיך מיט רחבות צוגעלייגט בײַם פאָנטאַן.

— אָט דאָס ליד, דאַכט זיך, איז דאָס געלונגענסטע פון אַלע מיינע לידער, האָט ער געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו וועלעדאַטען מיט אַ גליקלעכן שמייכל. — ווי מיינסטו?

— יאָ, — האָט וועלעדאַטע געענטפערט און האָט זיך פאַרטראַכט. — דאָס איז געווען זייער גוט, — האָט זי צוגעגעבן און האָט גענומען שמייכלען, דערמאָנענדיק זיך די ווערטער און דעם ניגון, — אָבער זאָג מיר, זיריאַב, ווי אַזוי טראַכסטו אויס אָט די לידער? וואָס אַזוינס קומט דאָס מיט דיר פאָר? אַלע מאָל, ווען איך דערזע דיך אין אַזאַ צושטאַנד, נעם איך פאַר דיר מורא האָבן, אָבער גלייך כאַפּ איך זיך, אַז באַלד וועט ווערן געשאַפן אַ ליד, און איך אײַל זיך דיר קומען צו הילף.

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט זיריאַב געזאָגט אָפּזיפצנדיק, — אַלע מאָל קומט עס מיט מיר פאָר, בעת איך כאַפּ זיך אויף. אפשר איז עס ניט קיין חלום, אָבער מיר נעמט זיך דאַכטן, אַז איך זע פאַר מיינע אויגן אָדער אַ בילד, אָדער מענטשן — היינט, למשל, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט מײַן היים — דער אָאַזיס על־דזשאָף; און אין דערזעלבער צייט הייבט עפּעס ווי עמעצער אָן איבער מיר זינגען, ניין, ניט איבער מיר, נאָר בײַ מיר אין האַרצן הייבט עפּעס עמעצער אָן זינגען. — פאַרשטייסט? — פּלוצלונג הייבט מען אָן זינגען אַן אומבאַקאַנט ליד. און איך הער אַליין, הער און הער, ווי דער קול זינגט.

ווערט שטאַרקער און זאַנפטיקער, אַלץ הילכיקער און הילכיקער, און דאַן פילט דאָס ליד אָן מיין האַרץ; — און כדי דאָס ליד זאָל זיך ניט אַרויסגיסן פון די ברעגן, ווי דער ווייַן פון דעם טייערן בעכער, אייל איך זיך דאָס ליד אויסצוזינגען, אויסצושפּילן, און פאַרשרייבן, כדי די בייזע גייסטער זאָלן עס ביי מיר ניט אַוועקרויבן און ניט פאַרבאַהאַלטן אין דער שוואַרצער נאַכט פון פאַרגעסנהייט. און דו ווייסט, וועלעדאַטע, איך מיין, אַז זיי וואָלטן געווען צופרידן ביי מיר מיין ליד אַוועקרויבן, אָבער אָט־די אַנדערע גוטע גייסטער פון ליכט שטערן זיי און העלפן מיר צו מיין ליד אויסצוזינגען.

ס'איז צוריקגעקומען קעלאַם מיט אַ קויש טייטלען, פלעצלעך און ווייַן אין אַ ליימענעם קרוג.

— געלויבט זאָל זיין דער נביא, — האָט זיריאַב געזאָגט, און זיך ביים פּאָנטאַן געוואַשן צום עסן און זיך גענומען פאַרן אָונט־ברויט, פריילעך אונטערהאַלטנדיק זיך מיט זיינע ווייבער.

אָבער זיריאַבן איז ניט באַשערט געווען צו ענדיקן דעמדאָזיקן טאָג בשלום אין דער געזעלשאַפט פון זיין הויזגעזינד.

ס'איז אָנגעקומען די טשערעדע. די שקלאַפין איז געגאַנגען עפענען די טויערן, און אַריינלאָזן דאָס פיך. עקלאַם האָט איינגעלייגט דאָס קינד שלאָפן און אים געזונגען אַ לידל; וועלעדאַטע האָט זיך געזעצט שפינען. מיט איין וואָרט, אַלץ איז געגאַנגען, ווי געוויינלעך. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין דער דרויסיקער טיר. זיריאַב האָט זיך פאַרוואונדערט. ווער האָט עס געקענט קומען צו אים אין אָט דער צייט, בעת אַלע האָבן זיך פאַרנומען מיט זייערע שטוביקע אַרבעט, באַנוצנדיק זיך מיט דער פאַרנאַכטיקער קילקייט?

— מסתמא איז דאָס יצחק, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און איז געגאַנגען עפענען.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ מענטש אין אַ מיט גאָלד גענייטן מלבוש מיט אַ שפּיז אין דער האַנט.

— דאָס ביסטו זיריאַב? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, — האָט זיריאַב געענטפערט און האָט צעטומלט באַטראַכט דעם גאַסט.

— דער הערשער פון באַגדאַד פאָדערט דיך צו זיך.

— מיך? דו מוזט האָבן אַ טעות.

— דו מוזט גלייך קומען אין פּאַלאַץ אַריין.

זיריאַב האָט אומרואיק אַ זאָג געטאָן:

— איך בין גרייט צו פאָלגן דעם באַפעל פון מיין הערשער.

און אַריינגייענדיק אין צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען די צעשראָקענע ווייבער, האָט ער איילִיק אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם ברייטן פלאַשטש פון רויטן קאָליר — זיין איין=און=איינציקן יום=טובדיקן מלבוש — און האָט פאַרטרויט זיינע ווייבער:

— ניט האָט קיין מורא! און איז אַוועק צוזאַמען מיט דעם קאַליפס לויפער.

ס'איז ניט אַריבער קיין פינף מינוט, און ער איז צוריקגעקומען.

— וואָס איז געשען? — האָט וועלעדאַטע געפרעגט.

— גיב שנעלער די האַרפע, — האָט זיריאַב געבעטן. — דער קאַליף וויל הערן מיין געזאַנג.

געגומען ביי וועלעדאַטען די האַרפע, איז זיריאַב שנעל אַרויס אויפן גאַס, וואו עס האָט אויף אים געוואַרט דער לויפער.

III

דערוויילע האָט אין פּאַלאַץ פּאַסירט אָט־וואָס:

יצחק מאָסילי האָט אָפּגעזונגען פאַר דעם פאַרבענקטן מלך איינע פון זיינע שענסטע לידער. אין קונציקע פערזן האָבן זיך באַזונגען די נצחונות פון די אַראַבער איבער דעם ביזאַנטישן קיסר.

„ס'איז שוין נאָענט די שעה, ווען פאַר דיר וועלן פאַלן די מויערן פון דער צעפוילטער ביזאַנטיע!“ — אַזוי האָט דער זינגער געענדיקט זיין ליד.

דער מלך האַרון־אַל־ראַשיד איז געוואָרן זייער פריילעך. ער האָט ליב געהאַט, אַז מען האָט באַזונגען זיין מעכטיקייט. באַדאַנקט מאָסילין מיט אַ גנעדיקן בויג מיטן קאָפּ, און האָט געהייסן איינלאַדן די געלערנטע און קינסטלער, וועלכע פלעגן זיך גאַנץ אָפט אויפזאַמלען אין דערדאָזיקער צייט, כּדי מיט זייערע שמועסן און וויצן פריילעך מאַכן דעם הערשער, נאָך די שווערע מלוכה־ענינים און זאָרג פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג.

האַרון האָט זיך אַרומגערינגלט מיט באַרימטע מענער פון אַלע לענדער, און דערדאָזיקער קרייז פון געלערנטע, דיכטער און קינסטלער האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערן גלאַנץ דעם באַגדאַדער הויף. דער קאַליף האָט זיך מיט זיי געגרויסט און זיי טייער געהאַלטן, און די קאַפּריזן זיינע האָט ער אויף זיי זעלטן אָנגעווענדט. מיט זיי נאָר האָט ער זיך באַגאַנגען ווי מיט מענטשן, אויס מורא, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלאָזן באַגדאַד. זיי פון זייער זייט האָבן זייער הויך געשעצט די התקרבות פון דעם גרויסן הערשער, פאַר וועלכן ס'האָט זיך אַפילו געבויגן דער קיסר פון ביזאַנטיע, און זיי האָבן זיך געגרויסט מיט

דער לאַגע, וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין הויף און מיט חניפה און ערנידערונג האָבן זיי זיך געפּלייסט צו געווינען האַרונס גענאַד.

אין דעמדאָזיקן אָוונט האָבן, ווי געווײנלעך, פיל פון זיי זיך געאײַלט צו קומען אויף דער גנעדיקער אײַנלאַדונג פון דעם קאַליף.

זיי זײַנען געקומען אין פּאַלאַץ און נידעריק בוקנדיק זיך האָבן זיי באַגריסט דעם הערשער.

חניפהדיקער פון אַלע איז געווען דער דיכטער אַבול-סיני.

מיט אַ זיסן שמייכל אויף דעם אַלטן פּנים אָן ציין, איז ער געזעסן איצט אויף אַ נידעריקן טאַבורעט פאַר האַרונען און האָט אים קנעכטיש אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן.

מאַנסור, דער באַרימטער אַסטראָנאָם האָט דערציילט דעם מלכות פון זײַנע נײַע באַאָבאַכטונגען איבער די שטערן.

דער הויף-דאָקטאָר איז דאָ אויך געזעסן און האָט פון צײַט צו צײַט זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס.

אין גאָרטן האָט דער געלערנטער מאָזדאַר שטיל געשמועסט מיט דעם היסטאָריקער אַבדאַלאַ-וואַקידי, וועלכער האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ מענטשן אַ פאַרמאַטערטן פון שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, אָנגעטאָן איז ער געווען גאַנץ אָרעם.

יצחק מאָסילי איז געזעסן פאַרקלערט און האָט שטיל זיך געשפּילט מיט די סטרונעס פון זײַן האַרפע.

— יאָ, דאָס איז וואונדערבאַר, — האָט האַרון געזאָגט, אויסהערנדיק מאָנסורס ערקלערונגען. — איך האָף, אַז דו וועסט מיר ווײַזן די צייכענונגען, וואו ס'איז אויסגעמאָלט דער גאַנג פון די שטערן.

מאַנסור האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיך פאַרנויגט ביז צו דער ערד און געזאָגט:

— דער פאַרלאַנג פון אונזער הערשער איז אַ געזעץ.

— וואָס וועסטו אונז דערציילן עפּעס נײַס, — האָט זיך דער קאַליף געווענדט צו אַבול-סיני. — וואָסערע נײַע טרוימען האָבן דיר אָנגעטרוימט די מוזעס פון דער פּאָעזיע.

— אָ, קוואַל פון גענאַד, — האָט אַבול-סיני אויסגעשריען און איז מיט ערפורכט אויפגעשטאַנען פון טאַבורעט, — צו מײַן באַדויערן מוז איך זאָגן מײַן הערשער, אַז די מוזעס פון דער פּאָעזיע

האָבן מיך די לעצטע צייט ניט באַזוכט. מיין געדאַנק דרעמלט, ווי דער קוואַל אין דעם הייסן מדבר, און איך בעט אַלאַ ער זאָל מיר שיקן דעם געבענטשטן רעגן!

— מיר ווערן ביידע אַלט, — האָט יצחק מאָסילי געזאָגט און אַ שמייכל געטאָן, — אינגיכן וועלן מיר דאַרפן אָפּטרעטן אונזער אָרט פאַר נייע טאַלענטן, פאַר די יונגע.

יצחק האָט פיינט געהאַט דעם חניפהדיקן און קנעכטישן אַבּול־סיני, און הגם יצחק איז געווען אַ סך יינגער פון אים, האָט ער דאָך מיט אַ כיוון אָנגעהויבן צו ריידן פון אַלטקייט, כדי אים אַ פּיק צו טאָן.

אַבּול־סיני, וועלכער האָט שטאַרק געהאַסט דעם אין זיך זיכערן יצחקן, האָט זיך ביז צעלאַכט און, ווענדנדיק זיך צו האַרונען, געזאָגט:

— ער זאָגט דעם אמת, אָ, שטערן פון אונזער וועלט, דו קליגסטער פון אַלע זין פון דער ערד! מיר ווערן שוין אַלט! שוין צייט מיר זאָלן אונזער אָרט אָפּטרעטן פאַר נייע, יונגע טאַלענטן! אָבער זאָג מיר דו, מאָסילי, פאַרוואָס ווייזטו ניט דעם מלך דעם יונגן זינגער, וואָס קומט צו דיר אַלע אָוונט? אָט ווער האָט דיך געקענט פאַרבייטן!

יצחק איז אַזש בלייך געוואָרן פון אַבּול־סינים ווערטער און האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיין בליק פול מיט שנאה.

— וועגן וועמען רעדסטו, סיני? — האָט דער קאַליף געפרעגט.

— אָ, מיין הערשער, איך ווייס אַליין ניט, ווער איז דער דאָזיקער יונגער זינגער. פרעג בעסער יצחק מאָסילין, איך האָב בלויז געהערט, אַז ער האָט אַ וואונדערבאַרע שטים, — און מאָסילי האָט דעם אמת געזאָגט, אונז איז שוין צייט אָפּצוטרעטן און איבערלאָזן דעם אָרט פאַר די יונגע טאַלענטן!

— שלאַנג! — האָט מאָסילי אַ מורמל געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— וואָס שווייגסטו, — האָט האַרון געפרעגט, און אַ בייזער שמייכל האָט אַ בלייך געטאָן איבער זיין געזיכט — זאָג, וואָס פאַר אַן

אוצר פאַרבאַהאַלטסטו בײַ זיך? אָדער די האָסט פאַרגעסן, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר אין באַגדאַד, דאַרף דערפון וויסן דער קאַליף?

דעם יידנס האַרץ האָט אויפגעציטערט, עס האָט דערפילט דעם שטורעם, וואָס רוקט זיך אויף אים אָן, אָבער זיין שטים איז געבליבן רואיק און פעסט, ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געענטפערט אויף דעם קאַליפס פראַגן.

— דער יונגער מענטש, וועגן וועלכן ס'האָט דיר דערציילט אַבול־סיני, דו גרויסער הערשער, איז ניט לאַנג געקומען פון אַראַביע, פון דעם קאַנט על־דושאָף, און מיט דריי חדשים צוריק איז ער געקומען צו מיר, בעטנדיק איך זאָל אים מדריך זיין.

— און ס'איז אמת וואָס אַבול־סיני האָט געזאָגט וועגן זיין שטים? — האָט דער קאַליף געפאָרשט.

— זיין שטים איז ווירקלעך אויסערגעוויינלעך.

— וואו געפינט זיך דיין תלמיד?

— ער וואוינט ניט ווייט פון דיין פּאַלאַץ, הערשער, דאָרט וואו ס'האָט אַמאָל געוואוינט דער גרויסער וויזיר דושי־אַ־פאַר.

— ווי אַזוי הייסט דער זינגער?

— ער הייסט זיריאַב.

— איך וויל גלייך אים זען און הערן, — האָט דער קאַליף געזאָגט און, ווענדנדיק זיך צו הוסיינען, צוגעגעבן:

— מ'זאָל גלייך ברענגען אַהער דעם זינגער.

די פאַרנאַכטיקע קילקייט האָט אַריינגעבלאָזן אין זאַל דורך דער אָפענער קאָלאָנאַדע. דער קאַליף האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער, און, ניט שיינקענדיק יצחקן אַפילו זיין בליק, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין גאָרטן, פונוואַנען ס'האָט זיך געטראָגן דער וואונדערלעכער אַראָמאַט פון די רויזן, ליליען און נעגעלעך. נאָך אים זיינען געגאַנגען זיינע הויפּלייט. אַבול־סיני האָט מיט אַ גיפטיקן שמייכל אַ קוק געגעבן אויף דעם פאַרלאָרענעם יצחקן און איז מיט שטאָלץ אַדורך פאַרביי.

בלויז איצט האָט יצחק פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ אומגעריכטע צרה ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך מיט זיין ניט פאַרזיכטיקן שפּאַס. בלי־ספק, האָט ער געטראַכט, אַז זיריאַב וועט פאַרכּישופן דעם

קאַליף. איך אַליין בין אַנטציקט פון זיין אויסערגעוויינלעכן טאַלענט. אָבער וואָס וועט זיין מיט מיר? מיין טאַלענט איז קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט זיריאַבס מעכטיק ליד. דער קאַליף וועט גלייך מיר באַווייזן, אַז ער דאַרף מיך מער ניט, אַז איך בין דאָ איבעריק, און דאַן — ווי שרעקלעך איז דער געדאַנק! — ער וועט ביי מיר צונעמען מיין גוטס, אַלץ איינס דורך וועלכן תירוץ, און מיין טאָכטער, מיין אָרימע רבקה וועט בלייבן אַ אָרים־קינד. אָ, וויי־וויי! וואָס וועל איך דאָס טאָן?

אַזעלכע געדאַנקען האָבן באַהערשט דעם אַלטן זינגער.

קיינעם פון די הויפּלייט איז ניט איינגעפאַלן אים טרייסטן און ארויסצוווייזן זייער מיטלייד.

מאַנסור האָט גוט געדענקט דעם קאַליפס האַרטן משפּט איבער זיינע קרובים, און האָט זיך ניט אַנטשלאָסן צוצוגיין צו מאָסילין, אין האַרצן מיטפילנדיק אים. די איבעריקע זיינען געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק צו זיין גורל און האָבן נאָר געטראַכט וועגן זיך.

יצחק האָט אָבער ענדלעך זיך באַהערשט, און איז ניט אייליק אַראָפּגעגאַנגען איבער די מירמלנע טרעפּ אין גאָרטן אַריין און זיך פאַראייניקט צו דער גרופּע, צווישן וועלכע ס'איז געגאַנגען אַ שמועס וועגן די טיראַזער רויזן און ווי אַזוי פלאַנצט מען זיי.

דער פאַרנאַכט איז געווען אַ הערלעכער. די זון איז נאָך אינגאַנצן ניט פאַרגאַנגען און מיט אירע לעצטע שטראַלן האָט זי באַלויכטן דעם וואונדערבאַרן גאָרטן און האָט באַגולט דעם דאַך פון פּאַלאַץ. פון די ברעגן פון חידקל האָט געווייט מיט אָנגענעמער פרישקייט. די ווייטקייט האָט זיך ביסלעכוויז איינגעהילט אין אַ בלויען נעפּל, און די שניי־שפּיצן פון די ווייטע פּערסישע בערג האָבן זיך שוין געוויקלט אין פינסטערניש.

שיינע יינגלעך אין ווייסע קליידער האָבן געבראַכט אין גאָרטן גרויסע טאַצן מיט כיבוד. די גילדערנע קוישלעך זיינען געווען אָנגעפילט מיט טייערע פרוכט און אין די שמאָלע זילבערנע קריג האָט זיך געגרויטלט דער וויין.

דעם קאַליפס געסט האָבן געפירט אַ לעבהאַפטן שמועס, בעת איבער דעם מירמלנעם דיל פון פּאַלאַץ האָבן זיך דערהערט טריט.

ס׳איז אָנגעקומען דער דינער און מיט אים זיריאַב און אַלע־מענס בליקן האָבן זיך געווענדט אויף אים. אין זיין העל־רויטן פּלאַשטש פיין דראַפּירט, איז ער ערשינען פאַר אַלעמען, ווי די פאַרקערפּערונג פון יוגנט און שענקייט. אָט דער אָרימער יונג, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל אַריבערגעטראָטן די שוועל פון קייזערלעכן פּאַלאַץ, האָט אַליין אויסגעוויזן ווי אַ שיינער בן־מלך פון אַ כּישוף־מעשהלע. ניט אומזיסט האָט אין זיינע אָדערן געפלאָסן דאָס איידעלע בלוט פון די פרייע בעדואינער.

זיריאַב איז איניקע מינוטן געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט, מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט יצחקן, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט אַ׳ע׳כע מאָדנע פיינדלעכע איי׳ן, האָט דערזען אַבול־סינים זיגערישן שמייכל און האָט גלייך פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גייט. פאַרגעסנדיק זיין ניט באַהאַוונטקייט אין עטיקעט, איז ער לייכט און פריי צוגעגאַנגען צו דעם קאַליף האָט זיך שווייגעדיק פאַרנייגט, באַרירנדיק מיט זיין האַנט די ערד, — און מיינענדיק, אַז אויף אַזאַ אופן איז שוין דער צערעמאָניאַל געענדיקט, איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו יצחקן, געגעבן אַ קוש אין האַנט און האַרציק געזאָגט:

— פריד צו דיר, טייערער רבי.

הויכע אַכטונג און ליבע האָט זיך געפילט אין זיריאַבס באַציאונג צו זיין לערער — און דאָס האָט ווייך געמאַכט יצחקס האַרץ, און ער האָט פריינדלעך אים באַגריסט.

— ניין, ער וועט ניט זיין פּעאיק אויף אינטריגעס, — האָט יצחק אַ קלער געטאָן, און זיין פריערדיקע רואיקייט און זיכערקייט האָבן זיך צו אים צוריקגעקערט.

ער האָט אָנגענומען זיריאַבן פאַר דער האַנט און אים צוגעפירט צו דעם קאַליף, וואָס האָט גנעדיק געקוקט אויף דעם יונגן מענטשן.

— גרויסער האַר! אָט איז ער, מיין תּלמיד, וואָס האָט איבערגעשטיגן זיין אַלטן לערער. ער איז אַזוי שיין, ווי דער אָוונטשטערן, וואָס לייכט איבער אונז; אָבער נאָך שענער איז דער קוואַל פון זיינע מעכטיקע לידער, וואָס שלאָגט אין זיין ברוסט. הייס אים זינגען, און דו וועסט זען, אַז מיינע ווערטער זיינען ריכטיק.

האַרון האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך געווענדט צו זיריאַבן און געזאָגט:

— איך האָף, אַז ס'איז אַזוי! איז וואָס וועסטו אונז, דיכטער, זינגען?

אונזער גנעדיקע אויפמערקזאַמקייט גיט זיך דיר אָפּ פאָראויס.

— אָט האָסטו מיין האַרפע, — האָט יצחק שנעל געזאָגט.

זיריאַב האָט שמייכלענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך האָב מיט זיך גענומען מיין אייגענע האַרפע, גנעדיקער לערער. דער לויפער האָט מיר וועגן דעם מודיע געווען.

— אָט איז מיין אייגענע האַרפע, גרויסער הערשער, — האָט זיך זיריאַב געווענדט צום קאַליף, וועלכער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ דאַרן־באַנק און איז געווען גרייט צו הערן דעם זינגער. — איך האָב מיין האַרפע אַ ביסל איבערגעמאַכט, כּדי אירע קלאַנגען זאָלן זיין רייכער און זאָלן בעסער אונטערהאַלטן מיין געזאַנג. איך האָב זי געמאַכט גרעסער אין קרייז און צוגעגעבן אַ סטרונע, און איצט איז די האַרפע געוואָרן מיין טרייע און פאַרשטענדלעכע באַגלייטערין.

די הויפלייט האָבן זיך געוואונדערט ווי דער זינגער האַלט זיך אַזוי פריי, אָבער האַרון האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל באַטראַכט די האַרפע. ביי אים האָט חן געפונען דער שיינער זינגער און ער האָט אים פריינדלעך געענטפערט:

— ס'איז צו זען, אַז דו האָסט ליב דיין קונסט. איז וואָס וועסטו אונז זינגען? מיר זיינען גרייט דיך הערן!

זיריאַב האָט גענומען די האַרפע, — אין דער פאַרנאַכטיקער לופט האָבן זיך צאַרט און הילכיק צעטראָגן די קלאַנגען פון אַקאָרד. דער זינגער האָט זיך פאַרטראַכט, האָט אויפגעהויבן זיין בליק צום הימל, וואו אין דער דונקל־ווערנדיקער בלויקייט האָבן זיך גענומען צינדן די ערשטע ציטערנדיקע שטערן, און נעמענדיק אייניקע גיט גאָר דרייסטע אַקאָרדן, האָט זיריאַב אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ליד, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אָנגעשריבן אינדערהיים. פון אָנהייב האָט זיין שטים עטוואָס געציטערט, אָבער באַלד האָט ער פאַרגעסן, אַז ער זינגט אין קייזערלעכן פּאַלאַץ פאַר דעם שטרענגן הערשער;

ער האָט בלויז געפילט נאָר, ווי אַרום איז שיין די נאַטור, ווי עס דופטן די רויזן, און ער אַליין איז יונג, און דאָס האָט געשאַפן אַ געפיל פון גליק, און זיין גאַנצעס וועזן איז געוואָרן אונטערטעניק דעם ליד, וואָס האָט זיך געגאָסן אונטער די צאַרטע קלאַנגען פון דער האַרפע.

די צוהערער זיינען געווען אַנטציקט. האַרון האָט מיט אַ ווייכער געוואָרענעם בליק געקוקט אין דער ברייטער ווייטקייט, וואָס האָט זיך געשפרייט צופוסנס ביי זיין גאָרטן, און וועלכע האָט זיך שוין גע־וויקלט אין בין־השמשות. אַבול־סיני און די איבעריקע האָבן מיט גרויס ערשטוינונג געקוקט אויף דעם זינגער און וואָס פאַר אַן איינ־דרוק עס מאַכט אויף דעם קאַליף.

יצחק מאָסילי האָט אויך געהערט, שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אָן אַ קאָלאָנע: ער האָט פאַרשטאַנען בעסער ווי די אַלע, ווי גרויס זיריאַב איז און זיין טאַלאַנט, און דאָס דאָזיקע האָט אים אי גע־פרייט אי געפּייניקט.

ווען ס'איז אַנטשוויגן געוואָרן די ריינע שטים פון זינגער און די לעצטע שטאַרקע אַקאָרדן האָבן געמאַכט אויפציטערן די לופט, זיינען די צוהערער געקומען צו זיך, פונקט ווי זיי האָבן זיך אויפ־געכאַפּט פון אַ כּישוף פאַרכּישופט.

— וואונדערבאַר, — האָט געזאָגט דער קאַליף.

זיריאַב האָט אַ שמייכל געטאָן צו יצחקן און צוגעגאַנגען צום מלך זיך נידעריק פאַרנויגט און אַ קוש געטאָן זיין האַנט, וואָס ער האָט אים אויסגעשטרעקט.

— אויסגעצייכנט! וואונדערלעך! — האָבן די הויפליים אונ־טערגעכאַפּט און מיט התלהבות זיך אַרומגעקליבן אַרום זיריאַבן.

נאָר איין אַבול־סיני האָט אים ניט אַרויסגעוויזן זיין אַנטציקונג. און אַבול־סיני איז צוגעגאַנגען צו דעם קאַליף און שטיל אים גע־זאָגט:

— ניט לאָז אַדורך דעם צופאַל! דער אַלטער ייד האָט שוין לאַנג פאַרדינט באַשטראָפט צו ווערן פאַר זיינע גדלות! שטאַרק מיט זיין רייכקייט, פאַרגעסט ער שוין פון לאַנג אָן אָפּצוגעבן כּבוד דיין הערלעכקייט.

דידאָזיקע עטלעכע ווערטער זיינען געווען גענוג אויף אויפ־צוּוועקן די גאַנצע קנאה, ליידנשאַפט צום גאָלד און דאָס שלעכטס, וואָס האָט געדרעמלט אין דעם דעספּאָטס נשמה.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן גנעדיק צו סינין און צו זיריאַבן געזאָגט:

— פון היינט אָן וועסטו זיין מיין הויפזינגער. וועסט זיין אויף אַלעם פאַרטיקן, און געהאַלט וועסטו מאָרגן באַקומען פון דער מלוכה. ,און דו, מאָסילי, — האָט זיך געווענדט מיט אַ פאַלשן שמייכל צו דעם אַלטן ייִדן, — וועסט איצט פאַרשטיין אַליין, אַז דו מוזט זוכן אַן אַנדער באַשיצער, מער נייטיק איך זיך ניט אין דיר: דיין תּלמיד וועט דיך פאַרבייטן.

יצחק איז בלייך געוואָרן און האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען.

זיריאַב איז רויט געוואָרן פאַר צאָרן און האָט געוואָלט זיך גלייך אָפּזאָגן פון דעם כּבוד, אָבער מאַנסור האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן מאַנטל און שטיל אים אַריינגערוימט:

— ניט מאַך זיך אומגליקלעך! זיין צאָרן איז געפערלעך.

ציטערנדיק פאַר כּעס און אויפרעגונג, איז יצחק מאָסילי צו־געגאַנגען צו האַרונען און, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, אַרויס־גערעדט:

— אַזוי, הערשער, באַצאָלסטו אונז פאַר אונזער קונסט. גאָר ווייניק שעצטו די טאַלענטן, האַרון־אַל־ראַשיד — דו יושרדיקער!

אַלע האָבן אויפגעציטערט.

דער הויף־דאָקטאָר האָט אָנגעכאַפּט יצחקן פאַרן האַנט און אויסגעשריען:

— האַלט זיך אָפּ, משוגענער!

אַבול־סיני האָט נקמהדיק געשמייכלט.

אַלע האָבן אין אימה געקוקט אויפן קאַליף: מיט אַ ניט־גוטן פייערל האָבן זיך אָנגעצונדן זיינע בייזע אויגן. ער האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער דאָרן־באַנק און, כּעסדיק צונויפציענדיק די ברעמען, אויסגעשריען:

— דאַכט זיך, אַז דו פאַרגעסט, וואו דו געפינסט זיך! היט זיך, אַז אונזער צאָרן זאָל זיך ניט אויסגיסן אויף דיר! איצט לאָז

איך דיך אָפּ פריי, אָבער זיי ווייסן, אַז מיין האַנט האַלט דיין גורל! פאַרלאָז באַלד מיין פּאַלאַץ.

יצחק מאָסילי האָט פאַרדעקט מיט די הענט זיין פּנים און וואַקלענדיק זיך איז ער אַוועק איבער די מירמלנע טרעפּ אַראָפּ.

זיריאַב האָט זיך געטרייסלט פאַר צאָרן.

די איבעריקע געסט האָבן זיך געווענדט צו זייער הערשער און מיט געמאַכטער פריילעכקייט און מיט חניפהדיקע וויצן האָבן זיי זיך באַמיט פאַרטרייבן פון זיין זכרון די ניט אָנגענעמע סצענע.

IV

זיריאַב האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון פּאַלאַץ, און איז געגאַנגען איבער די באַגדאַדער גאַסן. אומעטום האָט זיך שוין געענדיקט די באַוועגונג, און ס'איז איינגעשטילט געוואָרן דער בייטאָגיקער גערויש. וואו-ניט-וואו אויף די דעכער פון די הייזער זיינען געזעסן די איינוואוינער און האָבן געפירט אַ שטילן שמועס. דער טונקעלער, כמעט שוואַרצער הימל איז געווען פאַרזייט מיט שטערן, און העלער פון אַלע האָט געפינקלט דער געשטערן קאַנאָניס, וואָס די אַראַבישע דיכטער פלעגן באַזינגען.

זיריאַב איז געווען טרויעריק און צעשטרייט.

אַ קינד פון דער פרייער אַראַביע, האָט ער נאָך פריער, בעת ער האָט געוואוינט אין אַראַביע, אין זיין היימאַט אָאַזיס דזשאָף, ניט איינמאָל געהערט פון דעם קאַליפס גיריקייט, פון זיין שווערן און האַרטן כאַראַקטער. איצט איז אים אַליין אויסגעקומען אין דעם זיך צו איבערצייגן. ער האָט זיך געמאַכט פאָרוואורף, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן זיין צאָרן פאַר דעם האַרון.

— ס'איז קליינמוטיק, — האָט ער געטראַכט, — מ'האָט זיך באַדאַרפט אָננעמען פאַר דעם אומגליקלעכן יידן און זיך אָפּזאָגן פון דער בכבודיקער שטעלע. — אַ ביטערער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין געזיכט. — וואָס גיט מיר דיזאָיקע שטעלע! צוואַנג און אונטערדריקונג. ביי מיר איז פאַרהאַסט דער קאַליף, אָפּשיילעך זיינע באַרימטע געלערנטע, וואָס זוכן זיך ביי אים איינצוקויפן אין גנעדיקייט! —

אַזעלכע געדאַנקען האָבן געמאַטערט דעם יונגן מענטשן, בעת ער איז געגאַנגען איבער די שטילע גאַסן פון שטאָט. ענדלעך האָט

ער פונדערוויטנס דערזען דעם באַקאַנטן געצעלט פון די טייטל־פּאַלמעס און באַלד האָט זיך אויך באַוויזן זיין הויז. זיריאַב האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר און דערהערט וועלעדאַטעס אומרואיקע שטים:

— דאָס ביסטו?

— יאָ, יאָ, עפן שנעלער,—האָט זיריאַב געזאָגט און האָט לייכט אָפּגעעטעמט, ווען ער איז אַריין אין דאָס קליינע הייפל.

— פריער פאַר אַליץ גיט מיר עסן, — האָט ער אויפגעפאָדערט אַראָפּציענדיק פון זיך דעם פלאַשטש, און איז דורך די אינעווייניקסטע טרעפּ אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך פון הויז, וואָס איז געווען אַרומ־געקרייזט מיט פּאַרענטשן. אויפן הויף איז אים די לופט אויסגעקו־מען שטיקנד, און דאָ האָט געבלאָזן אַ לינד ווינטעלע און ס'איז געווען פריי.

זיריאַב האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיינערנע באַנק. אין אַ ווײַלע אַרום זיינען געקומען זיינע ווייבער און געבראַכט ברויט און טייטלען.

קעלאַם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיינע פיס און ניט דרייסט אים געפרעגט:

— אויף וואָס האָט דיך גערופן דער קאַליף? — ער איז ניט קאַרג, יאָ? ער וועט דיר אוודאי געבן געלט און קעמלען?

זיריאַב, וואָס איז געזעסן טרויעריק פאַרטראַכט, איז בייז געוואָרן:

— הער אויף צו ריידן נאַרישקייט! איך זע, אַז ביי דיר איז געלט דאָס וויכטיקסטע אין דער וועלט. יאָ, דער קאַליף וויל מיר געבן געלט און קעמלען, און דאַך בין איך גרייט זיך פון אַליץ אָפּצוזאָגן, אַבי ווערן צוריק פריי.

— ס'איז מסתמא פאָרגעקומען עפּעס אומאָנגענעמס? — האָט וועלעדאַטע פאַרזאָרגט געפרעגט.

— ער האָט אָפּגעזאָגט יצחקן מאָסילין, און גאָר ערגער, ער האָט געדראָט, אַז ער וועט ביי אים צונעמען זיין גאַנץ פאַרמעגן, — האָט זיריאַב דערציילט, און דערמאָנענדיק זיך אָן אַליץ, ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען, איז ער פון כעס אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך געלאָזט גיין אויף און אָפּ איבערן דאַך.

— אָט וואָס פאַר אַ מענטש האַרון-אַל-ראַשיד איז! אים איז ווייניק דערנידעריקן אַ מענטשן, ער וויל זיך נאָך באַנוצן מיט דעם צופאַל אים צו באַרויבן! און פאַר אַזאַ מין דעספּאָט וועל איך דאַרפן זינגען מיינע האַרציקע לידער! פאַרשטייסטו, וועלעדאַטשע, ווי דאָס איז שרעקלעך?

— איך זע דאָ ניט קיין שרעקלעכקייט, — האָט קעלאַם מיט אים ניט געוואָלט מסכים זיין. — שטענדיק קומט אין לעבן אַזוי פאָר: איין מענטש ווערט דערהויבן, דער צווייטער פאַלט.

זיריאַב איז געוואָרן אויפגעבראַכט פון כּעס.

— שווייג, ווען ניט וועל איך דיך אַראָפּוואַרפן פון דאַך.

וועלעדאַטשע האָט איר צוגעוואונקען און שטיל געזאָגט:

— דו זעסט דאָך, ווי ער איז אויפגערעגט. ניט קריך אים אין די אויגן.

זיריאַב איז אַלץ געגאַנגען אויף און אָפּ איבערן דאַך.

— יצחק מאָסילי האָט מיך צוגענומען ווי אַן אייגן קינד,— האָט ער געזאָגט. — ווען איך בין געקומען צו אים נאָך אַן עצה, האָט ער זיך אַליין אָנגעשלאָגן מיך צו לערנען. און ווייסנדיק, אַז איך בין אָרעם האָט ער בײַ מיר אַפילו ניט גענומען קיין געצאָלט פאַר דעם לימוד. און דאָך האָט ער יעדן טאָג נאָך מיר געשיקט רופן און זיך מיט מיר געלערנט מיט געדולד און ליבע. און איך בין איצט געוואָרן די סיבה פון זיין פאַרפאָלגונג. ווען איך זאָל וויסן מיט וואָס איך קען אים העלפן? אָבער ווער וואָלט קענען ווירקן אויף האַרונען? אָ, אַ קללה!

— שטילער, שטילער, — האָט קעלאַם געזאָגט, — דאַכט זיך, אַז עמעצער גנבעט זיך דאָרטן אַרום יענער וואַנט. דו ווייסט דאָך, אַז די שטאָט איז פול מיט דעם קאַליפס שפּיאָנען.

אינדערזאַמען, האָט זיריאַב, גוט צוקוקנדיק זיך, אויך דערזען אַ הויכע טונקעלע געשטאַלט, וועלכע האָט זיך געשלייכט אַרום פּלויט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַלע האָבן מיט אָנשטרענגונג זיך צוגעקוקט צו דער געהיימעניספולער ערשיינונג. די הויכע געשטאַלט האָט זיך געלאָזט גיין גלייך צום הויז.

צוגעגאַנגען צום טויער, האָט ער אויסגעטאָן פון קאָפּ זיין שוואַרצן שלייער און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— איז עס ניט זיריאַב אויפן דאַך פון זיין הויז?

— דאָס בין איך, — האָט דער יונגער אַראָבער געענטפערט.

— גאָטס ברכה זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער דיר און איבער דיין הויז! — האָט שוין דער אומבאַקאַנטער דרייסטער אַרויסגע־רעדט. — צי קען איך זיך מיט דיר דורכשמועסן, מיין בראַווער פריינד?

זיריאַב האָט אָן דער שטים דערקענט מאָסילין, האָט זיך אי־בערגעבויגן איבער די פּאַרענטשן און דערפרייט געענטפערט:

— ברוך הבאָ, טייערער לערער!

שנעל אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף, האָט ער באַגעגנט דעם זינגער און אים געבראַכט אויפן דאַך. לויט דעם באַגדאַדער שטייגער האָבן זיך די פרויען פריי געקענט געפינען אין דער געזעלשאַפט פון די מענער, און דעריבער האָבןביידע ווייבער פריינדלעך באַגעגנט יצחקן, און קעלאַם איז געגאַנגען און פאַר אים געבראַכט ווייַן מיט טייטלען.

— גרויזאַם איז פאַר מיר דער היינטיקער טאָג, — האָט מאָסילי אָפּזיפצענדיק געזאָגט, — אָבער פאַר דיר איז ער די התחלה פון גליק און רום!

— רבי, רייד ניט אַזוי, — האָט זיריאַב אים איבערגעשלאָגן.

— ווי זאָל איך ניט ריידן! — האָט יצחק ביטערלעך אויסגע־שריען. צי דען פאַרשטייסטו ניט, אַז פון איצט אָן בין איך פאַרלאָרן אינגאַנצן? צי דען האָסטו ניט געהערט, ווי אַכזריותדיק הארון איז? ווי ער האָט זיך באַגאַנגען מיט דעם אומגליקלעכן דזשיאַפאַרן, מיט דעם געוועזענעם וויזיר זיינעם? ווי ער האָט אים אַליין געפייניקט? צי דען איז פאַר דיר ניט באַוואוסט, ווי אומברחמנותדיק ער האָט פאַרטיליקט די גאַנצע משפּחה פון דעם אומגליקלעכן מאַנסור, און אים אַליין צווינגט ער, אַז ער זאָל אים דערקלערן דעם גאַנג פון די שטערן! אָ, דער הארון! דאָס איז אַ טיגער, אַ חיה־רעה! ער וועט זיך ניט שעמען צו דערפילן זיין דראָאונג, ער וועט אָפּנעמען ביי מיר אַלץ, און איך, אַ בלאַמירטער און אַ באַרויבטער, וואו וועל

איך זיך קערן? אָבער וואָס רייד איך פון זיך, — האָט מאָסילי געזאָגט אַליין מיט גרעסערער אויפרעגונג, — מיר אַליין וואָלט ניט אַזוי שווער געווען דידאָזיקע פאַרפאָלגונג — שוין גענוג פאַר מיר! אָבער מיין צער איז מכוח מיין טאָכטער, מיין רבקהלען! מיט וואָס איז זי דאָ שולדיק, מיין איינציק קינד, מיין פייגעלע? אַזאַ אומגליק... איך האָב געפלאַנט, איך וועל אויפשלאָגן פאַר איר אַ גרויסן נדן, און וועל די חתונה־מאַכן מיט אַ יידישן פירשט פון ירושלים, ווייט פון דעם רשע האַרון, איך האָב געהאָפט נחת צו האָבן פון מיין קינד — שטאָלץ זיין מיט איר, און וואָס ווערט פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געטרוימט! ווי אַ כלי צעבראָכן אויף שערבלעך אַזוי איז צעבראָכן מיין לעבן!

ער האָט אין גרויס פאַרצווייפלונג אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זיריאַב האָט געהערט, ווי די טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלז. ער האָט אים געוואָלט זאָגן אַ וואָרט פון טרייסט, נאָר יצחק האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— הער, זיריאַב, ס'איז דאָ איין מיטל, אַ לעצטער מיטל, און איך באַשווער דיך מיט דעם נאָמען פון דיין נביא, מיט דעם הייליקטום פון מעקאַ און מיט דער אייביקער גליקזעליקייט פון גן־עדן! איך קאָן נאָר ווידער באַקומען האַרונס גענאַד, מיין רייכטום קאָן נאָר בלייבן גאַנץ, אָבער דו דאַרפסט פאַרשווינדן פון באַגדאַד.

— פאַרשווינדן פון באַגדאַד! — האָט זיריאַב אויסגעשריען.

יצחקס פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן. מיט בליקן פון אַ משוגע־געוואָרענעם האָט ער געקוקט אויף זיריאַבן, און אַליין ניט וויסנדיק וואָס ער טוט, — האָט ער אַרויסגעכאַפּט ביי זיריאַבן דעם קינזשאַל און האָט ווילד אויסגעשריען:

— דו מוזט פאַרשווינדן פון באַגדאַד, אייב ניט וועל איך דיך הרגענען.

וועלעדאַטע האָט אַ געשריי געטאָן און איז אַנידערגעפאַלן צו זיינע פיס, קעלאַם האָט זיך ווי אַ קעצל אַ וואָרף געטאָן אויף דעם יידן און האָט ביי אים אַרויסגעכאַפּט דעם קינזשאַל.

זיריאַב האָט קאַלטבלוטיק אים באַרויִקט און אַנידערגעזעצט.

— איך זע, אַז פון צרות האָסטו שוין דיין פאַרשטאַנד פאַרלאָרן, אָבער בּאַרואיק זיך, מאָסילי זיי וויסן, אַז איך אַליין בּין אויך ניט צופרידן פון דעם כּבוד, וואָס איז מיר אויסגעפאַלן. איך בּין אַ קינד פון מדבּר און די פרייהייט מיינע איז מיר טייערער פון אַלע גליקן פון דער וועלט. צי דען קען זינגען דער נאַכטיגאַל אין זיין שטייגל? און וועט די אינד איבּערטראָגן דעם אומעט פון געפאַנגענשאַפט? דו הערסט, מאָסילי, איך קאָן ניט זיין קיין הויךזינגער. מיר איז אָפּשיילעך דער קאַליף, אָפּשיילעך אַלע זיינע געלערנטע און דיכטער, דידאָזיקע חניפהדיקייט און קנעכטשאַפט, דאָס אַליץ, וואָס איך האָבּ היינט אין פּאַלאַץ געזען! זאָג מיר נאָר, ווי זאָל איך זיך בּאַפרייען פון זיין גנעדיקייט, און איך וועל מיט פאַרגעניגן דיר אָפּטרעטן דעם אָרט.

— דו בּיסט מיין אויסלייזער! — האָט יצחק אויסגעשריען מיט טיפער דאַנקבּאַרקייט אַרומנעמענדיק זיריאַבן, — און לייכט אָפּעטעמענדיק ווייטער צו אים גערעדט:

איך שעם זיך, פאַר זיך, פאַר מיין ווילדקייט, איך וויים ניט וואָס האָבּ איך דאָ געטאָן. איך בּין ווי משוגע. אָבער גלויבּ מיר, אַז ניט וועגן זיך טראַכט איך דאָ, ווען איך בּעט דיך פאַרלאָזן בּאַגדאַד. זיי גנעדיק צו מיר, זיריאַבּ, און טראַכט וועגן מיר ניט צו שלעכט. מיין רבקה, וואָס איז מיר טייערער פון אַליץ אויף דער וועלט — צוליבּ איר רעטונג טו איך עס מער — ווי צוליבּ זיך, — אָבער זאָג מיר נאָך אַמאָל, חזר איבּער — זאָג, אַז דו מיינסט עס ניט אויף צו חוזק מאַכן פון מיר, זאָג, אַז דו בּיסט בּאמת גרייט צו פאַרלאָזן בּאַגדאַד. — פריינד מיינער, זיריאַבּ, זיי גרויסמוטיק און בּרענג דעם קרבּן פאַר דיין לערער — פאַרלאָז בּאַגדאַד — און איך וועל דיר געבּן קנעכט און קעמלען, און אוצרות און וועל גאָרנישט פאַר דיר קאַרגן. אָבער איך האָבּ מורא דיר צו גלויבּן — בּיסטו ווירקלעך גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם קאַליפס גענאָד, וואָס ער האָט דיר פאָרגעלייגט?

יצחק מאָסילי איז געווען אַזוי דורכגעזאַפּט מיט זיין צער, אַזוי נעבּעכדיק, אַז ער האָט ניט געוואָלט גלויבּן, אָבער זיריאַבּ האָט אים בּאַרואיקט און פריינדלעך געזאָגט:

— צוליב וואָס זאָל איך דיך אָפּנאַרן! באַרואיק דיך, נעם אַ ביסל ווײַן. נאָך ביז דײַן קומען האָב איך געטראַכט מכּוח דעם, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעם קאַליפס פאַרשלאַג.

— אויב אַזוי, — טאָ הער מיך אויס, זיריאַב! איך וועל דיר געבן אַלץ, וואָס דו וועסט נאָר וועלן! איך וועל ניט קאַרגן מיט געלט. איך וועל דיך אויסריכטן אין וועג, וועל דיר געבן אַ בריוו צו מײַנעם אַ באַקאַנטן אין דמשק. איך האָב די גאַנצע צײַט וועגן דעם געטראַכט און געטראַכט. בעסער פון אַלץ וועט זײַן, אַז דו וועסט פאָרן קיין דמשק. פון דאָרטן וועט דעם קאַליף זײַן שווער דיך אויפצוזוכן.

— ווי זאָל מען דאָס אָבער מאַכן?

— איך האָב אַלץ באַטראַכט, מײַן ליבער פרײַנד. פאַרלאָז זיך אויף מיר. איך פאַרזיכער דיך, אַז אין דמשק וועט דיר זײַן זייער גוט.

— אָבער דער קאַליף?

— דער קאַליף! צי דען וועט אים קומען אויפן זינען, אַז דו אַנטלויפסט פון זײַנע גוטיקייט? ווער וועט זיך דען אָפּזאָגן פון כּבוד און געלט? הער ווײַטער, זיריאַב, איצט זײַנען פינסטערע נעכט. מאָרגן דאַרף אַלץ זײַן גרייט צום אַנטלויפן.

— מאָרגן! — האָט זיריאַב איבערגעחזרט און איז געוואָרן אומרואיק.

— איך מיין, אַז דײַן הויזגעזינד וועט באַוויזן אײַנצופּאַקן דאָס כּאַמע קאָסטבאַרע? דאָס איבעריקע לאָז איבער דאָ.

— אַוודאי וועלן מיר באַוויזן, — האָט וועלעדאַטע געזאָגט. — מיר וועלן אַלץ אײַנפּאַקן. ווי מײַנסטו, קעלאַם?

אָבער קעלאַם האָט ניט געענטפערט.

יצחק איז אַנטשוויגן געוואָרן. אייניקע מינוטן זײַנען פאַריבער אין שווײַגן.

— רעכט, — איך בין מסכּים, — האָט זיריאַב לסוף אַרויסגערעדט. — אָבער וואָס, זאָג מיר, וועל איך אָנהייבן צו טאָן אין דמשק?

— דמשק — דאָס איז דער שליסל צו דער גאַנצער וועלט. דאָרטן וועסטו זיך מאַכן אַ נאָמען און וועסט האָבן ערע און כּבוד.

— איך יאָג זיך ניט נאָך כּבוד, — האָט דער אַראַבער פֿאַרביטערט געענטפֿערט. — פֿריער פֿון אַלץ זוך איך פֿרייהייט.

— אויך פֿרייהייט וועסטו אין דמשק געפֿינען. דיזאָזיקע שטאָט געפֿינט זיך ווייט פֿון האַרונס נעגל.

— אַלץ איינס, — האָט זיריאַב אַנטשלאָסן געזאָגט, — זאָל זיין דמשק. אפֿשר וועל איך דאָרטן געפֿינען מיין גליק.

יצחק מאָסילי איז שטאַרק דערפֿרייט געוואָרן פֿון זיריאַבס באַשלוס און זיין הסכּמה, אָבער טיף אין האַרצן האָט אים ווי געטאָן און אַ שווערער געדאַנק האָט אים געפּייניקט: „האָט ער ניט אַוועקגערויבט דאָס גליק און וואוילשטאַנד פֿון דעמדאָזיקן מענטשן?“ און כּדי ער, יצחק מאָסילי זאָל ניט חרטה האָבן אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט, האָט ער אַנטשלאָסן און שנעל געזאָגט צו זיריאַבן:

— אַלזאָ ביסטו גרייט, וועל איך מאָרגן צו אָוונט צוגרייטן פֿאַר דיר זעקס קעמלען און אַלץ, וואָס דו דאַרפֿסט.

אָפּגעשטימט ווי אַזוי מען זאָל זיך צוגרייטן צו דער רייזע, און דער קאַליף זאָל זיך ניט דערוויסן, האָט מאָסילי היים זיך צעזעגנט מיט זיריאַבן און אים געזאָגט:

— זיי געבענטשט פֿון גרויסן יהוה פֿאַר דיין גוטסקייט. מאָרגן, ווי עס וועט ווערן נאַכט, וועט דער קאַראַוואַן אַרויסגיין פֿון די מערבֿ־טויערן און וועט דיך אָפּוואַרטן צוויי מייל פֿון דער שטאָט. דאָרטן וועלן מיר זיך נאָך זען.

דערנאָך האָט ער איילִיק אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך דעם מאַנטל און איז אַוועק אַראָפּצו. באַלד האָט זיך זיין טונקעלע געשטאַלט אַדורכגעשלייכט ..בערן גאַס און איז פֿאַרשוואונדן הינטער דעם פֿאַלמען־געצעלט.

V

— זיריאַב וואָס ווילסטו טאָן, וואוהין ווילסטו אַנטלויפֿן פֿון דיין גליק! באַקלער זיך נאַר! דער אַלטער איז צופֿרידן, דערפֿון, דיין משוגעת איז פֿאַר אים אַ גליק, ווייל מיט דיין אַנטלויפֿן וועסטו אים העלפֿן צוריק ווערן גרויס — און זיך וועסטו מאַכן אומגליקלעך, — האָט קעלאַם געטענהט, אין פֿאַרצווייפֿלונג ברעכנדיק די הענט. וואוהין, זאָג, וועלן מיר זיך לאָזן? אין מדבר צו די לייבן און די שאַקאַלן? ביזוואַנען מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט דאָ אין באַגדאַד — און איצט, ווען דאָס גליק קלאַפּט אָן צו אונז אין טיר, ווילסטו אַנטלויפֿן! האָסט פֿאַרגעסן, ווי שווער איז געווען דער וועג אַהערצו? זיריאַב, גיב אַ קלער וועגן דיין זון! געדענק, זיריאַב, ער וועט פֿאַלן אין וועג. מיין אָרעמער אַלי. האָב אויף מיר רחמנות זיריאַב, לאָמיר בלייבן דאָ אין באַגדאַד!

קעלאַם האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אויפֿן באַנק און זיך ביטער צעוויינט.

— גייט שלאָפֿן, — איז זיריאַב געוואָרן בייז, — מאָרגן דאַרף מען זייער פֿיל אַרבעט אָפּטאָן, גענוג, קעלאַם, הער אויף צו וויינען. איך וועל סיי-ווי-סיי מיין באַשלוס ניט ענדערן.

וועלדראַטע האָט אָנגענומען קעלאַם פֿאַרן האַנט און זי געבעטן זי זאָל זיך באַרואיקן. און ביידע פֿרויען זיינען אַראָפּ אונטן אין די צימערן.

אַ לאַנגע צייט האָט אָבער אויך דאָרטן דער געוויין ניט אויפֿגעהערט, און זיריאַב האָט געהערט פֿונדערווייטנס, ווי וועלדראַטע האָט געטרייסט איר חברטאָרין.

וועלעדראַטע אַליין האָט זיך ניט מצער געווען, וואָס זיי פאָרן אַוועק. זי — דאָס פרייע קינד פון מדבר — האָט ליב געהאַט אַלץ, וואָס איז ניי און אינטערעסאַנט, האָט ליב געהאַט צו וואַנדערן פון איין אָרט אויפן צווייטן — און דער איצטיקער פלוצלונגדיקער אָפּפאָר האָט איר געבראַכט אַ גרויסע פרייד און איר רייכע פאַנטאַזיע האָט געמאָלט די צוקונפט מיט העלע פאַרבן.

זיריאַב איז געבליבן אַליין אויפן דאַך פון הויז. אויפגערעגט האָט ער געשפאַנט הין און צוריק, באַטראַכטנדיק אַלץ וואָס איז מיט אים היינטיקן טאָג פאָרגעקומען.

איבער באַגדאַד איז געלעגן אַ שטילע, וואַרעמע פרילינגס־נאַכט. אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן די ריחות פון בלומען. פונדערווייטנס איבער דעם טייך חידקל האָט זיך קוים געלאָזט זען אַ ווייסלעכער נעפל, וואָס האָט ווי מיט אַ שלייער פאַרשטעלט דעם טאָל. אַרום די ברעגעס פון טייך האָט זיך פון צייט צו צייט געהערט אַ יאָמער פון וועלף, טיגערס און שאַקאַלן, אָבער דאָך האָט דערדאָזיקער ווילדער יאָמער ניט צעשטערט די שיינקייט און די שטילקייט פון דער פרילינגס־נאַכט..

זיריאַב האָט זיך פאַרקוקט אויף די שטערן, וואָס האָבן געפינקלט פונדערווייטנס.

— וואָס האָבן זיי מיר צו זאָגן? און וואָס פאַרבאַהאַלטן זיי? — האָט זיריאַב אַ קלער געטאָן — און האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז אַמאָל בעת ער איז געווען נאָך אַ קינד, האָט אים אַ שטערנזעער פאָראויסגעזאָגט, אַז זיין לעבן וועט זיין אומגעוויינלעך.

— וועלכע פון די דאָזיקע שטערן באַשיצט מיך, — האָט ער געטראַכט. — וואָס ערוואַרט מיך אין מיין צוקונפט? צי וועל איך פאַרשווינדן אָן אַ זכר, ווי די שטערן אין דעם ליכט פון טאָג? ניט ווילנדיק ציטערט אויף מיין האַרץ פאַר דער פאַרבאָרגענער צוקונפט... און גלייך ווי קעלאַם בין איך גרייט זיך צעוויינען... אפשר, גאָר איינגאַנצן לאָזן דעם פלאַן? אָבער דאָס וועט דאָך הייסן זיך אונטערגעבן דעם קאַליף, ווערן זיין קנעכט, וועלכן ער וועט דערנאָך קענען אַרויסיאָגן, ווי ער האָט אַרויסגעיאָגט דעם באַרימטן מאָסילין! אָבזאָגן זיך פון מיין אַרט לעבן, וואָס איז אויסגעוועבט פון די הער־

לעכסטע שעהן פון פרייען שאַפן און אָפּגעבן מיין פרייהייט, מיין מנוחה אָט־דעם דעספּאָטישן האַרונען!

זיריאַב האָט זיך ווידער געלאָזט גיין אויף און אָפּ איבערן דאַך. זיין אויפרעגונג האָט געוואַקסן. מער פון אַלץ אויף דער וועלט האָט ער ליב געהאַט די פרייהייט און ניט געקענט פאַרטראָגן קיין אונטערדריקונג, און אַפילו דעם גלאַנץ פון קייזערלעכן הויף האָט אים ניט געקענט פאַרבלענדן, און אַנטשלאָסן האָט ער ענדלעך צו זיך אַליין געזאָגט:

— ניין, זיריאַב, ס'איז באַשלאָסן! דו פאַרלאָזט באַגדאַד.

פאַר דער שווערער רייזע דורך דעם סירישן מדבר האָט ער זיך ניט געשראָקן. דער מדבר איז געווען זיין וויגל, דאָרט האָט ער פאַרבראַכט זיין פרייע און גליקלעכע קינדהייט. ער האָט זיך דער־מאָנט, ווי זיינע עלטערן האָבן נאָמאַדיזירט איבער די סטעפּעס און פלעגן גאָר זעלטן אויף אַ קורצע צייט זיך אָפּשטעלן אין דער שטאָט דזשאָוף, אין סאַמע האַרץ פון דעם רייכן אָאַזיס דזשאָוף. ער האָט זיך דערמאָנט זייער לעבן אין די געצעלטן, זיין גאַנצע יוגנט האָט פּלוצלונג אויפגעוואַכט אין זיין זכרון. ס'האָט זיך אים דערמאָנט יענער טאָג, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט אין דזשאָוף אַ זינגער, וואָס האָט אים דערנאָך אַוועקגעשענקט אַ מתנה אַן אַלטע האַרפע, וואָס האָט אויפגעוועקט ביי אים דעם גרויסן געפיל צו מוזיק.

זיריאַבס פאָטער האָבן דערהרגעט בעדואינער פון אַ צווייטן שבט, און זיריאַב איז געבליבן דער יורש פון דעם אַלץ, וואָס דער פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט. אמת, די ירושה איז געווען ניט גאָר גרויס. עטלעכע קעמלען, אַ טשערעדע שעפּסן און אַ קליינע ווירטשאַפט.

זיריאַבס ערשטער פאַרלאַנג איז געווען צו פאַרקויפן אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט און אַוועקפאָרן אין באַגדאַד זיך לערנען. דאָס געלט, וואָס ער האָט אויסגעלייזט פאַר די פאַרקויפטע זאַכן האָט ער איינגענייט אין זיין לעדערנעם גאַרטל און גענומען זיינע צוויי חייבער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אָבער די העלע האָ־פענונג, וואָס האָט אים באַגלייט, האָט דעם וועג לייכט און פריילעך געמאַכט. זיי זיינען אָנגעקומען קיין באַגדאַד.

זיריאַב האָט זיך דאַן געווענדט צו דעם קייזערלעכן זינגער יצחק מאָסילי, און האָט זיך איבערצייגט, אַז זיינע האָפענונגען זיינען ניט געווען קיין מיראַזש פון דעם מדבר, אַז די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט טאַלענט.

און איצט, שטייענדיק פאַרקלערט אויפן דאַך פון זיין הויז, און דערמאָנענדיק זיין עבר, האָט אים אויך זיין עתיד, וואָס איז געווען פאַר אים טונקל, ווי די דאָזיקע שוואַרצע פרילינגס-נאַכט, ניט געשראָקן, און אַריינטעמענדיק אין זיך די פרישע לופט, האָט ער מיט אַ פרייליכער זיכערהייט אַרויסגעפליסטערט:

— ווי וואונדערשיין איז מיין לעבן!

VI

ס'איז שוין געווען גוט פינסטער, בעת פון טויער פון הויז זיינען אַרויסגעפאָרן עטלעכע פורלעך, נאָך זיי זיינען געגאַנגען טונקעלע געשטאַלטן; מ'האָט זיך געלאָזט דורך די פאַרוואָרפענע געסלעך פון באַגדאַדער פאָרשטאָט.

די רייזנדער זיינען בשלום אַדורכגעפאָרן פאַרביי דעם פראַכטפולן מאַוזאָלעי פון דער מלכה זאָבאַאידען. די וואַך האָט געשלאָפן שטאַרק און האָט גאָרנישט געהערט. דאָ איז געווען דאָס געפערלעכסטע אָרט פאַר די אַנטלאָפענע. ווען פון דער וואַך וואָלט עמעצער באַמערקט דעם אומגעוויינלעכן צוג, איז דאָך קלאָר, אַז מען וואָלט וועגן דעם געמאָלדן דעם קאַליף; און ווער קאָן וויסן? ס'וואָלטן זיך אפשר געפונען אַזעלכע וואָס וואָלטן זיך דערוואוסט וועגן זיריאַבס אָפּוועזנהייט... און וואָלטן וועגן דעם געמאָלדן דעם קיניג. די נאָכיאָגער וואָלטן אים געכאַפּט און געבראַכט צוריק און ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק וואָלט ער געמוזט בייגן זיין שטאָלצן קאָפּ פאַר דעם הערשער.

אַריבערגעפאָרן דעם פראַכטפולן מאַוזאָלעי, האָט זיריאַב לייכט אָפּגעטעמט.

— איצט בין איך אויסער דער געפאַר! — האָט ער אַ קלער געטאָן.

פאַר דער וואַך, וואָס איז געשטאַנען ביי די צפון-טויערן האָבן זיי ניט מורא געהאַט; זי איז געווען אונטערגעקויפט פון יצחקס דינער. ווען דער צוג האָט זיך דערנעענט צו די טויערן, האָט איינער פון די זעלנער, וואָס איז דאָ געזעסן, געזאָגט צו זיין חבר:

— ניטאָ וואָס צו ריידן! ס׳האָט געלוינט צוליב אַ פּאָר קלאָ־געדיקע פּורלעך אונז צאָלן צו הינדערט דינאַרן!

דער צווייטער האָט באַגלייט די דורכפאָרער מיט אַ שפּאָטישן בליק, און, פאַרריכטנדיק זיין מאַנטל, האָט ער ווידער גענומען דער־ציילן די חברים דאָס מעשהלע, וואָס ער האָט געוועסט געהאַט איבער־געריסן.

אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט, האָט זיריאַב פּלוצלונג פאַר־קערעוועט אויף מעריב און דורך שמאָלע שטעגעלעך, וואָס האָבן זיך געשלענגלט צווישן די פּלאַנטאַציעס, איז ער אַרויס־געפאָרן אויפן ברייטן וועג, וועלכער האָט געפירט צום פּרת.

דער פליין, איבער וועלכן זיי זיינען געפאָרן, איז געווען דורכ־געשניטן פון קאַנאַלן, וואָס האָבן אויף דעם אָרט פאַראייניקט חידקל מיט פּרת. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן פאַרזייטע פעלדער. ס׳איז געווען זייער פינסטער, אַז מ׳האָט קוים געקענט זען דעם ברייטן וועג.

זיריאַב איז געווען מונטער.

ער איז צוגעפאָרן צו דער פור, וואו עס זיינען געזעסן זיינע ווייבער און זיך געווענדט צו קעלאַם:

— נו, וואָס, מיין ליבע, ביסט נאָך בייז אויף מיר? פאַרגעס! גלויב מיר, אַז אַלץ איז גם זו לטובה. מסתמא איז אונז שוין אַזוי באַשערט צו וואַנדערן פון איין אָרט אויפן צווייטן! צי דען האָט זיך אונז שלעכט געלעבט אין מעדינעט־איסלאַם? פריד צו דיר, די שטאָט פון חידקל! און אין דמשק וועט זיין נאָך בעסער! גלויב מיר!

קעלאַם האָט שטיל געענטפערט:

— דיינע געדאַנקען האָבן ניט קיין צוים.

— מיינע געדאַנקען שוועבן ווי די פייגלעך, — האָט זיריאַב זיך צעלאַכט. — און די גאַנצע וועלט ליגט פאַר מיר אָפן ברייט און פריי. קוק: דאָרטן אין מערב־זייט פינקלט דער אָוונט־שטערן! זיי מתפלל, קעלאַם, אַז די העלע ענאַידע זאָל אונז העלפן!

קעלאַם האָט אים אויף דעם גאָרנישט געענטפערט און ניט אַרויסגעוויזן קיין חשק ווייטער צו פירן דעם שמועס, און זיר׳אַב האָט זיך געווענדט צו וועלעדאַטען, מיט וועלכער ער האָט זיך פריי־לעך אונטערגעהאַלטן.

אַזוי זיינען זיי אָפּגעפאָרן גאַנצע צוויי שעה.

דער וועג איז געוואָרן ווילדער. זיריאַב האָט זיך שטאַרק איינ־געקוקט אַרום און אַרום אין דער נאַכט־פינסטערניש. ענדלעך האָט ער דערזען שוואַרצע סילועטן פון קעמלען, וועלכע זיינען אַליין דייט־לעכער אַרויסגעשוואומען פון דער פינסטערניש. און ענדלעך האָט זיך דערהערט יצחק מאָסילים שטים:

— פריד צו דיר, מיין זון! גאָטס ברכה זאָל זיין אויף דיר!

דער ייד האָט באַגעגנט זיריאַבן מיט אַ טיפן געפיל פון דאַנק־באַרקייט און זיך צעוויינט, אַרומנעמענדיק זיין קאָנקורענט. זיך באַרו־איקט, האָט ער אים דערלאַנגט אַ בריוו צו זיין פריינד אין דמשק, האָט אים איבערגעגעבן די קעמלען, וואָס זיינען געווען געלאָדן מיט טייערע טעפּעכער און געוועבן און געהייסן די קנעכט איינפּאַקן זיריאַבס זאַכן און העלפן די פרויען זיך איינאָרדענען.

דערנאָך האָט ער צו אים צוגעפירט אַ הויכן, דאַרן יידן און געזאָגט:

— דאָס איז נתנאל, מיין טרייער דינער. ער פלעגט אָפט פאָרן אין דמשק און ווייס גוט דעם וועג און וועט זיין דיר אַ איבערגעגעבענער מיטהעלפער. דו קענסט זיך אינגאַנצן אויף אים אָנטרויען.

קורץ זיך צעזעגנט מיט זיריאַבן, האָט זיך יצחק געאיילט צוריק צו דער מערבדיקער פאָרשטאָט פון באַגדאַד, וואו ער האָט געהאַט אַן אייגענע אָפּגעזונדערטע זומער־וואוינונג. דאָ האָט ער זיך באַהאַלטן, און אַ גאַנצע נאַכט גאָט געבעטן, אַז ער זאָל איינשטילן דעם שטורעם און ער זאָל אים ראַטעווען זיינע אוצרות צוליב דעם זכות פון זיין איינציקער טאָכטער רבקהן . . . .

. . . .

גראָד איז אויך, צוליב אַ גליקלעכן צופאַל, אין יענעם טאָג

האַרון־אַל־ראַשיד אָפּגעשוואומען פון באַגדאַד אויף אַ פלאַך־שיף אַרויף חידקל אין זיין נייער הויפּטשטאָט האָרוניאָ צו באַק'קן דעם פּאַ־לאַץ זיינעם, וועלכער איז דאָרט געבויט געוואָרן לויט די צייכענונגען פון די בעסטע קינסטלער. דער ים־צופלוס האָט אויפגעהויבן די וואַסערן פון חידקל, און דעם קיניגס־שיף מיט די פורפור־זעגלען האָט זיך געטראָגן פריילעך און שנעל, איבערלאָזנדיק ווייט הינטער זיך די שוימיקע כוואַליעס.

VII

אין דער ערשטער נאַכט איז זיריאַבס קאַראַוואַן אָפּגעגאַנגען אַ גרויסן מהלך ביז די ברעגעס פון פּרת.

דער וועג האָט זיך געצויגן דורך גערטנער און פעלדער. אין דער אַרומיקער לאַנדשאַפט איז געווען וואונדער־שיין; דורך די פּיל־און־פּיל קאַנאַלן זיינען געווען איבערגעוואָרפן פעסטע בריקן. די נאַכט איז געווען לינד, און די קעמלען זיינען געגאַנגען מיט אַן אָפּשטעל. נתנאל, זיצנדיק אויף דעם ערשטן קעמל, האָט געפירט דעם קאַראַוואַן. די פרויען האָבן געדרעמלט, פאַרוויגט פון דעם געמאָסטענעם גאַנג פון די שטילע צוגעוויינטע חיות. זיריאַב איז געפאָרן פון הינטן. דער טונקעלער הימל האָט געלויכטן מיט טויזנטער שטערן. דער האָריזאָנט איז געווען אָפן פון אַלע זייטן. די וואונדערבאַרע אויסגעשטערנטע נאַכט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם יונגן דיכטער. וויגנדיק זיך אויף דעם קעמל, האָט ער טרוימעריש געקוקט אויף די שטערן אין הימל, וועלכע האָבן געלויכטן צווישן נאַכט און שטילקייט. קלינגענדיקע גראַמען זיינען אים געקומען אויפן זינען, אַליין אָן זיין הילף האָבן זיי זיך איינגעלייגט אין לידער, — זיריאַב שמייכלענדיק צו זיך אַליין, האָט צוגעטראַכט נייע מעטאַפאָרן, נייע בילדער. אים האָט זיך ניט געוואָלט שלאָפן, דער קאָפּ האָט געאַרבעט און אויף דער נשמה איז געווען ליכטיק און גרינג. ווי עפּעס אַ שיכּרות פון לייכטן ווין וואָלט אים אַ האַק געטאָן אין קאָפּ אַריין, אַזוי אויפגערעגט זיינען געווען זיינע געדאַנקען. קיין איין מאָל האָט דער געדאַנק, אַז ער פאַרלאָזט באַגדאַד און דעם קאַליף, אַז ער לאָזט ווייט פון זיך די רייכקייט, רום און כּבוד, ניט צעשטערט זיין פריילעכן געמיט, — אַזוי גלייכגילטיק

איז ער געווען צו דעם אַלעם. אַן עכטער זון פֿון דעם מדבר, אַן אייביקער וואַנדערער, — האָט ער זיך געפֿרייט, וואָס ער פֿאָרט ערגעץ־וואו אין דער אויסגעשטערנטער פֿרילינגס־נאַכט; אים איז געווען אָנגענעם צו פֿילן דעם קעמלס ווייגנדיקע טריט און הערן דעם ריח פֿון זיין פֿעל, דעם לייכטן גאַנג פֿון די שטילע חיות. בלויז דאָס באַוועגן זיך פֿאָרויערטס, אין דעם אומבאַקאַנטן וועג, וועלכן מ'האָט אַפֿילו ניט געקענט אָנזען אין דער פֿינסטער, האָט זיריאַבן פֿריילעך געמאַכט. ער האָט איבערגעיאָגט דעם קאַראַוואַן און איז געפֿאָרן גלייך מיט נתנאלן. אים האָט זיך געוואָלט אַדורכריידן מיט דעמדאָזיקן אומבאַקאַנטן יידן, צו וועלכן מאָסילי האָט איבערגעגעבן די אַנטלאָפֿענע. נתנאל האָט זייער גערן געענטפֿערט דעם יונגן רייטער.

ער איז אָפֿט געווען אין דמשק צוליב מאָסילים געשעפֿטן און האָט אויסגעצייכנט געוואוסט דעם וועג. ער האָט געוואוסט אַז ביזן פּרת איז דער וועג געווען אַ באַקוועמער, און דער עיקר אַ זיכערער; ס'איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבן פֿאַר אָנפֿאַלן; די בעדואינער האָבן ניט געוואַגט צו גיין אַזוי נאָענט צו דער הויפּטשטאָט פֿון דעם שרעקלעכן האַרון.

אונטער דעם שלייער פֿון דער נאַכט אָן לבנה זיינען די אַנטלאָפֿענע אומבאַמערקט איבערגעגאַנגען דורך די רואיק־שלאָפֿנדיקע דערפֿלעך. אויפֿן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפֿן עטלעכע רייטער, אָבער יענע האָבן זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף דעם קאַראַוואַן: אַ סך זיינען געגאַנגען פֿון באַגדאַד אויף מערב, דורך דעם אָאַזיס תדמור אין דמשק און ווייטער ביז דעם מיטללענדישן ים. אין אָט־דער צייט האָט דאָס דאָזיקע גאַנצע לאַנד פֿון די בלויע בערג פֿון לבנון ביז כאַמע אינדיע גערוישט מיט לעבן און באַוועגונג. די אַראַבער, באַהערשנדיק נאָך מאַכמעדן ניט נאָר פֿאָדער־אַזיע, נאָר אויך דעם צפֿון־ברעג פֿון אַפֿריקע און דעם פּירענעער האַלב־אינזל, האָבן פֿאַרכאַפּט אין זייערע הענט דעם האַנדל פֿון דער גאַנצער וועלט און האָבן געעפֿנט נייע האַנדלס־וועגן. די דרייסטע אַראַבישע סוחרים האָבן זיך געלאָזט אין אומבאַקאַנטע לענדער, — אויף די ברעגעס פֿון וואָלגע און אָקסוס; די עשירות פֿון דער ווייטער אינדיע איז געגאַנגען דורך

זייערע הענט אין דער האַלב־ווילדער אייראָפּע; אַהין האָבן זיי אויך געשיקט די מותרות פון זייערע פּראָדוקטן. זיי האָבן פאַרקויפט זיידענע געוועבן און טעפּעכער פון אַשור, די רויזן און די קינזשאַלן פון דמשק, די פרוכטן פון דעם טאָל פון אַרם־נהרים. צוגלייך מיט דעם האַנדל האָבן זיך אין די אַראַבישע לענדער אַנטוויקלט קונסט און וויסנשאַפט, און די געלערנטע אַראַבישע סוחרים, רייזנדיק אומעטום, האָבן מיט זיך געבראַכט ליכט און וויסנשאַפט אין די אומוויסנדיקע און ווילדע מקומות.

איבערהויפּט איז געווען באַלעבט דער וועג פון דמשק קיין באַגדאַד, אין דער הויפּטשטאָט פון באַגדאַדער קאַליפאַט. נאָר צו זומער צייט האָבן אויפגעהערט זיך צו ציען די לאַנגע קאַראַוואַנען איבער דעמדאָזיקן וועג. די האַנדלס־באַוועגונג פלעגט זיך באַנייען מיט דעם אָנפאַנג פון האַרבסט, בעת אַרום באַגדאַד, אויף די פעטע פעלדער פון אַרם־נהרים פלעגן צייטיק ווערן די פּירות און דער מאַיס.

אין האַלבע נאַכט איז דער קאַראַוואַן דערגאַנגען ביז דעם גרויסן קורהאַן, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן אין די אור־אַלטע צייטן. ער האָט געטראָגן דעם נאָמען: תּל־נמרוד. אַ סך אַנדערע קברים־בערגלעך זיינען געלעגן אויף דעמדאָזיקן וועג צווישן באַגדאַד און דעם מדבר, אָבער תּל־נמרוד איז געווען דער סאַמע הויכער קבר־באַרג פון כאַלדעע. וואַרשיינלעך, איז ער געמאַכט געוואָרן אין די אור־אַלטע צייטן, כדי עדות צו זאָגן וועגן די באַרימטע גבורות פון דעם קיניג נמרוד, אָבער איצטער האָט ער גערינט אַלס וועגווייזער פאַר די רייזנדיקע, אַז אַ האַלבער וועג איז דורכגעגאַנגען, און אַז ס'איז נאָענט דער ברייטער פּרת.

און ווירקלעך, ווי נאָר אויפן מזרח האָט זיך גענומען ווייסן דער הימל און די פייכטע נעפּלען זיינען געפאַלן אויף דער ערד, אַזוי גלייך האָבן זיך פון ביידע זייטן וועג גענומען ווייזן, ציטערנדיק אויפשוועבנדיק אין דער לופטן, די וואַסערפייגל, ווי אָנזאָגער, אַז דער טייך פּרת איז שוין באַלד.

זיריאַב, וואָס האָט פאַרטאָג איינגעדרעמלט, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט אַ דורכגענומען פון אַ פייכטער קילקייט.

— ס׳איז נאָך ווייט צום פּרת? — האָט ער געפרעגט.

נתנאל האָט שווייגנדיק אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף מערב און זיריאַב האָט דורך דעם נעפּל באַמערקט אַ זילבערנדיקע סטענגע פון וואַסער.

דאָס איז געווען דער פּרת.

דער קאַיאַר האָט זיך מיט ראָזע פלעקן אָפּגעשפּיגלט אויפן טייך, ווען די וואַנדערער זיינען ענדלעך צוגעפאָרן צו אים. אין דעם אַויר האָבן זיך איבערגעשריען פייגל; די פיש האָבן זיך גע־פּלושקעט אין דעם העלן וואַסער. אין דער לופט איז געשטאַנען אַן אָנגענעמע פרישקייט. די זון איז אויפגעגאַנגען און אַלץ האָט זיך צעשטראַלט און צעפינקלט.

די פרויען האָבן זיך אויפגעכאַפּט. וועלדאַטע האָט מיט פריי־לעכער נייגעריקייט באַקוקט דעם שיינעם לאַנדשאַפט. מ׳האָט גע־דאַרפט אַראָפּקריכן פון די קעמלען. הילכיק האָבן אָפּגעקלונגען זי־ריאַבס און נתנאלס שטימען; זיי האָבן זיך אויפגערעדט מיט די פירער איבערן טייך. דער איבערשווימען איז געווען ניט גאָר שווער. די מענטשן און דעם פראַכט האָט מען איבערגעפירט אויף אַ געפלאָכ־טענעם פּאַראָם, און די קעמלען האָבן איבערגעשוואומען איבער דעם טייך.

אין אַ שעה אַרום זיינען זיי שוין געווען אויפן אַנדער ברעג. מען האָט זיך פונאַנדערגעלייגט צו דער פרימאָרגן־סעודה, אַרויס־גענומען ברויט און טייטלען. ס׳איז געווען אַ סך פרייד און געלעכטער אין דעם אָפּרו אויף דעם גרינעם, נאָך פייכטן גראָז, אויף דעם סאַמע ברעג, וועלכער האָט זיך משופּעדיק אַראָפּגעלאָזט צום טייך. און סיי זיריאַב, און סיי די איבעריקע האָבן זיך געוואָלט אָפּרוען נאָך דעם נאַכט־וואַנדל, אַ דרעמל טאָן כאָטש אויף אַ שעה, — אָבער דער ערפאַרענער נתנאל האָט אַלעמען געאיילט.

— מען קען קיין צייט ניט פאַרלירן — מ׳דאַרף נאָך ביזן האַלבן טאָג מאַכן אַ גרויסן מהלך.

ס׳איז אויסגעקומען מאַכן קירצער די סעודה. די שקלאַפן האָבן אָנגעלאָדן די אָפּגערוטע עקמלען, און דער קאַראַוואַן האָט זיך אַוועק־געלאָזט אין דעם ווייטן און שווערן וועג.

VIII

די געגנט האָט זיך ביסלעכווייז געביטן. פון הינטן איז ווייט געבליבן ליגן אַשור, באַוואַסערט מיט די דורכזיכטיקע קאַנאַלן. ס'איז שוין ווייט אויך געלעגן דער זילבער־פאַרביקער פרת מיט די פרישע גרינס פון זיינע געבערגלטע ברעגעס. דער וועג איז געוואָרן אַלץ געלבער; דער זאַמד האָט פאַרביטן די פעטע שוואַרצערד פון אַרם־נהרים. ענדלעך, האָבן די רייזנדער געמיטן די לעצטע ישובים, און פאַר זיי האָט זיך אַנטפּלעקט דער אומענדלעכער שטח פון דעם סירישן מדבר אין זיין גאַנצער טרויעריקער און טויטער איינזאַמקייט.

אַ בלויער, הייסער הימל, — קיין וואָלקנדל, וואוהין דו וואַרפסט דיין בליק, שרפעט די זון, ווי אַ בייזער גייסט, וואָס איז גרייט אומצוברענגען דעם מענטשן, און אַרום, ביזן סאַמע ראַנד פון האָריזאָנט, אַלץ דערזעלבער טרויעריקער פליין, דער זאַמד אַ צעגליטער אַ פייערדיקער. און עס גייען זיך די קעמלען אין לאַנגע רייען, אויסבויגנדיק די לאַנגע העלזער; שנעל שפרייזן זיי איבער דעם מיט זאַמד פאַרשאָטענעם וועג; זייערע דינע פיס טרעטן לייכט אין דעם זאַמד און מיט אַ גלייכן טראָט גייען זיי אַדורך, עטוואָס וויגנדיק זיך, איין וויאָרסט נאָך אַ צווייטן.

זיריאַב האָט אָפּט און לאַנג אַרומגעוואַנדערט מיט זיינע טשערעדעס פון איין אָאַזיס צו דעם צווייטן דורך די ברענענדיקע זאַמדן פון זיין היימלאַנד אַראַביע; אָבער ווען ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג, האָט ער זיך געמאַכט זיינע געצעלטן ערגעץ וואו אונטער דעם שאָטן פון גרינע וועלדלעך, ניט ווייט פון אַ קאַלטן קוואַל. דאָס ערשטע מאָל איז אים אויסגעקומען צו שפירן, וואָס הייסט צו פאָרן דורכן מדבר

סוף פרילינג, און באַלד האָט ער פאַרשטאַנען די גאַנצע גרויזאַמקייט פון אַזאַ נסיעה.

שוין פון ניין אַ זייגער אינדערפרי האָט די זון געבאַקט ניט אויסצוהאַלטן.

פון אָנפאַנג האָט זיריאַב און וועלעדאַטע געפירט צוזאַמען אַ לעבעדיקן שמועס.

וואָס וואַרט אויף זיי אין דמשק? דמשק! דערדאָזיקער קלינגענדיקער נאָמען האָט אַרויסגערופן אַ שמייכל און אַ גאַנצע ריי פרייליכע געדאַנקען. ס'איז דאָך דאָס האַרץ פון סיריע, די אַלטע מעכטיקע הויפטשטאָט! וויפל איז געווען דערציילט און געזונגען וועגן דעם ראָזן דמשק! זיריאַב האָט געקענט אויף אויסווייניק מער ווי אַ העלפט פון דידאָזיקע מעשהלעך און לידער. וויפל מאָל, נאָך ביי זיך אין דער היים, זיך צוגעהערט מיט דאָרשט צו די מעשהלעך, וואָס זיינען דערציילט געוואָרן וועגן דערדאָזיקער שטאָט פון די גליקלעכע, ווער ס'האָט געהאַט די זכיה צו זיין אין איר, — טיף אין האַרצן האָט ער זיי מקנא געווען, — און איצט פאָרט ער אַליין אַהין, וועט דאָרטן לעבן פריי און גליקלעך, וועט שאַפן נייע לידער.

זיריאַב האָט געבויט מיט וועלעדאַטען פּלענער וועגן אַ נייעם גליקלעכן לעבן.

קעלאַם האָט ניט אָנגענומען זייער פריילעכע שטימונג. אַ אומצופרידענע און אַ בייזע איז זי געזעסן אונטער דעם ביידל און געהאַלטן אויפן האַנט דעם קליינעם אַלי. ער האָט געדרעמלט, געוויגט פון די געמאָסטענע טריט פון די קעמלען.

די היץ, שטאַרקנדיק זיך, האָט איבערגעהאַקט דעם שמועס. די זון האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער און געברענט אומדערטרעגלעך. די לופט איז געווען אַזוי טרוקן, אַז די ליפּן זיינען געוואָרן צעשפּאָלטן, און אין האַלז האָט זיך געשפּירט אַ היץ. די קעמלען זיינען מיד געוואָרן און זיינען געגאַנגען אַלץ פּאַמעלעכער, אָנשטייסנדיק זיך אָן די שטיינער, צעזייטע איבערן וועג.

ס'איז שוין געווען באַלד אַרום האַלבן טאָג.

קעלאַם האָט זיך צעוויינט פון מידקייט און אַנגסט. וועלעדאַטע האָט זיך געשטאַרקט, אָבער ס'איז געווען צו מערקן, אַז זי איז

אויך גענוג מיד געוואָרן. דער קאָפּ האָט איר געשווינדלט, דאָס שאָקלען זיך פון די קעמלען און די טרויעריקע איינטעניקייט פון דעם מדבר האָבן אַרויסגעצויגן אַ שווערן דרעמל.

דער זאַמד האָט געגליט אַלץ מער און מער. וואו־ניט־וואו זיינען אָנגעלאָפן די וואַפּנע־בערג און האָבן געפינקלט מיט אַ טויטן גלאַנץ אונטער די שימערנדיקע זונען־שטראַלן. פונדערווייטן האָט זיך געשוואַרצט דער באַזאַלט־פעלז, וועלכער איז אין דער צעגליטער לופט אויסגעקומען ריזיק־גרויס, אָבער ווען די רייזנדע האָבן אים דערזען גאָר נאָענט, איז עס געווען אַ קליין פעלזל, וואָס האָט עלנד אַרויסגעשטאַרצט איבער דעם פלאַכן פליין.

— ווייטער קען מען ניט פאָרן, — האָט זיריאַב געזאָגט נתנאלן.— וואו זאָלן מיר דאָ מאַכן אַן אָפּשטעל?

— וואַרט, — האָט נתנאל געענטפערט, — אויף אַן אָפענעם אָרט קאָן מען זיך ניט אָפּשטעלן, אָבער אין אַ שעה אַרום וועלן מיר זיין ביי די ברינימער פון יאָק־בי.

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ברינימער?

— אַמאָל איז דאָרטן געווען אַ ישוב, האָבן אים די בעדואינער חרוב געמאַכט. דאָרטן איז געוויס פאַרהאַן גוטע וואַסער.

זיריאַב האָט געהאָרכזאַם פאַרקירעוועט דעם קעמל.

דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט פאַר די לעצטע טעג, האָט זיריאַב ניט געקענט גלויבן, אַז ס'איז פאָרגעקומען איצט, עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז געווען שוין לאַנג. גאָר לאַנג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גאַנץ יאָר איז שוין פאָריבער, זינט יענעם אָוונט, זינט ער האָט אָנגעשריבן זיין ליד, וואָס ער האָט שפּעטער געזונגען פאַרן קאַליף, און דאָך איז פון יענעם שטילן גליקלעכן אָוונט, ווען ער איז געלעגן ביים פאָנטאַן און האָט זיין ליד געשאַפן, ניט פאָריבער נאָך קיין דריי טעג. ווי ס'איז אומדערטרעגלעך דידאָזיקע היץ! כאָטש איין בלאָז פון אַווינטל! די לופט איז פאַרגליווערט געלעגן איבערן מדבר, און פון אייבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גליענדיקער הויך, ווי פון אַ קאַלך־אויוון.

מידע און פאַרמאַטערטע זיינען די אַנטלאָפענע ענדלעך צוגעקומען צו די ברינימער פון יאָק־בי. עטלעכע פאַרדאַרטע ביימלעך

און צערוואַנירטע שטיבלעך האָבן זיי געגעבן אַ געוויסן שוץ פֿון דער ברענענדיקער זון.

דער אָפּרו האָט זיך געצויגן ניט לאַנג. נתנאל האָט מורא געהאַט פֿאַר נאָכיאָגן און האָט געאײַלט זיך ווײַטער. ער האָט געזאָגט, אַז בלויז ערשט נאָך תּדמור וועט מען קענען אָפּרוען אָן געפֿאַר.

וואָס איז געבליבן צו טאָן? מ'האָט אָפּגעגעסן טייטלען, ראָזינקעס, ברויט־פּלעצלעך, זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער, וואָס מ'האָט נאָך מיטגעבראַכט פֿון פּרת — אין די ברינימער איז דאָס וואַסער געווען שרעקלעך ניט געשמאַק, דערנאָך האָט מען זיך אָפּגערוט אַ ביסל אונטער דעם שאָטן פֿון די חרובדיקע געבײַדעס, און זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן. לאַנג האָט זיך געצויגן דער ערשטער טאָג פֿון זייער רייזע. אַז ס'איז נאַכט געוואָרן האָבן אַלע אויפֿגעלעבט. שנעל האָט זיך צעשפּרייט די פֿינסטערניש, ס'האָט גענומען ווייען אַ קילער ווינטל, די שטערן האָבן זיך געצונדן איבערן טונקעלן הימל־רוים. פֿריילעכער האָבן גענומען שפּאַנען די קעמלען. די מענטשן זײַנען לעבעדיקער געוואָרן, זיריאַב האָט אָנגעהויבן זינגען, — און פֿרײַ האָט זיך געגאָסן זײַן ליד איבער דער וויסטער ערד, זײַן ליד, וואָס איז געווען אַזוי ווילד און מעכטיק, ווי די ערדאָזיקער אומענדלעכער סטעפּ.

אַרום האַלבע נאַכט האָט דער קאַראַוואַן זיך אָפּגעשטעלט. אויך דאָס מאָל האָט מען לאַנג זיך ניט אָפּגערוט. קוים האָט זיך דער ערשטער העלער פּאַס באַוויזן אויף מזרח, אונטער דעם זילבערדיקן מאָרגן־שטערן, אַזוי האָט מען זיך גלײַך גענומען אײַלן אין וועג אַרײַן. האָט מען אָנגעלאָדן די קעמלען, זיך אויף זיי געזעצט און פֿאָרגעזעצט די ווײַטערדיקע נסיעה.

IX

שוין דעם צווייטן טאָג איז מען געווען אין וועג. די היץ איז געשטאַנען אַ געפּערלעכע. אַפילו דער שטאַרקער און צוגעוויינטער זיריאַב האָט אָפט אויפגעהערט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ נסיעה ער האָט אָנגעהויבן און צוליב וואָס. אים האָט אויך געפּייניקט, וואָס דער קליינער זון אַלי האָט אַ גאַנצן טאָג געוויינט און קיין אָרט ניט געפונען אויף דער מוטערס הענט.

קעלאַם, אַ פאַרמאַטערטע פון וועג, האָט זיך אינגאַנצן אַרויסגע־שלאָגן פון די כּוחות און זיך אומזיסט געמיט צו באַרואיקן דאָס קינד.

— ער איז קראַנק, זיריאַב, — האָט זי געטענהט וויינענדיק. — ער וועט ניט איבערטראָגן אַזאַ היץ!

זיריאַב האָט זי באַרואיקט, אָבער אַליין האָט ער מיט שרעק געקוקט אויף דעם צעפלאַמטן פּנים פון זיין קינד, און יעדעס מאָל, ווען דאָס קינד פלעגט זיך צעשרייען, פלעגט זיריאַב שילטן יצחק מאָסילין, דעם האַרון און מער פון אַלעמען זיין מזל, וועלכער האָט אים דערצו געבראַכט.

— אפשר זיך גאָר אומקערן צוריק, — האָט ער געטראַכט.

אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער ערנידערנדיקער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַלאַץ, אָן האַרונס בייזע אויגן, אָן דער מורא און פאַרקנעכטישקייט פון די באַרימטע געלערנטע, איז זיין נשמה געווען אויפגעבראַכט, און ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז מ׳מוז פאָרן ווייטער, ניט אָפּרוענדיק זיך, אין אָפּ־געבן זיך אויף דעם באַראָט פון אַלאַ.

צו אָוונט־צו האָבן די רייזנדע פאַר זיך דערזען גרינע שפּיצן

פֿון פּאַלמען. זיי האָבן אַפּילו גאָר מורא געהאַט צו גלייבן אין אַזאַ גליק. צי דען איז עס מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין אַן אָאַזיס? וויפֿל מאָל האָט זיי שוין די פֿאַטאַ־מאָרגאַנע אָפּגענאַרט, וויפֿל מאָל האָבן זיי שוין געזען דאָ פֿאָראויס, דאָ אָן אַ זייט וועלדלעך, טייכן, הייזעלעך, און אַלץ איז דאָס געווען בלויז אַ מיראַזש, און נאָך שווערער איז אויסגעקומען דער אומענדלעכער, צעגליטער וועג.

פֿונדעסטוועגן האָט נתנאל זיך איינגעשפּאַרט, אַז דאָס איז אַן אָאַזיס. אינדעראמתן, וואָס זיי זיינען אָנגעקומען נעענטער, זיינען די קעמלען געוואָרן אויפֿגעלעבטער, — דער בעסטער סימן, אַז ס׳איז ניט ווייט וואַסער. די זון איז נאָך ניט פֿאַרגאַנגען, בעת דער קאַראַוואַן איז צוגעקומען צו אַ אָאַזיס.

אונטער אַ וועלדל פֿון פּאַלמען און פֿייגנביימער האָבן איןביידלעך געלעבט עטלעכע אַראַבישע פֿאַמיליעס. דער אויסזען פֿון די בעדואינער איז געווען אַ רויבערישער, אָבער קיין ברירה איז ניט געווען, מ׳האָט באַדאַרפֿט בעטן אַן אָפּרו ביי די רויבער.

זיריאַב האָט זיך פֿונאַנדערגעלייגט ביים קוואַל, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פֿון צופֿוסנס פֿין פֿעלז.

די בעדואינער האָבן גלייך אַרומגערינגלט די אָנגעקומענע. די קינדער און די פֿרויען האָבן מיט נייגעריקייט זיי באַקוקט, געטאַפּט זייערע קליידער און די זאַכן. אייניקע אַראַבער זיינען צוגעגאַנגען צו זיריאַבן און אים אָנגעהויבן פֿונאַנדערצופֿרעגן, וואוהין ער פֿאָרט און נאָך וואָס. דערהערנדיק זיריאַבס ריינע אַראַבישע שפּראַך, האָבן זיי אָנגעהויבן שמייכלען און גענומען פֿריינדלעכער קוקן אויף די געסט.

זיריאַב, פֿילנדיק אַ אינערלעכע נייגונג צו זיינע לאַנדסלייט, איז געווען גרייט זיי צו דערציילן דעם גאַנצן אמת, דאַן האָט אים דער פּראַקטישער נתנאל אָפּגעפֿירט אָן אַ זייט און אים איבערצייגנדיק געזאָגט:

— אין נאָמען פֿון אַלץ, וואָס איז דיר הייליק, דערצייל זיי גאָרנישט. דיזיקע גזלנים וועלן אונדז פֿאַרהאַלטן און אַרויסגעבן דעם קאַליף. באַרעכן, צי דען וועלן זיי אַדורכלאָזן אַזאַ צופֿאַל אויף רייך צו ווערן?

זיריאַב האָט מיט אים מסכּים געווען און מיט אַ זאָ־גלאָזן אויסזען זיך אומגעקערט צו די בעדואינער און זיי גענומען דערציילן, אַז ער פֿאָרט אין דמשק, אַלס שליח פֿון זיין מעכטיקן האַר, פֿירט אייניקע טייערע געוועבן, און ער האָפֿט גוט באַלוינט צו ווערן פֿאַר זיין מי. ער האָט שנעל פֿונאַנדערגעלייגט אויף די טעפּעכן פֿאַר די בעדואינער כּיבוד, און די בעדואינער האָבן גענומען קוקן אויף די געסט נאָך פֿריינדלעכער. די טייטלען און די ראָזשינקעס האָבן זיי איינגעשלונגען אין איין הרף־עין.

זיריאַבס ברייטקייט איז די בעדואינער זייער געפֿעלן געוואָרן. און ווען זיי האָבן זיך נאָך דערוואוסט, אַז ער איז אַ זינגער און אַ דערציילער, איז זייער פֿאַרגעניגן געוואָרן נאָך גרעסער. שטענדיק בכּבֿודיקע און צוריקגעהאַלטענע, האָבן זיך די אַראַבער דערפֿרייט, ווי קינדער. די יונגוואַרג האָט אַרומגענומען זיריאַבן, בעטנדיק זיך ביי אים, אַז ער זאָל עפּעס זינגען אָדער דערציילן.

פֿאַרפֿאַלן, מ'האָט געמוזט ערפֿילן זייער פֿאַרלאַנג. אַן אַלטע בעדואינערין האָט אַוועקגעפֿירט קעלאַמען מיט דעם קליינעם אַלי צו זיך אין געצעלט, וועלעדאַטע איז אויך אַוועק שלאָפֿן, און זיריאַב איז געזעסן ביים קוואַל, אַרומגערינגלט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון אָאַזיס און האָט געזונגען איין ליד נאָך דעם אַנדערן. ווען ניט דעם זונס קרעכצן, וואָלט דערדאָזיקער אָוונט געווען פֿאַר דעם דיכטער זייער אַן אָנגענעמער. זיינע צוהערער זיינען געזעסן ניט רירנדיק זיך פֿון אָרט, און האָבן ניט געוואָלט דורכלאָזן קיין איין קלאַנג. זיריאַב האָט ביי דער שיין פֿון די שטערן געזען די ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס זיינען אַזוי הייס געווען אויף אים אָנגעשטעלט, און אַ ניט־ווילנדיקער שמייכל האָט באַשטראַלט זיין געזיכט.

אים האָט גערירט די תּמימותדיקע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די־דאָזיקע קינדער פֿון דעם מדבר, אויך אַזעלכע פֿרייע און אָרעמע, ווי ער אַליין; ניט ווילנדיק האָט עס אים פֿאַרשיכּורט און ער האָט געזונגען נאָך בעסער ווי אין האַרונס מירמלשטיינערנעם פּאַלאַץ.

די בעדואינער זיינען געווען גרייט אים זיצן און הערן ביז אין טאָג אַריין, אָבער זיריאַב האָט זיך דערמאָנט אָן זיין זון, זיין האַרץ האָט אים אַ ציטער געטאָן, ער האָט זיך האַסטיק אויפֿגעהויבן פֿון

דער ערד און געזאָגט, אַז ער וויל שלאָפן. די אַראַבער זײַנען זיך ניט געגרן צעגאַנגען. זיריאַב איז אַרײַן אין געצעלט צו קעלאַמען. דאָס קינד האָט אַלץ נאָך געקרעכצט. לאַנג זײַנען זיי געזעסן בײַנאַנד, ענדלעך, אַרום האַלבע נאַכט, איז עס אַנטשוויגן געוואָרן און אײַנ־געשלאָפן בײַ דער מוטער אויף די הענט.

זיריאַב האָט זיך געלייגט אויפן גראָז, בײַם געצעלט און איז אויך פעסט אײַנגעשלאָפן. אָבער ניט לאַנג איז אים אויסגעקומען צו רוען אין דערדאָזיקער נאַכט.

די חושכניש האָט אַרומגעלייגט דעם הימל, און די שטערן האָבן דײַטלעך און רואיק געפינקלט פון דער הייך, בעת עמעצער האָט אים אַ שלעפּ געטאָן פאַרן מאַנטל.

זיריאַב איז אויפגעשפּרונגען.

פאַר אים איז געשטאַנען קעלאַם און האָט ביטער געוויינט.

— וואָס איז געשען? — האָט זיריאַב אויסגעשריען און דער שלאָף איז גלײַך אַוועקגעפלויגן פון זײַנע אויגן.

קעלאַם האָט אָבער ניט געקענט ריידן קיין וואָרט.

זיריאַב האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין געצעלט. דאָרטן איז אויף אַ פּילצענעם טעפּעך געלעגן זײַן קליינער זון מיט אַ בלוי־געוואָרענעם פּנימל און מיט אויסגעצויגענע הענטלעך. אַ ציטעריק פײַערל פון לעמפּל האָט געוואָרפן אַ שײַן אויף דאָס טרויעריקע בילד. דאָס קינד איז געווען טויט.

זיריאַב האָט אַ קרעכץ געטאָן און האָט אָנגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט בײדע הענט. קעלאַם האָט געשריען ווי משוגע, זיך געוואָרפן צום זון, געריסן די האָר. אויפן גערויש איז געקומען צו לויפן די אַלטע אַראַבערין. און ביסלעכווײַז האָט זיך אויפגעכאַפּט די גאַנצע באַפעלקערונג פון דעם אַאַזיס. וועלעדאַטע האָט, וויינענדיק און צי־טערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, געטרייסט קעלאַמען און געבעטן, זי זאָל זיך באַרואיקן. אָבער די אומגליקלעכע מוטער האָט אויף איר ווילד געקוקט. שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און יאָמערנדיק, האָט זי געריסן אויף זיך דאָס קלייד, מיט אַ יאָמער געפאַלן אויפן טעפּעך, און אַרומגענומען דעם טויטן קערפּער פון קינד. ס'איז געווען אַ צער צו קוקן אויף דער אָרעמער פרוי. די בעדואינער זײַנען געשטאַנען

ביים געצעלט און האָבן זיך שטיל געשעפטשעט צווישן זיך, שאָק־לענדיק מיט די קעפּ. די אַלטע האָט געוואָלט באַרויִקן די מוטער, אָבער אומזיסט.

זיריאַב איז אַרויס פון געצעלט און איז אַוועק, אַליין ניט ווייסנדיק וואוהין. ביים קוואַל האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און איז געלעגן אַ לאַנגע צייט ניט רירנדיק מיט קיין אבר.

דערווייַלע איז געוואָרן טאָג. אַ ראָזער קאַיאָר האָט זיך אָנגע־צונדן אויף מזרח־זייט. דער הימל האָט געהעלט און איז געוואָרן אַליק העכער און דורכזיכטיקער; דער מדבר איז באַשטראַלט געווען פון גאָלדפאַרביקן גלאַנץ. די גרויע נעפּלען האָבן זיך געוויקלט איינע אין די אַנדערע און זיינען נעלם געוואָרן. דאָס גרינס פון די פּאַל־מען, באַוואַשן מיט דעם פּערלדיקן טוי, האָט געשימערט אויף דער זון. אויף די ברייטע פּאַלמען־בלעטער האָבן פייגלען געטשוויטשערט. הילכיק האָט גערוישט דער קוואַל.

אָבער זיריאַב האָט ניט געפילט די שיינקייט פון דעם פרי־מאָרגן. ער איז אַליק געלעגן אויפן זעלבן אָרט, אָן געדאַנקען און אָן באַוועגונג. ער האָט געפילט נאָר איינס, אַז אים האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק.

נתנאל איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אָנגענומען פאַרן אַקסל.

— מען דאַרף דיך דאָרטן.

זיריאַב איז אויפגעשטאַנען און וואַקלענדיק זיך האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט צום געצעלט.

קעלאַמען האָט מען אַוועקגעפירט, און אָן איר איז דאָס קינד געבראַכט געוואָרן צו קבורה. וועלעדאַטע האָט געבעטן די אַלטע פרויען, ניט צו באַוויינען שטאַרק דאָס קינד, לויט דעם מנהג, כּדי אַזויפיל ניט מצער צו זיין דעם עלענדן פאָטער. און דער קבר פון דעם אָרעמען אַלי איז געמאַכט געוואָרן אונטער אַ שאָטנדיקער פּאַלמע. זיריאַב איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט געטראַכט, אַז קיינמאָל אין לעבן וועט אים ניט אויסקומען צו זען דעם קבר פון זיין זון, און אַ ברענענדיקער טרויער האָט אָנגעפילט זיין האַרץ.

קעלאַם איז געלעגן אין געצעלט פון דער אַלטער אַראַבערין. זי איז עפּעס ווי פאַרשטיינערט געוואָרן פון אומגליק. וועלעדאַטע איז

געזעסן לעבן איר און האָט געוואַרעמט אָן אירע הענט קעלאַמס קאַלטע הענט. ענדלעך, פאַרמאַטערט פון פּיין און פון דעם וועג, איז קעלאַם איינגעשלאָפן. מ'האָט זי פאָרזיכטיק אויפגעהויבן און איבערגעגעבן זיריאַבן אויף די הענט. זיריאַב איז שוין געזעסן אויפן קעמל, און דער קאַראַוואַן האָט זיך געלאָזט אין וועג ווייטער, באַגלייט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דעם אָאַזיס.

ווען קעלאַם האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז פאַר אירע אויגן ווידער געלעגן דער טרויעריקער געלבער מדבר. זי האָט פאַרשטאַנען אַליץ און זיך ביטער צעוויינט.

X

אין צוויי טעג אַרום נאָך דעם טויט פֿון דעם קליינעם אַלי איז דער קאַראַוואַן לאַנגזאַם אונטערגעקומען צו תּדמורער אָאַזיס.

אַלע זיינען געווען פֿאַרמאַטערט. קעלאַם איז קראַנק געוואָרן, געלעגן אַ נוטה־למות און שטאַרק געקרעכצט. די שקלאַפֿן האָבן קוים געקענט צווינגען די אויסגעמאַטערטע קעמלען זאָלן זיך ווייטער שלעפּן.

נתנאל האָט געאײַלט די קנעכט: מ'האָט נאָך באַדאַרפֿט באַווייזן ביז ס'וועט נאַכט ווערן אַריינצופֿאָרן אין שטאָט תּדמור, אין דער אוראַלטער פּאַלמירע פֿון די רוימער, וואָס איז געלעגן אינמיטן פֿון אָאַזיס.

ענדלעך האָבן זיך פֿונווייטן באַוויזן די ערשטע פּאַלמען. אַלע האָבן אויפֿגעלעבט. ס'האָט זיך געפֿונען פֿריש וואַסער פֿאַר די קעמלען, מיט קילקייט האָט געווייט פֿון די שאָטנדיקע וועלדלעך. צווישן די פֿאַרזייטע פֿעלדער האָבן זיך באַוויזן אַראַבישע ישובֿים; די קלוגע און פֿריינדלעכע געזיכטער פֿון די באַזעצטע אַראַבער האָבן געמאַכט אַן אָנגענעמען איינדרוק אויף די רייזנדע, וואָס האָבן אַזוי לאַנג ניט אָנגעזען קיין מענטשלעכן געזיכט אין דער וויסטעניש. איבערן גרויסן וועג, אַלץ נעענטער צו דער שטאָט, האָבן זיי אָנגעטראָפֿן רייטערס און קאַראַוואַנען, וואָס זיינען געגאַנגען קיין באַגדאַד און מאָסול.

ענדלעך, האָבן פֿונדערווייטנס גענומען פֿינקלען אונטער די פֿאַרנאַכטיקע זונען־שטראַלן די ווייסע טעמפּלען פֿון תּדמור. אין ברייטע סטעגעס האָבן זיך אין אים געשלענגלט די טייכן און די קאַנאַלן, באַוואַסערנדיק די גערטנער, אין וועלכע ס'האָט זיך באַהאַלטן די שטאָט.

זיריאַב און וועלעדאַטע האָבן מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן געקוקט אויף די נייע ערטער. אָט זיינען זיי שוין אַריינגעטראָטן אין די ברייטע באַלעבטע גאַסן. אויף די פלאַכע דעכער פון די הייזער האָבן זיך פונדערווייטנס געזען ווייסע קאָלאָנאַדעס, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט גאַנצע אַלעען. דידאָזיקע געביידעס, זיינען נאָך געווען געבויט אין דער מלכה זינאָוויעס צייטן. איצט זיינען אייניקע קאָלאָנעס געוואָרן איינגעפאַלן, אַנדערע זיינען חרוב געוואָרן אין דער צייט פון מלחמה; די סטאַטועס פון די רוימישע געטער זיינען געלעגן צעבראָכן צופוסנס פון די מירמלנע פיעדעסטאַלן; דער וואונדערלעכער טעמפל פון דעם גאָט פון דער זון האָט אויך געליטן פון צייט און אָנפאַלן, און אַהין איז שוין לאַנג קיינער ניט אַריינגעגאַנגען. אָבער אויך אין דעם צושטאַנד פון חורבן איז פאַלמירע געווען וואונדערבאַר שיין, ווי אַ קייזערין, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן פון טראָן, און זיריאַבן האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די זון נעמט אָפּשייד מיט באַדויערונג פון זינאָוויעס וואונדערבאַרע פאַלאַצן און שיקט זיי אַ צאַרטן גערוס.

אין שטאָט איז געווען רויִשיק. די באַלעבונג אין דער טומל האָבן נאָך שטאַרקער איבערראַשט זיריאַבן נאָך דער שטילקייט פון דעם מדבר. נאָך קיינמאָל איז אים ניט פאָרגעקומען צו זען אַזויפיל מענטשן. אויף דעם הויפּטמאַרק איז געשטאַנען אַ טומל. דאָ זיינען געווען סוחרים פון פאַרשיידענע פעלקער: סירייער, פּע־כן, יידן, אינדוסן מיט די הויכע ווייסע טשאַלמען; ס׳זיינען געווען בעדואינער אין שוואַרצע מאַנטלען, הענדלער מיט פערד. די אַלע מענטשן האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע אומבאַקאַנטע לשונות, און נאָר זעלטן האָט זיך געלאָזט הערן אויך יענע ריינע אַראַבישע שפּראַך, אויף וועלכער ס׳האָבן גערעדט זיריאַב און וועלעדאַטע און אויף וועלכער ס׳זיינען אָנגעשריבן די הייליקע ביכער פון נביא.

דאָס פריילעכע, רויִשיקע לעבן אויף די תּדמורער גאַסן האָבן אַזוי פאַראינטערעסירט זיריאַבן, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן זיינע דאגות און זיין מידקייט.

אָבער קעלאַס, וואָס איז געלעגן אונטערן בּיידל, האָט צוגע־

דופן דעם מאַן און האָט אים געבעטן ער זאָל אַ טראַכט טאָן וועגן אַ נאַכטלעגער.

זיריאַב האָט זיך געווענדט צו נתנאלן.

באַלד האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויסן הויז. אויפן הויף האָבן זיך געטומלט און געדרייט מענטשן, אייזלטרייבער און אַנגעלאָדן קעמלען.

נאָך אַ זאַטן אָוונט־ברויט, האָבן זיך די רייזנדער צעלייגט אויף זייכע בעטן, אין אַ קילן שטילן צימער, וואוהין ס'האָט זיך שוואַך דערטראָגן דער גערויש פון גאַס און פון הויף.

אויף די נייגעריקע פראַגן פון דעם באַלעבאָס פון קרעטשמע האָט נתנאל געענטפערט אָפּגעהאַקט און ניט גערן, האָבנדיק מורא אַרויסצוגעבן זיריאַבן. מ'האָט נאָך אַלץ באַדאַרפט מורא האָבן צי מען יאָגט זיי ניט נאָך פון באַגדאַד, און דעריבער האָט נתנאל אויף מאָרגן פרי איינגערעדט זיריאַבן גלייך אָפּצופאָרן.

זיריאַבן האָט זיך זייער געוואָלט מאַכן אַ שפּאַציר איבער תדמור, באַקוקן די וואונדערלעכע אַרכיטעקטור, וואָס ער האָט גאָר אויף זיין לעבן ניט געזען; און די פרויען האָבן זיך נאָך ניט אויסגערוט פון וועג, אָבער מ'האָט גאָרנישט געקענט מאַכן, נתנאל האָט געאיילט ווייטער. פאַרנאַכט, ווען ס'איז אָנגעקומען דער אַסר, האָט מען זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין, אַרומקוקנדיק זיך מיט באַדויערונג אויף דער שיינער שטאָט, וואָס האָט זיך פאַרלאָרן צווישן די זאַמדן פון דעם ברענענדיקן מדבר.

XI

גאַנצע פיר טעג האָט מען באַדאַרפט פאָרן ביז דמשק. און דערדאָזיקער וועג איז געווען כמעט אַזוי שרעקלעך, ווי דער וועג פון באַגדאַד ביז תדמור. ווידער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט די געלבע טרויעריקע זאַמדן, ווידער די שטילקייט און טרויער פון טויט. וואו-ניט-וואו אַן אָאַזיס אויף דעם לאַנגן וועג האָט געדינט פאַר אַן אָרט פון אָפרו.

איצט האָט מען געקענט פאָרן ניט אַזוי געאיילט, און דער באַוואוסטזיין, אַז די געפאַר האָט מען געמיטן, האָט אונטערגעהאַלטן זיראַבן און זיינע רייזנדע. מ'פלעגט זיך אָפט אָפשטעלן, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט קעלאַמען און וועלעדאַטען אָפצורוען. די שעהן פון דער האַלבערטאָגיקער היץ האָט מען צוגעבראַכט אונטערן שאָטן פון די טשינאַרן און פאַלמען, אין די געצעלטן פון די בעדואינער. מ'איז געפאָרן מער ביידערנאַכט, בעת ס'איז ניט אַזוי הייס, און מ'האָט געשוינט די מידע קעמלען.

ענדלעך, האָבן פון מערב-זייט זיך גענומען באַווייזן לאַנגע רייען בערגלעך — די ערשטע אָנזאָגער פון די ווייטע לבנון-בערג.

אויפן פערטן טאָג אין אָוונט האָט זיראַב דערזען אויפן מערב-זייט פון הימל די בלויע קאָנטורן פון די בערג.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט נתנאלן.

— דאָס איז דזשעבל-על-שאַרק, — האָט נתנאל געזאָגט מיט אַ צופרידענעם שמייכל, — דאַנקען גאָט! אונזער וועג האָבן מיר באַלד דורכגעמאַכט. מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר זיין אין דמשק!

אַלע זיינען געוואָרן פריילעך און מונטער. וועלעדאַטע האָט גע-

נומען זינגען; זיריאַב איז געפאָרן לעבן נתנאלן אין זיך אָפּגערעדט, ווי אַזוי מ'זאָל זיך איינאָרדענען אויפן אָרט.

נאָר איין קעלאַם, אַן איינגעדאַרטע און אַן אויסגעקרענקטע, איז געלעגן בײַ זיך אין בײדל און איז געבליבן קאַלט צו זײַער פרייד. וואָס האָט איצט געקענט דערפרייען דער אָרעמער מאַמען? זי האָט ניט געקענט פאַרגעסן די שרעקלעכע יסורים פון איר קינד, און האָט שטיל געקרעכצט, דערמאָנענדיק זיך אָן זיין טרויעריקן געוויין. וואו ליגט איצט זיין קליין קערפערל? ערגעץ ווייט, ווייט אונטער דעם שאָטן פון די פאַלמען, אין דעם אָאַזיס, וועלכער האָט זיך ווי אַ זעמדערלע פאַרלאָרן צווישן דעם אומענדלעכן מדבר. קיינמאָל, קיינמאָל וועט זי אים ניט פאַרוויגן, ניט שפילן זיך מיט אים, ניט רופן אים מיט צאַרטע נעמען!

קעלאַם איז געזעסן אומבאַוועגלעך אונטער איר בײדל; דער קעמל האָט שטיל און אין דעמזעלבן טאַקט זיך געוויגט אונטער איר; אַלץ באַלעבעטער איז געוואָרן דער לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך געשפרייט פאַר אירע אויגן, — הילכיק האָבן געשטראָמט די טייכלעך אונטער די גרינע געצעלטן פון די ביימער. אַנטקעגן זיינען זיי אָנגעקומען קאַראַוואַנען, מענטשן, — אָבער זי האָט גאָרנישט געזען. שווערע ביטערע טרערן זיינען געפאַלן פון אירע אויגן אויף דעם ווייסן שלייער, מיט וועלכן זי איז געווען פאַרדעקט.

ווידער פליינען. עס גלעבן די זאַמדן, וואוהין דו גיסט ניט אַ קוק; נאָר פון מערב־זייט גענעענט זיך אַלץ דושעבל־על־שאַרק. קעלאַם האָט געוואָרפן איר בליק אויף זיריאַבס ווייסע פיגור, וואָס איז געפאָרן פאָראויס, און בײַ איר אין דער נשמה האָט זיך אויפגעהויבן אַ גאַנצער שטורעם.

— ער איז אין אַלץ שולדיק, — האָט זי גיפטיק געטראַכט, — צוליב וואָס האָט מען באַדאַרפט דאָס לויפעניש! ער האָט אין אַכט ניט גענומען ניט מיך, ניט דאָס קינד, ער האָט געוואָלט נאָר אויספירן עקשנות! דער עקשן! אַ נאַרישער לייכטזיניקער יינגל! פאַרשטייט ניט, אַז דער אַלטער ייד האָט אים אָפּגענאַרט! איז אַוועקגעפאָרן פון באַגדאַד, וואו אַלץ האָט אים געוואַרט: אי כבוד, אי געלט! און פרעג וואָס! האָט זיך דערשראָקן: מ'וועט דאַרפן

זײַן אונטערטעניק דעם קאַליף! אָט ס'אַר אַ מין גדלות! אַלײן אַן אביון און אַזוי בײַ זיך אײַנגעשפּאַרט! פאַרוואָס ניט זײַן אונטערטעניק? איך פאַרשטײ ניט! אַ הערשער פון דער גאַנצער וועלט, דער גרויסער קאַליף, דער אײנזאָגער פון די רעכטגלויביקע, — און מיטאַמאָל דערנעענטערט צו זיך אַן אָרעמען אַראַבער! דאַכט זיך, ניט קײן קלײנער כּבוד! און אין וואָס איז זײַן יחוס? עפּעס אַ זינגער! אָ, משוגעת! וואָלט ער זיך כאָטש דערמאָנען, אַז אינדערהײם איז ניטאָ ניט קײן פיך, ווי בײַ לײַטן, ניט קײן נײטיקע הויזראָט אַפילו! און ווי זײַנען מיר אָנגעטאָן! לײַטישע פרויען זײַנען באַהאַנגען מיט צירונג, — מיט פּערל און מטבעות, און מיר האָבן אַפילו ווײניק קלײדער! פאַרשאָלטענע גדלות!

אַ געהײמע מורא האָט אָנגעפילט דער פערסיאַנערינס האַרץ. זי האָט געוואוסט, אַז זיריאַב — ווי אַלע אַראַבער — האָט ליב געהאַט זײַן זון און איז מיט אים געווען שטאָלץ. ער פלעגט אָפט נעמען אַלי אויף די הענט, האָט געקוואָלן פון אים, אים געטרײסלט און געהויבן, געשפּילט זיך מיט אים. קעלאַם האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן האָט זי ליב צוליב דעם זון. און וואָס ערוואַרט זי איצט? איר טײַער ייִנגעלע — איר שטאָלץ און פעסטקײט, איר האָפענונג און פרײד — איז געשטאָרבן, און איצט וועט זיך זיריאַבס האַרץ פון איר אָפּוואַרפן, ער וועט ווערן פרעמד צו איר, ער וועט זי פאַרגעסן און וועט זײַן גוט נאָר בלויז מיט וועלעדאַטען.

בײַ דעמדאָזיקן געדאַנק האָט אַ טויטע בלאַסקײט באַדעקט דער פערסיאַנערינס פּנים און אַ טיפער קרעכץ האָט זיך ניט ווילנדיק אַרויסגעריסן פון איר ברוסט.

— אָ, מײַן אַלי! — האָט זי געפליסטערט, און טרערן פון אַנגסט האָבן זיך ווידער אַ גאָס געטאָן פון אירע רויט־געוואָרענע און פאַרשוואָלענע אויגן.

זיריאַב האָט דערהערט דעם קרעכץ און האָט זיך אומגעקוקט. דערזעענדיק, אַז קעלאַם װײנט ווידער, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן פאַר כּעס, האָט אָפּגעהאַלטן דעם קעמל און זיך געלאָזט פאָרן לעבן איר.

— הער אויף, דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר? — האָט ער אויסגעשריען, און זיין האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאַנטשיק, האָט זיך אויפגעהויבן אויף איר — אָבער גלייך זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט.

קעלאַם האָט זיך דערשראָקן און האָט אויפגעהערט צו וויינען.

זיריאַב האָט פּעסדיק צוזאַמענגערוקט די ברעמען, געוואָרפן אויף איר אַ בייזן בליק, און אַרויסברומענדיק אַ קללה, האָט ער אַ שמיץ געטאָן זיין קעמל. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און ניט קוקנדיק אויפן וועג, איז ער געפאָרן פאָראויס פון אַלעמען אַ אומצופרידענער מיט זיך און נאָך מערער מיט זיין מזל, וואָס האָט אים געטריבן צו פאָרן אין אַזאַ צייט און האָט צוגענומען ביי אים זיין זון. קעלאַם האָט דאָס מאָל ווירקלעך טיילווייז געטראָפן דעם מאַנס מחשבות: זיריאַב האָט זיך געגרייסט מיט זיין זון, און דער אָנווער פון אים איז פאַר אים געווען אַ גרויסער ווײ. זי האָט בלויז אַ טעות געהאַט, אויב זי האָט געמיינט, אַז זי וועט פאַרלירן זיין נאָענטקייט. ווען ס'איז אַריבער די הייסע מינוט פון כעס, און ער האָט אַ ביסל באַרואיקט זיין ווילד האַרץ, האָט זיריאַב זיך פאַרשוואָרן, אַז ער וועט זיין צאַרט מיט קעלאַמען, ער וועט געדולדיק ערפילן אַלץ, וואָס זי וועט פאַרלאַנגען, וועט זי צערטלען און וועט איר שענקען צירונגמתנות, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט. זיריאַב האָט ביי זיך אין האַרצן זיך געהאַלטן פאַר דעם שולדיקן אין זיין זונס טויט, און איז געווען צו ערלעך, אַז ער זאָל קאָנען ניט הערן דעם עקשנותדיקן קול פון זיין געוויסן, וואָס האָט אים געפייניקט.

די זון איז נאָך ניט איינגעגאַנגען, בעת דער קאַראַוואַן איז צוגעקומען צו דמשק.

זיריאַב האָט אין אומגעדולד אַריבערגעיאָגט דעם קאַראַוואַן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס הויכלאַנד, איבער וועלכן זיי פאָרן, דאַרף זיך ענדיקן מיט אַן אַראָפּשטורץ. אַן אומגעדולדיקער, האָט ער אַוועקגעגאַלאָפּירט פאָראויס, און פּלוצלונג האָט ער פון דער הייך, וואָס איז געלעגן איבערן טאָל, דערזען אַ וואונדערלעך בילד.

בײ זײַנע פֿיס האָט זיך צעשפּרייט די שטאָט דמשק — דער וואונדער איבער וואונדער פֿון מזרח: אַ ווייס=ראָזע, אינגאַנצן אַ באַשטראַלטע פֿון די מאָרגן=שטראַלן, אַן אַרומגעקרייזטע מיט אַ סטענגע פֿון גערטנער, האָט זי אויסגעוויזן ווי אַ פּערל אין אַ גרינעם מייערקעפּל. אַרום דער שטאָט זײַנען געלעגן צעשפּרייט פּלאַנטאַציעס פֿון רויזן, און זייער אַראָמאַט, צעטראָגן פֿון מאָרגן=ווינטל, איז דערגאַנגען צו זיריאַבן. דאָס זײַנען געווען יענע באַרימטע רויזן פֿון דמשק, פֿון וועלכע מ'האָט אַרויסבאַקומען די טייערע בוימאייל און שפּעטער עס געשיקט אין אַלע עקן פֿון דער וועלט. איבער די פֿלאַכע ווייסע דעכער האָט זיך דערהויבן די וואונדערשיינע געביידע פֿון מעטשעט, פֿײַנע מינאַרעטן האָבן זיך געווייסט אין דער בלויער לופֿט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען גערטנער, ס'האָבן געפֿינקלט קליינע אָזערעס.

— דמשק! — האָט זיריאַב אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק מיט התפּעלות אויף דאָס בילד. — אָט איז ענדלעך דמשק! אָט איז אונזער נײַע היים! גרויס און באַרמהערציק איז אַלאַ! דאָ וועל איך געפֿינען אַלץ, וואָס איך גאַר! דאָ וועט זיך אָנהייבן פֿאַר מיר אַ נײַ לעבן!

און, אַ באַשטראַלטע פֿון דער מאָרגן=זון, האָט דמשק, דאַכט זיך, ווי עפּעס מקבל=פּנים געווען די אַנטלאָפֿענע און זיי גערופֿן צו זיך אין די ווייסע פּאַלאַצן. דאָס פֿאָרגעפֿיל האָט זיריאַבן ניט אָפּגענאַרט, אַ נײַ לעבן האָט ערוואַרט דעם אָרימען זון פֿון דער מדבר, אין דערדאָזיקער שטאָט, וואו ס'האָבן געלעבט די סאַמע געבילדעטסטע מענטשן פֿון זײַן הײמלאַנד; נאָך אים אַליין אומבאַקאַנטע כּוחות פֿון זײַן נשמה האָבן געדאַרפֿט אויפֿשפּראָצן דאָ, אונטער דידאָזיקע פֿרײַנדלעכע שטראַלן, און עפֿענען אים די גײַסטיקע אויגן זײַנע.

אַ אומוויסנדער, אַן אָרעמער, אַ פֿאַרפֿאָלגטער פֿון דעם באַגדאַדער האַרון איז ער אַרײַנגעפֿאָרן אין דעמדאָזיקן פּרימאָרגן אין דמשק, ס'וועט אָבער ניט פֿאָריבער קיין צוויי יאָר, און זײַן נאָמען וועט גרויס ווערן. זײַנע לידער וועלן זיך פֿאַרשפּרייטן איבער גאַנץ סיריע, און אין אים אַליין וועט אויך פֿאָרקומען אַ טיפֿע ענדערונג:

פֿאַר אים װעלן זיך ברייט עפֿענען די טירן אין דעם טעמפּל פֿון געדאַנק און װיסן.

אָבער דאָס אַלץ איז געלעגן פֿאַרבאָרגן אין דעם נעפּל פֿון דער צוקונפֿט, װי די שפּיצן פֿון אַנטי־לבנון אין די גאָלדפּאַרביקע נעפּלען פֿון דעמדאָזיקן זומער־פֿרימאָרגן. . . . .

פֿון דער נאָענט איז דמשק, װי יעדע שטאָט פֿון מזרח, געװען גאַנץ שמוציק, אָבער די מידע רײַזנדער האָבן עס ניט באַמערקט, פֿרייענדיק זיך, װאָס זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט זייער ציל, און װעלן דאָ קענען געניסן פֿון דער פֿרייהייט!

XII

זיריאַבן האָט זיך ניט געגלוסט פאַרפאָרן צו יצחק מאָסיליס פריינד, און מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַן איינפאָר-הויז.

נתנאל האָט געהייסן אויסלאָדן די קעמלען און איינגעאָרדנט דאָס געזינד, וואָס מ'האָט אים אָנגעטרויט, איז ער אַוועק צו שלמה בן פאַרעזי מיט אַ בריוו פון זיין האַר.

באַלד איז ער צוריקגעקומען, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ הויכן יידן אין די מיטעלע יאָרן; דאָס איז געווען שלמה בן פאַרעזי. בן פאַרעזי האָט ער געהייבן דערפאַר, וואָס סיי זיין פאָטער, סיי ער אַליין פלעגן אָפּט פאָרן קיין פערסיע האַנדלען.

שלמה איז מיט ווירדע צוגעגאַנגען צו זיריאַבן און נאָך די אָנגענומענע באַגריסונגען האָט ער צו אים געזאָגט:

— אַ שאָד, וואָס דו האָסט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. מיין הויז איז גענוג גרויס, און איך וואָלט געווען צופרידן דיך צו האָבן ביי זיך.

זיריאַבן האָט זיך ניט געגלוסט אָננעמען די איינלאַדונג, אָבער ער האָט געהאַט מורא צו באַליידיקן דעם רייכן יידן, און ער האָט מסכים געווען איבערפאָרן צו פאַרעזין.

— נאָך היינט וועט זיין ביי מיר אַליץ צוגעגרייט פאַר דיר און פאַר דיין הויזגעזינד, — האָט שלמה געזאָגט מיט אַ פריינדלעכן שמייכל. — איך בין זייער צופרידן מיט דער באַקאַנטשאַפט מיט דיר.

און זיך אָפּגעזעגנט מיט זיריאַבן, איז ער אַוועק, וואו עס שטייען די קאַראַוואַנען, וואו ער האָט געהאַט צו ערליידיקן געשעפטס-ענינים.

פאַרנאַכט האָט זיך דאָס אַראַבישע געזינד איבערגעקליבן צו דעם רייכן יידן. זיין הויז האָט זיך געפונען אין דעם יידישן קוואַרטאַל,

אָבער ס'איז געווען געבויט אויך ווי אַלע הייזער פון המשק: אינע־וויניק האָט זיך געפונען דער גאָרטן, און אַרום זיינען געגאַנגען די געביידעס.

שלמה אין אַ רייכן מלבוש, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ לאַטאַס־שטעקל, איז אַרויס מקבל־פּנים זיין די געסט. מיט אים איז אויך געקומען זיין זון יוסף. דאָס יינגל האָט מיט נייגער געקוקט אויף דעם זינגער, וועגן וועלכן נתנאל האָט דערציילט אַזעלכע אומגלויב־לעכע זאַכן.

— ברוך הבאַ, — האָט שלמה געזאָגט, — אָט איז מיין באַשיידן הויז. איך האָף, אַז ס'וועט דיר געפעלן ווערן ביי מיר.

שלמה האָט דורכגעפירט זיינע געסט דורכן צימער אויף דער גאַלערעע, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם הויף און זיי איינגעלאַדן אַריינצוגיין אין אַ באַזונדער שטוב, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט דעם גרויסן הויז. דאָ זיינען געווען דריי גוט צוגעקליבענע צימערן.

— דאָס איז די וואוינונג פון מיין עלטערן זון, — האָט שלמה געזאָגט מיט זיין רואיקער גראָבער שטים. — איצט איז זי פריי, און איך בין צופרידן, וואָס איך בין בכוח צו געבן אַ מקום־מנוחה פאַר אַזאַ טייערן גאַסט.

שלמה האָט זיך פאַרנויגט און אַ וואונק געטאָן דעם זון און איז אַוועק.

נתנאל האָט געהאָלפן זיריאַבן זיך איינצואָרדענען. קעלאַס און וועלעדראַטע זיינען געווען נתפּעל פון דער גרויסער רייכקייט, וואָס זיי האָבן דאָ געפונען. אַלץ איז ביי זיי אויסגעקומען שיין און אומגעוויינלעך; ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זיינען געווען מיד פון וועג, האָבן זיי זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט אין זייער נייער וואוינונג, פריילעך שמועסנדיק איינע מיט דער אַנדערער; קעלאַס האָט זאָגאַר פאַרגעסן אַ ווײַלע אָן איר אומגליק, אַזוי האָט איר איבערראַשט דידאָזיקע רייכע וואוינונג. אַלע זיינען געווען צופרידן, וואָס מ'איז ענדלעך געקומען אויף אַן אָרט, וואָס מ'שטייט אויף דער פעסטער ערד און מ'האָט זיך אויפגעהערט ענדלעך צו וויגן אויף די קעמלען. דער קאָפּ האָט זיך נאָך געדרייט פון מידקייט, פון די פול־ און פיל נייע איינדרוקן. ווען די פרויען האָבן זיך

געלייגט שלאָפן, איז זיריאַב אַוועק אין גאָרטן. ס׳איז שוין גוט פינסטער געוואָרן און דער זילבערפאַרביקער סערפּ פון דער לבֿנה האָט גע־פינקלט אויף דעם מערבֿ־זייט פון הימל.

זיריאַב האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, לעבן זיין טיר אונ־טער דעם דאַך פון דער גאַלערעע.

ס׳איז אים געווען אָנגענעם די קילקייט פון אָוונט, דער אַראָ־מאַט פון די בלומען און די שטילקייט אין אָפּגעזונדערטקייט פון דעמדאָזיקן אומבאַקאַנטן הויז. אים איז געווען ליב די מינוט פון מנחה, און לאַנגזאַם האָט ער איבערגעלייגט אין זיין זכּרון אַלע איינצלהייטן פון דער שווערער רייזע. איצט איז אים די רייזע אויסגע־קומען ווי אַ שווערער חלום. דאָס אַלץ וואָס האָט געטראָפן אין באַגדאַד, איז אָפּגעטראָטן אין דעם וויטן עבֿר, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז שטאַרקער געוואָרן פאַר דערדאָזיקער צייט. וויפל האָט ער עס איבערגעזען נייע ערטער, נייע מענטשן. וויפל שווערע מינוטן האָט ער איבערגעלעבט אין דעם מדבר נאָך אַלים טויט.

— אָרעמע קעלאַם! — האָט ער געפליסטערט, זיפצנדיק. און זיין האַרץ איז איבערפולט געוואָרן מיט רחמנות צו איר.

בּיסלעכווייז האָבן זיריאַבס געדאַנקען אָנגענומען אַן אַנדער ווענ־דונג. זיין פּנים איז העל געוואָרן. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיין צוקונפט און האָט אין זיך דערפילט אַ צופלוס פון נייע פּוחות, — דער גליקלעכער באַוואוסטזיין וועגן דעם, אַז ער איז יונג, האָט זיך אין ברייטער פרייד צעגאָסן אין זיין נשמה. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן העל געפינקלט, און ער האָט אייפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם אומבאַקאַנטן גאָרטן. די פאָנטאַנען האָבן שטיל געמורמלט אין די טונקעלע גרינס פון די קוסטעס אין ביימער אַרום; די רויזן האָבן זיך קוים געזען מיט זייערע קעפּלעך; אַ לייכטער אַראָמאַט האָט געשטראָמט אין דער נאַכט־לופט.

— ווי גוט! — האָט זיריאַב אַ טראַכט געטאָן און זיין צוקונפט האָט אים פאַר געשוועבט, ווי אַ הערלעכער צויבער־חלום.

— ערגעץ האָט אויפגעפראַלט אַ טיר, אין דער יונגער אַראַבער האָט ערוואַכט פון זיינע טרוימען און מחשבֿות. ער האָט דערזען אַ געשטאַלט וואָס האָט זיך גענענט צו אים.

דאָס איז געווען יוסף.

ער איז צוגעקומען צו זיריאַבן און האָט אין גרויס פאַרלעגנ־הייט געזאָגט:

— דער פאָטער מיינער האָט פאַרזאָגט, אַז איך זאָל דיך הײַנט ניט באַאומרואיקן, אָבער איך האָב דערזען, אַז דו רוסט אָפּ, און איך בין געקומען אַ ביסל מיט דיר דאָ זיצן. איך שטער ניט?

— ביטע, זיץ, — האָט זיריאַב געזאָגט און זיך אַ רוק גע־טאָן.

יוסף האָט זיך געזעצט, אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט צו זיריאַבן:

— דײַן אומגעריכטער קומען האָט אונז פאַרוואונדערט און דער־פרייט. איך האָף, אַז דו וועסט בלײַבן וואוינען ביי אונז אין הויז?

דאָס שעמעוודיקע ייִנגל האָט געפונען חן בײַ זיריאַבן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— איך בין ניט געוויינט צו אַזאַ רײַכקייט. דו דאַרפסט וויסן, אַז איך בין געבוירן און געוואַקסן אין די צעריסענע געצעלטן; איך בין געוויינט צו אָרעמקייט און צו דחקות. אייער הויז האָט מיר און מײַנע פרויען זיך אויסגעוויזן ווי אַן עכטער פּאַלאַץ.

יוסף האָט זיך פריילעך צעלאַכט און געזאָגט:

— מײַן פאָטער איז אַ רײַכער סוחר. — ער האָט פולע קאַסטנס מיט דינאַרן. מײַן ברודער שמעון איז אויך אַ סוחר, אָבער מיך ציט ניט דערצו.

— דו ווילסט ניט זײַן קיין סוחר?

— ניין! — האָט דאָס ייִנגל אַנטשלאָסן געענטפערט, — איך וואָלט וועלן זײַן אַן ערך אַזוי ווי דו, האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת. נתנאל האָט אונז דערציילט אַזויפיל פון דײַן טאַלענט! דו וועסט אונז אַמאָל זינגען דײַנע לידער? ער האָט געזאָגט, אַז קיין בעסערער זינגער איז אין גאַנץ באַגדאַד ניטאָ, און האַרון־אַל־ראַשיד האָט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זײַן בײַ אים זײַן הויף־זינגער? דאָס איז אמת?

— דערמאָן מיר ניט וועגן דעמדאָזיקן פאַרהאַסטן מענטשן! — האָט אים זיריאַב איבערגעהאַקט. — ער איז מיר אָפּשײַלעך. צוליב

זיין קאַפּריז בין איך געלאָפן פון באַגדאַד און האָב געפּטרט אין דער מדבר מיין קליינעם זון. דורך אים איז אויך מאָסילי געוואָרן אומגליקלעך.

— אָרעמער יצחק, — האָט יוסף געזאָגט.

— איך האָב מורא, אַז ער וועט איצט האָבן אויסצושטיין, — האָט זיריאַב ווייטער גערעדט. — דערדאָזיקער האַמן דער גערעכטי־קער, ווי אים רופן זיינע חונפים, וועט אַוודאי ניט וועלן מער הערן זיינע לידער.

— מיר האָבן אַ סך געהערט פון דעם קאַליפס אַכזריות. בעת איך בין נאָך געווען גאָר אַ קינד, געדענק איך ווי מ׳האָט דערציילט, אַז ער האָט אומגעבראַכט זיין וויזירס דזשיאַפאָרס פאַמיליע; נאָך עד־היום געדענק איך דעם שרעקלעכן איינדרוק, וואָס עס האָט גע־מאַכט. אָבער דו זיריאַב, דאַרפסט שוין איצט פאַר אים זיך ניט שרעקן: דאָ אין דמשק ביסטו זיכער. אמת, דאָ איז פאַרהאַן זיין רעגירער, דער שני למלך, אָבער אַלע ענינים ווערן באַטראַכט דורך די רייכע בירגער פון דער שטאָט, צו וועלכע עס געהערט אויך מיין פאָטער. זיי וועלן דיך ניט אַרויסגעבן.

— מיר וועט זיין זייער ליב דאָ צו פאַרבלייבן, — האָט זיריאַב אַרויסגערעדט, — מיר איז זייער געפעלן געוואָרן אייער שטאָט.

— אמת, אַ שיינע שטאָט? — האָט זיך דאָס יינגל דערפרייט.

— יאָ, זי איז שענער פאַר באַגדאַד און אַפילו פאַר תדמור; הגם תדמור האָב איך געזען גלייך נאָך מיין זונס טויט, און דעריבער קען זיין, אַז זי דידאָזיקע שטאָט האָט איבערגעלאָזן ביי מיר אַ טרויעריקע ערינערונג. אָדער אפשר דער אויסזען פון חורבן, די רואינען פון די שיינע געביידעס מאַכן אויף יעדערן דעמזעלבן איינ־דרוק פון אַ שטילן טרויער. דמשק אָבער לעבט, ס׳איז דאָ אַלץ אַזוי פריילעך; און די מענטשן האָבן מיר זיך אַרויסגעוויזן אַזוינע פריינדלעכע. אָט האָט דיין פאָטער מיך אַזוי גוט אויפגענומען.

— ווען דו וואָלסט וויסן, ווי איך בין צופרידן מיט דיין קומען! דו וועסט מאָרגן זיך באַקאָנען מיט אונזער גאַנצער געזינד. אונזער געזינד איז קליין: דער פאָטער, די מוטער, איך און מיין שוועס־

סטער דזשאַעל. ווען דו זאָלסט וויסן, ווי זי איז נייגעריק! זי האָט פֿאַרמאַטערט נתנאלן מיט אירע פֿראַגעס.

— דאָך האָב איך אויך מורא דיך ניט צו פֿאַרמאַטערן, — האָט ער צוגעגעבן און זיך אויפֿגעשטעלט פֿון אָרט. איך בין אַזוי צופֿרידן, וואָס דו וועסט בײַ אונז וואוינען! דו וועסט זיך באַקענען מיט פֿיל קינסטלער און געלערנטע, זיי קומען אַלע צו אונז; דיר וועט דאָ ניט זיין לאַנגווייליק. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר באַווייזן די שטאָט, די וואונדער פֿון דמשק, — און דערווײַלע אַ גוטן! — ער האָט אים פֿריינדלעך אַ שמייכל געטאָן: דיר איז שוין צייט אָפּצורוען!

XIII

שלמה בן פֿאַרעזי איז געווען איינער פֿון די רייכסטע סוחרים אין דמשק. ער האָט געהאַט האַנדלס־פֿאַרבינדונגען מיט דער ווייטער אייראָפּע און מיט דער געבענטשטער אינדיע. עטלעכע יאָר, אָפּגעלעבטע אין פּערסיע, האָבן נאָך אַמאָל אַזוי גרויס געמאַכט זיינע שוין אַזוי אויך גרויסע אוצרות. דאָס איז געווען אַ רואיִקער שווייגעדיקער מענטש, מיט אַ שאַרפֿן בליק. זיין שכל איז אינגאַנצן געווען געווענדט אויף פּראַקטישע צילן. און ער האָט קיינמאָל ניט אַדורכגעלאָזט די מעגלעכקייט, זיך צו באַנוצן מיט גוטע באַדינגונגען, — שלמה איז געווען דער ריכטיקער סוחר. מענטשן האָט ער אויך געשאַצט אויף דעם וואָג פֿון געלט, ווי די געוועבן אין טעפּעכער, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט. און אויב פֿון אַ באַקאַנטשאַפֿט האָט מען געקענט האָבן אַ נוץ, האָט ער דידאָזיקע באַקאַנטשאַפֿט טייערער אָפּגעשאַצט. צו די אָרעמע האָט ער זיך באַצויגן ניט מיט גרויס אַכטונג און זיין האַנט פֿאַר זיי האָט ער ניט ברייט געעפֿנט, פֿאַרענטפֿערנדיק זיך מיט דעם, אַז בלויז נאַראָנים און פֿוילערס זיינען אָרעם.

דעריבער האָט תּחילת נתנאלס קומען אין אַזאַ שפּעטיקע שעה און זיין אויסטערלישע דערציילונג וועגן זיריאַבן אַרויסגערופֿן ביי אים אומצוטרוי. ווי קאָן עס געמאָלט זיין מ׳זאָל אַנטלויפֿן פֿון גליק? פֿון געלט און כּבֿוד? אָבער די איינצלהייטן פֿון דערדאָזיקער געשיכטע האָבן אים באַלד איבערצייגט, אַז די זאַך איז ריכטיק, אַז אָט דעם טשעקאַוון וואַנדערער קאָן אַמאָל פֿאָרשטיין אַ גלענצנדע צוקונפֿט, און ער האָט באַלד באַשלאָסן אים מקבל־פּנים זיין. בעת מ׳האָט אַן עסק מיט אַן אויפֿגייענדיקן שטערן, קאָן מען מוחל זיין,

אַז ער פינקלט נאָך ניט אַזוי בלענדנד — דערפאַר וועט ער זיך שפּעטער צעשטראַלן און מ'וועט קענען ציען נוצן פון דער שיין. אַרויסווייזן התקרבות ניט קיין געניטן יונגנמאַן, וואָס האָט אַפילו זיך ניט אָפּגעשראָקן אַרויסצורופן דעם צאָרן פון דעם הערשער פון אַ האַלבער וועלט, — דאָס האָט שלמה געהאַלטן, אַז עס לייענט און דאָס איז אים אויך אינטערעסאַנט געווען. אַפילו מלכים האָבן בײַ זיך אויפגענומען אַנטלאָפענע דיכטער.

וואָס איז שייך צו מאָסילין האָט ער מיט אים געוואָלט ווערן אַ קלענערער מחותן. וואַרשײַנלעך זײַנען בײַ אים די געשעפטן שלעכט, אויב ער האָט בײַ האַרונען פאַרלאָרן דעם חן. איז ווײַבאַלד אַזוי — דאַרף מען מיט אים זײַן פונדערווײַטן. פריער האָט זיך שלמה זייער געגרייסט מיט זײַן באַגדאַדער פרײַנד און פלעגט בײַ יעדער געלעגנהייט אויף פאַרזאַמלונגען דערמאָנען זײַן נאָמען, כּדי צו דערוועקן מער אַכטונג צו זיך, אָבער איצט האָט מען דערפון זיך באַדאַרפט אָנהייבן צו היטן.

ניט צוליב יצחקן, ווי נתנאל האָט געמיינט, ניין, צוליב אים אַליין האָט בן פאַרעזי צוגענומען צו זיך אין זײַן רײַכן הויז דעם אָרעמען אַראַבער. מיט נתנאלן איז ער געווען גאַנץ קאַלט און האָט אַפילו ניט דערמאָנט וועגן דעם האַרבסט-קאַראַוואַן, וואָס יצחק פ[illegible]עגט שיקן.

שלמה האָט חתונה-געהאַט מיט אַ פירשטס אַ טאָכטער פון ירושלים. מרים האָט אַמאָל געשמט אַלס יפה-פיה; איצט איז עס געווען אַ בלייכע פאַרוועלקטע פרוי, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט אירע קינדער, איבערהויפּט יוספן. דער עלטערער זון אירער שמעון האָט געהאַנדלט אין מאָסולע און איז זייער געווען געראָטן אין פאָטער. יוסף האָט ניט ליב געהאַט מסחר און פלעגט שלעכט אויספירן דעם פאָטערס שליחות. בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט פלעגט ער אַוועקגיין פון דער היים, וואַנדלען איבערן שטאָט, זיך צוהערן צו דעם שמועס פון המון, צו די אויסגעצייגנטע שטימען פון די מועדזינען. ער פלעגט גיין אַרום דער מעטשעט, לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין די פרייע און וואונדערשיינע ליניעס פון דעמדאָזיקן באַרימטן בנין; אָפט פלעגט ער אַוועקגיין אין די בערג און געבלאָנדזשעט דאָרטן

גאַנצע טעג, אַליין ניט וויסנדיק נאָך וואָס, און פלעגט זיך צוריקקערן אַהיים אַמידער און אַגליקלעכער. אין אים האָבן געוואַקסן נייע כּוחות, וועלכע ער האָט נאָך אַליין ניט געפילט, ער האָט געזוכט אַרבעט, וואָס זיין נשמה זאָל ניט זיין דערווידער.

די געלינקע דזשאַעל איז געווען דעם פּאָטערס ליבלינג. זי איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, און זי האָט זיך גערעכנט איינע פון די שענסטע כּלות פון דעם יידישן קוואַרטאַל. אַ פריילעכע און אַ שטיפערין, פלעגט זי בּאַלעבן דאָס רואיקע חשובע הויז פון איר פּאָטער מיט איר געלעכטער, לידער און פלאַפּלעריי. זי האָט ליב געהאַט זיך שיין צו קליידן. די בּאַציאונגען צו אירע עלטערן און היים זיינען געווען אַזעלכע, אַז דעם פּאָטער און בּרודער יוספן האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, און מיט דער שטילער פאַרטראַכטער מוטער פלעגט זי זיין עטוואָס פונדערווייטנס.

אָט דאָס איז געווען דאָס געזינד, וואו זיריאַב האָט זיך איצט געפונען.

אים איז געווען ניט היימלעך און ער האָט זיך געפילט אומבּאַקוועם צווישן דערדאָזיקער פירשטלעכער רייכקייט פון דעם הויז. ווען ער האָט זיך בּאַקאָנט נעענטער מיט די מענטשן, וואָס האָבן פאַר אים אַזוי גאַסטפריינדלעך געעפנט זייערע טירן, האָבן בּיי אים דעם גרעסטן חן געפונען די שטילע צאַרטע מוטער און יוסף. בּן פאַרעזי אַליין איז אים ווייניקער געווען געפעלן, אים איז געווען ניט אָנגענעם, וואָס בּן פאַרעזי איז שטענדיק דער סוחר, וואָס שאַצט אַלץ אָפּ אויף דער וואָג פון געלט. די שמועסן בּיי שלמהן אין הויז מיט זיינע געסט פלעגט שטענדיק זיין וועגן האַנדל און געלט, און דאָס איז זיריאַבן דעם דיכטער געווען פרעמד און לאַנגווייליק.

גאַנצע טעג האָט ער פאַרבּראַכט מיט קעלאַמען, דערציילט איר מעשהלעך, געזונגען. די פּערסיאַנערין האָט לאַנג ניט געקענט קומען צו די כּוחות פון דעם וועג, און פלעגט כּמעט ניט אַרויסגיין פון די רייכע צימערן, וואוהין דאָס לינד ווינטעלע פלעגט בּרענגען פון גאָרטן דעם דופט פון די רויזן און ליליעס.

וועלעדאַטע פאַרקערט פלעגט אַגאַנצן טאָג ניט געפינען זיך אין איר צימער. זי איז געוואָרן דאָס ליבלינג פונם גאַנצן הויז.

איר יוגנט־פריילעכקייט האָט געווירקט אָנשטעקנדיק אַפילו אויף מרימען. זי פלעגט אַרויסגיין פון איר שלאָפצימער, זיך זעצן אונטער דעם דאַך פון גאַלערע און מיט אַ שמייכל נאָכקוקן, ווי דידאָזיקע גרויסע קינדער לויפן איבערן גאָרטן, כאַפּן איינע די אַנדערע און פילן אָן מיט לוסט און לאַכן דעם אַרום. אָט לויפט צו דזשאַעל צו דער מאַמען, די באַקן רויטלען זיך פון צעהיצטקייט, אַ צעלעבטע לאָזט זי זיך אַראָפּ צו דער מאַמעס פיס. וועלעדאַטע, שווער אָטעמענדיק, לויפט אויך צו איר צו, זעצט זיך אַנידער אויף דער ערד און רעדט אַרויס אין אַנטציקונג:

— אַך, ווי ביי אייך איז דאָ גוט!

יוסף גנבעט זיך צו אַהינטער און באַשיט זי מיט אַ גאַנצן פּאַק בלומען.

וועלעדאַטע שפּרינגט אויף, גיט אַ טרייסל אירע שוואַרצע, וואונדערבאַרע האָר און לאָזט זיך אַוועק דעריאָגן יוספן, וועלכער איז אַנטלאָפן.

שלמה קומט אויך אַרויס פון זיין קאַבינעט און הייסט דערלאַנגען וויין און פרוכט.

— אפשר אויך אַ רוף טאָן זיריאַבן, — זאָגט וועלעדאַטע מיט פאַררויטלטע באַקן און פינקלענדיקע אייגן פון לויפן — זאָל ער אונז עפּעס זינגען.

און גלייך אַלע זאַלבעדריט — יוסף, דזשאַעל און וועלעדאַטע לאָזן זיך אַוועק אין די שטילע צימערן צו קעלאַמען און ברענגען קעלאַמען און זיריאַבן אין גאָרטן אַריין, וואו עס רוישן די פאָנטאַנען. אַלע צעזעצן זיך אַרום מרימען. פאַר קעלאַמען ברענגט מען אַ נידעריקן טאַבורעט. אַלע שטייען צו צו זיריאַבן ער זאָל זינגען. ניט גאָר גערן גייט ער אַוועק נאָך זיין האַרפע. פון אָנהייב גלייכגילטיק אָבער וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער צעגיסט זיך זיין שטים איבערן גאָרטן. די סאַמעטענע ווייכע קלאַנגען כאַפּט אונטער דאָס פאַרנאַכט־ווינטל און טראָגט זיי ווייט אַזעק צוזאַמען מיט דעם בלומען־דופט. פלעגט זיריאַב זינגען עפּעס אַ טרויעריקס, פלעגט מער פון אַלעמען זיין צופרידן מרים; אָבער אויב דאָס ליד פלעגט זיין אַ פריילעכס וועגן די העלדישקייט פון די אַראַבער, וועגן די הע־

ראָישע שלאַכטן, דאַן פּלעגט די יוגנט ווערן זייער אויפגעלעבּט —
און דער אָוונט פּלעגט זיך אָפּט ענדיקן מיט טעניץ. אַפּילו קעלאַם
פּלעגט ווערן פריילעך, צוקוקנדיק די אַלגעמיינע לוסטיקייט, און זי-
ריאַבּ פּלעגט זינגען אַ ליד נאָך אַ ליד, דאָ פול טרויער, דאָ פול
פרייד — און אַלע אַרום פּלעגן ווערן ווי באַצויבּערט פון זיין גע-
זאַנג.

XIV

קום לאָמיר באַקוקן די שטאָט, — האָט יוסף פאָרגעלייגט זיין נייעם פריינד. — היינט וועט זיין אַ גרויסער עולם צוליב דעם וואָס ס'איז אַ מאַרק.

זיי זיינען אַוועק. וועלעדאַטע און דזשאַעל האָבן אַרויסגעוואָרפן אויף זיך די שלייערס אַזוי, אַז ס'האָבן זיך בלויז געזען די אויגן אַליין.

דער ידישער קוואַרטאַל איז געווען לער און שטיל. אַלע סוחרים זיינען אַוועק אויפן הויפּט־מאַרק, וואו ס'פלעגן ווערן געשלאָסן די האַנדלס־אָפּמאַכן.

אָבער אָט האָבן זיך גענומען צו באַווייזן מענטשן. פונדערווייטנס האָט זיך געלאָזט הערן אַ טויבער גערויש פון שטימען. זיי זיינען צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואו ס'איז געווען אַ ווימפּל מענטשן, גלייך ווי דאָ וואָלט עפּעס פּאַסירט און אַלע איינוואוינער פון שטאָט זיינען זיך צונויפגעלאָפן קוקן אויפן וואונדער.

זיריאַב האָט אויף זיין לעבן אַזוינס ניט געזען. אַפילו אין תדמור איז ניט געווען אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקער עולם פון אַלע לענ־דער. דאָ זיינען געווען בעטלער, אַלטע זקנות, וואָס האָבן פאַרקויפט געשפּינס און דערביי געבעטלט נדבות, און רייכע סוחרים, איבער־הויפּט ידן און פּערסן, — און דער גאַנצער עולם האָט זיך געקאָכט און געשריען, זיך געאַמפּערט און געדונגען. מ'האָט זיך ניט גע־קענט אַדורכשלאָגן דורך דער מחנה. יוסף האָט דורכגעפירט זיינע פריינד ביים זייט, לעבן די אָפּענע קרעמלעך, וואו עס זיינען געזעסן הענדלער מיט פּרוכט און געפּראָרענעם וואַסער.

ס'איז געווען הייס, און זיי האָבן זיך מיט פאַרגעניגן אָנגע־טרונקען מיט דעם קרישטאָל־וואַסער און זיך געקויפט שמעקעדיקע פרוכט. פון דעם גערויש פון המון האָט זיך ביי די פרויען דער קאָפ גע‌דרייט.

— קומט ערגעץ אַנדערש, — האָט זיריאַב געזאָגט, — מיר פינטלט אין די אויגן פון דעם אַלעם.

— דאָרטן דאַכט זיך, איז שטילער, — האָט יוסף פאָרגעלייגט.

און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום מעטשעט.

אויפן וועג האָבן זיי געזען אַ גאַסן־טענצערין, וועלכע האָט געטאַנצט אויף אַן אויסגעשפּרייטן טעפעך. אָנגעקוקט די טענץ פון דער יונגער אַלמע, האָט זיריאַב געזאָגט יוספן, אַז זיי זאָלן בעסער גיין זען די מעטשעט, פון וועלכער ער האָט אַזויפיל געהערט.

בעת זיי זיינען צוגעקומען צו דער מעטשעט, האָבן זיי דערזען אויף אַ טעפעך אַ גרופּע מענטשן אין שוואַרצע מלבושים. זיי זיינען אויסגעקומען זיריאַבן זייער אויסטערליש.

— וואָס טוען זיי דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— אָט באַלד וועסטו זיי זען ערשט. דאָס זיינען פאַקירן, אַ געשיקט פאָלק! גרויסע קונצן־מאַכערס. וועסט באַלד זען!

מיט די רייד האָט יוסף צוגעפירט זיינע געסט צו דער מעטשעט. דזשאַעל און וועלעדאַטע זיינען געבליבן אויפן מאַרק און זיך אָנ־דערגעזעצט אונטער דעם שאָטן פון אַ הויכן פּלייט. לויט דעם מנהג, איז פרויען ניט געווען דערלויבט אַריינצוגיין אין טעמפּל. ביידע פרויען, לוסטיק פּלאַפּלענדיק, האָבן זיך גענומען צו די פרוכט און דערווייל ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון די פאַקירן, וואָס האָבן געפּרווט דעם שאַרף פון די גלייכע שווערדן, אַרויסגענומען שרעקלעכע שלאַנגען, מיט איין וואָרט זיך געגרייט צו דער פאָרשטעלונג. וועלעדאַטע האָט שטיל אַ געשריי געגעבן, דערזעענדיק דעם שרעקלעך לאַנגן שלאַנג, און זי האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן, אָבער דזשאַעל האָט זי איינ־געהאַלטן און באַרואיקט, אַז ס'איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווייל דער שלאַנג איז ניט געפערלעך.

דערווייל האָט יוסף אַריינגעפירט זיריאַבן אין טעמפּל און אים גענומען מיט התפעלות אויפקלערן און באַווייזן די וואונדערבאַרע

שיינקייט. דער שטאָטישער גערויש איז, ווי די ים-כוואַליע בײַם ברעג, געבליבן בײַ דעם שוועל פֿון טעמפּל. אינעווייניק אין טעמפּל איז געווען פֿייערלעך שטיל. מיט אַ געפּליסטער האָט יוסף גערעדט און באַוויזן די קאָסטבאַרע חפצים, געפֿירט זיריאַבן דורך אַ וואַלד פֿון מירמלנע קאָלאָנען, באַצירט מיט אַרקעס.

— גיב אַ בליק אַהער, — האָט ער אָנגעוויזן זיריאַבן, און זיריאַב האָט איבערגעלייענט אויפֿן וואַנט, אויף שוואַרצע מאַרמאָרנע טאָוולען די נעמען פֿון די ערשטע פֿיר קאַליפֿן. די ליכט האָט קוים אַדורכגעדרונגען אין דעמדאָזיקן שיינעם טעמפּל: די קליינע, הויכע פֿענסטער מיט די פֿילפֿאַרביקע גלעזלעך האָבן שוואַך באַלויכטן דעם דיל מיט מאָזאַיִק; רויטע און געלבע פֿלאַטערנדיקע שטראַלן אויף די ווענט-מאָלערײַ, אויף די גילדערנע קאַנדעליאַברעס, וואָס זײַנען אויף גילדערנע קייטן אַראָפּגעהאַנגען פֿון דער הייך פֿון די טונקעלע געוועלבן. די שיינקייט און די שטילקייט פֿון טעמפּל האָבן זיריאַבן טיף איבערראַשט. יוסף האָט, אַלס קינסטלער, זיך אַנטציקט מיט דער שיינקייט; זיריאַב האָט זיך געפֿילט ווי אַן עכט-גלויביקער מחמדאַנער און אַ געפֿיל פֿון ערעפֿורכט צו דעם הייליקן טעמפּל האָט אָנגעפֿילט זײַן גייסט.

— אָט דאָס איז דער קדשי-קדשים פֿון מײַן פֿאָלק! — האָט ער געטראַכט מיט אַנטציקונג און יראת-שמים.

שטיל זײַנען זיי געגאַנגען איבער די צעשפּרייטע טעפּעכער. זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו אַ נישע, וואו אויף אַ שוואַרץ מאַרמאָרנעם טאָוול האָבן געפֿינקלט, באַלויכטן פֿון לעמפּעלעך, גילדערנע אונטערשריפֿטן. דאָס זײַנען געווען פּסוקים פֿון קאָראַן. זיריאַב האָט געוואוסט, אַז דערדאָזיקער שוואַרצער טאָוול האָט אָנגעוויזן די ריכטונג, וואו ס'האָט זיך געפֿונען מעקאַ. יעדער מחמדאַנער גאַרט כאָטש איינמאָל אויף זײַן לעבן זײַן אין דער הייליקער שטאָט פֿון דעם נביא, און זיריאַב האָט זיך שטאַרק פֿאַרקלערט, צי אים וועט באַשערט זײַן דורכצומאַכן דידאָזיקע הייליקע נסיעה. די שטילקייט און די שיינקייט פֿון טעמפּל האָבן אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ טרוימערישער שטימונג.

פֿון דער הייך פֿון די מינאַרעטן האָט זיך דערהערט דאָס טרויעריקע רופֿן פֿון די מועדזינען, און זיריאַב האָט דערזען, ווי

דער עולם נעמט זיך קלייבן צום דאַווגען. ס'איז אַדורכגעגאַנגען אַן אַלטער מולאַ אין אַ גרינעם מלבוש און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די תּפילה.

זיריאַב האָט מיט אַ באַזונדערער פרייד אָנטייל גענומען אין דעם דאַווגען; ער איז געווען גליקלעך פילנדיק זיך פאַר אַ מיטגליד פון דעמדאָזיקן גרויסן פאַרזאַמלטן עולם. קיינמאָל האָט ער ניט געפילט אַזוי שטאַרק דאָס צוזאַמענגעבונדנקייט מיט זיין פאָלק.

יוסף האָט אויף אים געוואַרט ביים אַרויסגאַנג.

— גו, וואָס ווּעסטו זאָגן, — האָט ער געפרעגט, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דעם האַלב־טונקעלן טעמפל אויף דער ליכטי־קייט — שיין?

— אָ, זייער! — האָט זיריאַב געענטפערט און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ שטילער שיין. איך האָב נאָך אויף מיין לעבן ניט געזען אַ זאַך, וואָס זאָל מיך אַזוי איבעררעאַשן ווי דער וואונדערבאַרער טעמפל. אַזאַ הערלעכקייט האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו די פרויען, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט.

— ווייסט ניט, ווער איז דאָס דער פּאַרשוין? — האָט דזשאַעל געפרעגט איר ברודער און האָט זיך שעלמיש צעלאַכט.

יוסף האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם געלן פאַקיר און האָט זיך אויך צעלאַכט.

— שוין איינמאָל אַ פּאַרשוין! דאָס איז יחיה. אין דמשק האָט מען אים זייער ליב. איבערהויפּט דאָס פאָלק. ווי פלינק ער מאַכט זיינע קונצן! און נאָך בעסער רעדט ער און דערציילט. אפשר ווילן מיר אים היינט הערן. דער האַרון כאַפּט אָפט אַ גוטן חלק פון אים: ער טאַדלט אים, אויף וואָס די וועלט שטייט. רופט אים אָן פאַררעטער. אָט ווּעסטו באַלד זען און הערן, — האָט יוסף געזאָגט זיריאַבן, — ער רעדט זעלטן גוט! נאָר די שטים איז ביי אים אַ שוואַכע, מען דאַרף זיך שטעלן נעענטער.

אָבער אַרום די פאַקירן האָט זיך פאַרזאַמלט אַזאַ גרויסער עולם, אַז מ'האָט זיך ניט געקענט דורכשטופּן.

פון דעם אָרט, וואו זיריאַב מיט זיינע באַגלייטערס זיינען גע־שטאַנען, האָט מען געקענט זייער גוט זען אַלע קונצן.

די פאַקירן האָבן אַרויסגענומען פון די קוישן לאַנגע שלאַנגען און מיט אַ טרויעריקן געזאַנג האָבן זיי די שלאַנגען אַ־ומגעוויקלט אַרום זיך. די שלאַנגען האָבן זיך געהאָרכזאַם אונטערגעגעבן די פאַקירן און זיינען געבליבן ווי אָפּגעחלשט, אין דערזעלבער לאַגע, וואָס די פאַקירן האָבן זיי געלאָזט ליגן. די־אָזיקע פאָרשטעלונג האָט אַרויסגערופן ביים המון אויסגעשרייען פון התפעלות און שרעק. די פאַקירן האָבן אַראָפּגענומען פון זיך די שלאַנגען, אַ גלעט געטאָן זיי איבער די גלאַנציקע רוקנס און אַריינגעלייגט אין די קוישן. דער־נאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די קונצן מיט גלייכע שווערדן. די פאַקירן האָבן פאַרוואָרפן די קעפּ אויף הינטער און האָבן אַריינגעלאָזן אין האַלז דעם שאַרפן שפּיץ. דער שווערד איז אַריינגעגאַנגען כמעט ביזן הענטל. דער המון האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דעם גע־פערלעכן קונץ מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און ווען די פאַקירן האָבן בשורה אַרויסגענומען די שווערדן פון האַלז, האָט זיי באַגריסט אַן אַלגעמיינער אויסגעשריי פון התפעלות.

— מיך נעמט דורך אַ ציטער, — האָט וועלעדאַטע געזאָגט, בלייך ווערנדיק פון אויפרעגונג, — איך בעט דיך, זיריאַב, לאָמיר אַוועקגיין פונדאַנען.

זיריאַב האָט זי אָנגענומען פאַרן האַנט.

— באַרויאיק זיך, דאָס איז גאָרניט אַזוי געפערלעך, ווי עס דאַכט זיך, יעדן טאָג מאַכן זיי דעמזעלבן קונץ.

— זיי האָבן שוין געענדיקט, — האָט יוסף באַמערקט, — איצט הייבט זיך אָן דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע.

די פאַקירן האָבן דערווייליע אַנטבלויזט די שווערדן און אָנ־געהויבן אַ ווילדן טאַניץ. דאָס געווער האָט געפינקלט צווישן די טאַנצ־דיקע פיגורן זייערע, און מ'האָט זיך באַדאַרפט וואונדערן, ווי קיינער פון זיי איז ניט געוואָרן פאַרוואונדעט אין דעמדאָזיקן ווילדן דריידל. פון צייט־צו־צייט האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ משונהדיקן אויסגעשריי און זיך גענומען דרייען נאָך ווילדער. אייניקע פאַקירן זיינען, ענדלעך, אַנידערגעפאַלן אויפן טעפּעך, ווי געחלשטע. גרויסע טראָפּנס שוויים

האָט זיך געגאָסן פון זייערע פאַרמאַטערטע פּנימער. אָבער דריי פון זיי האָבן נאָך אַליץ ניט אויפגעהערט צו טאַנצן זייער ווילדן טאַנץ. צווישן די פאַקירן האָט זיך געפינען אויך יחיה. די שנעלקייט פון זיינע באַוועגונגען און זיין געשיקטקייט האָט ממש איבעראַשט. ער איז געווען דער ליבלינג פון פאָלק. און, דאָס ווינדיק, איז ער נאָך געוואָרן מער אָנגעצונדן און האָט איבערגעשטיגן אַלע זיינע חברים אין דעם ווילדן משונהדיקן דרייען זיך.

ענדלעך זיינען אויך די איבעריקע פאַקירן אַנידערגעפאַלן אויפן טעפּעך.

דער המון האָט זיך צעשטורעמט. אַסך האָבן זיך אַלאָז געטאָן צו זיי, געקושט זיי די הענט און דעם זוים פון זייערע מלבושים. די פאַקירן זיינען געלעגן אָן באַוועגונג. איפן מאַרק איז געשטאַנען אַזאַ גערודער מיט אַ טומל, אַז זוריאַב האָט שמייכלענדיק זיך פאַרשטאָפּט מיט די הענט די אויערן.

פּלוצלונג איז די באַרוישונג פון דעם המון איינגעשטילט געוואָרן. אַ טויטע שטילקייט האָט זיך צעלייגט איבערן מאַרק.

— וואָס איז געשען? — האָט זוריאַב געפרעגט.

— מסתמא, קלייבט זיך יחיה צוריידן פאַרן פאָלק, — האָט יוסף אים ערקלערט, — דאָס איז זייער אינטערעסאַנט. לאָמיר צוגיין נעענטער, פּונדאַנען וועלן מיר גאָרנישט הערן.

קוים האָבן זיי זיך אַדורכגעשטופּט דורך דעם המון. אין ווירקלעך האָט יחיה גערעדט צום פאָלק. ער אַליין איז געשטאַנען אויפן טעפּעך; די איבעריקע פאַקירן זיינען געלעגן בײַ זיינע פיס און זיינען אויסגעקומען ווי זיי וואָלטן געשלאָפן. יחיה האָט אַראָפּגענומען זיין היטל און האָט אָפּגעווישט מיטן טיכל דעם הויכן שטערן. זוריאַב האָט איצט אים גוט באַטראַכט. דאָס איז געווען אַ מאָגערער מענטש מיט קליינע אייגעלעך, וועלכע זיינען אומרויק אַרומגעלאָפן מיט אַן אויסדרוק פון שאַלקהאַפטיקייט און ווי מיט געמאַכטע עניוות. זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר אין די רויטע באָרד האָבן אים צוגעגעבן אַ ווילדן אויסזען. צו וועלכן פאָלק האָט געהערט אָט־דער דאָזיקער מענטש? עס האָט זיך ניט געלאָזט גלויבן, אַז ער איז געבוירן

געוואָרן אויף דרום. זיין פיגור, און זיין געזיכט האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ פרעמדער.

יחיהס שטים איז געווען אַזאַ שוואַכע, אַז זיריאַב האָט גאָרנישט געקענט הערן, וואָס ער האָט גערעדט.

— לאָמיר צוגיין נאָך נעענטער, — האָט ער שטיל געבעטן יוספן. מיט גרויסער אָנגעשטרענגטער מי האָבן זיי זיך אַדורכגעשטופּט ווייטער און זיך געשטעלט כמעט לעבן יחיהן.

יחיה האָט דערציילט דעם משל וועגן אָרקובן.*) די בייגעוועזענע האָבן אים צוגעהערט מיט גרויס כוונה.

— יאָ! — האָט יחיה אויסגעשריען און פלוצלונג איז זיין פנים פאַרענדערט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט און זיין פנים האָט אָנגענומען אַ הערשערישן און בייזן אויסדרוק, — יאָ! — האָט ער ווידער גערעדט, פאָכנדיק מיט זיין שווערד אַזוי, אַז די וואָס זיינען געשטאַנען פאָראויס האָבן ניט־ווילנדיק אָפּגעטראָטן פאַר שרעק אויף צוריק, — אַזוי אויך באַגייט זיך דער קאַליף מיט זיינע עכטגלויביקע איינוואוינער פון דמשק! וואו זיינען זיינע הבטחות? וואו זיינען זיינע צוזאָגן, אַז ער וועט פאַרקלענערן די שטייערן? ווי ערפילט ער זיין קייזערלעך וואָרט? שוין פינפטער יאָר ווי די שטייערן פאַרגרעסערן זיך אַלץ? וואו זיינען זיינע הבטחות, אַז ער וועט געבן דמשק באַזונדערע רעכט און פרייהייטן? ער האָט פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע שטאָט איז געווען די הויפּטשטאָט פון קיניגרייך, בעת זיין געליבטע שטאָט באַגדאַד איז נאָך געווען אַ קליינער ישוב! ער האָט פאַרגעסן, אַז די איינוואוינער פון דמשק געדענקען נאָך זייערע אַמאָליקע פרייהייט און וועלן ניט וועלן זיין

*) אַלאַ האָט געבענטשט אָרקובן, און ביי אים זיינען אויסגעוואַקסן אַ סך טייטלביימער. אָרקוב האָט צוגעזאָגט צו געבן זיין ברודער טייטלען: „קום, בעת ס׳וועלן אָנהייבן בליען די פאַלמען“. דער אָרעמער איז געקומען. „קום בעת ס׳וועלן צייטיק ווערן די פרוכט“. דער אָרעמער איז געקומען ווידער. „קום בעת איך וועל אויפזאַמלען די פרוכט“. ווען די טייטלען זיינען צייטיק געוואָרן, האָט אָרקוב זיי ביינאַכט אויפגעזאַמלט און זיי באַהאַלטן אין קעלער. אויף מאָרגן אינדערפרי קומט צו גיין דער ברודער. האָט אים אָרקוב געזאָגט, אַז גנבים האָבן אַרומגענומען די טייטלען. פון דאַנען שטאַמט: אָרקובס צוזאָג.

קיין קנעכט! די אַראַבער זיינען שטענדיק געווען פֿרייע זין פֿון זייער לאַנד!

יחיה האָט אַ פּינקל געטאָן מיט די אויגן און האָט זיך געווענדט צו דעם פּאַלאַץ פֿון דעם הערשער, דראָענדיק מיט דער האַנט:

— היט זיך, קאַליף, — האָט ער אויסגעשריען, — דו, אַ באַקרוינטער מיט מאַכט, וואָס האָט זיך דערהויבן צו דער הויכער מעכטיקייט! וואַרף אַוועק דיין שטאָלץ, דיין גאווה! מאַכט איז ענלעך צו אַ שטורעם, וואָס ענדערט זיין ריכטונג; דער גלאַנץ פֿון דיין גבורה איז ענלעך צו אַ בליץ, וואָס בלענדט און לעשט זיך אויס. ניט קוק אַראָפּ פֿון דיין טרוינשטול מיט פֿאַראַכטונג אויף דיין פֿאָלק! ניט זיי דער וואָלף, וואָס פֿאַרצוקט די טשערעדע! ווען ניט וועלן אויפֿגערייצטע מחנות אַרומרינגלען דעם שלאָס, און די גאַסן פֿון דמשק וועלן פֿאַרפֿלייצט ווערן מיט בלוט! היט זיך קאַליף, דו נאָכפֿאָלגער פֿון דעם גרויסן נביא, וואָס לאָזט פֿאַרגעסן די ווערטער פֿון קאָראַן וועגן חסד! היט זיך האַרון־אומגערעכטיקער!

שרעקלעך האָט אָפּגעקלונגען זיין הייזעריקע שטים אין דער טיפֿער שטילקייט אַרום. זיריאַב האָט זיך אומגעקוקט. יחיהס דראָאונגען האָבן אָנגעצונדן דעם המון. בייז און שטרענג האָבן געקוקט דידאָזיקע אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטויסן אַרום דעם טעפּעך. אייניקע האָבן זיך געכאַפּט פֿאַרן הענטל פֿון קינזשאַל, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך איין וואָרט פֿון פֿאַקיר — פֿול צאָרן און פֿייער — און דער גאַנצער המון וועט זיך אַ וואָרף טאָן אויפֿן פּאַלאַץ פֿון דעם הערשער, און דער אויפֿשטאַנד וועט אַרומכאַפּן די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד. יחיה איז אַנטשוויגן געוואָרן; אין זיין געשטאַלט איז געווען עטוואָס הערשנדיקעס און צוציענדיקעס, בעת ער האָט אַ שטופּ געגעבן די חברים זיינע מיטן פֿוס — און זיי געהייסן אויפֿשטיין.

דער המון האָט זיך מיט הילכיקע אויסגעשרייען אַ וואָרף געגעבן צו אים, קושנדיק דעם זוים פֿון זיינע קליידער.

— וואָס זאָגסטו, — האָט יוסף געפֿרעגט זיריאַבן, וועלכער האָט מיט גרויסער אויפֿרעגונג געקוקט אויף דעמדאָזיקן טשעקאַוון מענטשן. — קום, לאָמיר גיין, איצט איז שוין דאָ אַלץ געענדיקט.

— איך וואָלט וועלן מיט אים ווערן באַקאַנט, — האָט זיריאַב געזאָגט, בעת זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם המון. — ער איז אויך אַזאַ שונא דעם קאַליף, ווי איך. אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, דאַכט מיר, איז ריכטיק. משמעות, אַז ער אַליין האָט אויך פאַרזוכט די אונטערדריקונג פון דעם קאַליף!

— דו ווייסט, ער איז ניט קיין היגער, — האָט יוסף געענטפערט, — ער האָט זיך ניט לאַנג ביי אונז באַוויזן, און אין דער קורצער צייט איז ער געוואָרן דער ליבלינג פון פאָלק, איבערהויפּט פון די שלעפּערס, וואָס דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן פון דמשק גאָר ניט אין אַ קליינער צאָל. מען זאָגט, אַז ער איז פון פרס, און אַמאָל איז ער געוועזן אַ סוחר. איך האָב געהערט, אַז ער איז דעם קאַליפס אַ שפּיאָן און איז צוגעשיקט געוואָרן אַהער, אויסצושפּיאָנירן די שטימונג פון די דמשקער.

— אַזוי גאָר? מיר גלויבט זיך עפּעס ניט. ער האָט אים אַזוי אויפריכטיק געשטראָפט, האַרונען.

— דאָך איז עפּעס פאַרהאַן אַ פאַלשעס אין דעמדאָזיקן מענטשן. מיר איז ער ניט געפעלן, הגם, מען מוז מודה זיין, אַז ער דרשנט איבערצייגנדיק.

— איך וואָלט שטאַרק וועלן וויסן, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין מענטש, — האָט זיריאַב אַרויסגערעדט, — פאַר וועלכער אומרעכט וויל ער נקמה־נעמען? וואָס האָט אים געצוואונגען צו ריזיקירן מיטן לעבן און מיט זיין פרייהייט און ריידן עפנטלעך אַזעלכע זאַכן וועגן דעם קאַליף?

— ער ריזיקירט לחלוטין ניט, — האָט יוסף באַמערקט, — צי דען ווייסטו ניט, אַז די פאַקירן זיינען אומרירבאַר? זאָל נאָר דער הערשער אים וועלן פאַנגען! גלייך וואָלט אויפגעפלאַקערט אַן אויפשטאַנד. ניין, ער ריזיקירט מיט גאָרנישט.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו די פרויען, וואָס האָבן געוואַרט, און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

די זון האָט באַלויכטן מיט אירע לעצטע שטראַלן דעם איבערגעלעבטן עולם, .וועלכער האָט פאַרגעשטעלט אַ שיין בילד. אונטער דערדאָזיקער בלענדנד־העלער ליכטיקייט האָבן זיך ניט אַזוי געוואָרפן

אין די אויגן די אָפּגעטראָגענע מלבושים זייערע און די צעקנייטשטע טשאַלמען. אַלץ האָט געלויכטן מיט העלע פאַרבן, וואָס די דרום־זון האָט אין איר שקיעה צעגאָסן אַרום. מיט פורפור און בורשטין האָט אויפגעפלאַקערט דער הימל־געוועלב, עס האָט זיך צעשימערט דער עמאַל־דאַך פון דעם מעטשעט, ס'האָבן זיך צעצונטערט די שפּיצן פון די ווייסע מינאַרעטן; און באַלד האָט זיך די זון געזעצט הינטער דער רייע בערג פון דעם געלן אַנטי־לבנון און ס'האָט זיך צעשפּרייט דער קורצער בין־השמשות.

— ווי שיין איז דמשק! — האָט זיריאַב געזאָגט, בעת זיי זייַנען צוגעגאַנגען צו זייער הויז. — אויב ס'וועט דערביי זיין דער ווילן פון אַלאַ, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן דידאָזיקע שטאָט. און שענער פון אַלץ איז דער מעטשעט, — האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו יוספן מיט אַ פריינדלעכן שמייכל.

XV

ס'איז שוין אַריבער אַ חודש צייט, זינט זיריאַב האָט זיך באַזעצט מיט זיינע ווייבער בײַ פאַרעזין אין הויז.

וועלעדראַטע האָט זיך זייער גוט צוזאַמענגעלעבט מיט דער־דאָזיקער געזינד. מרים האָט אויף איר געקוקט ווי אויף אַן אייגן קינד, און האָט אָפּט אַ גאַנצן טאָג ניט אָפּגעלאָזט די פון איג, אַנקוועלנדיק פון איר שיינקייט און קלוגן שכל. יוסף און דזשאַעל האָבן זיך צו איר אויך זייער צוגעוויינט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואָלטן אָן איר גאָרניט געקענט זיך באַגיין. בעת וועלעדראַטע איז ניט געווען, איז זיי געווען אומעטיק און פוסט. צוזאַמען אָבער האָבן זיי זיך אַזוי לוסטיק געמאַכט — אַזוי גוט צוגעבראַכט. וועלע־דאַטע, ווי אַן עכטע טאָכטער פון מדבר, האָט געקענט זייער פיל לידער, מעשהלעך און רעטענישן, און ווי די באַרימטע שעכערע־זאַדע, האָט זי געקענט אָן אַ סוף דערציילן.

אַזוי איז אַריבער אַ גאַנצער חודש. און וואָס מער דאָס געזינד פאַרעזי האָט דערקענט די שיינע אַראַבערין — אַלץ שטאַרקער האָבן זיי זיך צו איר צוגעבונדן.

אָבער אין וועלעדראַטען אַליין איז פון אַ געוויסער צייט אָן פאָר־געקומען אַן ענדערונג, וואָס קיינער, אויסער דער עמפּינדלעכער מרימען, האָט ניט באַמערקט. נאָר זי איינע האָט געזען, וואָס עס קומט פאָר בײַ דער שטאָלצער וועלעדראַטען אין האַרצן, און האָט זי שטאַרק באַדויערט. אַלץ וואָס האָט געפּייניקט די אָרעמע אַראַבערין, האָט זיך גענומען פון דעם מחמדאַנישן לעבנס־שטייגער, און מרים האָט איר מיט גאָרנישט געקענט קומען צו הילף.

וועלעדאַטע האָט געזען, ווי זיריאַב איז געווען מיט די מחשבות איינגאַנצן פאַרנומען מיט קעלאַמען, האָט בלויז נאָר געטראַכט וועגן איר. כדי זי פריילעך צו מאַכן, האָט ער געקויפט אַלערליי צירונג און ווערטפולע זאַכן, איז שטאַנדיק ביי איר געזעסן און געזונגען איר זיינע לידער. מ'האָט געקענט מיינען, אַז ער איז געוואָרן איר קנעכט, און איר קלענסטער וואונטש איז ערפילט געוואָרן, ווי אַ געזעץ. וועלעדאַטע האָט געזען, אַז ער האָט כמעט ווי פאַרגעסן וועגן איר עקסיסטענץ, און אַ ברענענדיקער ווייטאָג, ווי אַ שאַרפער שפיז, האָט געשטאָכן איר האַרץ. די אַמאָליקע טעג, בעת זי איז געווען די איינציקע אָנגעטרויטע אין אַלע זיינע געדאַנקען, ווען ער האָט זיך שטענדיק געווענדט צו איר נאָך אַן עצה און זיך געטיילט מיט איר מיט יעדן ליד, מיט יעדן טרוים, — דידאָזיקע טעג, האָט זיך איר געדאַכט, זיינען פאַרשוואונדן אויף אייביק. שווער איז עס געווען איבערצוטראָגן דער שטאָלצער טאָכטער פון דעם רייכן שייך. אָבער זי האָט ניט אַרויסגעוויזן, ווי שווער זי ליידט פון אַזאַ גרינגשעצונג. זי איז געוואָרן נאָר שווייגנדיקער און ערנסטער, האָט זעלטןווען געלאַכט און זיך באַמיט צו בלייבן שטענדיק אַליין. איז אָבער געקומען דזשאַעל און האָט זי איינגערעדט גיין אַ ביסל זיך שפּילן אין גאָרטן; דאַן פלעגט וועלעדאַטע, ווי אויפגעוואַכט ווערן פון שלאָף, שפּילן און שטיפן מיט אירע יונגע פריינד; אירע שוואַרצע אויגן זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזוי אויסדריקלעך, איר שמייכל איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי דורכגענומען מיט אַזאַ פאַרבענקטער שיינקייט.

מרים האָט זי אַרומגענומען און, גלעטנדיק אירע וואונדערבאַרע האָר, האָט זי געזאָגט:

— קינד מיינס, זיי פריילעך וואָס מערער, דיר קליידט ניט צו זיין פאַרטראַכט.

וועלעדאַטע האָט געקושט מרימס צאַרטע, בלייכע האַנט, געהאָרכזאַם גענומען רייסן די בלומען צוזאַמען מיט דזשאַעלן און, פלעכטנדיק די קראַנצן, געטראַכט אַלץ פון דעם, וואָס עס האָט געדריקט איר האַרץ.

דערהויפּט האָט איר פאַרשאַפט פיל צער, וואָס זי האָט באַ-

מערקט, ווי ווייניק קעלאַם האָט געשעצט זיריאַבן, ווי ווייניק זי פאַרשטייט זיין פּאָעטישע נאַטור, בעת זי האָט צו אים געפילט אַזאַ יראת הכבוד, און לאָזט זיך אויס, אַז אַזאַ פּוסטע, לייכטזיניקע פרוי קלייבט אויס זיריאַב אָנשטאָט איר.

זיריאַב האָט זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף וועלעדאַטעס טרויער. פריער פון אַלץ האָט זיך אים געוואָלט באַרויִקן קעלאַמען, און צוליב דעם האָט ער זיך באַמיט נאָכצוגעבן אַלע אירע פאַרלאַנגען, וואָס אין אַן אַנדער צייט וואָלטן זיי ביי אים אַרויסגערופן אַ כּעסדיקן און בייזן וואָרט. ער האָט איר אָנגעקויפט פיל קליידער, פּערל, לייכטע שלייערס פון דינעם אינדישן באַטיסט, — ווען גראָד ער אַליין האָט ליב געהאַט איינפאַכע קליידונג. ער איז געווען צופרידן, ווען קעלאַם איז געווען אַ גאַנצן טאָג פריילעך פון דער מתנה. און ווירקלעך, האָט זי ביסלעכווייז גענומען פאַרגעסן אָן איר יינגעלע; האָט ווייניקער געוויינט אין געטרויערט, אַרומגערינגלט מיט צערטלעכקייט און זאָרג פון איר מאַן, אַ באַרויִקטע אין דער רייכער סביבה פון איר נייעם הויז.

נאָך אַנדערע געדאַנקען האָבן באַהערשט זיריאַבן. אָט שוין אַ חודש ווי זיי האָבן זיך געפונען ביי פאַרעזין אין הויז, און זיריאַב, וואָס האָט אַזוי געליבט פרייהייט, האָט זיך גענומען פילן באַדריקט פון זיין לאַגע. ער איז ניט געווען צוגעוויינט צו דערהאָזיקער סביבה. די גרויסע עשירות, דאָס לעבן צווישן די פרעמדע מענטשן, די נויטווענדיקייט שטענדיק זיין מיט זיי צוזאַמען, און איבערהויפּט דאָס, וואָס אים האָט גענומען דאַכטן, אַז ביי אים איז אויסגעטריקנט געוואָרן דער קוואַל פון לידער, — דאָס אַלץ האָט אים באַאומרויִקט און געפייניקט.

— ניט שוין־זשע האָב איך פאַרלאָרן מיין טאַלענט! — האָט ער געטראַכט מיט וויי, — איך זינג בלויז די אַלטע לידער. וויפל נייע איינדרוקן האָט אָנגעגריפן מיין נשמה — צי דען וועט זי זיך ניט אָפּרופן?

און זיריאַב האָט עפּעס ווי געפילט, אַז אין זיין נשמה יוירן נייע לידער, נייע געשטאַלטן, וואָס זיינען געווען אָנגעהויכט פון דער רייזע, — אָבער די אַלע קלאַנגען און געשטאַלטן זיינען געווען

ווי פאַרדעקט מיט אַ שווערן שטיין. און מיטאַמאָל האָט די דריקנדיקע שטימונג אַזוי אַרומגעכאַפּט דעם זינגער, אַז ער האָט באַשלאָסן איינגאַנצן זיך צו באַפרייען פון דעם אַלעם.

אָבער אַז ער האָט געזאָגט קעלאַמען וועגן זיין באַשלוס, האָט זי זיך באַגאָסן מיט הייסע טרערן און האָט געזאָגט:

— וואָס קלערסטו זיך! צי דען איז ביי דיר רעכט צו פאַרבייטן דידאָזיקע פירשטלעכע רייכקייט אויף דיין אָרימען ווינקל? דו ביסט דאָך גאָר פון זינען אַראָפּ.

ווי זיריאַב האָט ניט געוואָלט פאַרשאַפן קעלאַמען קיין עגמת־נפש, האָט ער דאָס מאָל איר זייער שאַרף געענטפערט, אַז ער וויל ניט נאָכגעבן אירע קאַפּריזן, און האָט באַשלאָסן גלייך זיך אַדורכצורײדן מיט פאַרעזין.

שלמה האָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אויסגעהערט זיריאַבן. אים איז געווען אָנגענעם אַזאַ באַשלוס.

— וועגן איין זאַך בעט איך דיר נאָר, — האָט פאַרעזי געזאָגט, — זיי מיין גאַסט דעם ערשטן טאָג נאָך אייער תּענית. איך וואָלט וועלן אויפרופן אַלע מיינע פריינד און באַקענען זיי מיט דיר.

זיריאַב האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען די איינלאַדונג.

נאָך אין דעמזעלבן טאָג האָט ער זיך געדונגען אַ קליין ווייס הייזל, כּמעט ביי די טויערן פון שטאָט, ווייט פון דעם יידישן קוואַרטאַל. דאָ האָט ער געהאָפט, וועט ער זיך קענען אַדורכלעבן מיט זיינע אייגענע מיטלען: אויף דעם געלט, וואָס ער האָט אָפּגעלייזט פאַר מאָסילים מתּנות; אויב לעבן באַשיידן, האָט אים דאָס געלט געקענט זיין גענוג אויף אַ יאָר צייט.

און זיריאַב האָט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט דערמאָנט זיין אַלטן לערער און האָט פאַרגליכן מאָסילים פּזרנות מיט שלמהס קאַרגשאַפט.

— יאָ, — האָט זיריאַב געטראַכט, — ניט אומזיסט פאַרנעמט זיך מאָסילי מיט מוזיק! די שיינע קונסט האָט אים פאַראיידלט, — שלמה וואָלט קיינעם קיינמאָל אין לעבן ניט באַשאָנקען אַזוי מיט מתּנות!

זיריאַבּס הייזל, איז געווען זייער ענלעך אויף דער וואוינונג אין באַגדאַד. הינטערן הויז האָבּן זיך געצויגן פעלדער און וועלדלעך, און גאָר פונדערווייטנס האָבּן זיך געהויבּן די שיפּועים פון אַנטי־לבנון. דאָ האָט מען געקענט זיך אָנזעטיקן מיט רו און פריי־הייט.

קעלאַם איז געווען אומצופרידן מיט דעם איבּערפאָרן און האָט עקשנותדיק געשוויגן, אַזוי אַז זיריאַבּ איז אויף איר בּייז געוואָרן און האָט איר אַרייַנגעזאָגט אַ סך שאַרפע ווערטער. וועלעדאַטע פאַר־קערט איז געווען זייער צופרידן. איר שטאָלצער גייסט איז געווען בּאַדריקט פון דעם געדאַנק, אַז פרעמדע מענטשן זעען צו איר צער, און הגם זי האָט זיך מיט לייבּ און לעבּן צוגעבּונדן צו מרימען, האָט זיך איר דאָך געוואָלט וואָס שנעלער זיך פאַרבּאַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, וואו זי זאָל שטילערהייט קענען אויסוויינען איר האַרץ.

XVI

דער רייכער גערוימער צימער איז געווען העל־באַלויכטן. פיל און פיל לאָמפּן האָבן געברענט אין די באַגילטע קאַנדעליאַברעס און איבער די ווענט און די געזימסן, און האָבן באַלויכטן די אָראַבעסקן, וואָס האָבן באַדעקט די ווענט און די סטעליע. אינמיטן צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער נידעריקער טיש. אויפן טיש האָבן אויך געברענט לאָמפּן, וואָס האָבן באַלויכטן די זילבערנע און גילדערנע כּלים, די קאָסטבאַרע בעכערס, די הויכע מעטאַלענע קריג. וואונדערבאַרע פּרוכט איז געלעגן אויף די קרישטאָלענע וואַזעס. ס'איז געווען חודש סיון, אָבער שלמה האָט שוין געהאַט מאַרעלן און פרישע טייטלען, פון דרום געבראַכט.

דער מאָלצייט ביי פּאַרעזין איז געגאַנגען אין פולן גאַנג.

די געסט זיינען געזעסן אויף די ווייכע דיוואַנען, האָבן זיך געקענט אַפילו צולייגן, אויב עמעצן וואָלט עס אויספאַלן אויפן געדאַנק. פאַר יעדער גאַסט איז געשטאַנען אַ יונגער קנעכט מיט אַ זילבערנעם קרוג און אַ בעכער אויף צו וואַשן די הענט. אין יענער צייט האָט מען נאָך ניט געוואוסט ווי צו געברויכן מעסער און גאָפּל, און די געסט האָבן גענומען מיט די הענט שטיקער געבראָטענע פלייש און געפליגל.

יעדער ווילע האָט מען געבראַכט נייע מאכלים, אַלץ אַנדערע ווינען האָבן אָנגעגאָסן די קנעכט, געבנדיק אַכטונג אויף יעדער אויסגעליידיקטן בעכער. אין דער שמועס פון די געסט, פון אָנהייב אַן אָפּיציעלער און אַ ערנסטער, איז אויפגעלעבט געוואָרן: ס'האָבן געקלונגען געלעכטער און וויץ.

דער באַלעבאָס אַליין האָט כמעט ניט געגעסן און זיך אפילו ניט צוגעזעצט. אויפמערקזאַם האָט ער אַכטונג געגעבן אויף די דינער, אָנווייזנדיק אויף די פוסטע בעכערס, פאַראָרדנט מען זאָל דערלאַנגען ספּאַרזשע, פּאַזימקעס, געפרוירענעם שוימענדיקן ווײַן.

זײַן מאַעסטעטישע פיגור אין די מיט גאָלד אויסגענייטע טײַערע מלבושים האָט זיך לאַנגזאַם געעסקט אַרום טיש.

פון צײַט צו צײַט פלעגט שלמה פאַרעזי אַרײַנגײן אין דעם דער־בײַאיקן צימער, וואו עס זײַנען געווען זײַן פרוי מיט אירע געסט. אויך אין די פרויען־חדרים איז די סעודה געווען פונקט אַזוי רײַך, אויך אַזוי גרויסאַרטיק זײַנען געווען געדעקט די טישן, אָבער מרים האָט זיך ניט געעסקט וועגן מכבד זײַן די געסט און איז זאָרגלאָז געלעגן אויפן דיוואַן אין גרינעם קלייד, באַפּוצט מיט קאָסטבאַרע שטיינער. אַרום איר זײַנען געזעסן די פרויען פון גרויסע יידישע סוחרים, אַזוי אַז דער געשפּרעך איז געווען געפירט אויף העבּרעאיש, און קעלאַם און װעלעדאַטע האָבן זיך געלאַנגווײליקט, געזעסן פונדער־ווײַטן און ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס מען רעדט. קעלאַם האָט מיט נײַגעריקײַט באַטראַכט די טײַערע מלבושים פון די יידישע פרויען; דער גרויסער לוקסוס האָט איר איבּעררַאַשט. דאַקעגן װעלעדאַטען האָט דערדאָזיקער לוקסוס געדריקט. איר איז געווען ניט אָנגענעם צו זען, ווי די רײַכע יידישע פרויען פײַנען זיך אײנע פאַר די אַנדערע; ווי ווייניק זי האָט ניט פאַרשטאַנען אויף העבּרעאיש, האָט זי פון אײנציקע ווערטער זיך אָנגעשטויסן, אַז מען האָט געשמועסט וועגן קליידער און געלט. אומזיסט האָט מרים אייניקע מאָל געוועסט אָנ־געהויבן ריידן אַראַביש; די יידישע דאַמען האָבן אָבער ליבער גע־רעדט אויף זייער מאַמע־לשון, און ווידער זיך אומגעקערט צו זייער געשפּרעך.

װעלעדאַטע האָט זיך אָפּגערוקט פון דעמדאָזיקן קרײַז, וואָס איז איר געווען פרעמד און האָט געווענדט איר בליק אויף דעם דערבײַאיקן זאַל, פונוואַנען זי האָט געקענט זען די גאַנצע רייען געסט בײַם טיש, האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך פון די מאַנסביל און האָט געוואָלט אויסכאַפּן זיריאַבס שטים. אָבער אין דעם אַלגעמײנעם טעמפּן גערויש פון די אַלע קולות, צווישן דעם

געקלאַנג פון די זילבערנע געשיר, האָט דעם דיכטערס איינגעהאַלטענע שטים ניט געקענט דערגרייכן צו דער יונגער פרוי.

שלמה האָט זיך אומגעקערט אין גרויסן זאַל. דער מאָלצייט האָט זיך שוין באַדאַרפט ענדיקן. אויפן טיש זיינען געשטאַנען קאָנפיטורן, דעליקאַטעסן און פרוכט. גאַנצע בערג פאָזימקעס האָבן זיך גערויטלט אויף די קרישטאָלענע וואַזעס.

די געסט, אָנגעלענט אויף די ווייכע קישנס, האָבן געפירט אַ לעבהאַפטן שמועס.

די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט ביי פאַרעזין, איז געווען גאָר אַ געקליבענע. דאָ זיינען געווען אָדער רייכע יידישע סוחרים, אָדער באַרימטע געלערנטע און קינסטלער. זיריאַבן האָט מען אַנידערגעזעצט לעבן די קינסטלער. דאָ איז אויך געזעסן יוסף, וואָס האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מ'האָט באַדאַרפט אונטערהעלפן דעם פאָטער אויפנעמען די געסט. ער האָט גאָרניט באַמערקט זיינע שטרענגע בליקן און האָט מיט ברייט אויפגעעפנטע ברענענדיקע אויגן געהערט דעם גריכישן אַרכיטעקטאָר פאָרטעניאָסן; ער האָט ערקלערט זיריאַבן דעם פלאַן פון דעם אַטענישן אַקראָפאָל און האָט מיט אַנטציקונג פאָרגעשטעלט דאָס בילד פון זיין היימאַט-שטאָט.

זיריאַב האָט זיך געפילט ניט פריי אין אַזאַ געהויבענער געזעלשאַפט און האָט גערעדט ווייניק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז שלמה פאַרעזי האָט איינגעלאַדן די אַלע לייט צוליב אים, און דאָך האָט ער בשום אופן זיך ניט געקענט איינשליסן אין דער אַלגעמיינער אויפלעבונג. שפעטער, איז ניט קוקנדיק אויף זיין שעמעוודיקייט, האָט ער זיך אַ ביסל אַרומגעקוקט. יוסף האָט שטילערהייט אים אָנגערופן די נעמען פון די געסט. עס זיינען געווען אַ מאַן צוואָנציק. אויף דער אַנדער זייט טיש זיינען געזעסן יידן אין טייערע מלבושים. זיריאַב האָט זיך איינגעקוקט אין זייערע פנימער, אָבער קיין איינער האָט אים ניט דערמאָנט זיין אַלטן לערער — יצחק מאָסילין. כמעט אַלע סוחרים זיינען געווען נאָך גאָר יונגעלייט, מיט שוואַרצע אָדער געלע בערד מיט לויפנדיקע אויגן, און ווי זיריאַבן האָט אויסגעוויזן, מיט קאַלטע בליקן. זיריאַבן האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע יידן זיינען נאָר מסוגל צו טראַכטן וועגן געלט און רייכקייט, אָבער ער

האָט זיך טועה געווען. צווישן זיי זיינען געווען גרויסע מבינים אויף קונסט, אַנדערע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס למדות און וויסן און מאַנכע פון זיי זיינען אויסן געווען כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט און האָבן זיך אינטערעסירט מיטן לעבן פון פאַרשיידענע פעלקער. די יידן פון דמשק זיינען געווען געבילדעט און פילזייטיק. איבערהויפט דער אַלטער אַהרן, וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריקגעקערט פון דער באַרבאַרישער איראָפּע, האָט געשמט מיט זיין טיפן שכל און גרויסן וויסן. זייער שמועס האָט זיך ווירקלעך פון אָנהייב געהאַלטן וועגן מסחר: דער גאַנצער מסחר פון שטאָט איז געלעגן אין זייערע הענט.

ווייטער האָט זיריאַב באַטראַכט דעם גובערנאַטאָר פון דמשק; ער איז געזעסן איבנאָן. צו אים האָט זיך מערסטנס געווענדט פאַרעזים געסט. דאָס איז געווען אַן אַראַבער מיט אַ שטאָלץ און שטרענג געזיכט; הינטער זיין גאַרטל האָט געפינקלט קאָסטבאַרע געווערמעסערס און קינזשאַלן פון דער באַרימטער דמשקער אויסאַרבעטונג. ער האָט געפירט אַ לעבהאַפטן שמועס מיט זיין שכן, מיט דעם געלערנטן מאָאַדזשיר. זיי האָבן דערמאָנט די געשיכטע פון די ערשטע קאַליפן, בעת די אַראַבער האָבן איינגענומען אַ האַלבע וועלט.

ווייטער זיינען אויך אָנגעלענט געזעסן אַראַבער, איינער פון זיי, איינגאַנצן אַ גרייז־גרויער — איז געווען דער דיכטער אַטאַיע, דער ליבלינג פון גאַנץ דמשק, דער צווייטער, אַ רירעוודיקער און אַ רעדעוודיקער, איז געווען דער באַרימטער דאָקטאָר. ווייטער זיינען נאָך ביי דער אַנדער זייט טיש געזעסן צוויי פערסיאַנער סוחרים, מיט וועלכע שלמה האָט געהאַט געשעפטן, דער עלטסטער מולאַ פון פון דמשקער מעטשעט, אַ גאַסט אַ מצרי — אַ געלערנטער פון אַלעקסאַנדריע און, ענדלעך, דער שיינער עלעגאַנטער גריך, פּאָרטעניאָס, — מיט מאַנירן פון אַ וועלטלעכן מאַן, אַ פראַנט און אַ וויצלינג. ער האָט שוין פון איניקע יאָר געלעבט אין דמשק און האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אייגענעם מענטשן.

ווען שלמה איז צוריקגעקומען אין זאַל, איז דער שמועס,

וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן דעם גובערנאַטאָר און מאָאַדזשירן, געוואָרן אַן אַלגעמיינער.

— ווי זאָל מען ניט אָנערקענען די אַראַבישע חריפותדיקייט איבער די איבעריקע פעלקער! — האָט זיך געהיצט דער הערשער פון דמשק, ווענדנדיק זיך צו דעם אַלטן אהרנען, וואָס האָט ניט געוואָלט מיט אים מסכים זיין. — דערמאָנט נאָר די געשיכטע פון אונזערע עראָבערונגען. וואָס זיינען פריער געווען די אַלע לענדער, וואו מיר זעען איצט אַזויפיל לעבן, רייכקייט און מעכטיקייט? וואו וועט איר געפינען נאָך אַזאַ מוסטערהאַפטן חייל, אַזוינע גרויסע קריג־פירער, ווי אונזער אָמאַר, אָדער אַמרו, און אַפילו אַלי? וואו האָט איר געהערט וועגן אַזעלכע אומצאָליקע אַרמייען, באַגייסטערטע מיט הייסן גלויבן, זאָגט? — און ער האָט געוואָרפן אויף דער פאַרזאַמלונג אַ פינקלענדיקן שטאָלצן בליק.

אַהרן האָט אַ שמייכל געגעבן גלעטנדיק זיין לאַנגע גרויע באָרד, אָבער ער האָט געשוויגן.

אין שמועס האָט זיך אַריינגעמישט איינער אַ פערסער.

— די העלדנטאַטן פון פערסישן פאָלק זיינען ניט ווייניקער רומפול, חשובער מוטאַסים. צי דען האָסטו ניט געהערט וועגן די העלדנטאַטן פון אונזערע אוראַלטע קיסרים, דעם גרויסן כורש אונזערן, פאַר וועלכן ס'האָט געציטערט די גאַנצע וועלט? און וועגן דעם מלך קאַמביז? צי דען האָט ער ניט איינגענומען מצרים? ניין, ווי לאַנג עס וועט שטיין די וועלט, וועט זייער רום בלייבן לעבן אין די קומענדיקע דורות! איך האַלט זיך ביי מיינס, אַז די פערסן זיינען דאָס בעסטע, און דאָס אויסדערוויילטסטע פאָלק אין דער וועלט!

— דאָך זייט איר איצט באַזיגט פון די אַראַבער, — האָט מיט חוזק געענטפערט דער געלערנטער מאָאַדזשיר.

דער פערסער איז בייז געוואָרן און געווען גרייט אים אָפּצוענטפערן, אָבער אים האָט איבערגעשלאָגן דער געלערנטער מצרי, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און איז געווען פאַרנומען אויסשליסלעך מיט זיין סעודה. ער האָט אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַן אויסגעליידיקטן בעכער און געזאָגט:

— אויב ס'איז שוין אַוועק אַ דיספּוט וועגן דעם, ווער איז דער גרעסטער פון די פעלקער, מוז איך ערקלערן דער חשובער געזעלשאַפט, אַז מצרים האָט עקסיסטירט אַ סך פריער, ווי די מלוכה פון די אַראַבער און פערסן. מיר ציילן דרייסיק דינאַסטיעס פון מלכים, און אַליין דער געלערנטער פּריסטער מאַנעטאָן מיינט...

— אַלץ-איינס, וואָס עס זאָל ניט מיינען אייער פּריסטער מאַנעטאָן, — האָט אויסגעשריען דער אַראַבישער דאָקטאָר, — ווייס איך נאָר איינס, אַז די אוראַלטע מצרים זיינען געווען זייער נאַריש; זיי האָבן ניט געקענט הנאה האָבן פון לעבן, ווי עס דאַרף צו זיין. ביי זיי איז דאָך געווען אַ מנהג צו ברענגען אין זייערע זאַלן אויף די שמחות אַ מומיע-געמעל, כדי צו דערמאָנען וועגן טויט.

— אין דעם איז געלעגן אַ טיפער זין, — האָט דער מצרי געזאָגט.

— אָבער צי דען קען מען צוזאַמענמישן טיפזיניקייט מיט פאַרגעניגן! — האָט באַמערקט דער דאָקטאָר, לאַכנדיק — צי דען עסן מיר מאַרעלן מיט זאַלץ? און זאַלץ איז דאָך אַ זעלטענער מאכל. וואָס וועט איר וועגן דעם זאָגן, חשובער פריינד? — האָט ער זיך געווענדט מיט לאַכעדיקע אויגן צו פּאַרטעניאָסן, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים.

— איך בין מיט דיר אינגאַנצן איינפאַרשטאַנדן, — האָט פּאַרטעניאָס שמייכלענדיק געענטפערט, — ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין בעסערע לערע, ווי די לערע פון עפּיקורן, אונזער גרויסן פילאָסאָף. און איך זאָג אייך נאָך אים: זאָל לעבן דאָס פאַרגעניגן! נידער מיט די טרויעריקייט און דאגות! אָבער עפּיקור איז געווען אַ גריך, און איך מוז אויפהייבן די שטים צו באַשיצן מיין פאָטערלאַנד. ווער האָט באַזיגט די פערסן? די גריכן. ווער האָט גענומען ביי די מצרים זייער גאַנצע חכמה און האָט עס איינגעפלאַנצט אויף דעם היימישן באָדן? די גריכן. ווער האָט איבערגענומען דעם האַנדל פון די פיניקיער? די גריכן. וואו איז געווען דאָס לעבן הערלעכער, שענער און פרייער, אויב ניט אין דער וואונדערבאַרער אַטען.

— אָבער פון אַטען זיינען איבערגעבליבן בלויז רואינען, — האָט דער הערשער פון דמשק באַמערקט.

— זאָל זיין, מיין לאַנד איז איצט חרוב, ס'איז אמת, געערטער מוטאַסים, עס קען אינגאַנצן פאַרלאָרן גיין, אָבער קיינמאָל וועט ניט פאַרלאָרן גיין דער העלער געדאַנק און די רייכע פאַנטאַזיע פון גריכנלאַנד. ס'איז אייביק, ווי די אייביקע געטער פון אָלימפּ, און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין אַ קריסט, האָב איך ליב די דאָזיקע הערלעכע מאַרמאָרנע געטער, וועלכע שיינען אין זייער אומפאַרגלייכלעכער שיינקייט אויף די פּלעצער פון אַטען...

— מיט צעקלאַפּטע נעזער, — האָט אַריינגעזאָגט דער דאָקטאָר.

— יאָ, מיט צעקלאַפּטע נעזער, מיין חשובער פריינד, און דאָך לויכטן זיי מיט אומשטערבלעכקייט, וואָס מיר וועלן מיט אונזערע גאַנצע נעזער קיינמאָל ניט דערגרייכן.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— דער שמועס האָט עטוואָס אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג, — האָט געזאָגט אַהרן מיט אַ רואיקער שטים, גלעטנדיק זיין גרוי-ווערנדיקע באָרד. אויב עס האַנדלט זיך איצט ניט וועגן מיליטערישע העלדנטאַטן, נאָר וועגן די העלדנטאַטן פון געדאַנק, דאַרף איך זיך אויך אָננעמען פאַר מיין פאָלק. איך רעכן, אַז אַלע וועלן זיין מיט מיר איינשטימיק, אויב איך וועל זאָגן, אַז די גבורות פון געדאַנק זיינען גרעסער — ווי די גבורות פון געווער.

— „די טינט פון דער וויסנשאַפט איז טייערער פאַרן בלוט פון די קדושים", זאָגט אונזערער אַן אַראַבישער שפּריכוואָרט, — האָט מאַאַדזשיר שמייכלענדיק באַמערקט.

— איך בין ניט מסכים מיט דעם נאַרישן שפּריכוואָרט, — האָט דער הערשער פון דמשק היציק זיך אַריינגעמישט.

— און איך אויך ניט, — האָט דער פּערסער זיך אַריינגעמישט, וואָס האָט פאַרטיידיקט די גרויסקייט פון כורשן.

— אפשר זיינען די איבעריקע מיט מיר יאָ מסכים? — האָט זיך אַהרן רואיק געווענדט צו די איבעריקע געסט.

— מסכים, מסכים, — האָט די מערהייט אונטערגעכאַפּט, און פּאַרטעניאַס האָט גענומען אַ כוס מיט וויין, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: — זאָל לעבן דער הערשנדיקער געדאַנק!

אַהרן האָט צוגעוואַרט ביז אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט:

— אַלזאָ, אויב די געערטע געזעלשאַפט איז מיט מיר איינ־שטימיק, וועל איך זאָגן, אַז די יעניקע פעלקער שטייען העכער, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות גרויסע גע־דאַנקען. אונזער פאָלק איז פון אַמאָל אויסגעוויילט געווען אויף דידאָזיקע גרויסע שליחות. אַלעמען פון אייך איז, געוויס, באַקאַנט אונזערע הייליקע ספרים, וואָס זיינען אַדורכגעדרונגען מיט דעם געט־לעכן געדאַנק. אונזער אומה האָט צווישן אַלע אומגליקן און אונ־טערדריקונג אָפּגעהיט דעם גלויבן אין דעם איינציקן גאָט, וואָס אויך איר, מחמדאַנער, גלויבט אין אים, אָנרופנדיק אים אַלאַ, און אויך דו, פּאַרטעניאָס, גלויבסט לויט קריסטוסעס לערע.

אין האַרצן זיינען אַלע געווען איינשטימיק מיט אַהרנס קלוגער רעדע, אָבער דער ווין און די וואַרעמע לופט האָבן צעהיצט די געסט — און דער הערשער פון דמשק האָט ווידער זיך גענומען צו דערווייזן די קראַפט און די באַדייטונג פון געווער.

— בלויז מלחמה גיט אַ געלעגנהייט אַרויסצווייזן גרויסע העלדנ־טאַטן! וואו וועט מען געפינען אַזויפיל ביישפילן פון מסירות־נפש, מוטיקייט, העלדישן טויט? ווער קען זיין חשובער פאַר אַ מיליטערמאַן?

— אַ געלערנטער, — האָט מאַאַדזשיר שמייכלענדיק באַמערקט.

— אַ קינסטלער, — האָט פּאַרטעניאָס אים איבערגעשלאָגן.

— פשוט אַ וואָרהאַפטיקער מענטש, — האָט זיך איינער פון די יידישע סוחרים אַריינגעמישט.

— פריער פון אַלץ, אַ פרייער מענטש, — האָט זיך דערהערט זיריאַבס קלינגענדיקע שטים, און ניט ווילנדיק האָבן אַלע געווענדט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף זיריאַבן, וועלכער איז ביזאַהער געזעסן און שווייגנדיק צוגעהערט דעם דיספוט.

ער איז רויט געוואָרן, דערפילנדיק אויף זיך די בליקן פון די קלוגע און באַרימטע לייט, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים, און שווייגנדיק אַ ווילע, האָט ער זיך באַלד באַהערשט און האָט ווידער אָנגעהויבן:

— אויך איך, געוויס, האַלט פאַר מיין פאָטערלאַנד און באַשיץ מיין פאָלק, גלייך ווי דו, מעכטיקער מוטאַסים, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם הערשער פון דמשק. — אָבער מיין באַשיץ איז געגרינדעט אויף עפּעס אַנדערש. די העלדנטאַטן פון געווער זיינען גרויס — ניטאָ וואָס צו ריידן, אָבער אויב דאָס חייל באַשטייט פון מענטשן, וואָס זיינען אויס צוואַנג געוואָרן מיליטער-לייט? און מיר ווייסן דאָך, אַז מערסטנטייל איז דאָס חייל צוזאַמענגעשטעלט פון געדונגענע — דאָס הייסט פון קנעכט.

און ס'איז אַ קליינער כבוד צו רעגירן איבער אַזאַ חייל! הערלעך זיינען די טאַטן פון געדאַנק, זאָג איך אייך. וואָס וואָלט געוואָרן מיט אונזער וועלט, ווען די מענטשן וואָלטן אויפגעהערט צו דענקען? אָבער אויף וויפל מיר איז באַקאַנט האָט זיך נאָר אַ קליין הייפעלע פון די בירגער פאַרנומען זיך מיט דערדאָזיקער איידעלער מלאָכה. די איבעריקע זיינען געווען קנעכט און אויף זיי איז אויסגעפאַלן די גאַנצע שווערע אַרבעט, און זיי זיינען ניט צוגעלאָזט געוואָרן אין דעם קרייז פון די אויסדערוויילטע. דו האָסט פאַרטיידיקט די מצרישע חכמה, — האָט זיך זיריאַב געווענדט צו דעם מצרי. — אָבער די מצרים האָבן זיך דאָך אויך באַנוצט מיט דער אַרבעט פון די קנעכט, און די אָרעמע יידן — אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָבן זיך געפייניקט אונטער דער שווערער אַרבעט, וואָס אייערע אָבות האָבן אויסגעטראַכט פאַר זיי. כבוד און רום מיין פרייען פאָטערלאַנד, — האָט זיריאַב אויסגעשריען, אַ באַגייסטערטער פון דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט.

הונדערטער אַראַבער, די פרייע זין פון מדבר, האָבן קיינמאָל ניט געהערט נאָענט לעבן זייערע געצעלטן דאָס טראַמפּלען פון אַ פרעמדן פערד. אמת, אונזערע געצעלטן זיינען אָרעם, דורך זייערע לעכער קוקט אַריין דער אויסגעשטערנטער הימל, אָבער וואָס דאַרף נאָך דער אַראַבער, ווען ער האָט שוין די שענסטע מתנה — די פרייהייט? ער איז פריי, ווי דער פויגל, ווי דער ווינט פון די מדבריות, ווי דאָס ליד, וואָס זינגט אין דיכטערס ברוסט. זיין לעבן איז שטרענג און אָרעם, אָבער עס האָט ניט אָפּגעטויט אין אים דעם פייער פון

פּאָעזיע, ניט דעם פרייען שוואונג פון געדאַנק. ווען אונזער גרויסער נביא האָט אויפגעזאַמלט אינאיינעם די צעזייטע און צעשפּרייטע אַראַבישע שבטים און האָט זיי באַגייסטערט מיט זיין ברענענדיקן וואָרט, האָבן זיי זיך גלייך דערהויבן איבער אַלע פעלקער, וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט און זיי האָבן באַזיגט די גאַנצע וועלט.

— אַלזאָ, שטייסטו פאַר מלחמה? — האָט אים דער פּערסיאַנער איבערגעריסן.

— ניין, איך שטיי ניט פאַר מלחמה. איך האָב פיינט רויב און געוואַלט, וואָס באַגלייטן מלחמה. אָבער די אַראַבער — אויף וויפל איך געדענק — האָבן זיך ניט באַגאַנגען ווי אַלע אַנדערע באַזיגער. די אַראַבער זיינען געקומען אין פרעמדע לענדער ניט צו אונטערדריקן, נאָר באַפרייען פון יאָך, און אומעטום מיט זיך געבראַכט דאָס ליכט פון וויסנשאַפט און קונסט.

זיריאַב איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זיריאַבס היציקע און אומגעריכטע דרשה האָט אויסגענומען ביי די געסט פון בן־פּאַרעז.

— אויסגעצייכנט! — האָט דער הערשער פון דמשק אויסגערופן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— מ'קען מיט דיר ניט זיין איינשטימיק, ליבער פריינד, — האָט אַהרן געזאָגט שמייכלענדיק, — אָבער ס'איז דערפון גערדרונגען, אַז דו האָסט ליב דיין פאָטערלאַנד.

— איך בין אַ זון פון פאָטערלאַנד, — האָט זיריאַב געענטפערט.

— אַפילו די געטער פון אָלימפּ ווערן בלייך אַנטקעגן דיר, — האָט פּאַרטעניאָס פריינדלעך געזאָגט, — איך שווער דיר ביי יופּיטער, דו ביסט נאָר־וואָס געווען אַזוי ענלעך אויף אַפּאָלאָגען פון בעלוועדער, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך געבעטן ביי דיר אַן ערלויבעניש אַראָפּצונעמען פון דיר אַ בילד.

שלמה בן־פּאַרעז האָט מיט הנאה זיך צוגעהערט צו דעם לעבעדיקן שמועס.

ער האָט זיך דערפֿרייט, וואָס זיריאַב האָט ענדלעך געגומען אָנ־טייל אין דעם שמועס און האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿון אַזאַ גוטער זייט.

דער מצרי האָט געוועסט געוואָלט אָפּענטפֿערן זיריאַבן, אָבער שלמה האָט אים איבערגעריסן, זאָגנדיק:

— מיין באַרימטער גאַסט באַזינגט אָפֿטער פֿון אַלץ אין זיינע לידער די סטעפּעס פֿון זיין היים. אפֿשר וועסטו פֿאַרזיסן אונזער געהער מיט דיינס אַ ליד?

זיריאַב האָט ניט געוואָלט זינגען, אָבער ער האָט פֿאַראויסגעזען, אַז אים וועט אויסקומען צו באַווייזן זיין קונסט די געסט, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן צוליב אים. מיט אַ העפֿלעכן שמייכל האָט ער אַרויסגענומען בײַם קנעכט פֿון האַנט זיין האַרפֿע און צו־גייענדיק צו דער טיר פֿון זאַל, פֿונוואַנען מען האָט געקענט זען דעם גאָרטן, אַ באַשטראַלטן פֿון דער לבנה, האָט ער זיך אָנגע־לענט אָן אַ קאָלאָנע און האָט אָנגעהויבן זינגען אַ ליד פֿון זיין וויטן היימלאַנד.

— ניט אומזיסט האָט האַרון־אַל־ראַשיד געוואָלט אים האָבן בײַ זיך אין הויף, — האָט אַ טראַכט געטאָן יעדער איינער פֿון שלמהס געסט, הערנדיק די ריינע און אויסדרוקפֿולע טענער פֿון דעם זינגער.

— אַ צויבערער! — האָט פֿאַרטעניאָס געפּליסטערט, באַוואונ־דערנדיק זיריאַבס שלאַנקע פֿיגור, וואָס זיין ווייסער מלבוש האָט זיך אַזוי שיין אויסגעטיילט אויף דעם שוואַרצן פֿאָן.

און ווי שטענדיק פֿלעגט טרעפֿן, האָט זיריאַב פֿאַרגעסן אָן זיינע צוהערער, אָנרירנדיק די קלינגענדיקע סטרונעס פֿון האַרפֿע; זיין ליד האָט געפֿלאָסן אין ברייטע, פֿרייע פֿאַליעס, דערפֿרישנדיק די צוהערער, דערהויבנדיק די געדאַנקען און מאַכנדיק ווייכער די הערצער. מ'האָט אים ניט באַדאַרפֿט בעטן. נאָך דעם ערשטן ליד — איז געזונגען געוואָרן אַ צווייטס, און אַ דריטס, דאָ אַ פֿריילעכס, דאָ אַ או־מעטיקס, דאָ מעכטיקס און אַ דערהויבנס.

די פֿרויען זיינען צוגעגאַנגען צו די טירן פֿון זייער צימער צו הערן זיין געזאַנג, און ווען שפּעט ביינאַכט האָבן די געסט זיך צעזעגנט מיט דעם גאַסטפֿריינדלעכן באַלעבאָס און זיך צעגאַנגען אַהיים, איז מיט זיי צוזאַמען איבער גאַנץ דמשק זיך צעגאַנגען דער רום וועגן דעם נייעם וואונדערבאַרן זינגער, וועלכער האָט פֿאַר-אַכט האַרונס גרויסע חסדים און איז אַנטלאָפֿן קיין דמשק, ווייל ער האָט ליב געהאַט לעבן און פֿרייהייט.

XVII

עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג, זינט דעם באַשריבענעם מאָלצייט, ווען איינמאָל פאַרנאַכט, סאַמע פאַר זון־אונטערגאַנג, האָט זיריאַב, וואָס האָט זיך שוין איינגעאָרדנט אין זיין באַשיידענער וואוי־נונג, דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער האָט אַ וואָרף געגעבן די האַק, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעהובלט אַ ברעט אויף אַ פּאַרקן, און איז אַוועק עפענען די טיר. פאַר אים איז געשטאַנען אַ הויכער, גרייז־גרויער מענטש. זיריאַב האָט זיך פון אָנפאַנג פאַרוואונדערט, דערזעענדיק דעם אומבאַקאַנטן, אָבער באַלד האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז דאָס איז געווען יענער דיכטער, וועלכער איז ביי שלמה בן פאַרעזי געזעסן אַנטקעגן אים ביים טיש און האָט אין דער צייט פון דיספּוט וועגן די פעלקער ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. יוסף האָט דערנאָך דערציילט זיין פריינד, אַז דער שווייגנדיקער מענטש איז געוועזן דער דיכטער אַטאַיע, איינער פון די בעסטע דיכטער פון דמשק. זיינע לידער, געשריבן אויף קליינע טאָוולען מיט גילדערנע אותיות, האָט מען אויסגעהאַנגען אין שטאָט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיי קענען לייענען.

זיריאַב, דערקענענדיק דעם גאַסט, האָט אים פריינדלעך באַ־גריסט און געבעטן אַריינגיין.

— דו ביסט פאַרוואונדערט מיט מיין באַזוך, מיין יונגער פריינד, — האָט דער אַלטער דיכטער געזאָגט, צוזעצנדיק זיך אויף אַ באַנק אויף זיריאַבס קליינעם הייפעלע, — אין יענעם אָוונט, בעת איך האָב דיך דערזען דעם ערשטן מאָל ביי בן־פאַרעזין, האָב איך ניט באַוויזן זיך מיט דיר צו באַקענען, בין איך איצט געקומען דאָס צו טאָן.

זיריאַב האָט מיט גרויס דרך־ארץ באַדאַנקט דעם אַלטן.

— דו ביסט איצט פריי פון שטוביקער אַרבעט?

— יאָ, — האָט זיריאַב געענטפערט.

— אויף אַזאַ אופן וועל איך דיר פאָרלייגן זיך אַדורכשפּאַצירן מיט מיר הינטער דער שטאָט. הגם איך בין שוין אַלט, אָבער איך האָב ליב אַ סך צו שפּאַצירן. ניט אומזיסט זאָגט אַ שפּריכוואָרט: אויך אַן אַלטער קעמל גייט אַדורך דעם מדבר. דער פאַרנאַכט איז אַזוי שיין, און אויב מיר וועלן זיך ניט אומקערן ביז אָוונט, וועט די לבנה אונז באַלויכטן דעם צוריקוועג. ביסט מסכים?

זיריאַב האָט מיט פרייד איינגעשטימט. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם פּלאַשטש און, פאַרזאָגנדיק די פרויען, זיי זאָלן פאַרשפּאַרן נאָך אים די טיר, איז ער אַוועק נאָך זיין נייעם באַקאַנטן.

באַלד זיינען די ביידע אַראַבער אַרויסגעקומען אויף דעם פרייען פעלד, וואו עס האָבן זיך נאָך וואו־ניט־וואו אָנגעטראָפן הייזער צווישן די פּלאַנטאַציעס. די לופט איז געווען פריש און דורכזיכטיק. די זון איז שוין פאַרגאַנגען און ס'האָט זיך אָנגערוקט דער שנעלער־בין־השמשות פון דעם דרומדיקן זומערטאָג.

ביידע האָבן מיט פאַרגעניגן איינגעטעמט די וואונדערבאַרע לופט. באַלד זיינען זיי אַריינגעקומען אין אַ באַנאַנען־וועלדל, וואו די שפּיצן פון די ביימער מיט די ברייטע בלעטער האָבן געבילדעט גרינע געוועלבן.

פונאַנדערפרעגנדיק זיריאַבן וועגן זיין יוגנט און וועגן זיין לעבן אין באַגדאַד, האָט דער אַלטער גרייז־גרויער אַטאַיע מוטיק געשפּאַנט איבערן וועג, אָנגעשפּאַרט אויף זיין הייכן שטעקן פון פּאַלמען־האָלץ.

— איך בין זיך מודה, דו האָסט דאַמאָלסט אָוונט מיך פאַראינטערעסירט. איך האָב שוין עפּעס וועגן דיר געהערט און האָב געהאַט מורא, אַז דו זאָלסט ניט זיין צו אָפנהערציק בנוגע דעם קאַליף פאַר אונזער רעגענט.

— אָבער צי דען וואָלט געווען אַ געפאַר אים אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג? — האָט זיריאַב געפרעגט, — דער רעגענט האָט מיר אויס־

געזוויזן אַזאַ פּשוטער און גוטער מענטש, און אַלע בן־פּאַרעזים געסט האָבן פריי אַרויסגעזאָגט זייערע געדאַנקען.
— מיין פריינד, דו ביסט נאָך ניט ערפאַרן. ניט אַלץ, וואָס איז ווייס, איז פעט — ניט אַלץ, וואָס איז שוואַרץ, איז טייטל. מוטאַסים איז זייער פריינדלעך און איינפאַך, בעת ער וויל געפעלן ווערן די שטאָלצע בירגער פון דמשק, אָבער דער טיגער באַווייזט זיינע נעגל לויט האַרונס ערשטן באַפעל. איך בין געווען צופרידן, וואָס דער שמועס איז ניט איבערגעגאַנגען וועגן דעם קאַליף, אויף אַזאַ אופן האָסטו דערוויילע מיט גאָרנישט פאַרטונקלט דיין נאָמען.
— צי דען בין איך אויך דאָ אין די נעגל ביי דעם שטאַרקן?— האָט זיריאַב צאָרנדיק אויסגעשריען.
— יאָ, און דאָס איז שווער איבערצוטראָגן דיין שטאָלצן גייסט, וואָס האָט ליב די פרייהייט? אַזוי פאַרשטיי איך דיך, מיין זון, — האָט דער אַלטער דיכטער פריינדלעך געזאָגט, אַריינקוקנדיק זיריאַבן אין די אויגן אַריין, — אָט וועגן דעם אַלעם האָב איך געטראַכט די אַלע טעג און האָב, ענדלעך, באַשלאָסן דיך צו באַזוכן און זיך מיט דיר אַדורכריידן. דו האָסט יענעם אָוונט אַזוי הייס פאַרטיידיקט די פרייהייט, זון מיינער. די פרייהייט איז וואונדערלעך — ניטאָ וואָס צו ריידן — און אַלאַ שענקט זי צו אַלע זיינע זין. אָבער וועגן וואָס פאַר אַ פרייהייט האָסטו דאַמאָלסט גערעדט? די קורדן זיינען דאָך אויך פרייע, אָבער זיי ראַבירן בלויז און מאַכן חרוב די גרענעצן פון אַרמעניע.
— איך האָב גערעדט וועגן דער פרייהייט, ביי וועלכער עס זאָלן זיך קענען אַנטוויקלען וויסנשאַפט און קונסט, — האָט זיריאַב געענטפערט.
— דאָס הייסט, דו רעדסט וועגן דער פרייהייט, וואָס ווערט אָנגעווענדט צו גוטס?
— דו האָסט ריכטיק אויסגעדריקט מיין געדאַנק.
— הייסט עס, אַז יענער ייד, וואָס האָט געזאָגט, אַז בעסער פון אַלץ איז צו זיין פּשוט אַ גוטער מענטש, איז געווען כמעט גערעכט? — האָט אַטאַיע שמייכלענדיק געזאָגט. — אָבער וואו איז

דאָס גוטע, — האָט דער אַלטער באַגייסטערט־ווערנדיק ווייטער גע־ רעדט, — וואו זאָלן מיר עס זוכן, ווי זאָלן מיר עס דערקענען? דו וועסט מיר זאָגן, אַז צוהערנדיק זיך צו דער שטים פון אונזער געוויסן קענען מיר שטענדיק אונטערשיידן גוטס פון שלעכטס. מסכּים. דו וועסט מיר זאָגן, אַז פאָלגנדיק די געבאָטן פון דעם נביא אין ערפילנדיק זיי אין לעבן, טוען מיר גוטס. בין איך אויך מסכּים. ניט אומזיסט לייענען מיר יעדן טאָג דעם ערשטן קאַפּיטל פון קאָראַן: „פיר אונז, באַרעמהערציקער, אויף דעם ריכטיקן וועג, אויפן וועג וואָס דו באַגערסט, אָבער ניט אויפן וועג פון פאַרבלענדעניש, וואָס רופט אַרויס דיין צאָרן!” הייסט עס, מיר האָבן צוויי גרויסע וועג־ווייזערס אין לעבן — דעם קאָראַן און אונזער געוויסן. אָבער צי דאָס איז שוין גאָר, זון מיינער? ווער קאָן טאָן אין לעבן מער גוטס: צי דער, וואָס זיין מוח איז ניט באַלויכטן מיט וויסן, צי דער פליסיקער לערנער, וואָס נעמט אַרויס פון יעדן כּתב־יד אַ נייע שיינע פערל און לייגט זי צו צו די אוצרות פון זיין נשמה?

— איך מיין, אַז דער וואָס קלייבט די פערל פון דער וויסנ־שאַפט.

— יאָ, — האָט אַטאַיע געזאָגט, — ווער עס ווייס אַ סך וועגן פאַרשיידענע פעלקער, וועגן פאַרשיידענע מנהגים און געזעצן, ווער עס לערנט דאָס גרויסע בוך פון הימל און ערד, וואָס דער באַשעפער פון די וועלטן האָט אויפגעעפנט פאַר אונז, יענער וועט מיט זיין וויסן מיטהעלפן די טויזנטער אָרעמעלייט, וואָס שלעפן זייער לעבן אין פינסטערניש און אין אומוויסנהייט! אַפילו דער גרויסער נביא אונזערער — מחמד — הייסט אונז זיך פאַרנעמען מיט דער וויסנ־שאַפט, וואָס עפנט אויף אונזער פאַרשטאַנד און דינט אַלס פאַנצער קעגן אונזערע שונאים און באַלויכט אונז דעם וועג אין גן־עדן.

אַטאַיע איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און שפעטער ווידער אָנגעהויבן:

— איך וועל דיר זאָגן אָפן, זון מיינער, אַז ווען איך האָב געהערט, ווי דו האָסט אַזוי הייס פאַרטיידיקט די פרייהייט, אָט וואָס פאַר אַ געדאַנק איז מיר אַרויפגעקומען אויפן זינען: אויף וואָס וועט באַנוצן די פרייהייט אָט דערדאָזיקער יונגער און באַגאַבטער

מענטש? צי ווייס ער, אַז ער וועט דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון אין יענעם טאָג, ווען עס וועט שאַלן דער שופר און די ערד וועט ווערן באַשיינט מיט דער שכינה פון דעם רבונו־של־עולם, און ס'וועט אויסגעפירט ווערן דער משפט דער גערעכטיקער? האָסט אַ טראַכט געגעבן, זיריאַב, אַז דיין פליכט איז צו באַרייכערן דיין שכל מיט טיפער וויסנשאַפט? צי האָסטו זיך פאַרטראַכט איבער דעם, זון מיינער, אַז דיין חוב איז צו זייען גוטס דורך דיין וואונדערלעכער מתנה?

זיריאַב האָט פאַרשעמט געענטפערט:

— איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך נאָך וועגן דעם ניט פאַרטראַכט, פאָטער מיינער — ערלויב מיר דיך צו רופן אַזוי. ביז איצט פלעג איך זיך בלויז פרייען, ווען איך פלעג פילן, ווי עס ווערן געבוירן די לידער אין מיין ברוסט. איך האָב געזונגען וועגן דעם, וואָס פלעגט מיר געפעלן, וואָס האָט מיך גערירט, אויפגערעגט אָדער געמאַכט לאַכן. און איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך נאָך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט איבער דעם, אַז מיין פליכט איז צו לערנען מיט מיינע לידער די צוהערער.

— דו האָסט מיך ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, זון מיינער, — האָט דער אַלטער אים גוטמוטיק איבערגעריסן. — די מענטשן ווערט לאַנגווייליק אַז מען מוסרט זיי. אָבער מען קען זיי אַזוי אויסמוסרן, אַז זיי וועלן מיט פאַרגעניגן אויסהערן דיין געדאַנק. איצט ווירקט שוין אַפילו דיין ליד, עס מאַכט ווייכער די הערצער און טראָגט זיי אַוועק פון דער גשמיותדיקער ערד צו די הימלען, צו דעם כסא־הכבוד פון אַלאַ; דאָס איז אַליין דערפאַר, וואָס דיינע מחשבות זיינען ריין. אָבער ווען דיין שכל וועט ווערן רייכער און טיפער פון דער וויסנשאַפט, וועט דיין חכמה פון זיך אַליין אַריינדרינגען אין די שאַפונגען פון דיין פאַנטאַזיע, אַזוי ווי די טייכן צעגיסן זיך פון זיך אַליין פון די פרילינגס־רעגנס איבער די אַרומיקע פעלדער און די ערד גיט אַ גוטע גערעטעניש. אָט־דאָס, זון מיינער, האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָב איך דיך ליב באַקומען אין יענעם אָוונט, און איך האָב זיך געשראָקן, אַז

דער וואונדערבאַרער געשאַנק, וואָס דו האָסט באַקומען, זאָל ניט פאַרלאָרן גיין אין דער אייטלקייט פון אונזער לידיקגייערישן לעבן.

— אָבער ווי אַזוי־אַרום זאָל איך דערגרייכן צו דער חכמה? — האָט זיריאַב פאַרטראַכט געפרעגט, — לערן מיך איס, פאָטער מיינער.

— איך אַליין קען דיר אָנווייזן אויף אייניקע ווערק, וואָס זיינען דיר נייטיק צו וויסן, איך וועל דיר אַריינפירן צו מיינע פריינד, וועלכע וועלן דיר גערן העלפן. אין דמשק איז פאַרהאַן אַ רייכע ביבליאָטעק און ניט קאַרג שפּייז וועסטו דאָרט געפינען פאַר דיין גייסט.

. . . .

. . . .

נאָך איינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט דער טיפער מחשבה — מיט דער גרייטקייט גלייך זיך נעמען פאַר דער זאַך, האָט זיריאַב זיך שטיל אומגעקערט אַהיים. ער איז לאַנג געזעסן אויף זיין קליינעם הייפעלע, אַרומגענומען פון זיינע מחשבות.

שוין לאַנג האָט די נאַכט אַרומגעוויקלט דעם הימל, און די לבנה האָט געניידערט צו מערב־זייט; די שטערן האָבן זיך אַלץ העלער און העלער צעפינקלט אין דער הייך, און זיריאַב איז נאָך אַלץ געזעסן, אַלץ איבערגעטראַכט, וואָס אַטאַיע האָט אים געזאָגט. פּלוצלונג האָט זיך געלאָזט הערן אַ ציטערדיקער קלאַפּ אין טיר. זיריאַב, ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף, איז אויפגעשפּרונגען און צוגעלאָפן עפענען די טיר. ער האָט דערזען יוסופן מיט אַ זייער צעשראָקענעם געזיכט.

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט זיריאַב אומרואיק געפרעגט, אים אָננעמענדיק פאַרן האַנט.

— יצחק מאָסילי איז נאָר־וואָס צו אונז געקומען מיט זיין טאָכטער. ער איז אַנטלאָפן פון האַרונס רדיפות. האַרון האָט אויסגעגאָסן אויף אים זיין ווילדן צאָרן. ער איז אַזוי מיד און צעבראָכן פון וועג און פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. קום אַריבער צו אונז, יצחק וויל דיך זען.

אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך זײַן מאַנטל, איז זיריאַב אַוועק מיט יוספֿן — בײדע האָבן זיי זיך מיט האַסט געיאָגט דורך די שלאָפֿעדיקע גאַסן פֿון דמשק, צו דעם ייִדישן קוואַרטאַל, און יוסף, פֿאַרמאַטערט פֿון דעם גיכן גיין, האָט קוים באַוויזן צו ענטפֿערן זיריאַבן אויף זײַנע אומרואיקע פֿראַגן.

XVIII

בײ בן-פּאַרעזין אױפן הױף האָבן די קנעכט פונאַנדערגעלאָדן די קעמלען. זיריאַב איז נאָכגעגאַנגען נאָך יוספן, און בײדע זײנען אַרײַן אין הױז. אַרײַנגײענדיק אין שלמהס חדר, איז זיריאַב שטײנגעבליבן, זוכנדיק זײַן אַלטן לערער — אָבער צוערשט האָט ער דערזען שלמהן, װעלכער איז שטיל אומגעגאַנגען אױף און אָפּ איבערן צימער. אױף דער ערד איז געלעגן רבקה, װאָס האָט אױך אױסגעזען מיד פון דער שװערער נסיעה איבער דעם מדבר אין חודש תמוז; דאָס יונגע מײדל נעבעך האָט זיך אַװאָרף געטאָן אױפן טעפּעך און איז באַלד אײַנגעשלאָפן. יוסף איז צוגעגאַנגען צו זײַן מוטער, װאָס איז באַזאָרגט געזעסן לעבן דיװאַן. באַלד האָט זיריאַב אין דעם האַלב-טונקל דערזען ליגנדיק, כמעט אינגאַנצן אָן אָפּגעחלשטן — יצחק מאָסילין — און ער האָט זיך אַװאָרף געטאָן צו אים:

— טײַערער רבי, — האָט ער געפּליסטערט, קושנדיק זײַנע אױסגעדאַרטע הענט.

װאו איז אַהינגעקומען דער שטאָלצער רואיקער אױסזען פון דעם באַרימטן מוזיקער? שרעקלעך פאַרעלטערט און פאַרחושכט איז געװאָרן דאָס דאָזיקע געזיכט, װאָס האָט געאָטעמט פריער מיט אַזױ פיל זעלבסטװערדע; די אױגן זײַנען אײַנגעפאַלן און האָבן אומרואיק בלאָנדזשענדיק געקוקט ערגעץ װײט.

דער אַלטער האָט ניט אױסגעהאַלטן און בײ דעם פרײַנדלעכן ברוך-הבא פון זײַן תלמיד האָט ער זיך ביטער צעװײנט. די טרערן האָבן אױסגעשטיקט זײַן אַלטע ברוסט. ער האָט זיך געװאָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט ניט געקענט, און איז מאַכטלאָז אַנידערגעפאַלן צוריק אױף די קישנס.

מיט רחמנות און צאָרן איז איבערפולט געוואָרן זיריאַבס האַרץ. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן דיוואַן און, אָנגנעמענדיק יצחקס האַנט, האָט ער פריינדלעך געזאָגט:

— באַאומרואיק זיך ניט, געערטער רבי מיינער. דו ביסט מיד פון וועג, דערציייל מיר ניט פון דיינע צרות. דאָס וועט דיך טרויעריק מאַכן. בעסער מאָרגן, אַז דו וועסט אָפּרוען, וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

יצחק איז שטיל געבליבן און אַזוי קיין וואָרט ניט ריידנדיק אייניקע מינוטן, האָט ער דאָך ענדלעך זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— ניין, מיין זון, מיר וועט ווערן לייכטער, אַז איך וועל דיר אויסדערציילן מיין צער און איך וועל דערהערן דיינס אַ וואָרט פון מיטגעפיל. ביז איצט האָט נאָך אויף מיר קיינער קיין רחמנות ניט געהאַט.

מרים האָט ביי דעמדאָזיקן וואָרט אויפגעציטערט. יצחק מאַסילי האָט געזאָגט דעם אמת. שלמה פאַרעזי האָט זייער קאַלט באַגעגנט זיין אַמאָליקן חבר און דאָס האָט קרענקלעך אים געדריקט. מרים האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, און, צוגייענדיק צו מאָסילין, האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

— יצחק, מיר האָבן אויף דיר רחמנות פון גאַנצן האַרצן, אָבער מיין מאַן האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער קען דאָס ניט אַרויסווייזן: זיי אים עס מוחל, ער איז שטענדיק אַזאַ.

שלמה פאַרעזי האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף זיין תמיד שווייגנדיקער ווייב. ער האָט ניט געוואוסט, אַז אין אַמאָליקע צייטן, בעת מרים איז נאָך געווען אַ שיין, יונג מיידל, האָט זי ליב געהאַט יצחק מאָסילין און האָט געטרוימט צו זיין זיין פרוי. אָבער איר פאָטער — אַ פאַרעקשנטער פירשט — האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער פאַר בן-פאַרעזין, און איר יונגער חלום האָט זיך צעשוואומען, ווי אַ לייכט וואָלקנדל. דאָך, האָט זי נאָך עד-היום געפילט אַ נייגונג צו דעם מענטשן, וואָס איז איר אַמאָל געווען ליב, און איר איז געווען פיינלעך שווער צו זען, ווי שלמה באַליידיקט מיט זיין קאַלטקייט זיין אַלטן פריינד.

זי האָט געהייסן די קנעכט ברענגען טייערן חיין, וואָס איז שוין אַ סך יאָרן געשטאַנען באַהאַלטן אין די קעלערס.

— זאָל דיך גאָט באַגליקן פאַר דיין גוט וואָרט, — האָט יצחק געענטפערט.

— יאָ, זיריאַב, — האָט ער זיך געווענדט צו זיין אַמאָליקן תּלמיד, — אַ סך צרות האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף מיין קאָפּ פאַר איין ניט באַטראַכט אַרויסגעזאָגטן וואָרט. דו זעסט דאָס אָרעם מיידל, — האָט ער געזאָגט און זיך צעוויינט, אָנווייזנדיק אויף דער שלאָפעדיקער רבקהן. — ער איז אַ ווילע אַנטשוויגן געוואָרן, און שטאַרקנדיק זיך, האָט ער אַרויסגעפּליסטערט: זי איז איצט אַן אביונטע.

זיריאַב האָט שווייגנדיק אים געגלעט איבערן קאָפּ.

— און דאָס האָבן געטאָן הארונס הענט, — האָט יצחק אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיק פון זיין געלעגער, — האַרון-אַל-ראַשיד, — ווי עס רופן אים די חנפער, — האָט מיך באַנומען, ווי דער שרעקלעכסטער רויבער! זאָל ער זיין פאַרשאָלטן! — האָט יצחק אויסגעשריען מיט אַ הייזעריקער שטים. — אויף די אַרומיקע האָט זיך צעלייגט אַן אימה, און אַלע האָבן אויפגעציטערט: — זאָל אים דער גרויסער גאָט פון יהוה באַשטראָפן מיט אַ האַרבע, שרעקלעכע שטראָף!

— באַרואיק זיך, מאָסילי, — האָט שלמה פאַרעזי געבעטן, צוגייענדיק צום אַלטן.

אָבער יצחקס אויפרעגונג האָט אויפגעפלאַקערט מיט אַ צווייענדיקער קראַפט.

— זאָל אים מיין קללה באַדעקן ווי אַ מאַנטל! — האָט ער געשריען מיט אַ אויפגערעגטן קול. — זאָל זי אַריינגיין ווי בוימאייל אין זיינע ביינער און אין זיין אינגעווייד! זאָל ער ניט געפינען קיין מיטפילער! זאָלן אַרומבלאָנקען זיינע קינדער, ווי הונגעריקע הינט! און זיין נאָמען זאָל אָפּגעמעקט ווערן פון מענטשלעכן געדעכעניש!

ער איז געווען גרויזאַם אין זיין ווילדן צאָרן. קוים שטייענדיק אויף די אָפּגעשוואַכטע פיס, אונטערגעהאַלטן פון זיריאַבן, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געזען פאַר זיך זיין פאַרהאַסטן שונא און האָט אים געדראָט, אויפהויבנדיק קעגן אים זיין האַנט. די אויגן

בײַ אים האָבן געברענט, ווי בײַ אַ משוגענעם. ער האָט אינגאַנצן געציטערט, און טראָפּנס שווייס האָבן זיך געקײַקלט איבער זײַן ברעגענדיקן געזיכט.

רבקה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז איפֿגעשפּרונגען און אין שרעק זיך אַרומגעקוקט אַרום, ניט פֿאַרשטייענדיק, וואו זי איז; זי האָט געגעבן אַ קוק אויף איר פֿאָטער און, דערזעענדיק אים אין אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכן זי האָט אים קיינמאָל ניט געזען, האָט זי אויפֿגעציטערט, זיך צעוויינט און זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים. אָבער מרים האָט זי אָנגענומען פֿאַרן האַנט און זי אַרײַנגעפֿירט אין אַ דערבײַיאיקן צימער, פֿרײַנדלעך באַרואיקנדיק זי. דאָ האָט זי איר ווידער אײַנגעלייגט שלאָפֿן. אין צימער האָט זיך אויך געפֿונען די צעשראָקענע דזשאַעל. מרים אַליין האָט זיך געזעצט לעבן רבקהס בעט, געגלעט אירע האָר און טרייסטנדיק איר, האָט זי זיך צוגעהערט צו יצחקס הייזעריקער שטים.

— באַרואיק זיך, ליבער רבי, — האָט זיריאַב לסוף אים געבעטן, — אָט איז ווײַן, טרינק אויס, ער וועט דיך שטאַרקן.

יצחק איז מיט דורשט צוגעפֿאַלן צום בעכער, אָבער אים האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, ווי אין פֿיבער, און ער האָט קוים אויסגעטרונקען דעם ווײַן.

דערנאָך איז ער אַנידערגעפֿאַלן אויף די קישנס. זיריאַב האָט אים אײַנגעדעקט מיט אַ וואַרעמער דעקע.

אַלע האָבן געשוויגן. אַזוי איז אַריבער אַ מינוט צען.

— בעת דו ביסט אַוועקגעפֿאָרן, — האָט יצחק ענדלעך אָנגעהויבן מיט אַ דערשלאָגענער שטים, — האָב איך געמיינט, אַז דער שוואַרצער וואָלקן האָט זיך אַדורכגעטראָגן פֿאַרבײַ, אָבער מײַנע האָפֿענונגען זײַנען געווען אומזיסט. האַרון האָט זיך באַלד דערוואוסט פֿון דײַן אַנטלויפֿן. איך בין יענעם טאָג געזעסן רואיק אין מײַן הויז אונטערן שטאָט, ניט פֿילנדיק קיינע צרות, פּלוצלונג איז געקומען צו לויפֿן אַ שליח פֿון קאַליף. אים דערזען—האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער געוויטער וועט זיך צעשפּילן איבער מיר. איך בין שטיין געבליבן, ווי פֿון דונער געטראָפֿן; קומענדיק צו זיך, האָב איך אויף־גיך אויפֿגעקליבן

דאָס סאַמע ווערטפולע פון מיינע חפצים, פאַרשלאָסן אין אַ קאַסטן און געהייסן רבקהן אַרויסטראָגן אים אין גאָרטן, און באַהאַלטן אין די קוסטעס, לעבן פאַרקאַן, פונוואַנען איך האָב אים דערנאָך צוגענומען. פאַרפאַלן, איך האָב געמוזט גיין צו האַרונען. ער איז געזעסן שוואַרצער פון דער נאַכט און, צאָרנדיק פינקלענדיק מיט די אויגן, האָט ער געפאָדערט איך זאָל אים זאָגן, וואו דו ביסט פאַרשוואונדן. איך האָב געשוויגן. ער האָט מיר געדראָט מיט אָנטאָן יסורים. איך האָב געזאָגט, אַז דו ביסט אַוועקגעפאָרן אין תדמור. דאַן האָט ער זיך בייז צעלאַכט און האָט געזאָגט, אַז מיינע פלענער זיינען געווען פלענער פון אַ משוגענעם, אַז אויך אָן זיריאַבן וועט ער מיך ניט האַלטן ביי זיך אין הויף, און אַז מיין גאַנץ פאַרמעגן וועט מען פאַר אַזאַ אומגעהערטער עזות אָפּנעמען פאַר דער מלוכה. דיר אָבער, האָט ער צוגעגעבן, ערלויב איך גנעדיק היינט נאָך צו פאַרלאָזן באַגדאַד, און דאַנק אָפּ אַלאַ, וואָס דו גייסט אַוועק פריש און געזונט פון די נעגל פון דעם צעיבֿעסטן לייב.

איך האָב זיך געלאָזט לויפן אַהיים. דאָרטן האָבן שוין געבאַלעבאַטעוועט אַ גאַנצע מחנה דינער פון דעם קאַליף. זיי האָבן אַראָפּגעריסן די טייערע פאָרהאַנגען, האָבן געוואָרפן אין איין קופּע גילדערנע און זילבערנע כּלים, און דערדאָזיקער געקלאַנג גיט זיך נאָך אָפּ עד־היום אין מיינע אויערן מיט שרעק און גרויל. באַלד האָט דאָס גאַנצע הויז באַקומען אַן אויסזען, ווי רויבער וואָלטן אים באַפאַלן און אים צעראַבירט. רבקה האָט זיך פון אָנפאַנג געווערט, אָבער דערנאָך איז זי ווי פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק און האָט זיך אַ וואָרף געגעבן צו מיר, ביטער וויינענדיק. איילנדיק האָב איך זי אַרויסגעפירט פון הויז, וואו קיין איין פאָדים האָט שוין ניט געהערט צו מיר. איך האָב זיך געלאָזט גיין צו מיינעם אַ פריינד, און אָוונט־צייט האָט יענער אונז אויסגעריכט אין וועג אַריין. ווען ס'איז אָנגעקומען די נאַכט, האָבן מיר פאַרלאָזן די שטאָט פון טיראַן.

— אָבער ווי זייט איר אַריבערגעפאָרן דעם מדבר? — האָט זיריאַב געפרעגט.

— דאָס איז געווען גרויזאַם, — האָט יצחק געענטפערט, —

איבערהויפּט די ערשטע טעג — ביז מיר זיינען דערפֿאָרן ביז תּדמור; רבֿקה האָט געוויינט, איך האָב ניט געוואוסט ווי זי איינצושטילן, און אין דערזועלבער צייט האָב איך זיך גאָר אַליין גענייטיקט אין אַ טרייסט. אָבער אין תּדמור האָבן מיר באַגעגנט נתנאלן. ער האָט זיך צוריקגעקערט אין באַגדאַד. דער טרייער דינער איז מיר געווען אַ גרויסע אָנשפּאַרונג. צוקומענדיק צו תּדמור, בין איך געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט. ער האָט איבערגענומען אויף זיך אַלע זאָרג פֿון וועג און האָט אָפּגעהיט מיך און רבֿקהן, ווי אַן אייגענער זון... גאָט זאָל אים באַצאָלן פֿאַר זיין גוט האַרץ!

ס'איז אָנגעקומען אַ שווערער שווייגן.

— געטרייער רבֿי, — האָט זיריאַב געזאָגט, — מיין הויז איז ניט רייך, דו ווייסט אַליין, אַז איך בין אָרעם, אָבער איך וועל זיך רעכענען גליקלעך, אַז דו וועסט מיר ערלויבן מאַכן פֿאַר דיר אַן אָרט ביי מיר.

שלמה בן פּאַרעזי איז אויפֿגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו זיריאַבן.

— ערלויב מיר דיך איבערצושלאָגן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ קאַלטן שמייכל, — יצחק מאָסילי איז דערווייל מיין גאַסט, און איך וועל ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל פֿאַרלאָזן מיין הויז.

— איך קאָן אַליין באַשליסן, וואו איך זאָל בלייבן, — האָט יצחק שאַרף געענטפֿערט, אָבער אין דער מינוט איז מרים שנעל אַריינגעגאַנגען אין צימער.

— איך בעט דיך, מאָסילי, — האָט זי פֿריינדלעך געזאָגט, צוגייענדיק צום מוזיקער, — ניט פֿאַרלאָז אונז. מיין הויז וועט זיין דיין הויז; מיין פֿאַמיליע וועט דיך אָפּהיטן, ווי איר טייערן פֿריינד. זאָג מיר צו פֿאַרבלייבן ביי אונז, — האָט זי געבעטן מיט תּחנונים.

יצחק האָט געשוויגן.

— איך וועל דאָ בלייבן ביי דיר, מרים בן פּאַרעזי, — האָט ער ענדלעך געזאָגט אַנטשלאָסן, און האָט איר אַ קוש געגעבן איר צאַרטע, בלייכע האַנט.

XIX

דאָס אומגעריכטע אומגליק האָט אינגאַנצן אַראָפּגעזעצט יצחק מאָסילין. זיריאַב, וואָס איז יעדן טאָג כמעט געקומען צו זיין עלנדן לערער, האָט מיט ווייטאָג באַמערקט, אַז דער פריערדיקער מאָסילי איז געשטאָרבן אונטער די קלעפּ פון מזל. דער אַלטער מוזיקער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט זיין קונסט. ווען זיריאַב האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן זיינע נייע לידער, איז דער אַלטער געבליבן גלייכגילטיק און אומעטיק. ער פלעגט אויפלעבן נאָר דאַן, ווען צו אים פלעגט קומען נתנאל. דער טרייער דינער האָט אָנגעהויבן פירן געשעפטן און האָט מיט דעם אַ ביסל אויפגעמונטערט זיין הער. מרים האָט זיך מיט זיי שטאַרק אינטערעסירט, אַדאַנק איר שתדלנות, האָט איר מאַן אַנטליען יצחקן אַ קליינע סומע געלט. מרים האָט אויך אויפגעמונטערט רבקהן, וועלכע האָט זיך לכתחילה געפילט געבונדן אין דעם פרעמדן, רייכן הויז. שטאַרק געפייניקט האָט איר דער געדאַנק, אַז זי איז אָרעם, אַז מענטשן גיבן איר עסן בלויז פון רחמנות=וועגן, אָבער פאַר איר פאָטער האָט זי באַהאַלטן אירע שווערע געפילן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר שלמה בן פאַרעזין, פאַר דזשאַעלן, איז גאַנצע טעג ניט אַרויסגעגאַנגען פון צימער, וואו ס'איז געלעגן איר פאָטער, בלויז מרימס צאַרטע שטים און יוספס פאַרבאַהאַלטענע אויפמערקזאַמקייט האָט זי אונטערגעהאַלטן אין דערדאָזיקער שרעקלעכער צייט.

דערווייל איז אָנגעקומען תמוז, און אין דמשק זיינען געשטאַנען שרעקלעכע היצן.

בייטאָג איז די גאַנצע שטאָט ווי אויסגעשטאָרבן אונטער די ברענענדיקע שטראַלן פון זון, די גאַסן זיינען געווען וויסט און

שטיל. אָבער ס'איז אָנגעקומען אסםר. די זון האָט זיך גענומען נייגן צו מערב־זייט, צו די געלע שפּיצן פון אַנטי־לבנון, און בּיסלעכווייז האָט אויפגעלעבּט די ראָזע שטאָט דמשק, דאָס רווישיקע לעבּן האָט געבּרויזט אויף די גאַסן בּיז שפּעט אין דער נאַכט.

זיריאַב האָט פאַרבּראַכט די הייסע שעהן פון האַלבּן־טאָג אין זיין קליינעם שטיבּל, ליגנדיק אויף אַ מאַטע. פאָלגנדיק דעם געבּאָט פון נביא, האָט ער זיך בּאַנוצט מיט דעם האַלבּנטאָגעדיקן אָפּרו, כּדי שפּעטער וואָך זיין כמעט די גאַנצע נאַכט, און בּלויז פאַרנאַכט פלעגט ער אַרויסגיין פון שטוב. דאַן פלעגט ער זיך לאָזן גיין צו דעם אַלטן אַטאַיען, און אונטער זיין אָנווייזונג האָט ער ערלערנט די פאַרצייטיקע אַראַבּישע פּינקסים. אָפט פלעגן זיי צוזאַמען זיך אַוועקלאָזן אין דער רייכער דמשקער בּיבּליאָטעק. דאָרט, אין די קילע זאַלן, פלעגן זיך צוזאַמענקלייבּן אַלע געלערנטע פון דמשק און פירן שמועסן, וואָס זיינען אָפט געווען דורכגעפלאָכטן מיט פריי־לעכע וויצן. זיריאַב איז געוואָרן איינגענומען ווי אַן אייגענער אין דעמדאָזיקן אויסגעוויילטן קרייז. אַלע האָבּן ליב בּאַקומען דעם יונגן אַראַבּער פאַר זיין בּאַשיידנקייט און אָפנהערציקייט. זיריאַב האָט זיך מיט גרויס דאָרשט צוגעכאַפּט צו דעם אוצר פון וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט.

ווי אַ פונק, וואָס איז געלעגן פאַרבּאָרגן אין קויל, האָט אויפגעפלאַקערט אין אים דער פאַרבּאַהאַלטענער פייער צו שאַפן. קיינמאָל האָט זיך בּיי אים אַזוי לייכט און אַזוי פריי ניט צוזאַמענגעפלאָכטן די קלינגענדיקע לידער. נאָך קיינמאָל איז זיין קאָפּ ניט געווען אַזוי פול מיט נייע געדאַנקען און איינדרוקן. די נייע לערע האָט בּרייטער געמאַכט דעם אינטערעס צו זיין איינענעם פאָלק. און מיט גרויס נייגעריקייט האָט ער שטודירט די מאָנומענטן פון פאַרצייטן און האָט פון דאָרטן געשעפּט אינהאַלט פאַר פיל פון זיינע לידער.

ס'איז אָנגעקומען אלול, און דמשק האָט אויפגעלעבּט.

פון אַלע זייטן האָבּן זיך אויפגעזאַמלט גאָטספאָרכטיקע, כּדי צו ערפילן דעם געבּאָט פון נביא: אָפּגעבּן דעם כבוד די הייליקטימער פון מעקאַ. דמשק איז געווען דער זאַמלפּונקט, וואוהין עס זיינען זיך אויפגעקומען די מחמדאַנער פון אַלע לענדער, און איבּער די גאַסן

האָבן זיך שטענדיק געבלאָנקעט מחנות עולי־רגל. עס זיינען געווען דאָ אַ סך שלעפּער צווישן דערדאָזיקער מחנה. עס האָבן זיך אָנגעהויבן גנבות, הריגות, קריגעריי, וואָס האָבן זיך געענדיקט אָפט מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. דער מושל פון דמשק האָט פאַרגרעסערט די וואַך און פלעגט אָפט אַליין אַרויספאָרן אויפן מאַרק, כדי איינצונעמען דעם המון.

יחיהס נאָמען האָט געוואַקסן מיט יעדן טאָג. ער האָט זיך באַנוצט מיט דידאָזיקע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און ס'פלעגט ניט אַדורכגיין אַ טאָג, אַז זיינע פייערדיקע רעדעס זאָלן ניט דונערן אויפן מאַרק לעבן מעטשעט. דער מושל איז געווען דערפון פאַרצווייפלט, אָבער ער האָט דערצו גאָרנישט געקענט העלפן: יחיה איז געווען אַ פאַקיר, און זיין פערזענלעכקייט איז געווען אומבאַרירבאַר. ער האָט זיך באַנוצט מיט דערדאָזיקער זיכערקייט פון זיין פערזאָן, און זיין עזות האָט געוואַקסן מיט יעדן טאָג. ער האָט אַזוי געקענטווירקן אויף זיינע צוהערער, אַז אַפילו מוטאַסימס פאַלאַץ האָט מען אויף יעדן פאַל געמוזט שטאַרקער באַפעסטיקן: באַוואָפנטע מחנות האָבן אים ניט איינמאָל באַלאַגערט, פאָדערנדיק געוויסע פריווילעגיעס, וועגן וועלכע יחיה האָט זיי אַזויפיל איינגעטענהט.

זיריאַב האָט איניקע מאָל געהערט זיינע פייערדיקע רעדעס, און האָט שטאַרק געגאַרט זיך מיט אים נעענטער צו באַקענען. אָבער יחיה איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה, אָדער ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג אין די שענקען, בעת דער יונגער דיכטער האָט טייער געהאַלטן יעדע שעה, כדי זיך קענען צו פאַרטיפן אין דער שטודירונג פון די אַלטערטימלעכקייטן.

אַזוי איז געגאַנגען די צייט, און ביסלעכווייז איז דמשק פריי געוואָרן פון די אומרואיקע מחנות פּילגרימען.

איינמאָל אין חודש תשרי, אין אַ שיינעם, ווייכן פאַרנאַכט, איז זיריאַב געגאַנגען איבער די גאַסן פון דמשק. פרידלעך האָט געבלויט דער הימל; די הייזער זיינען געווען באַגאָסן מיט די לעצטע זונען־שטראַלן. עפּעס צאַרטעס און טרוימערישעס האָט זיך געשפּירט אין דער דורכזיכטיקער לופט. מיטגעריסן פון דער שיינקייט פון דעם פאַרנאַכט, האָט זיריאַב ניט אויסגעהאַלטן, אַרויסגענומען

פון אונטער זיין מאַנטל זיין האַרפע, און אָפּשטעלנדיק זיך בײַ אַ קליין קרעמעלע האָט ער אָנגעהויבן זינגען אַ ליד. אין אייניקע מי־נוטן האָט אים אַ המון אַרומגערינגלט און דערמאָנט אים יענעם אָוונט אין דעם ווייטן אָאַזיס, בעת ער האָט געזונגען פאַר די בעדואי־נער, ווי דאָרשטיק זיי האָבן אים געהערט. דאָס זעלבע התלהבות האָט ער בײַ די פאַרזאַמלטע איצט אויך געזען — און דאָס האָט אים טיף גערירט — די שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט פון דעמדאָזיקן המון.

ער האָט אימפּראָוויזירט אַ ליד און האָט געזונגען וועגן זיך אַליין.

„איך בין נאָך געווען אָנגעקליידט אין דעם קלייד פון יוגנט, ווען מיין לעבן אין שטאָט פון שלום איז געוואָרן אומערטרעגלעך.

„און איך האָב אויסגעגאָסן דעם בעכער פון שלאָף און האָב געיאָגט מיין פערד צום נאַכט־וואַנדער.

„און איך בין אַריינגעטראָטן אין מדבר, וועלכער האָט אָפּגע־היט מיין קינדהייט, און איך האָב זיך אָפּגעגעבן צו די זאַמדיקע וועגן, די שפּורן פון וועלכע עס פאַרלירן די פייגל, וואָס פליען אין הימל.

„און געקומען בין איך צו די טויערן פון דמשק, און דער בוים פון מיין פאַרלאַנג האָט געגעבן פּרוכט.

„ווי די פייל, וואָס פליט פון בויגן, אַזוי בין איך געפלויגן אַהער — געיאָגט פון מזל.

„און איך האָב אַראָפּגענומען די שלייערן פון שוואַרצער זאָרג, און כ'האָב זיך אָנגעקליידט אין די קליידער פון שלום און פרייד.

„איך גיב זיך אונטער דעם רוף פון האַרצן. פריד צו דיר, שטאָט, וואָס האָט געגעבן אַן אָרט דעם מידן וואַנדערער!“

זיריאַבס שטים האָט הילכיק אָפּגעקלונגען צווישן דעם שווייגן פון די צוהערער. ווען ער האָט געענדיקט, האָט אַ גרויסער טומל פון פאַרוואונדערונג זיך צעשפּרייט צווישן דעם המון. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, און אויפגעמונטערט מיט דעם עקסטאַז פון המון, האָט ער זיך ווידער צעזונגען. און זיין ליד האָט זיך צעגאָסן האַר־מאָניש און גלעטנדיק אין דער ווייכער פאַרנאַכטיקער לופט.

ווען ער האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון דעם געבעט פון פאָלק צו זינגען נאָך עפּעס, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם אַלטן אַטאַיען.

— וואָס איז מיט דיר, זון מיינער? — האָט דער אַלטער דיכ־טער געפרעגט, דערזעענדיק זיין אויפגערעגט געזיכט.

זיריאַב האָט אים דערציילט פון זיין ערפאָלג. אַטאַיע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט שטיל געזאָגט:

— ניט שאַץ איבער, מיין זון, דעם פאָלקס התלהבות. דער משפּט פון דעם המון איז טעמפּ און אומזיניק. דו — דיכטער, דאַרפסט זיך ניט פאַרשיכורן מיט אַזאַ לייכטן נצחון. וואָס פאַרשטייען די־דאָזיקע לייט, וואָס איז אַזינס די הייליקע באַגייסטערונג? זיי ליבן נאָר, אַז מען זאָל זיי ווייזן מיט עפּעס נייס און אומגעוויינלעכעס, אַלײן איינס, אויב דאָס נייס איז גוט, אָדער שלעכט. ניט פאַרגעס, אַז אָט דיזעלבע לייט, וואָס אַפּלאָדירן דיר, באַגריסן אויך אַזוי היים דעמדאָזיקן משוגענעם יחידן, און די ערגסטע און בעסטע טענ־צערין.

זיריאַב האָט מיט יראת־הכבוד אַ קוש געגעבן דעם אַלטן אין האַנט, און איז אַוועק אין ביבליאָטעק, וואו ער האָט זיך גלייך פאַרנומען מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע לימודים.

איינמאָל איז זיריאַב אַוועק צו בן־פאַרעזין.

מיט אַ טאָג פריער האָט זיך יצחק אים אויסגעוויזן שוואַך און קראַנק, און ער האָט באַשלאָסן לאָזן אַלע אַרבעט און גיין געוואויר ווערן זיין פריינד. אַריינגייענדיק צו שלמהן אין הויז, האָט אים באַגעגנט נתנאל מיט אַ געוויין. אויף זיריאַבס אומרואיקע פראַגן האָט ער געענטפערט, אַז יצחק מאָסילי איז אין דערפרי שטיל גע־שטאָרבן אויף זיין טאָכטער רבקהס הענט.

זיריאַב איז אַריין אין צימער. דאָרט איז אויפן בעט געלעגן דער קערפּער פון דעם אומגליקלעכן אַלטן. דער קערפּער איז שוין געווען באַשמירט מיט געווירצן און אָנגעטאָן אין תכריכים־קליידער. קיינער איז לעבן אים ניט געווען. פון דעם נידעריקן פענסטער איז דאָס ליכט געפאַלן אויפן פּנים פון דעם טויטן. זיריאַב איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט לאַנג ניט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון זיין אַלטן פריינד. דער טויט האָט ווייכער געמאַכט דעם טיפן אומעט,

וואָס האָט אַזוי פאַרענדערט זיין געזיכט נאָך די אַלע איבערגעלעבטע אומגליקן, און איצט איז יצחק מאָסילי געלעגן רואיק און מאַיעסטעטיש. זיינע גרויע לאָקן האָבן וואונדערבאַר שיין אַרומגעקרייזט זיין געזיכט — און זיריאַב האָט זיך לאַנג ניט געקענט פון אים אָפּרייסן. מיט אַ שווערן געמיט איז זיריאַב אַרויסגעגאַנגען פון צימער. אויפן שוועל האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט יוסףן, וועלכער האָט אים אָפּגעפירט צו זיין מוטער, וואָס האָט זיך געעסקט אַרום רבקהן. שלמה בן־פאַרעזי האָט געוואָלט מיט גרויס פאַראַד מאַכן די לוויה פון זיין פריינד, אָבער מען האָט אים געקענט חושד זיין, אַז גאָר טיף אין האַרצן איז ער געווען צופרידן, וואָס ער איז פון אים פטור געוואָרן.

זיריאַב האָט פונאַנדערגעפרעגט וועגן יצחקס לעצטע מינוטן, זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק אַהיים.

יוסף איז איילנדיק אַרויס נאָך אים.

— דו וועסט דאָך געוויס ניט פאַרגעסן אונז קומען געוואויר ווערן, זיריאַב, — האָט ער געזאָגט און מיט גרויס ליבע געקוקט אויפן זינגער, — דו וואָלסט וויסן, ווי איך בין צו דיר געוואָרן צוגעבונדן! וואָס וועט עס מיט מיר זיין, אַז דו וועסט אונז פאַרלאָזן?

זיריאַב האָט אַ שמייכל געטאָן.

— קום אָפט אַריין צו מיר, — האָט זיריאַב געענטפערט, — ביי מיר פילט מען זיך לייכטער, ווי דאָ ביי אייך אין אייער רייכן הויז.

XX

מ'איז אַריבער אַ יאָר...

אין דעם רייכן פּאַלאַץ פֿון מוטאַסימען, דעם מושל פֿון דמשק, איז געווען אַ גרויסע אויפֿנאַמע פֿון די שלוחים, וואָס זיינען געפֿאָרן אין באַגדאַד מיט מתנות פֿון דעם פֿראַנקישן אימפּעראַטאָר קאַרל דעם גרויסן, וועלכער האָט געוואָלט באַגריסן זיין פֿריינד— האַרון=אַל=ראַשידן, הגם דער צוועק פֿון דער שליחות איז געווען אַן אַנדערער, אַ מער וויכטיקער. קאַרל האָט געהאָפֿט, אַז דער קאַליף וועט אים אָפּגעבן ירושלים, וואָס איז אויך אַ הייליקטום ביי קריסטן, און דעריבער האָט ער ניט געקאַרגט קיין מתנות, אָפּשיקנדיק די שלוחים קיין באַגדאַד.

דער מושל איז געזעסן אין דעם אויפֿנאַם=זאַל פֿון פּאַלאַץ אויף אַ פּראַכטפֿולן שטול, וואָס איז געווען באַשאָטנט מיט אַ רויטן באַלדאַכין. לויט דעם מנהג פֿון יענער צייט, איז ער אייניקע מאָל אַרויסגעגאַנגען פֿון זאַל און איז יעדער מאָל צוריקגעקומען אין אַ נייעם פּראַכטפֿולן מלבוש. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער איבערגעביטן זיבן מלבושים, פֿאַרחידושנדיק יעדער מאָל די פֿראַנקן מיט דער רייכקייט און געשמאַקפֿולקייט פֿון זיין מלבוש.

די באַרבאַרן=פֿראַנקן האָבן אויסגעוויזן גראָב און ניט רידעוודיק צווישן דער אויסגעקינסטלטער אַראַבישער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן ביי דעם גובערנאַטאָר. די קליידונג פֿון די געסט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון לייוונט=קליידער און העל=בלויע מאַנטלען האָט אויסגעזען כמעט ווי אָרעם אין פֿאַרגלייך מיט די בונטע מלבושים פֿון די אַראַבער: די ווייכע געוועבן, אויסגענייטע מיט גאָלד, זיינען אַראָפּגעהאַנגען ביז דרערד אין שיינע פֿאַלדן און האָבן צוגעגעבן

די באַוועגונגען פֿון די אַראַבער חן און מאַיעסטעטישקייט. דער אויסזען פֿון די פֿראַנקן, זייערע רויטע און פֿולע פּנימער האָבן אויסגעוויזן גראָב אין פֿאַרגלייך מיט די בלאַסע און אויסגעאיידלטע פּנימער פֿון די איינוואוינער פֿון דמשק.

די שלוחים זיינען געזעסן אומבאַוועגלעך אויף די רייכע שטולן און האָבן זיך אין האַרצן ניט געקענט אָפּוואונדערן פֿון דער אַרומיקער רייכקייט. דאָס איז בלויז געווען דער פּאַלאַץ פֿון מושל—היינט וואָס קען מען שוין ערוואַרטן ביי דעם קאַליף אַליין? און ווירקלעך איז דער אויפֿנאַם-זאַל פֿון פּאַלאַץ געווען וואונדערבאַר שיין. דאָס ליכט איז געפֿאַלן פֿון דער הויך, די פֿענסטער האָבן זיך געפֿונען כּמעט אונטערן באַלקן. די ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט עמאַל, ווי מיט אַ פּראַכטפֿולן בונטן טעפּעך. אַרום די ווענט זיינען ציילנווייז געגאַנגען דינע ווייסע קאָלאָנען, באַצירט מיט געוועלבן. אינמיטן דעם זאַל, אויף דעם מירמלשטיינערנעם דיל איז געווען געמאַכט אַ באַסיין פֿון יאַספּיס מיט אַ גילדערנעם קאַנט. אַ פֿרישער שטראָם פֿון פֿאָנטאַן האָט זיך געהויבן אין צימער און איז געפֿאַלן, שימערנדיק און פֿינקלענדיק אין דעם טייערן בעקן.

די שלוחים האָבן זיך באַגריסט מיט דעם גובערנאַטאָר מיט דער אָנגענומענער צערעמאָניע דורך אַן איבערזעצער. דער מושל האָט צוגערופֿן זיין קנעכט און האָט שטיל אים אָפּגעגעבן אַ באַפֿעל.

באַלד זיינען ערשינען שיינע יינגלעך אין גאָלדגעוועבטע קליידער מיט פֿרוכט און וויינען פֿון דעם פֿון גאָט געבענטשטן דרום. פֿון אַ צווייטער טיר איז לאַנגזאַם אַרויסגעגאַנגען אַ גאַנצע פּראָצעסיע פֿון קנעכט-עטיאָפּן. זיי האָבן אויף זיידענע קישנס געטראָגן די מתּנות פֿון גובערנאַטאָר. צוגייענדיק צו די פֿראַנקישע שלוחים, האָבן זיי זיך געשטעלט אויף די קני און האָבן זיי דערלאַנגט די מתּנות. אין דער מינוט איז אַריין אַ קנעכט און געמאָלדן, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ שליח פֿון דעם ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר. מוטאַסים האָט עטוואָס אַ שמייכל געטאָן און געהייסן אַריינפֿירן דעם נייעם גאַסט.

ס'האָט זיך נאָר-וואָס געענדיקט די לאַנגאָנעדיקע מלחמה פֿון האַרון-אַל-ראַשידן מיט דעם אימפּעראַטאָר, און ביזאַנטיע האָט געמוזט צאָלן צינזן דעם קאַליף. די אַזיאַטישע לענדער פֿון ניצעפֿאָרוסן

האָבן באַראַפּט איבערגיין צו די אַראַבער, און דער שליח איז קענטיק געפאָרן קיין באַגדאַד פועלן גינסטיקע באַדינגונגען. מוטאַסים איז געווען צופרידן, וואָס די פראַנקישע געסט וועלן זען, ווי גרויס ס'איז די ממשלה פון האַרונען. די טירן פון זאַל האָבן זיך פונאַנדערגעפּראַלט און לאַנגזאַם איז מיט זיין סוויטע אַריינגעגאַנגען אַ הויכער, דאַרער גריך מיט אַ אומבאַוועגלעך געזיכט, אַנגעקליידט אין אַ וואונדערבאַרן מלבוש, געוועבט מיט גאָלד און זילבער. מוטאַסים האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און האָט געלאַסן באַגריסט זיין נייעם גאַסט. דער ביזאַנטישער הויפמאַן האָט געקוקט פון אויבן-אַראָפּ אויף די אַראַבער, פאַרגעסנדיק, אַז ביזאַנטיע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעלעבט און איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און האָט איבערגעלאָזן איר בכורהשאַפט דעם לעבעדיקן און טאַטאַטפולן אַראַבישן פאָלק.

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע פון די באַגריסונגען דורך דעם איבערזעצער. מוטאַסים האָט ווידער געמאַכט דעם קנעכט אַ צייכן מיטן קאָפּ — און דער ביזאַנטישער שליח האָט פאַר זיך דערזען אַ קניענדיקן עטיאָפּער, וואָס האָט אים דערלאַנגט אויף אַ זיידן קישעלע אַ טייערן פאַס, אָנגענייט מיט טערקאָזן און פערל.

אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אויפגעזאַמלט די איינוואוינער פון דמשק, זיך צעזעצט אַרום איין זייט פון די קאָלאָנען אין דעם אויפנאַם-זאַל און האָבן געפירט צווישן זיך אַ פריילעכן אײַנגעצוואונגענעם שמועס. דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַלע באַרימטע און טאַלאַנטפולע איינוואוינער פון דער שטאָט; צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די געלערנטע מאָאַדושיר און פאַרטעניאַס, דער אַלטער דיכטער אַטאַיע און איניקע רייכע סוחרים פון דעם יידישן קוואַרטאַל. די אַלע האָבן אַ ביסל חוזק געמאַכט פון די פאַרגרעבטע און ניט דירעוודיקע פראַנקן, וועלכע האָבן באמת געשאַפן דעם געגנזאַץ פון דער שיינער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט. באַלד האָבן זיי באַמערקט דעם שליח פון דעם ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר.

— זעט ווי גדלותדיק עס האַלט זיך אָט די אויסגעטריקנטע ליאַלקע, — האָט באַמערקט איינער פון די בירגער.

— איר ווילט, וועל איך אײַך וואָרט בײַ וואָרט ברענגען יענעם בריוו פֿון האַרונען צו דעם אימפּעראַטאָר, וואָס איז געווען די סיבה פֿון דער איצטיקער מלחמה, — האָט מאַאַדזשיר געפֿרעגט. אַלס גרויסער פֿרײַנד פֿון דעם מושל איז ער געווען פּאַרטרויט אין אַ סך ענינים.

— איך בעט דיך, דערצייל, — האָט זיך געלאָזט הערן פֿון אַלע זײַטן.

— אָט וואָס דער קאַליף האָט געשריבן:

„האַרון, דער הערשער פֿון די רעכטגלויביקע, צו ניצעפֿאָרוסן דעם רוימישן הונט. איך האָב איבערגעלייענט דײַן בריוו, דו, זון פֿון אַ ניט־גלויביקער מוטער! מײַן ענטפֿער וועסטו דערזען, אָבער ניט דערהערן".

— גוט? — האָט מאַאַדזשיר געפֿרעגט מיט אַ שמייכל.

אַלע האָבן זיך שטיל צעלאַכט. די גדלות פֿון דעם ביזאַנטיער איז נאָך זיי אויסגעקומען קאָמישער.

אין דערדאָזיקער מינוט האָבן זיך די טירן פֿון זאַל איפּגעעפֿנט און ס'איז אַרײַנגעקומען זיריאַב. ער האָט זיך פֿיל געענדערט פֿאַר דעמדאָזיקן יאָר. דאָס איז שוין ניט געווען דער אַמאָליקער יונגעלע, וואָס האָט זיך ערשט דערפֿילט אַלס דיכטער, און איז נאָך געווען שעמעוודיק און היציק, ווי דאָס עכטע קינד פֿון דעם הייסן מדבר. ס'איז געווען קענטיק, אַז פֿאַר דער צײַט האָט ער זייער פֿיל איבער־געלעבט און איבערגעטראַכט. אַ טיפֿער ערנסטער געדאַנק האָט אַרויס־געשטראַלט פֿון זײַנע גרויסע אויגן. זײַן קליידונג איז געווען אײנפֿאַך, כמעט שטרענג, און בעת ער איז אָן רעש אַרײַנגעקומען אויף דער פֿייערלעכער פֿאַרזאַמלונג פֿון דעם מושל, האָבן די אויסלענדישע שלוחים אים מיט פֿאַרוואונדערונג אָנגעקוקט. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז דער אָרעם־געקליידטער מאַן איז געווען דער שטאָלץ אין דער רום פֿון דמשק און איז געווען געליבט ניט נאָר פֿון פֿאָלק אַליין, נאָר אויך פֿון די חשובסטע בירגער. מוטאַסים האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און איז מיט אַ פֿרײַנדלעכן שמייכל געגאַנגען אַנטקעגן דעם יונגן אַראַבער אין דעם שוואַרצן פּלאַשטש, אַרויסווײַזנדיק אים מער אַכטונג, ווי דעם וויכטיקן שליח פֿון דעם אימפּעראַטאָר. די

געסט אַלע זיינען צו אים אויך צוגעגאַנגען מיט אַ פריינדלעכן ברוך הבא. דאָס זיינען אַלע געווען זיינע פריינד און לערער. ער האָט פאַר דעם לעצטן יאָר זייער פיל געאַרבעט און געלערנט. דער שמועס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן נאָך מיט אַ גרעסערער אויפלעבונג.

די שלוחים האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער, און ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען דער צערעמאָניאַל פון געזעגענען. דער מושל האָט געגעבן אַ צייכן מיטן קאָפ, און אין זאַל זיינען אַריינגעגאַנגען יונגע אַראַבער אין לייכטע ווייסע קליידער מיט גילדערנע ווייראויך־פעסער. לכבוד די אָפּפאָרנדיקע געסט האָט מען געברענט דופטיקע גראָזן פון אַראַביע. די געסט, באַגלייט פון דעם גובערנאַטאָר, זיינען אַוועק אין די זאַלן, און נאָך זיי זיינען געגאַנגען די קנעכט מיט די ווייראויך־פעסער און מיט די מתנות. און אַזוי האָט מען זיי באַגלייט איבער די מירמלשטיינערנע טרעפ פון פאַלאַץ.

מוטאַסים האָט זיך צוריקגעקערט אין דעם מיט דופט אָנגעפילטן זאַל. דער מושל פון דמשק האָט ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק ניט געפאָלגט דעם קאַליף. שוין עטלעכע מאָל האָט האַרון־אַל־ראַשיד, אויפגעבראַכט פון זיריאַנס פאַראַכטונג און זיין גרויסן רום, אָפּגעגעבן מוטאַסימען אַ באַפעל ער זאָל אַרויסשיקן דעם זינגער אין באַגדאַד, אָבער יעדער מאָל האָט דער מושל אויסגעפונען אַ תירוץ און ניט ערפילט דידאָזיקע פאַראָרדענונג. אין דער אמתן האָט ער אָבער מורא געהאַט פאַר די דמשקאַנער; אויב ער וואָלט געוואָלט אוים טריישאַפט צו דעם הערשער כאַפן זיריאַבן, וואָלט אין שטאָט לייכט געקענט אויפפלאַקערן אַן אויפשטאַנד, דעם יונגן דיכטער וואָלט מען באַפרייט און די לאַגע פון דעם מושל וואָלט געווען זייער ניט קיין באַקוועמע. דמשק, די געוועזענע הויפטשטאָט פון דער מלוכה, האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט איר פרייהייטס־גייסט און ס'וואָלט געקענט געמאָלט זיין, אַז די עוולה, וואָס וואָלט געוואָרן געטאָן זיריאַבן, וואָלט געווען די סיבה פון אַ בלוטיקן בירגער־קריג. דעריבער האָט דער כיטרער און וויטזיכטיקער מושל מיט אַלע מיטלען אָפּגעהאַלטן האַרונס באַפעל, און אַליין זיך זייער פריינדלעך באַצויגן צום דיכטער און אים אָפט איינגעלאַדן צו זיך אין פאַלאַץ.

דאָך איז אין דעמדאָזיקן טאָג מוטאַסים געווען שטאַרק אויפֿגערעגט. ער האָט באַקומען אַ נייעם באַפֿעל פֿון האַרונען.

אויסגעפֿינענדיק אַ מינוט, ווען דער שמועס פֿון די געסט האָט זיך איינגעשטילט, איז ער צוגעגאַנגען צו זיריאַבן און האָט אים שטיל געזאָגט:

— איך מוז מיט דיר זיך אַדורכשמועסן, דיכטער!

זיריאַב איז פֿאָלגעוודיק נאָך אים אַוועק אין אַ דערבייאיקן צימער.

ביידע אַראַבער האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף די ווייכע זיידענע דיוואַנען, די קנעכט האָבן זיי דערלאַנגט די לולקעס און זיינען אַרויסגעגאַנגען.

מוטאַסים האָט גערויכערט אַ ווײַלע שווייגנדיק זיין לאַנגע לולקע, און האָט ענדלעך באַשלאָסן זיך ווענדן צום ענין.

— איך דאַרף דיר אָנזאָגן אַן אומאָנגענעמע בשורה, טייערער זיריאַב. איך שווער דיר מיט דער פֿרייהייט פֿון מעקאַ, איך וואָלט אַ כּך אָפּגעגעבן, אַז איך זאָל דאָס דיר ניט דאַרפֿן זאָגן, אָבער איך אַליין בין אויך דעם קאַליפֿס קנעכט און איך מוז געהאָרכזאַם זיין צו מיין מלכות. היינט פֿרי איז צו מיר געקומען אַ לויפֿער פֿון באַגדאַד, געבראַכט אַ בריוו, וואָס דער קאַליף האָט מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן. ער דראָט מיך אַראָפּצוואַרפֿן, אויב איך וועל דיך ניט אַרויסגעבן אים. דו ווייסט אַליין וויפֿל מאָל איך האָב זיך אַרויסגעדרייט פֿון זיינע באַפֿעלן. אָבער איצטער דראָט ער מיר אַליין. גיב אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן?

זיריאַב איז בלאַס געוואָרן, און שווייגנדיק צוזאַמענגעדריקט די ברעמען.

— הער אויס, זיריאַב, — האָט דער מושל ווידער געזאָגט, אומרואיק אַכטונג-געבנדיק נאָך דעם אויסדרוק פֿון זיריאַבס געזיכט. — פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט צוריקקערן קיין באַגדאַד? דו וועסט פֿאָרן ניט ווי אַ געפֿאַנגענער, נאָר ווי אַ געגאַרטער גאַסט פֿון דעם קאַליף, דאָרט ערוואַרט דיך כּבוד און אַ פֿריילעך, גלענצנד לעבן אין קייזערלעכן הויף. האַרון וועט דיך אָפּשיטן מיט גאָלד, אויב דו וועסט געבן דיין הסכּמה באַשיינען זיין הויף. איצטער פֿאַרפֿאָלגט ער דיך

מיט זיין צאָרן אין, ווען ניט מיין פריינדשאַפט, וואָלט מען דיך לאַנג אַ געבונדענעם געבראַכט קיין באַגדאַד. מיר דאַכט זיך, אַז בלויז די עקשנות דיינע לאָזט דיר ניט שלום ווערן מיטן קאַליף.

זיריאַב האָט אויפגעפלאַמט, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן, און מיט אַ רואיקער, עטוואָס ציטערנדיקער שטים האָט ער געזאָגט:

— קיינמאָל וועל איך זיך ניט אומקערן צוריק אין באַגדאַד. גלויב מיר, חשובער מוטאַסים, אַז איך שעץ דיין פריינדשאַפט, און איך בעט אַלאַ, אַז ער זאָל דיר שיקן די הימלישע מתנות זיינע — אָבער דיין עצה קען איך ניט אָננעמען. מען דאַרף אויסגעפינען אַן אַנדער אויסגאַנג. אַלנפאַלס וועל איך זיך באַמיען צו האַנדלען אַזוי, איך זאָל דיך באַזייטיקן פון אומאָנגענעמלעכקייטן.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט דער יונגער דיכטער זיך אויפגעהויבן פון זיין רייכן געלעגער, זיך פאַרנויגט פאַרן מושל, און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

מוטאַסים האָט אים אָפּגעשטעלט.

— וואָס קלערסטו צו טאָן, ליבער זיריאַב? טייל זיך מיט מיר, גלויב, אַז איך בין דיר איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן.

— ווי ס'איז מיר ניט שווער מיין היים צו פאַרלאָזן, וועל איך דאָס מוזן טאָן, — האָט זיריאַב געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל, שטיין-בלייבנדיק פאַר מוטאַסימען, — אָבער דו זיי ווייסן, מושל פון דמשק, — האָט ער אויסגעשריען, ניט זייענדיק אימשטאַנד איינצוהאַלטן לענגער זיין צאָרן, — זיי ווייסן, אַז איך וועל ליבער זיין נע-ונד — איידער זיך אומקערן צוריק קיין באַגדאַד, צו דעם פאַרהאַסטן טיראַן.

— היט זיך! — איז מוטאַסים געוואָרן בייז, — דו פאַרגעסט זיך. פאַר דעמדאָזיקן וואָרט קען איך הייסן דיך פאַרהאַלטן.

— פרווו, האָט זיריאַב אויסגעשריען, אויפפינקלענדיק מיט די אויגן. און ניט ווילנדיק געכאַפּט דעם קינזשאַל, וואָס האָט געשטעקט ביי אים אין גאַרטל.

מוטאַסים איז אויפגעשפרונגען פון זיין געלעגער. זיריאַב האָט זיך צעלאַכט, לאַנגזאַם אַריינגעזעצט דעם קינזשאַל הינטערן גאַרטל

און איז אַרויס פון צימער מיט אַ שטאָלצן באַוואוסטזיין פון זיין מאַכט.

אַן אויפגערעגטער און אַ בלאַסער איז ער צוגעגאַנגען צו די געסט פון דעם מושל. דאָרט איז געזעסן דער אַלטער אַטאַיע. צו אים איז צוגעגאַנגען דער יונגער דיכטער און האָט שטיל אים איבערגעגעבן די אומדערוואַרטע נייס. דער גוטער אַלטער, קענענדיק גוט זיריאַבן, וועלכן ער האָט אָנגערופן פאַר זיין זון, האָט שטיל אַ געשריי געטאָן און פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די הענט. עס זיינען צוגעגאַנגען אַנדערע, מאָאַדזשיר, פאָרטעניאָס, אַראַבישע געלערנטע, און גלייך האָבן זיך אַלע דערוואוסט פון דעם שטורעם, וואָס האָט באַדאַרפט אויסברעכן איבער דעם דיכטערס קאָפּ. אַלע האָבן הויך אויסגעדריקט זייער צאָרן און געטרייסט זיריאַבן.

מוטאַסים איז צוריקגעקומען אין דעם אויפנאַם־זאַל. ער האָט דערזען, אַז זיריאַב האָט דערציילט זיינע פריינד וועגן האַרונס ברוטאַלן באַפעל, און אַז די גאַנצע געזעלשאַפט איז אויף דעם דיכטערס זייט. ער האָט בײַ זיך גלייך באַשלאָסן, ווי עס איז וויכער צו מאַכן די פריערדיקע אומאָנגענעמע סצענע און מיט אַ פּאַרדריסלעכן אויסזען האָט ער זיך צוזאַמענגעמישט מיט די רייכע בירגער און געלערנטע, וואָס האָבן אַרומגערינגלט זיריאַבן.

— איך אַליין בין דער דינער פון קאַליף, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל פון באַדויערונג, — איך וואָלט געוואָלט אים ניט פאָלגן, אָבער איך וואַג ניט. איך שווער אייך מיט מיין מנחה, אַז איך האָב שוין איניקע מאָל באַוויטיקט די געפאַר. איך האָף, אַז מיינע פריינד פון דמשק וועלן אויף מיר ניט ברוגז זיין. איר וועט אַלע ווי איך האָב ליב זיריאַבן. איך בין אים נאָר מתרה, אָנשטאָט בוכשטעבלעך אויסצופירן דעם באַפעל פון קאַליף: כאַפּן דעם זינגער און אַ געבונדענעם אים צושטעלן קיין באַגדאַד.

זיריאַב האָט אויפגעציטערט.

— קיינמאָל וועט דאָס ניט זיין, — האָבן איניקע שטימען אויסגעשריען. — דער קאַליף וועט ניט האָבן די העזה אָפּנעמען בײַ אונז אונזער זינגער.

— זאָל ער נאָר פּרוּוון! — האָט דראָענדיק געזאָגט איינער פון די רייכסטע בירגער.

— איך מיין, אַז ניט אין דעם הויז פון דעם מושל דאַרף מען באַשליסן די פראַגע וועגן דעם גורל פון אונזער ליבלינג, — האָט זיך געלאָזט הערן די רואיקע שטים פון אַטאַיען. — איך לייג פאָר די אַלע, ווען מען עס אינטערעסירט מיין אָנגערופענער זון, זאָל קומען צו מיר צו גיין היינט אָוונט. דאָרטן וועלן מיר רואיק באַטראַכטן די פראַגע, ווי זאָל ער האַנדלען, וואו צו פאָרן. דיר זשע, חשובער מוטאַסים, — האָט זיך געווענדט דער אַלטער אַטאַיע צום מושל, — זיינען מיר דאַנקבאַר וואָס דו האָסט מתרה געווען זיריאַבן. — געדענק, אַז מיר אַלע שעצן דיין גוטסקייט און מיטגעפיל.

די אמתדיקע ווערטער פון אַטאַיען האָבן ווידער געבראַכט דעם שלום, וואָס האָט געדראָט נאָר־וואָס איבערצוגיין אין אַ קריג, און ווידער האָבן זיך אַלע פאַראייניקט אין אַ לעבהאַפטן שמועס.

זיריאַב איז געווען צו טיף אָנגעגריפן מיט דער באַליידיקונג, צופיל אויפגערעגט אויף צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם אַלגעמיינעם שמועס, און אומבאַמערקט איז ער אַוועקגעגאַנגען פון פּאַלאַץ.

XXI

— פֿאַר דיר איז אוממעגלעך זיך אומצוקערן צוריק קיין באַגדאַד, — האָט געטענהט דער אַלטער אַטאַיע, — מיט דעם זייגען מסכּים, ווי דו זעסט, אַלע דיינע פֿריינד. אָבער בלייבן דאָ טאָרסטו אויך ניט: מיר קענען דיך ניט אויסבאַהאַלטן פֿון דעם קאַליף. הייסט עס, אַז מען מוז פֿאַר דיר אויסזוכן אַ נייע היים, וואו דו זאָלסט קענען מיט נוצן אָנווענדן דיינע כּוחות.

— געוויס אַזוי, מיין פֿאָטער, — האָט זיריאַב געענטפֿערט, — איך זע אַליין, אַז איך וועל זיך מוזן אָפּזעגענען מיט דמשק.

דער יונגער דיכטער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט און גענומען אַרומשפּרייזן איבערן גאָרטן. ווען איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון באַגדאַד, איז מיר ניט געווען שווער צו פֿאַרלאָזן אים: איך האָב דאָרטן ניט לאַנג געלעבט און ניט איבערגעלאָזט קיין פֿריינד. דמשק אָבער איז פֿאַר מיר געוואָרן מיין גייסטיקע געבורט־שטאָט. ס'איז נאָך ניטאָ קיין צוויי יאָר ווי איך בין אַהער געקומען — אַן אָרעמער, אַ אומוויסנדער און אַ אומבאַקאַנטער, און דאָ האָב איך געפֿונען אַלץ, צו וואָס מיין נשמה האָט געשטרעבט. קודם־כּל האָב איך דיך געפֿונען, פֿאָטער מיינער, — האָט זיריאַב געזאָגט, צוגייענדיק צו אַטאַיען און קושנדיק אים אין האַנט. — דו האָסט מיר אויפֿגעמאַכט מיינע אויגן צו קוקן אויף גאָטס וועלט און מיר געוויזן מיין באַרוף. וואָס וואָלט מיט מיר געוואָרן, ווען אַלאַ וואָלט דיך מיר ניט געשיקט? אַן אָרעמער, אַן אומוויסנדער אַראַבער, וואָלט איך דען אַליין אויפֿגעזוכט אין לעבן די קוואַלן פֿון וויסנשאַפֿט? איר אַלע מיינע פֿריינד און לערער, — האָט זיך זיריאַב געווענדט צו די קינסטלער און געלערנטע, וואָס זיינען געזעסן אין אַ קרייז

אַרום אַטאַיען, — איר האָט מיך צוגענומען אין אייער סביבה און באַגעהאָלפן מיר אין מיינע שטרעבונגען. זאָל אייך דער גרויסער אַלאַ בענטשן פאַר אַזאַ גוטסקייט! ס'איז מיר שווער מיט אייך זיך צו שיידן! אָבער מען דאַרף זיך לערנען אַריבערצוטראָגן די שלעג פון מזל. גיט מיר אַ ראַט, פריינד מיינע, וואוהין זאָל איך פאָרן?

— היינט זיינען ביי מיר געווען די פרענקישע געסט, — האָט מאָאַדזשיר געזאָגט, — זיי האָבן זיך דערוואוסט פון דיין באַשלוס צו פאַרלאָזן דיין פאָטערלאַנד און האָבן מיר דערציילט, אַז זייער קיסר קאַרל, טוט נאָך אונזער קאַליף און רינגלט זיך אַרום מיט באַרימטע געלערנטע און דיכטער. זיי האָבן געוואָלט דיר פאָרלייגן זאָלסט פאָרן מיט זיי.

— איך בין ניט איינמאָל געווען אין דער מדינה פון קיסר קאַרל. — האָט זיך דער יידישער סוחר אַריינגעמישט, גלעטנדיק זיין לאַנגע באָרד. — איך וועל ניט ראַטן אונזער פריינד ער זאָל זי אויסקלייבן פאַר זיין וואוינאָרט.

— פאַרוואָס? — האָט זיריאַב געפרעגט.

— דערפאַר ווייל דו וועסט פאַרלאָרן גיין צווישן דעמדאָזיקן ווילדן און פאַרגרעבטן פאָלק. אמת, דער הויף פון קאַרל דעם גרויסן צייכנט זיך אויס מיט זיין גלאַנץ, אָבער דאָס איז דער גלאַנץ פון באַרבאַרן. זיינע געלערנטע קענען זיך ניט פאַרגלייכן מיט אונזערע אַראַבישע געלערנטע — די דרייסטע זוכער פון אמת; יענע שרייבן בלויז איבער די אַלטע לאַטיינישע שריפטשטעלער און דיספּוטירן וועגן זיי. ביי אונז קענען אַלע, אַפילו פרויען — לעזן, דאָרטן פאַרשטייען ניט אַפילו די גייסטלעכע די ביכער, לויט וועלכע זיי האַלטן די תפילות אין קלויסטער. די ברוטאַליטעט פון די מנהגים אין דעמדאָזיקן לאַנד איז באמת שרעקלעך. דו, זיריאַב, רופסט אָן האַרונען פאַר אַן אויסוואורף, אָבער קאַרל שטייט פון אים ניט אָפּ. ווען איך בין דעם לעצטן מאָל געווען מיט סחורה אין לאַנד ביי די פרענקן, האָט זיך קאַרל געוועסט נאָר־וואָס אומגעקערט אין זיין הויפּטשטאָט צוריק פון זיין בלוטיקן צוג קעגן די זאַקסן, און איך האָב אַליין געהערט, ווי די פרענקישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך באַרימט, אַז מ'האָט אויסגעהרגעט צען טויזנט זאַקסישע פאַמי־

ליעם, און אַז די גאַנצע זאַקסישע ערד איז באַגאָסן מיט דעם בלוט פון אירע איינוואוינער. איך וועל דיר ברענגען נאָך אַ ביישפּיל, פון וועלכן עס וועט דיך גרוילן, מיין פריינד. אין אַ דאָרף האָב איך ביי‎געווען אַ בלוטיקן משפּט פון די איינוואוינער איבער אַ פרוי, וואָס מ'האָט זי חושד געווען אין כישוף, האָט מען זי געבונדן, גע‑קוילעט און אויפגעגעסן, און די רעשטלעך פאַרברענט. דו ווערסט פאַרציטערט? אָט ווי עס זעט אויס דאָס לאַנד פון קאַרל דעם גרויסן! דאָרט איז ניט דער אָרט פאַר דעם אויסגעבילדעטן אַראַבישן דיכ‑טער.

— מיר זיינען דיי אויך אויסגעקומען ברוטאַל אָט די דאָזיקע פרענקישע שלוחים, — האָט מאָאַדזשיר באַמערקט, — און לעבן צוזאַמען מיט אַזעלכע מענטשן וואָלט דאָך געווען אַן אָפּקומעניש. זאָל אַלאַ דיך אויסהיטן צו מאַכן אַזאַ געפערלעכן שריט.

— פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט לאָזן קיין אַטען? — האָט פאַרטע‑ניאָס געפרעגט, — דאָס איז אַ שטאָט וואו שטענדיק קען מען גע‑פינען אַ שיינע וועלטלעכע געזעלשאַפט.

— וואָס וועל איך אָבער דאָרטן טאָן, — האָט זיריאַב געזאָגט, — דו האַלטסט דאָך אַליין, אַז אַטען איז איצטער אין אַ ירידה, אַז דאָרטן קען מען ניט געפינען קיין באַשעפטיקונג. פאַרוואָס דען ביסטו אַליין געקומען אַהער אין דמשק?

— יאָ, דו ביסט גערעכט, — האָט פאַרטעניאָס פאַרשעמט געענטפערט, — ס'איז אמת. אַטען האָט איצטער איינגעשלאָפן. דאָרט איז ניטאָ קיין שום אויפלעבונג, קיין מסחר, ווי דער אָטעם פון לעבן איז אַרויס פון מערב און זיך אַריינגעכאַפּט אין אייער אַראַבישער וועלט.

— ווען ביזאַנטיע וואָלט ניט געווען אַזוי צעלאָזן און צעבושעוועט, וואָלט איך דיר ראַטן, זאָלסט אַוועקפאָרן אין הויף צום קיסר, — האָט געזאָגט איינער פון די געסט — אַ רייכער בירגער פון דמשק.

— זיריאַב וועט אָבער ניט קענען אויסהאַלטן די הויפישע אינ‑טריגעס, — האָט אַטאַיע באַמערקט, — און בכלל וואָס פאַר אַ גליקן שטעלט איצט מיט זיך פאָר ביזאַנטיע? מען קען זי פאַרגלייכן מיט אַן אַלטער אָנגעפודערטער און אָנגעפאַרבטער שיינע פרוי. זי איז

געווען מעכטיק אַמאָל, אָבער איצט דריקן איר אַלע שכנים און ראַבירן זי. אָט האָט האַרון אָפּגענומען אַלע אירע אַזיאַטישע פּראָווינצן, און פון צפון בּאַפאַלן איר די גערמאַנען און די סלאַוון. ניין, נעבעכדיק זעט איצט אויס דידאָזיקע שטאָלצע ביזאַנטיע.

— איך וועל ניט פאָרן קיין ביזאַנטיע, — האָט זיריאַב געזאָגט, — אויף וויפל מיר איז באַוואוסט, איז דעם אימפּעראַטאָרס הויף אין ביזאַנטיע דעמאָראַליזירט און אויסגעלאַסן. איך וועל ניט איבערטראָגן די אַכזריות, אינטריגעס און די שטענדיקע חניפה פאַרן קיסר.

— עס בלייבט נאָר איין לאַנד, וואוהין דו קענסט פאָרן, זיריאַב, — האָט דער יידישער סוחר געזאָגט, זיך אויפשטעלנדיק, — דאָס איז קאָרדאָווע.

— קאָרדאָווע — די מלכה פון מאַוריטאַניע! — האָט מאָאַדזשיר אויסגעשריען. — ווירקלעך, זיריאַב, — אָט האָסטו דיר דיין צווייטע פאָטערלאַנד! דאָרטן וועסטו זיין אין אַראַבישן לאַנד און וועסט זיך ניט קענען רעכענען פאַר אַ געררודפטן.

— דאָ ניט לאַנג איז צו מיר געקומען צו פאָרן אַן אַרכיטעקטאָר פון קאָרדאָווע, — האָט פאַרטעניאָס באַמערקט, — אַ געלערנטער און אַ ליבער מענטש. ער האָט מיך ממש באַצויבערט מיט זיינע פיינע מאַנירן. ער האָט מיר פיל דערציילט וועגן דעם קאָרדאָווער קאַליף אַל-חכם, און אויב גלויבן זיינע ווערטער, איז זיין לאַנד אַן עכטער גן-עדן

— וואָס אַזוינס האָט ער דערציילט וועגן דעם קאַליף? — האָט זיריאַב געפרעגט.

— ער האָט געלויבט זיין פזרנות און גוטהאַרציקייט. לויט זיינע ווערטער איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ קיין בעסערער און געבילדעטער קיסר פאַר אים. דער מאַוור איז געקומען אַהער צו שטודירן, לויט דער פאַראָרדענונג פון דעם קאַליף, דעם מעטשעט פון דמשק. פונקט אַזאַ מעטשעט וועט ער אויך בויען אין קאָרדאָווע.

— איך האָב אויך געהערט וועגן קאָרדאָווע, — האָט אַטאַיע פאַרטראַכט אַרויסגערעדט, — אָבער ס'אַ אַ מהלך ס'איז פון דאַנען! אַ גרויסע נסיעה וועסטו דאַרפן דורכמאַכן, מיין זון!

— די רייזע איז ניט געפערלעך, — האָט פאַרטעניאָס ערקלערט, — דער מאַוור האָט מיר דערציילט, אַז דעם קאַליפס שיפן הערשן אין מיטללענדישן ים און וואַרפן אָן אַן אימה אויף די שכנישדיקע ברעגן.

— יאָ, ריכטיק, — האָט דער יידישער סוחר געזאָגט, — דער קאָרדאָווער קאַליף קען זיך פאַרגלייכן מיט זיין מעכטיקייט אַפילו מיט האַרון־אַל־ראַשידן. ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען אין קאָרדאָווע און אין אַלדזשעזיר, איז מיר מאַוריטאַניע זייער געפעלן געוואָרן. דאָס פאָלק איז אַזוי גוט און פריינדלעך, ס'איז ניטאָ קיין שפור פון דער פרענקישער גראָבקייט. אומעטום האָב איך באַגעגנט רייכע דערפער, אומעטום באַאַרבעטע פעלדער; אומעטום אָרדנט מען איין אַקוועדוקטן, בריקן; פון אומעטום קוקט אַרויס דער וואוילשטאַנד. דער קאַליף אַליין איז צו מיר געווען זייער פריינדלעך און האָט מיך איינגעלאַדן אויף ווייטער ניט צו פאַרגעסן זיין לאַנד. ער האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף דמשק, אויף האַרונען, און האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן און אַ ליכטיקן פאַרשטאַנד.

— אָבער ס'איז דאָך מעגלעך, אַז איך וועל זיין ניט קיין געבעטענער גאַסט ביי אים אין הויף? — האָט זיריאַב ניט דרייסט באַמערקט.

— וועגן דעם באַאומרואיק זיך ניט, — האָט מאָאַדזשיר שמייכלענדיק געענטפערט, — אויב דו וועסט שוין באַשליסן צו פאָרן אין מאַוריטאַניע, איז גלויב מיר, אַז דערדאָזיקער קאַליף וועט דיך באַגעגענען מיט אַ קייזערלעכער אויפנאַמע. דיין נאָמען איז באַקאַנט אין דער גאַנצער אַראַבישער וועלט.

— דיר שטייט פאָר אַ גלענצנדע צוקונפט, — האָט פאַרטעניאָס געזאָגט, — אויב דו ווילסט קען איך זיך דורכריידן מיט דעם מאַוור, און איך בין זיכער, ער וועט זיין אַנטציקט פון דיין באַשלוס.

— וואָס־זשע קאָן איך נאָך זאָגן, — האָט זיריאַב טרויעריק געענטפערט, — איך מוז זיך דאָך ערגעץ אַהינטאָן, כדי זיך אַרויסצודרייען פון האַרונס נעגל. ווי עס ווייזט אויס, איז דער בעסטער אָרט קאָרדאָווע, און דו וועסט מיך זייער פאַרפליכטן, פאַרטעניאָס, אויב דו וועסט איבערגעבן מיין באַשלוס דיין מאַוור.

איינע נאָך די אַנדערע זיינען זיך צעגאַנגען די געסט בײַ אַטאַיען. ער איז געבליבן אַליין מיט זיין תּלמיד, וועלכן ער האָט אָנגערופֿן זיין זון. זיריאַב האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן גראָז לעבן אַלטן און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ בײַ אים אויף די קני.

— מיר דאַרפֿן זיך צעשיידן, זון מיינער, — האָט מיט טיפֿן טרויער אַרויסגערעדט דער גרויער דיכטער. איך פֿיל, אַז ניט לאַנג וועל איך פֿאַרבלייבן איינזאַם נאָך דיין רייזע — עס קומט אויך מיין צייט זיך צו שטעלן צום משפּט פֿאַר דעם שטרענגן ריכטער. ס'טוט מיר באַנג, וואָס דו וועסט ניט פֿאַרמאַכן מיינע מיד־געוואָרענע אויגן.

— רייד דאָס ניט, מיין פֿאָטער, — האָט זיריאַב געזאָגט, אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ. — מיך דריקט אַזוי דער טרויער. אָבער זאָג, וואָס זאָל איך טאָן, וואָס באַשליסט מען צו טאָן?

— איך מיין, אַז בעסער ווי קאָרדאָווע, וועסטו ווירקלעך ניט געפֿינען. פֿאָרט איז דאָך דאָס לאַנד אונדז אַזוי היימיש און די מאַורען זיינען דאָך די ייִנגסטע זין פֿון אונזער טייערער אַראַביע. דער רום פֿון דיין גרויסן טאַלענט האָט געוויס דערגרייכט אויך צו דעם קאַליף פֿון קאָרדאָווע, און פֿאַרטעניאָס איז געווען גערעכט, פֿאָראויסזאָגנדיק דיר אַ גלענצנדע צוקונפֿט.

זיריאַב האָט געמאַכט אַן אומצופֿרידענע באַוועגונג און האָט געוואָלט אויף דעם אָפּענטפֿערן דעם אַלטן, אָבער יענער האָט מיט זיין ליבן שמייכל ווייטער גערעדט:

— נאָר איך מיין, אַז מיין זון וועט אויך בײַ דעם קאַליף אין הויף בלייבן דערזועלבער באַשיידענער דיכטער ווי ער איז געקומען אַהער אין דמשק, און האָט אַלס אַזעלכער חן געפֿונען בײַ מיר און בײַ פֿיל אַנדערע פֿון דמשק. איך בין פֿעסט איבערצייגט, אַז גאָלד, מאַכט און לוקסוס וועלן דיך ניט פֿאַרבלענדן. דיין נשמה וועט שטענדיק בלייבן טריי נאָר זיך אַליין. יאָ, מיין פֿריינד, איך גלויב אין דיר און אין דיין טאַלענט, און מיין פֿאַרזאָג גיב איך דיר אַזעלכן: היט זיך אָפּ פֿון דער אייטלקייט און בייזקייט פֿון עולם־הזה! זאָל קלינגען דיין ליד נאָר פֿאַר אמת און גוטס! איך האָב געהערט אַ סך גוטס וועגן דעם קאַליף אַל־חכם. אויב אַפֿילו

אַהעלפֿט פֿון די אַלע דערציילונגען איז אמת, מיין איך, אַז דו וועסט אין אים געפֿינען אַ פֿריינד און אַ באַשיצער. דיין לאַגע וועט זיין גלענצנד, זון מיינער; באַנוץ זיך מיט אַלץ, כּדי צו טאָן גוטס. אויב דער קאַליף וועט דיך ליב באַקומען, קענסטו פֿיל אויפֿטאָן, געבנדיק אים גוטע עצות. דיין קענטשאַפֿט וועט ניט גיין לאיבוד, מען וועט אין דיר שעצן ניט בלויז דעם דיכטער, נאָר אויך דעם געלערנטן. באַמי זיך דאָרט, ווייט פֿון אונז, אַנטוויקלען דיין שכל מיט נייע געדאַנקען און קענטשאַפֿט. דו האָסט מיר געזאָגט, מיין זון, אַז דיין לעבן קומט דיר אויס צו זיין שיין און הערלעך. יאָ, זיריאַב, דיין לעבן איז הערלעך, און זאָל דיך שטאַרקן אַלאַ, ווען דאָס בייז און פֿריינדשאַפֿט וועלן זיך שטעלן קעגן דיר און וועלן פּרוּוון סמען דיין ליכטיק לעבן!

XXII

אין דערדאָזיקער צייט זיינען אין זיריאַבס קליינעם שטיבעלע, אין דעם קילן צימערל, מיט אַראָפּגעלאָזטע פֿאָרהאַנגלעך בײַ דער טיר, אין האַלבטונקלקייט געזעסן אויף דער ערד וועלעדאַטע און רבֿקה. יצחק מאַסילים טאָכטער איז פֿאַר דעם יאָר זייער אויסגעוואַקסן און פֿאַרוואַנדלט אין אַ שיין מידל. זי איז שוין אַלט געווען 14 יאָר, און ווען זי זאָל האָבן גרן, און וואָלט ניט געווען אַזוי פֿאַר־אָרעמט, וואָלטן פֿיל יידישע בחורים זיך צו איר געשדכנט.

רבֿקה און וועלעדאַטע, זיצנדיק אויף אַ גוט געוועבטער מאַטע, האָבן שטיל געשמועסט צווישן זיך.

— איך פֿאַרזיכער דיך, וועלעדאַטע, — האָט רבֿקה געטענהט, אַוועקלייגנדיק דעם קאָפּ אויפֿן אַקסל פֿון איר בעסטן פֿרײַנד, — איך פֿאַרזיכער דיך, אַז דאָס איז דער איינאונאיינציקער אויסוועג פֿאַר אונז.

— אָבער וואָס וועט אויף דעם פּאַרעזי זאָגן?

— דערוויילע וועט ער גאָרנישט זאָגן, — האָט רבֿקה אַ שמייכל געטאָן, — צי דען ווייסטו ניט, אַז ער איז נעכטן אָפּגעפֿאָרן אין מאָסול, צום עלטערן זון?

— ניין, איך האָב ניט געהערט, הייסט עס, אַז איר ווילט זיך באַנוצן מיט זיין אָפּוועזנהייט?

רבֿקה האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אָבער הער אויס, מיין גאַזעל, ער וועט דאָך קומען צו־ריק, וואָס־זשע וועט דאַמאָלסט זיין?

— דאַמאָלסט וועלן מיר שוין זיין העט־ווייט, — האָט רבֿקה געענטפֿערט.

— און יוסף האַלט דאָס אַנטלויפֿן פֿאַר דעם איינציקן מיטל? איז ניט גלייכער אָפֿנהאַרציק גיין צום פֿאָטער און זאָגן אים: מיר האָבן זיך איינע די אַנדערע ליב געקראָגן, גיב אונז דיין ברכה? דאָס וואָלט געווען שענער, רבקה.

אָבער רבקה, אַן אויפֿגערעגטע, האָט זי איבערגעהאַקט:

— אַוודאי, דאָס וואָלט געווען שענער, אָבער קענסטו ניט דעם שלמה פֿאַרעזין? צי דען וועט ער מיר דאָס מוחל זיין, וואָס יוסף, אָנשטאָט צו נעמען אַ רייכע כּלה, וויל חתונה האָבן מיט מיר, מיט אַן אָרעם מיידל, און דערצו נאָך מאָסילים טאָכטער, וועלכן ער האָט ניט שטאַרק ליב געהאַט? צי דען ווייסטו ניט, וועלעדאַטע, אַז ער האָט מיין פֿאָטער געהאַסט? און דו זאָגסט, אַז מען דאַרף אים איינבעטן! ער וועט דאָך אויף קיין פֿאַל ניט ערלויבן אונז חתונה צו האָבן!

רבקה האָט זיך צעוויינט.

וועלעדאַטע האָט אַ זיפֿץ געטאָן און פֿאַרטראַכטערהייט אַרויסגערעדט:

— נו, אָבער וואָס וועט אויף דעם מרים זאָגן?

רבקה איז אויפֿגעשפּרונגען און האָט זיך ווידער געוואָרפֿן צו וועלעדאַטען אין די אָרעמס.

— רייד ניט, רייד ניט, וועלעדאַטע. טאָג און נאַכט טראַכט איך נאָר וועגן דעם. איך האָב ניט קיין מיטלייד אויף שלמה פֿאַרעזין, אים וואָלט איך נאָך וועלן עפּעס אָפּטאָן פֿאַר די ערנידערונגען, וואָס איך און מיין פֿאָטער האָבן זיך אויסגעליטן ביי אים אין הויז; מיר אַרט ניט אויך דזשאַעל, אָבער מיין האַרץ ווערט פֿאַרגאָסן מיט בלוט, ווי איך גיב נאָר אַ קלער וועגן מרימען. דאָס איז שרעקלעך, שרעקלעך! איך ווייס, אַז אונזער אַנטלויפֿן וועט זיין פֿאַר איר אַ שטאַרקער קלאַפּ!

— יאָ, אויב איר וועט ווירקלעך באַשליסן צו אַנטלויפֿן, וועט מרים שוין קיינמאָל מער ניט זעען איר ליבלינג! צי וועט זי קענען איבערטראָגן די צעשיידונג אויף שטענדיק?

רבקה האָט שווייגנדיק אונטערגעכליפּעט. וועלעדאַטע האָט צאַרט געגלעט איר שוואַרץ-האָריק קעפּל און געטראַכט וועגן דער אָרע-

מער מרימען, וואָס האָט איר צוגענומען און געהאַלטן, ווי אַן אייגן קינד — און איצט קומט דאָס מיידל און וויל אָװעקרייבן בײ איר מוטער איר אוצר — איר זון.

— האָב רחמנות אויף דיין אַזוי גערופענע מאַמע, — האָט וועלעדאַטע געזאָגט. — זאָל יוסף עפּעס צוטראַכטן אַן אַנדער מיטל, אָבער אַנטלויפן פון דמשק, אויף אייביק איבערלאָזן די מאַמען — דאָס איז גרויזאַם! מרים וועט שטאַרבן פון האַרצווייטאָג.

— וועלעדאַטע! — האָט רבקה געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג, — וואָס זאָלן מיר דאָ מאַכן? שלמה פאַרעזי וועט דאָך ניט דערלויבן זיין זון חתונה האָבן מיט מיר! הייסט עס, אַז מיר דאַרפן וואַרטן ביז ער וועט אים צווינגען חתונה צו האָבן מיט איינע פון די רייכע כלות, וואָס שמייכלען צו אים זייער האַרציק און הענגען זיך אַרום מיט צירונג, כדי מער ביי אים אויסצונעמען? דזשאַעל האָט אַנומלט פאַר מיר אין די אויגן אָנגערופן אַ צענדליק כלות...

— וועלעדאַטע, ווער איז דאָרט ביי דיר, — האָט זיך פון דעם צווייטן צימער דערהערט אַ הויכער אויפגערעגטער קול.

דאָס איז געווען קעלאַם.

וועלעדאַטע האָט זיך באַפרייט פון רבקהס אָרעמס און, צוגייענדיק צום טיר, האָט זי געזאָגט:

— ביי מיר זיצט רבקה מאַסילי.

— שטענדיק קומט איר שטערן מיט אייער פּלוידעריי, — האָט זיך דערהערט ווידער קעלאַמס בייזע שטים. — צי דען ווייסטו ניט, אַז איצט איז די צייט פון שלאָף פאַר מיין מיידעלע.

— מיר האָבן דען זי אויפגעוועקט, — האָט וועלעדאַטע געפרעגט און איז אַריין אין צימער צו קעלאַמען.

קעלאַם מיטן קינד אויפן האַנט איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער.

— אַוודאי האָט איר אויפגעוועקט. די ווענט זיינען דאָך דאָ דין. און וואָס בין איך דאָס פאַר אַן אומגליקלעכע! פאַרוואָס באַשטראָפט עס מיך אַזוי דער נביא?

— וואָס איז געשען? — האָט וועלעדאַטע געפרעגט, צוזאַמענדריקנדיק די ברעמען, וואָס איז געווען איר געוווינהייט.

— ניטאָ מיך וואָס אַזוי בייז אָנצוקוקן, — האָט קעלאַם אויסגעשריען. — איך ווייס אַליין אויך גוט, אַז קיינער האָט אויף מיר דאָ קיין מיטלייד. ניט אויף מיר, ניט אויף מיין קינד! און זיריאַב קאָן ניט אָנקוקן דאָס בידנע קינד, און דו גיסט אויף איר אויך ניט אַכטונג. אַלעמען שטערט זי, מיין מיידעלע, און קיינער האָט זי ניט ליב.

דאָס מיידעלע איז אויפגעשטאַנען און זיך צעוויינט. קעלאַם האָט ווידער גענומען אומשפרייזן איבערן צימער אין אומגעדולדיק געוויגט.

וועלעדאַטע האָט פאַר דער לעצטער צייט זיך צוגעוויינט צו קעלאַמס מורמלען און שרייען, און דעריבער איז זי גאַנץ רואיק אַריין צוריק צו רבקהן. אין דער ווילע האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און זי איז אַוועק עפענען.

— רבקה איז דאָ? — האָט יוסף געפרעגט, שעמעוודיק אָפּשטעלנדיק זיך ביים שוועל.

— קום אַריין, — האָט וועלעדאַטע מיט אַ פריינדלעכן שמייכל אים באַגעגנט, — מיר וואַרטן אויף דיר.

יוסף האָט מיט אומרואיקייט אַ קוק געגעבן אויף דער שיינער אַראַבערין, וועלנדיק איבערלייענען אויף איר געזיכט, ווי האָט ביי איר אויסגענומען זייער באַשלוס.

וועלעדאַטע האָט טרויעריק אים אָנגעוויזן אויף דער טיר.

— רבקה וואַרט אויף דיר, — האָט זי אים נאָכאַמאָל געזאָגט און אים אַוועקגעפירט אין אַ פינסטערן צימער.

יוסף האָט אין דער האַלבטונקלקייט קוים געקענט זען רבקהן. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך און האָט געוויינט, אַוועקלייגנדיק דעם קאָפּ אויף די הענט און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אויף די קני.

— שטילער, — האָט וועלעדאַטע זיי מתרה געווען. קעלאַם איז אין דעם צווייטן צימער.

יוסף איז צוגעגאַנגען צו רבקהן און האָט איר אַ קוש געגעבן אין קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן געלעגער און האָט געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו וועלעדאַטען:

— אין גאַנץ דמשק האָב איך ניט קיין בעסערן פריינד, איי־דער דו, — וועלעדאַטע. דו האָסט אונז געהאָלפן זיך צו זען, בעת די שטרענגקייט פון אונזער פאָטער האָט עס אונז פאַרווערט. איצט איז געקומען די צייט צו באַשליסן. זי האָט דיר דערציילט אונזער פּלאַן?

— יאָ, — האָט וועלעדאַטע געזאָגט.

— וואָס טראַכסטו וועגן דעמדאָזיקן באַשלוס?

— איך טראַכט וועגן דיין מאַמען, יוסף.

יוסף האָט אויפגעציטערט.

— איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיר דאָס זאָגן. מיין אָרעמער מאַמען שטייט פאַר אַ שווערער נסיון, איך ווייס, און איך מיט רבקהן האָבן ניט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי ווייכער צו מאַכן די ביטערקייט פון דער צעשיידונג.

— מרים וועט די צעשיידונג ניט איבערטראָגן, — האָט וועלע־דאַטע שטיל געזאָגט.

רבקה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן זיך צוגעהערט צום שמועס.

— אָבער וועט פאַר מיין מוטער ניט זיין קיין טרייסט, אַז איך וועל זיין גליקלעך? זי ווייס זייער גוט, ווי שווער מיר איז ביי מיין פאָטער אין הויז. איך וועל קיינמאָל ניט קענען ווערן קיין סוחר, און די צעשיידונג איז אומפאַרמיידלעך. איצטער, בעת פאַר־טעניאַס האָט מיר איבערגעגעבן אַ טייל פון זיין קענטשאַפט פון דער בוי־קונסט, האָב איך גאָרניט דעם געדאַנק צו בלייבן אין דמשק און האַנדלען מיט זיידנס און מיט שמעקעדיקע גראָזן פון אַראַביע, ווי מיין פאָטער.

— אָבער דער פאָטער ווייס דאָך ניט, אַז דו האָסט זיך געלערנט ביים גריך, — האָט וועלעדאַטע געענטפערט.

— די מוטער ווייס עס און זי פאַרשטייט מיך. זי האָט מיך אַזוי ליב, אַז זי וואָלט מיך ניט געוואָלט נאָר האַלטן אין דמשק.

— אָבער צי דען פאַרשטייסטו ניט, אַז דאָס שרעקלעכסטע וועט זיין פאַר איר, וואָס דו וועסט זיך מיט איר ניט זעגענען, אויב דו וועסט אַוועקפאָרן בשתיקה מיט רבקהן און וועסט אויף אייביק פאַר־לאָזן דעם פאָטערס הויז!

— גלויב מיר, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג צו אונזער גליק, — האָט יוסף געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף רבקהן, — ניט דיר אָן די וואונד פון מיין האַרצן, וועלעדאַטע. איך האָב באַשלאָסן, און איך בעט דיך נאָר איין זאַך: ניט לאָז איבער מיין מוטער אַליין אין די טעג פון איר טרויער. דו אַליין וועסט קענען זי טרייסטן.

— וואוהין ווילסטו זיך לאָזן, — האָט וועלעדאַטע נאָך אַ ווײַלע שווייגן געפרעגט.

— וואוהין ווייס איך נאָך ניט, איך רעכן צו פאָרן קיין ירושלים, דאָרטן וועל איך מאַכן אונזער חתונה, פון דאָרטן וועלן מיר זיך לאָזן קיין אַלעקסאַנדריע — און דערנאָך וועלן מיר זען.

— און דיר איז גאָרניט שרעקלעך אַזוי אין דער־וועלט־אַריין פאָרן זוכן גליק?

— מיר וואָלט געווען פיל שרעקלעכער צו בלייבן דאָ אויף דעם גאַנצן לעבן אין דמשק, — האָט יוסף געענטפערט.

— עמיצער קלאַפּט, — האָט רבקה אומרואיק געזאָגט.

וועלעדאַטע איז געגאַנגען עפענען און גלייך זיך צוריקגעקערט מיט זיריאַבן. ער איז געווען פאַרדאגהט מיט דעם אומגעריכט־אָנגעקומענעם אומגליק און האָט זיך קאַלט באַגריסט מיט יוספן.

וועלעדאַטע האָט מיט אומרואיקייט געקוקט אויפן מאַן. אויף זיין געזיכט האָט זי גלייך איבערגעלייענט, אַז עפּעס איז געשען, אָבער זי האָט מורא געהאַט צו פרעגן.

דאָס דאָזיקע יאָר איז פאַר וועלעדאַטען ניט געווען קיין גליקלעכער.

זיריאַב האָט ווי פריער זיך אַלץ קאַלט מיט איר זיך באַגאַנגען. און די אַמאָליקע פריילעכע גליקלעכע טעג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין באַגדאַד, האָבן זיך עפּעס אַלץ ווי ניט געוואָלט אומקערן צוריק. וועלעדאַטע האָט שווייגנדיק געליטן. קעלאַס, אַן אויפגערעגטע, וואָס זיריאַב האָט פיינט איר מיידעלע, איז געוואָרן אַ בייזע און אַ שרייעדיקע און האָט זיך שטענדיק געקריגט מיטן מאַן און מיט וועלעדאַטען, און דער שלום־בית איז געוואָרן צעשטערט. וועלעדאַטע האָט עס געפילט און האָט אָפט געוויינט, זיצנדיק גאַנצע אָוונטן איינינקע אַליין אויף דעם קליינעם הייפל. רבקה פלעגט אויך קו־

מען אַהער, און ביידע, טרויעריקע, פלעגן זיי פירן לאַנגע שמועסן. זיריאַב איז זעלטן ווען געזעסן אין דער היים, אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן דער וויסנשאַפט און דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט קיינמאָל ניט געטיילט זיך מיט זיינע ווייבער וואָס אים האָט אינטערעסירט, און אַפילו די לידער האָט ער שוין איצטער געמאַכט אָן זייער הילף, אַעקגייענדיק ערגעץ ווייט אין די בערג, וואו קעלאַמס געשרייען און וועלעדאַטעס שטאָלצער שווייגן האָבן אים ניט געשטערט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן יוספן און צעשטרייט געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס נייס, פריינד?

— איך וויל פאַרלאָזן דמשק, — האָט יוסף מיט אַ ציטעריקן קול געזאָגט.

— אויך דו פאַרלאָזט דמשק? — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ פראַגע.

וועלעדאַטע האָט אויפגעציטערט און צוגייענדיק צום מאַן, האָט דאָס זי שטיל געפרעגט:

— וואָס באַטייטן דיזאָזיקע ווערטער, זיריאַב?

— וועסט זיך שפּעטער דערוויסן — האָט ער אומצופרידן געענט־פערט, און ווענדנדיק זיך צו יוספן האָט ער ווייטער גערעדט:

— פאַרוואָס ווילסטו פאַרלאָזן דיין היימאַט?

— איך וויל געפינען אין אַ צווייטער שטאָט בוי־אַרבעט, — האָט יוסף געענטפערט. — דו ווייסט דאָך, אַז פאַרטעניאָס האַלט מיך פאַר איינעם פון זיינע בעסטע תּלמידים. דאָ האָב איך ניט וואָס צו טאָן. דער פאָטער וועט מיך קיינמאָל ניט קענען צווינגען, אַז איך זאָל ווערן אַ סוחר.

זיריאַב האָט אַ שמייכל געטאָן.

געמוטיקט פון דעמדאָזיקן שמייכל פון דיכטער, האָט יוסף ניט דרייסט צוגעגעבן:

— און דערצו נאָך וויל איך חתונה האָבן מיט רבקהן, און צוליב דעם דאַרפן מיר ביידע אומבאַמערקט אַוועקפאָרן פון דמשק.

— אָט וואָס! — האָט זיריאַב פאַרוואונדערט אויסגעשריען, — אונזער שוואַרצאויגיקע שיינהייט האָט מנצח געווען דעם שטאָלצן יוספן! אָבער וואָס וועט אויף דעם זאָגן דער פאָטער?

— דער פּאָטער איז נעכטן אָפּגעפּאָרן אין מאָסול, — האָט יוסף, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד, געמאָלדן.

— איך פאַרשטיי! איר ווילט אויסנוצן די צייט און מאַכן פּליטה פון דמשק?

— יאָ, אויף שטענדיק.

— אָבער, יוסף, ווי וועט זיין דאָ מיט דיין מוטער?

— ווערלעדאַטע וועט זי טרייסטן, — האָט יוסף געענטפערט, קוקנדיק מיט געבעט אויף זיריאַבס פרוי.

— ווערלעדאַטע וועט ניט קענען טרייסטן דיין מוטער, האָט זיריאַב געזאָגט זיך אויפשטעלנדיק.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— מיר אַליין פאָרן די טעג אויך אַרויס פון דמשק, — האָט ער געמאָלדן אין אַ ווײַלע אַרום, גייענדיק אויף און אָפּ איבערן צימער.

— וואָס רעדסטו, זיריאַב? — האָט יוסף איבערראַשט געפרעגט.

— איך בין ווידער אַ געראודפטער, און איך מוז ווידער זוכן פאַר זיך אַ היים, — האָט זיריאַב פאַרביטערט געענטפערט, — האַרון פאָדערט פון מוטאַסימען, אַז ער זאָל מיך אַרויסגעבן.

ווערלעדאַטע האָט שטיל אַ געשריי געטאָן, פאַרברעכנדיק די הענט.

— וואָס רעדסטו, זיריאַב, — האָט יוסף ניט געוואָלט גלייבן, — דאָס איז בלויז אַ שפּאַס.

— דאָס איז שוין גאָר ניט קיין שפּאַס, נאָר דער אמתער אמת, מיין פריינד. ווי דו זעסט, שטייט איצט פאַר דיר ניט קיין רואיקער און זיכערער בירגער פון דמשק, נאָר בלויז אַן אָרעמער, געראודפטער, וואָס האָט ניט קיין מקום־מנוחה אין זיין לאַנד.

— איז וואוהין ווילסטו פאָרן? — האָט יוסף ווידער געפרעגט.

דערווייַלע האָב איך נאָך גאָרניש באַשלאָסן, אָבער איך רעכן צו פאָרן קיין קאָרדאָווע.

— אין מאַווריטאַניע!

— יאָ, אין מאַווריטאַניע. דאָס איז דאָס איינציקע אָרט, וואו איך וועל זיך פילן ניט ווי אין דער פרעמד.

— כ'האָב געזען בײַ פּאַרטעניאָקן דעם מאַוור, דעם קאַליפּס שליח. ער האָט מיר גערופֿן אין קאָרדאָווע, אָבער איך האָב אים אָפּגעזאָגט, ניט האָבנדיק קיין חשק צו פֿאָרן אין אַזאַ ווייטעניש.

— נו, אַדרבא לאָמיר פֿאָרן צוזאַמען, — האָט זיריאַב אַ שמייכל געטאָן, — דערדאָזיקער מהלך וועט דיר ניט אויסקומען אַזוי גרויזאַם, אַז דו וועסט פֿאָרן מיט דײַנע פֿרײַנד.

— אָבער מײַן מוטער, זיריאַב?

— נעם זי מיט.

— זי וועט ניט איבערלאָזן דעם פֿאָטער און דזשאַעלן.

— אָבער דזשאַעל האָט דאָך שוין חתונה געהאַט, און דײַן פֿאָטער האָט ניט איבעריק ליב דײַן מאַמען.

— זי וועט ניט וועלן זיי איבערלאָזן, — האָט יוסף געענטפֿערט, — און וואָס פֿאַר אַ קלאַפּ וועט עס פֿאַר איר זײַן, אַז זי וועט זיך דערוויסן, אַז איך בין אַוועקגעפֿאָרן מעבר-לים, אין דער ווילדער אייראָפּע!

אין דערדאָזיקער מינוט איז אין צימער אַרײַן קעלאַם.

— וואָס איז דאָס דאָ פֿאַר אַ יום-טוב, — האָט זי גראָב געזאָגט, — אַלע זיצן צוזאַמען און פּלוידערן, נאָר איך אַליין דאַרף זיך האַלטן מיטן קינד און קיינער גיט וועגן מיר ניט אַ קלער.

— שווײַג! — האָט זיריאַב אויף איר אַ געשריי געגעבן, און מיטנעמענדיק יוספֿן איז ער מיט אים אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

XXIII

אין עטלעכע טעג נאָך דערמאָזיקן אָוונט האָט זיך בײַ זיריאַבן אויפן הויף אויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם פון זיינע פריינד. זיי זיינען זיך געקומען געזעגענען מיט דעם ליבלינג פון גאַנץ דמשק, וועלכער האָט מיט דעם אָנקומען פון נאַכט אויף שטענדיק פאַרלאָזט דאָס אייגענע לאַנד. עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ סך רעדעס, אַ סך ברכות און אויפריכטיקע וואונטשן: אין דמשק האָט ער ניט געהאַט קיין קאָנקורענטן, וואָס זאָלן בשתיקה זיין צופרידן מיט זיין אָפּפאָר. עס איז נאָר געווען איין-און-איינציקער, ווער ס'האָט לויט זיין גרויסקייט פון טאַלענט געקענט אָפּנעמען בײַ אים די בכורה, אָבער דער קאָנקורענט איז פאַר זיריאַבן ניט געווען שרעקלעך — ווייל דאָס איז געווען דער אַלטער דיכטער אַטאַיע, וואָס האָט זיריאַבן אָנגערופן זיין גייסטיקן זון. אַטאַיע איז איצט געזעסן אָן אַ זייט פון דעם פריילעכן קרייזל, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום דעם יונגן דיכטער און האָט געקליבן פאַרגעניגן פון זיין ליבלינג, וואָס האָט בײַ אַלעמען געפונען חן.

ענדלעך, נאָך לאַנגן און האַרציקן געזעגענען, זיינען זיך זיריאַבס געסט צעגאַנגען איבער די פינסטערע גאַסן פון דמשק.

— דו ביסט מיד, זיריאַב, — האָט זיך אַטאַיע דאַן צו אים געווענדט, — דאַרפסט זיך אויסרוען. איך רעכן, אַז ס'וועט אפשר זיין בעסער, אַז דו זאָלסט אַרויספאָרן נאָך האַלבער נאַכט.

— איך קען אַזוי טאָן, פאָטער מיינער, — האָט זיריאַב איינגעוויליקט און זיך געזעצט אויף דערזעלבער באַנק, וואו ס'איז געזעסן אַטאַיע, — איך בין אַזוי דאַנקבאַר פאַרטעניאָסן, וואָס ער האָט דער ערשטער זיך גענומען געזעגענען, — ער האָט פאַרשטאַ-

נען, אַז איך וויל פֿאַרבלייבן מיט דיר אַליין. איך האָב קיינמאָל ניט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דעמדאָזיקן לייכטזיניקן גריך, אָבער די אויפֿמערקזאַמקייט האָט מיך פֿאַרוואונדערט אין גערירט. איצטער קאָן איך די לעצטע שעהן פֿאַרברענגען מיט דיר.

זיי זיינען ביידע געבליבן שטיל זיצן.

— הייסט עס, אַז אַלץ איז גרייט צו דער רייזע? — האָט אַטאַיע ענדלעך איבערגעריסן דעם שווייגן.

— יאָ, מיין פֿאָטער. קעלאַם און וועלעדאַטע האָבן שוין באַוויזן איינפּאַקן אונזער אָרעם ביסלווירטשאַפֿט.

— און אונזער חתן־כּלה?

— זיי דאַרפֿן באַלד אָנקומען.

— הייסט עס, אַז יוסף האָט פֿעסט באַשלאָסן צערייסן מיט זיין פֿאַמיליע?

— אַלץ איז גרייט צו זייער אַנטלויפֿן.

— איך האָב רחמנות אויף יוספֿן, — האָט אַטאַיע פֿאַרקלערט אַרויסגערעדט — ס'איז שווער צו פֿאַרלאָזן די געבורטס־שטאָט, און נאָך שווערער איז זיך צו שיידן מיט אַזאַ מוטער, ווי מרים איז, — זי איז אַ זעלטענע פֿרוי.

אַזוי האָבן ביידע פֿריינד אַרומגערעדט יוספֿס באַשלוס.

ביי יעדערן פֿון זיי, — אי ביי דעם אַלטן אַטאַיע, אי ביי דעם יונגן דיכטער — איז געווען טרויעריק און שווער אויפֿן האַרצן. זיי האָט זיך געוואָלט איינע די אַנדערע איבערגעבן דעם טיפֿן טרויער פֿון צעשיידן זיך, אָבער ביידע האָבן געפֿילט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקן דעמדאָזיקן טרויער, און ווייל זיי האָבן געפֿילט דעם טיפֿן ווי פֿון דעם אומפֿאַרמיידלעכן געזעגענען, האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט וועגן דעם פֿאַרשווייגן און האָבן גאָר געשמועסט פֿון זייטיקע זאַכן, וועגן יוספֿן, וועגן מרימען, און יעדערער פֿון זיי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז קלייניקייט, אָבער ס'איז געווען צו שווער און צו שרעקלעך ריידן וועגן דעם עיקר.

זייער שטילער שמועס איז געוואָרן איבערגעריסן מיט יוספֿס אָנקומען.

זיריאַב האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און איז אים געגאַנגען אַנטקעגן.

— וואו=זשע איז רבקה? — האָט אַטאַיע געפֿרעגט.

— אָט איז זי, — האָט יוסף געענטפֿערט, אָנווייזנדיק אויף אַ טונקעלער געשטאַלט, וואָס איז געגאַנגען נאָך אים. — נתנאל האָט אַליין צוגעגרייט פֿאַר אונזער רייזע, און מיר מיט רבקהן האָבן שוין געזען ווי ער פֿאָרט מיט זיינע קעמלען אין דער ריכטונג צו דיין הויז.

רבקה איז אַוועק צו די פֿרויען, אין זייערע צימערן.

— קיינער האָט ניט באַמערקט אייער אַוועקגיין? — האָט זיריאַב געפֿרעגט.

— די מוטער איז ביי דזשאַעלן, זי איז נאָך פֿון פֿרי אַוועקגעגאַנגען צו דער שוועסטער, — האָט יוסף געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים און איז אַרויס אויפֿן גאַס, מען זאָל ניט באַמערקן זיין אויפֿרעגונג.

באַלד איז נתנאל צוגעפֿאָרן צו זיריאַבס הויז.

— שוין צייט אויך אַרויסצופֿירן מיין קאַראַוואַן, — האָט דער יונגער דיכטער געזאָגט און איז אַוועק וועגן דעם פֿאַראָרדענען.

מיט דעם אָנקומען פֿון יוספֿן איז געוואָרן אומזעגלעך דער לעצטער שמועס מיט אַטאַיען, און זיריאַב האָט באַשלאָסן, אַז בעסער שוין ניט אָפּלייגן דאָס אומפֿאַרמיידלעכע געזעגענען און זיך גלייך לאָזן אין וועג אַריין.

ער איז אַריין אין שטוב. וועלעדאַטע מיט רבקהן האָבן געפּאַקט די רעשטלעך זאַכן. קעלאַם איז געזעסן אין ווינקל און ברוגזדיק געוויגט איר קליין טעכטערל. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט שטרוי, שטיקלעך שטריק, אַלטע מאַטעס. די לעדיקע צימערן האָבן געהאַט אַ טרויעריקן און קאַלטן אויסזען. זיריאַב איז אַוועק אויף דעם הינטער=הויף און האָט געהייסן אַרויספֿירן די אָנגעלאָדענע קעמלען. וועלעדאַטע איז אויך אַרויסגעגאַנגען אַהין און האָט גענומען פּאַקן די איבערגעבליבענע קלייניקייטן. די קעמלען האָבן זיך געהאָרכזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, פֿלעגמאַטיש מעלה=גרה געווען מיט זייערע שוואַרצע ליפּן, געדולדיק געוואַרט ביז די אָנטרייבער

װעלן אויף זיי אַ געשריי טאָן, אַז זיי זאָלן אויפשטיין. ענדלעך איז אַלץ געװען פאַרטיק, און זוריאַב האָט געהייסן זײַנע קנעכט זיי זאָלן פאַראײניקן זײַן קאַראַװאַן צו נתנאלס קאַראַװאַן, װאָס איז געשטאַנען דרויסן אין דעם שמאָלן געסל. דער יונגער דינסטער האָט זיך צוריקגעקערט אין די צימערן, אַלץ אַרומגעקוקט, צי האָט מען גאָרנישט ניט פאַרגעסן.

— שױן צײַט צו גיין זיך זעצן אויף די קעמלען, — האָט ער געזאָגט צו קעלאָמען, דורכגייענדיק דורך איר צימער.

די פּערסיאַנערין איז שװײַגנדיק אױפגעשטאַנען און איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם מאַן.

— װאו איז װעלעדאַטע? — האָט זוריאַב געפרעגט.

— זי איז אַרויסגעגאַנגען צו די קעמלען, — האָט אַמאַיע געענטפערט.

אין דער װילע איז פון גאַס אַריינגעלאָפן נתנאל.

— װאָס האָט פּאַסירט? — האָבן אין איין קול געפרעגט זוריאַב און אַמאַיע.

— אַלץ איז פאַרלאָרן, — האָט נתנאל אויפגערעגט געפּליטערט, מאַכנדיק מיט די הענט — די האַרינטע האָט זיך דערװאוסט פון אונזער אַנטלויפן, איך האָב זי געזען, זי גייט אַהער!

— שטילער, — האָט אים אַמאַיע געהייסן ניט שרײַען. און, אָנכאַפנדיק אים פאַר דער האַנט, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער טיר. זוריאַב האָט ניט װילנדיק אויך אַ קוק געגעבן צו דער טיר. אויפן שװעל איז געשטאַנען מרים. אַ בלײכע מיט אַ שרעקלעכן אייםדריק אויפן פּנים, מיט אימה זוכנדיק אַרום זיך מיט די אויגן.

— װאו איז ער? װאו איז יוסף? — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט.

זוריאַב איז שנעל צו איר צוגעגאַנגען, האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צו דעם אָרט, װאו ס'איז געזעסן אַמאַיע.

— װאו איז מײַן זון, זוריאַב? — האָט מרים געזאָגט, זיך אַראָפּלאָזנדיק אויף אַ באַנק און שװער אָטעמענדיק, — איך װיל זען יוספן!

— ער איז דאָ, ער וועט באַלד צוקומען, — האָבן ביידע אַראָפּער זי באַרואיקט.

אָבער זי האָט געפּיבערט מיט איר גאַנצן קערפּער און האָט גערעדט ווי דורכן שלאָף: וואו איז יוסף? איך וויל זען יוספן.

נתנאל האָט זיך געלאָזט זוכן יוספן.

— באַרואיק זיך מרים, — האָט אַטאַיע געבעטן, — דיין זון וועט ווידער קומען צו דיר. ער איז דאָ, באַלד קומט ער.

— נעם אַ ביסל וואַסער, — האָט זיריאַב איר צוגעטראָגן אַ בעכער.

אָבער מרים האָט אים אָפּגעשטויסן און מיט אַ ווילדן געשריי זיך אַוואָרף געטאָן צו דער טיר, וואו ס'האָט זיך באַוויזן יוסף.

— מוטער מייַנע, — האָט ער אויסגעשריען צולויפנדיק צו איר.

מרים האָט זיך גענומען וואַקלען און איז געפאַלן אין חלשות.

פּאַרזיכטיק האָט מען זי אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק.

יוסף, שטייענדיק לעבן איר אויף די קני, האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו איר קאַלטן שטערן. זי האָט ענדלעך אויפגעעפנט די אויגן און האָט מיט אַ לאַנגן שאַרפן בליק אַריינגעקוקט אין די אויגן פון איר זון. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צעוויינט.

— הייסט עס, אַז ס'איז אַן אמת? — האָט זי לסוף שטיל געפרעגט. — ניט אומזיסט האָט מיר אַזוי געשראָקן דאָס האַרץ!

— זיי מיר מוחל, — האָט יוסף יאָמערנדיק געבעטן, — אַז דו וואָלסט וויסן, ווי לאַנג איך האָב זיך געראַנגלט ביי זיך אין האַרצן, ביז איך האָב זיך אויף דעם אַנטשלאָסן!

— פאַרוואָס האָסטו פון מיר באַהאַלטן דיין באַשלוס? — האָט מרים ווייטער גערעדט, — צי דען דאַרף אַ מאַמע ניט וויסן, וואָס איר זון נעמט פאָר?

— ניט מאַך מיר פאַרוואורף, מוטער, איך וויל ניט הערן דיין פאַרוואורף, — האָט יוסף זיך געבעטן, — דו ווייסט דאָך אַליין, ווי מיר איז שווער!

— און מיר איז ניט שווער? — האָט מרים געזאָגט, — אָ, זון מיינער! דו האָסט מורא געהאַט מיר אָנטאָן צער און האָסט

מיך מיט דיינע הענט אַזוי דערשלאָגן, אַז מיין האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן אויף אייביק!

יוסף האָט אין פאַרצווייפלונג געבראָכן די הענט.

מרים איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, באַמיענדיק זיך צו באַהערשן, דערנאָך האָט זי ווייטער גערעדט:

— באַרואיק זיך, זון מיינער, זיי וויסן, אַז פון זיין מאַמעס האַרצן האָט זיך ניט געקענט באַהאַלטן די אומרואיקייט פון דיין נשמה. ניט נאָר די לעצטע צייט, נאָר שוין פון לאַנג האָב איך באַמערקט, וואָס מיט דיר קומט פאָר. צי דען מיינסטו, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז דיר איז ניט צום האַרצן אונזער מסחר, ווי ניט גערן האָסטו מיטגעהאָלפן דעם פאָטער דיינעם אין זיינע מסחרים, און האָסט אים אַפילו פאַרהאַסט דערפאַר — יאָ, יוסף, פאַרהאַסט דערפאַר, וואָס ער האָט דיר געוואָלט מאַכן פאַר אַ סוחר. דו האָסט געמיינט, אַז איך האָב גאָרניט געזען, גאָרנישט באַמערקט? ניין, איך האָב געזען אַלץ, אָבער איך האָב געשוויגן, האָבנדיק מורא, אַז מיין אַריינמישן זיך זאָל דיר ניט ברענגען מער שאָדן, ווי נוצן. אַז צו אונז האָט אָנגעהויבן אַריינקומען פאַרטעניאָס, מיינסטו האָב איך ניט באַמערקט מיט וואָס פאַר אַ דאָרשטיקע אויגן דו האָסט צוגעהערט דעמדאָזיקן פלינקן דערציילער? ווי דו ביסט צו אים געגאַנגען אין דאָרטן געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דער פאָטער האָט געבעסט און געשריען, אַז ער וועט דיר הרגענען פאַר דיין אַרומשלעפן זיך! דאָס אַלץ האָב איך געזען און געהערט. אויך דו, זיריאַב, האָסט געווירקט אויף מיין זון, — האָט זיך מרים געווענדט צו זיריאַבן, וועלכער האָט אומרואיק זיך צוגעהערט צו אירע רייד, — אָבער איך בין ניט בייז אויף דיר. דידאָזיקע אומרואיקייט האָט שוין לאַנג באַהערשט מיין זון, שוין פון לאַנג ווי ער רייסט זיך אין דער וועלט אויף דער פרייהייט און אים איז ענג די הויז פון זיינע עלטערן.

מרים איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, קענטיק קעמפנדיק מיט זיך, און מיט אַ שטים, אַ פאַרשטיקטע פון טרערן, האָט זי ווײַטער אַרויסגערעדט:

— וואָס קאָן איך מאַכן, זון מײַנער, גיי, גאָטס שײַנע גרויסע וועלט ליגט פֿאַר דיר אָפֿן, און מײַן ברכה זאָל דיך אין דײַן וועג באַשיצן!

יוסף האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ בײַ די לעצטע ווערטער פֿון זײַן מוטער און איז געבליבן ווי אָפּגעחלשט. מרים, ניט קענענדיק זיך מער באַהערשן, איז צוגעפֿאַלן צו זײַן אַקסל.

— מוטער מײַנע! — האָט ער אויסגעשריען, אויפֿציטערנדיק.

— פֿאַרגעס ניט אָן מיר, — האָט זי געפֿליסטערט, וויינענדיק. — מיר איז שווער, אַזוי שווער זיך צו געזעגענען מיט דיר, אָבער דעמ־דאָזיקן קרבן ברענג איך דיר, כּדי דײַן לעבן זאָל זײַן העלער און שענער. דו דאַרפֿסט ניט אַנטלויפֿן פֿון מײַן הויז, ווי אַ גנבֿ אָדער אַ פֿאַרברעכער. איך האָב פֿון פֿריער געוווּסט, אַז דו האָסט בדעה צו פֿאָרן מיט זיריאַבן, און איך האָב אַלץ געוואַרט אַז דו וועסט מיר זאָגן וועגן דעם באַשלוס. אָבער דו ביסט אַרומגעגאַנגען אַ צאָרנדיקער, אַ פֿינסטערער, אַראָפּגעלאָזט פֿאַר מיר די אויגן און האָסט קוים מיר געענטפֿערט אויף מײַנע פֿראַגן. דאַמאָלסט האָב איך פֿאַר־שטאַנען, אַז דו וועסט ניט קומען צו מיר זיך געזעגענען, נאָר איך וועל דאַרפֿן קומען צו דיר און דיר געבן מײַן ברכה אין וועג אַרײַן. איך האָב געזען, אַז דו זשאַלעוועסט מיך, און דע־ריבער האָסטו מורא מיר צו זאָגן וועגן דײַן אָפּפֿאָר, אָבער איז דען ניט בעסער, אַז מיר זאָלן זיך געזעגענען, מײַן זון, ווי דאָס האַרץ גאַרט, און ניט אַנטלויפֿן בגנבֿה, איבערלאָזנדיק דער מאַמען אָן אַ גוט וואָרט?

מרים איז אויפֿגעשטאַנען אין, אויפֿהייבנדיק יוספֿן, האָט זי גע־זאָגט:

— וואו איז מײַן טאָכטער רבֿקה? איך וויל אויך געבן מײַן ברכה דײַן כּלה!

זיריאַב איז אַרײַן אין שטוב צו רבֿקהן און האָט זי געבראַכט.

— האָב אים ליב, — האָט מרים שטיל געזאָגט, אַרומנעמענדיק דער ציטערנדיקער רבֿקהן. — דו נעמסט אים אַוועק פֿון דער מאַ־מען, זע אים צו זײַן אַ טרײַע ווײַב.

— זיריאַב, — האָט זי זיך געווענדט צו דעם יונגן דיכטער, — היט אָפּ מיין זון אין דער ווייטער שפּאַניע, וואוהין איך האָב גע־הערט איר פאָרט, — און אין מיין תּפילה וועל איך אייך בעטן פאַר דיר. איך וועל טראַכטן, אַז דו וועסט אים אָפּהאַלטן פון שלעכטס און דו וועסט אים זיין אַ מעכטיקער באַשיצער אין יעדער צרה. דו מיין זון, פאָלג אונזער באַליבטן דיכטער, ווי אַן על־טערן ברודער. איצט איז ניט די צייט צו וויינען, — האָט זי צו־געגעבן, — מען דאַרף טאָן. ניט האָב קיין צער, איך וועל איבער־ריידן דיין פאָטער, און ער וועט מוחל זיין דיין אַוועקפאָר. איך וועל אים זאָגן, אַז איך האָב דיר געגעבן מיין ברכה אין וועג אַריין, — און ביסלעכווייז וועט ער שלום ווערן מיט דעם. איצטער, יוסף, וועל איך דיר ווייזן, ווי אַזוי מען ריכט אויס אין וועג אַריין אַ געליבטן זון.

מרים האָט צוגעפירט יוספן צום טויער. אַטאַיע און זיריאַב זיינען איר נאָכגעגאַנגען. אויף דער גאַס, פאַר זיריאַבס הויז, איז געשטאַנען אַ גאַנצער ראָנד קעמלען אָנגעלאָדן מיט הויזראָט און גע־וועבן.

— אָט דאָס איז מיין מתּנה פאַר מיין זונס כּלה, — האָט מרים געזאָגט, שמייכלענדיק דורך די טרערן.

רבקה איז צוגעפאַלן צו איר האַנט, און אַטאַיע איז צוגעגאַנגען צו מרימען און האָט צו איר פריינדלעך געזאָגט:

— אפשר זאָלן מיר באַגלייטן אונזערע טייערע קינדער כאָטש ביז ירושלים? וואָס וועסטו זאָגן אויף דעם, מרים בן־פאַרעזי?

יוסף האָט מיט אויגן פול געבעט געקוקט אויף דער מוטער. זי האָט זיך געישובט.

— וואָס פאַר אַ גלענצנדער געדאַנק איז דיר געקומען, פאָ־טער מיינער, — האָט זיריאַב אַנטציקט אויסגעשריען, — דו פאָרסט דאָך, ניט אפשר, — האָט ער זיך געווענדט צו מרימען, — ס'איז זייער לייכט דאָס דורכצופירן.

און ער איז אַוועק פאַראָרדענען, אַז מ'זאָל אויסלאָדן צוויי קעמלען און זיי צוגרייטן פאַר די צוויי באַגלייטער.

װעלעדאַטע האָט מיט אַ טיפֿער פֿרייד באַגריסט מרימען. מיט אַ שבֿועה האָט זי געמוזט פֿאַרזיכערן די אָרעמע מוטער, אַז זי װעט שטענדיק זיך זאָרגן װעגן דער יונגער פּאָר־פֿאָלק.

ס'האָט שױן אָנגעהױבן צו טאָגן, װען דער קאַראַװאַן האָט זיך געלאָזט אין װעג אַרײַן.

XXIV

רופּס חתונה מיט רבֿקהן איז אָן גרויסע צערעמאָניעס פֿאָרגעקומען אין ירושלים. נאָך אַ לאַנגן געזעגענען האָט אַטאַיע אַוועקגעפֿירט צוריק קיין דמשק דער אויסגעמאַטערטער מרימען.

אויף דער אַכסניה, וואו די רייזנדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז אין אַ קליין צימערל אויף אַ דיוואַן געלעגן זיריאַב. בעת ער האָט זיך געזעגנט מיט אַטאַיען איז ער געבליבן רואיק און קאַלט; ער האָט זיך אַליין געוואונדערט אויף זיין אומנאַטירלעכער רואיקייט. איצטער אָבער, ווען מיט דעם אָפּפֿאָרן פֿון אַטאַיען האָט זיך די לעצטע פֿאָדעם צעריסן, וואָס האָט אים פֿאַרבונדן מיט זיין פֿאָטערלאַנד, האָט זיך שטורמיש אַרויסגעריסן דער טיפֿער טרויער, וואָס ער האָט אים געשטיקט; אַ טיפֿער יאָמער האָט אויפֿגעטרייסלט זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט צוגעטראָגן צו די ליפּן אַ קליינע בייטעלע, וואו ער האָט געהאַט פֿאַרנייט אַ הויפֿן ערד, ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון דמשק, און אַ קרעכץ פֿון ווי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זיין אויסגעמאַטערטער ברוסט. אין דערדאָזיקער מינוט איז אין צימער אַריין וועלדאַטע. אַ ציטערנדיקע און אַ בלייכע איז זי צוגעגאַנגען צום מאַן און האָט שטיל אָנגערירט זיין אַקסל.

ווי אַ פֿאַרוואונדעטע חיה איז זיריאַב אויפֿגעשפּרונגען.

— וואָס דאַרפֿסטו דאָ? — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ הייזעריקער שטים. — צי דען קענסטו מיר העלפֿן? גיי־גיי — לאָז מיך איבער אַליין.

וועלדאַטע האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט, מיט וועלכער ער האָט זי אָפּגעשטויסן, און האָט זי שווייגנדיק צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— ניט טרייב מיך אַוועק, ערלויב מיר בלייבן לעבן דיר, — האָט זי געבעטן. — באַקלער נאָר, אַז ניט דו אַליין ביסט פֿאַרטריבן

געוואָרן. איך ווייס, מען זאָגט, אַז מיר פרויען האָבן ניט קיין נשמה אָבער דאָס איז ליגן. איך לייד ניט ווייניקער ווי דו. מיין האַרץ ווערט אויך צעריסן אויף שטיקער, בעת איך גיב אַ קלער, אַז ס'קאָן דאָך זיין, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט זען מיין פאָטערלאַנד. דו האָסט פאַרגעסן, זיריאַב, אַז אויך איך קאָן ליידן. אָ, ערלויב מיר זיך אויסוויינען צוזאַמען מיט דיר! וועט מיר אפשר ווערן לייכטער, האָב מיטלייד מיט מיר!

זי האָט אים אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשפּאַרט איר שיין קעפּל אויף זיין אַקסל.

— לאָז מיך, — האָט זיך זיריאַב אַליץ געעקשנט, אָבער אין זיין שטים האָט זיך שוין געהערט מער ווייכקייט, און ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף די הענט.

— איין טרייסט האָב איך, — האָט וועלעדאַטע געזאָגט, — דאָס איז די טרייסט, אַז אַלע אונזערע צרות און אָפּקומענישן זיינען אונז געשיקט פון אַלאַ ניט פאַר אונזערע שלעכטע מעשים; פאַרקערט, שולדיק אין דעם אַליץ איז דיין גוטסקייט. ס'קאָן דאָך ניט זיין, אַז דער מזל זאָל דיך אַזוי שטאַרק באַשטראָפן, וואָס דו האָסט אַזוי גרויסמוטיק געהאַנדלט בנוגע דעם אַלטן מאָסילי. ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן דעם, הייב איך אָן צו האָפן, אַז דער נביא וועט אונז ניט פאַרלאָזן, און אַליץ פירט צו בעסערס. געדענקסט, זיריאַב, — האָט וועלעדאַטע ווייטער גערעדט, אויפהייבנדיק אויפן מאַן אירע וואונ-דערבאַרע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט דורך די טרערן, — געדענקסט, ווי דו האָסט זיך מצער געווען אַמאָל אין באַגדאַד, ווען מ'האָט באַדאַרפט אַוועקפאָרן פון דאָרטן? און דערנאָך, אַז דו האָסט זיך איינגעאָרדנט אין דמשק, ביסטו געווען גליקלעך און צופרידן. קען דאָך זיין, אַז אין קאָרדאָווע וועט נאָך אונזער לעבן זיין גליקלעכער! מ'דאַרף מקבל באהבה זיין דעם גורל. וואָס דו זאָלסט ניט רעכענען צו טאָן, ווי אַזוי דו זאָלסט ניט האָבן בדעה איינאָרדענען דיין לעבן, ווייסטו דאָך אַליין, אַז אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ס'קאָן נאָך זיין, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַלע ווען-עס-איז צוריקקערן קיין דמשק, נאָך האַרונס טויט. אָדער אפשר וועט אונז אין קאָרדאָווע זיין אַזוי גוט, אַז דו וועסט זיך גאָרניט וועלן צוריקקערן.

לאַנג האָט געריי־ט די יונגע פרוי, אַלץ טרייסטנדיק דעם איפּ־געריגטן זיריאַבן, און ניט ווילנדיק האָט ער זיך אונטערגעגעבן. אים האָט אַ ביסל באַרואיקט איר צאַרטע שטים, און ווידער האָט די האָפענונג, ווי אַ שטערנדל, וואָס פינקלט קוים צו מערקן אין דעם פאַרנאַכטיקן הימל, אויפגעפלאַמט אין זיין אומרואיקער נשמה.

— קום לאָמיר גיין צו יוספן, — האָט וועלעדאַטע געזאָגט, זעענדיק, אַז ער האָט זיך באַרואיקט — דו האָסט מסתמא פאַרגעסן, אַז דו האָסט מיט אים געוואָלט גיין אין מעטשעט פון אָמאַרן. ער וואַרט אויף דיר, און איך בין דיר געקומען זאָגן.

זי האָט געוואָלט פאַרטרייבן דעם מאַנס טרויעריקע זכרונות, און זי האָט אַליין געבעטן יוספן, ער זאָל אים פירן איבער ירושלים און אים ווייזן די שטאָט. יוסף האָט פאָרגעלייגט זיריאַבן גיין באַקוקן דעם באַרימטן מעטשעט, וואָס דער קאַליף אָמאַר האָט אויסגעבויט אויף דעם אָרט, וואו לויט דער לעגענדע, איז מחמד אַרויפגעשטיגן אויפן הימל.

זיריאַב האָט שווער אָפּגעזיפצט, האָט שווייגנדיק אַ קוש געגעבן וועלעדאַטען אין שטערן און איז אַוועק צו יוספן.

. . . .

אין עטלעכע טעג אַרום איז זיריאַב מיט זיין הויזגעזינד און יוסף מיט זיין פרוי און מיט זייער טרייען קנעכט נתנאלן זיך שוין געזעגנט אויפן שיף, וואָס איז אָפּגעשוואומען פון דער האָפן־שטאָט עזה אין דער ווייטער שפּאַניע אונטער דער ווייסער פאָן פון די אָמאַיאַדן. באַלד איז דער לעצטער פּאַס ערד פאַרשוואונדן הינטערן האָריזאָנט, און אַ נייער מדבר האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן פון אונזערע רייזנדע — אַ מדבר ניט צו כאַפּן מיטן אויג, וואָס האַלט זיך אין זיין אייביקן באַוועגן — דער בלויער ים, וואָס האָט זיך רונד־אַרום צוזאַמענגעגאָסן מיט די אומענדלעכע געוועלבן פון די בלויע הימלען

. . . .

זיריאַב איז געשטאַנען אויף דער שיף־דעק, אָנגעלענט אָן מאַסט־בוים.

ווען עס איז פאַרשוואונדן פאַר זיינע אויגן דער שמאָלער שטרייף ערד, די לעצטע גרענעצן פון אַזיע, — האָט ער שווער אָפּ־

געזיפצט און האָט אַרויסגענומען פון אַרבל אַן אויפגעוויקלטן פּאַפּיר, אויף וועלכן דער אַלטער אַטאַיע האָט אים אָנגעוואָרפן לידער פון דעם געזעגענען. זיריאַב האָט צוגעזאָגט דעם אַלטן, אַז ער וועט זיי איבערלייענען אין יענער שווערער מינוט, ווען זיין פּאָטערלאַנד וועט אויף אייביק פאַרשווינדן פון זיינע אויגן, און איצט האָט ער מיט ציטערנדיקע הענט פונאַנדערגעוויקלט דאָס בלעטעלע פּאַפּיר. ווען ער האָט דערזען די באַקאַנטע האַנטשריפט פון זיין אָנגערופענעם פאָטער, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ טיפע אויפרעגונג, אַז ער האָט קוים מיט מי געקענט איבערלייענען די קלינגענדיקע סטראָפן פון ליד.

אָט וואָס אַטאַיע האָט אים געשריבן:

„ניט ווער פאַרצווייפלט אין מינוט פון ליידן; דאָס גליק שטראָמט אָפט אַרויס פון פּיין.

„אָפט קומט דער שטורעם, דער בייזער סאַמום, אָבער נאָך אים דער געבענטשטער ווינט פון אַלאַ.

„אָפט דראָט דער וואָלקן מיט געוויטער און פּלוצלונג גאָר אַ זונען־שטראַל פון אים פינקלט העל אַרויס.

„די צייט האָט צומאָל דיר געגעבן גליק, און צומאָל אָפּגענומען.

„טרוי זיך אָן דער פאַרבאָרגענער האַנט, וואָס פירט יעדן מענטשן קעגן זיין ווילן.

„זיי געדולדיק אין טרויער, ביזוואַנען אים וועט הייסן פאַרשווינדן דער, ווער ס'האָט אים געהייסן זיך גענענען צו דיר.

„און האָף אויף דער גענאָד פון אַלאַ, וואָס שיקט דיר אָן צאָל זיינע חסדים אויף דעם שמאָלן שטרייף פון אונזער לעבן!“

צווייטער טייל

I

פון די ברעגן פון שפּאַניע, וואָס זיינען נאָך געווען פאַרוויקלט מיט נאַכט־פינסטערניש, האָט געבלאָזן אַ פרישער, שטאַרקער ווינט. אויף דעם מזרח האָט זיך געצונדן דער קאַיאָר. די ווייסע קאַמען פון די כוואַליעס האָבן זיך באַדעקט מיט בלייכע ראָזע שאָטנס, וואָס זיינען אַלץ רויטער געוואָרן און האָבן זיך ענדלעך אין פורפור באַפאַרבט, און איבער דעמדאָזיקן פורפור האָבן זיך אין גילדערנע פונקען אַ שאָט געטאָן די ערשטע זונען־שטראַלן.

די שיף, אויף וועלכער זיריאַב איז געפאָרן, האָט זיך דרייסט געוויגט אויף די אומרואיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זי דאָ געשלעפט אין דער טיפעניש, דאָ געוואָרפן אין דער הייך, ווי אַ פילקע. דער ווייסער שוים, וואָס האָט אַרומגענומען די שיף, האָט געזאָדן און זיך געהויבן אין דער הייך צו דער דעק, באַנעצנדיק מיט די שפּריצן דאָס שטריקוואַרג פון דער שיף.

זיריאַב איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן דעם מאַסטבוים און האָט זיך געקוויקט מיטן ים. ס'איז נאָך געווען עטוואָס קאַלט — און ער האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין שוואַרצן פּלאַשטש, אָבער זיריאַבן, אַ מענטשן פון דרום־לאַנד, האָט דידאָזיקע קעלט געפרייט און געמאַכט מונטער. מיט פולער ברוסט האָט ער איינגעאָטעמט די געזאַלצענע לופט. זיינע בליקן האָבן פריילעך געשוועבט איבער דעם אומרואיקן ים און געוואָלט דורכדרינגען אַלץ ווייטער, צו צפון, וואו ביסלעכווייז זיינען פון נעפּל אַרויסגעשוואומען די בלייכע קאָנטורן פון די שפּאַנישע ברעגן. דאָרטן איז געלעגן זיין נייע היים, דאָרט איז געווען זיין צוקונפט, אייך אַזוי אין אַ נעפּל פאַרבאָרגן, ווי דידאָזיקע בלייכע ברעג־ליניע.

די רייזע, וואָס ער האָט איצט דורכגעמאַכט, פֿאַרלאָזנדיק ס'ריע, האָט געדויערט זייער לאַנג, ווייל די שיף איז אַדורכגעגאַנגען אַלע פּאָרט־שטעט פֿון אַפֿריקע און האָט זיך אויף אַ צייט דאָרט אָפּגעשטעלט; אָבער דאָס איז ניט געווען קיין אָפּקומעניש, ווי זיין פֿריערדיקע נסיעה איבער דעם מדבר פֿון סיריע; זייער רייזע איז געגאַנגען בשלום און האָט זיי גאָרניט איינגעמאַטערט. צוזאַמען מיט זיריאַבן זיינען פֿון סיריע חוץ יוספֿן, געפֿאָרן נאָך עטלעכע אַראַבישע אַרבעטער: מאָלער, גערטנער, געניטע וועבער, אַרבעטער פֿון געווער וכדומה; אַלע זיי האָט אַרויסגערופֿן צו זיך דער קאָרדאָווער קאַליף. אונטערוועגס זיינען צו דער שיף צוגעשטאַנען אַנדערע שיפֿן, וואָס זיינען געווען געלאָדן מיט סחורה פֿון אַזיע און אַפֿריקע. איין שיף האָט געפֿירט רויזן פֿון דמשק און בשמים־גראָזן פֿון אַראַביע; אַנדערע, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו זיי אין קאַרטאַגען און וואָס זיינען טיף געשטאַנען אין וואַסער, זיינען געווען געלאָדן מיט גרינעם מירמלשטיין — פֿאַר בוי־אַרבעט, וואָס דער קאַליף האָט פֿאַרגענומען אין קאָרדאָווע און אין גראַנאַדע.

אין דעמדאָזיקן פֿרימאָרגן איז די פֿלאָטיליע באַשטאַנען פֿון זעקס שיפֿן, און אויף זייערע מאַסטבוימער האָט געפֿלאַטערט פֿון ווינט די ווייסע פֿאָן פֿון די אָמאַיאַדן.

ס'איז נאָך געווען פֿרי, און זיריאַב אַליין האָט זיך געפֿונען אויפֿן דעק פֿון שיף. ער איז געווען אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט דעם פֿריידיקן באַוואוסטזיין פֿון פֿולער פֿרייהייט. דאָס דאָזיקע געפֿיל איז נאָך שטאַרקער געווען דערמיט, וואָס דער מזל האָט, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, צו אים אַ שמייכל געטאָן און האָט אים צוגעזאָגט אַ העלע צוקונפֿט אין הויף פֿון אַל־חכם דעם קאָרדאָווער.

דער הערשער — אַן אויפֿגעקלערטער שיצער פֿון קינסטלער און אַ העכסט איידעלער מאַן, דערהערט, אַז זיריאַב אַנטלויפֿט פֿון האַרון־אַל־ראַשידס רדיפֿות, האָט אים אַרויסגעוויזן אַ פֿריינדלעכן ברוך הבא. דעם קאַליפֿס שליח איז אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ שיף אין ים פֿאַר צוויי הונדערט ווייאָרסט צו באַגעגענען דעם פֿאַרטריבענעם קינסטלער. זיריאַב האָט זיך דערפֿילט אין פֿאַרלעגנהייט, בעת דער קאַפּיטאַן פֿון שיף איז אַראָפּגעגאַנגען צו אים אין קאַיוטע און האָט אים אַרויפֿגעפֿירט

איפֿן דעק פֿון שיף, וואו עס האָבן אים אָפּגעוואַרט שלוחים פֿון קאַליף מיט רייכע מתּנות.

איבעראַשט פֿון דעם אומגעריכטן כּבוד, וואָס מען האָט אים אָפּגעגעבן, האָט ער שווייגנדיק צוגענומען פֿון די מאַווערן די טייערע בּעכערס, וואָס זיינען געווען אָנגעפּילט מיט פּערל, און, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, האָט ער אויסגעהערט די חניפהדיקע באַגריסונגען.

— אונזער הערשער, — האָט איין שליח געזאָגט, — וואַרט אויף דיר אין קאָרדאָווע, וואו עס ווערט פֿאַר דיר צוגעגרייט אַ הויז מיט אַלעם פֿאַרטיקן. דידאָזיקע קליינע מתּנות דאַרפֿן דיר באַווייזן, ווי ס'איז גענייגט צו דעם שטערן פֿון דמשק דער גרויסער אַל-חכם. דער הערשער ווינטשט, אַז דו זאָלסט פֿאַרגעסן די שווערע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון האַרון-אַל-ראַשיד און זאָלסט האַלטן מאַוריטאַניע פֿאַר דיין אייגענעם פֿאָטערלאַנד.

זיריאַב האָט געענטפֿערט, אָננעמענדיק די מתּנות:

— אויב איך, אָרעמער זינגער, וועל ווען-עס-איז פֿאַרגעסן דעם-דאָזיקן חסד פֿון הערשער, זאָל דאַן דער גייער פֿון מדבר מיר אויספּיקן די אויגן. איך האָב שוין ליב באַקומען דעם קאַליף ניט פֿאַרן גאָלד און פּערל, נאָר פֿאַר זיין פֿריינדלעכער באַגריסונג, מיט וועלכער ער האָט דערוואַרעמט מיין נשמה, אַזוי ווי מיט דער זון פֿון האַלבן טאָג!

אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם יונגן זינגער און האָבן זיך אַנטציקט מיט די מתּנות פֿון דעם הערשער. אָבער רבקה האָט אָפּגערופֿן וועלעדאַטען אָן אַ זייט און האָט איר אַריינגערוימט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַז פּערל באַטייט טרערן און אַז דידאָזיקע מתּנה איז ניט קיין גוטער סימן. אָבער וועלעדאַטע, דערזעענדיק דעם כּבוד, וואָס מ'האָט אַרויסגעוויזן איר געליבטן זיריאַבן, האָט געשטראַלט פֿאַר גליק און געבעטן רבקהן, זי זאָל שווייגן, ווייל אָבערגלויבן איז נאַרישקייט, און די צוקונפֿט זאָגט זיי צו פֿיל גליק.

נאָך דעם כּבוד, וואָס דער קאַליף האָט אַרויסגעוויזן דעם זינגער, האָבן אַלע אויף דער שיף און דערהויפּט דער קאַפּיטאַן זיך גענומען באַציִען צו אים מיט גרויס אַכטונג, וואָס זיריאַבן האָט עס זייער געדריקט.

ער איז איצט געשטאַנען אויפֿן דעק פֿון שיף און זיך געפֿרייט, וואָס מען לאָזט אים דערוויילע איבער אַליין. ליכטיקע געדאַנקען, ווי גילדערנע בינען, האָבן זיך געדרייט ביי אים אין קאָפּ. ער האָט דערמאָנט זיין לעבן אין דמשק אונטער דער שטענדיקער מורא, אַז מ׳וועט אים איבערגעבן אין האַרונס הענט, ווען זיין איינציקער באַשיצער איז געווען זיין טרייער פֿריינד, דער אַלטער אַטאַיע, וואָס האָט פֿאַר אים אין יענע אומרואיקע טעג געקענט איינזוכן אַן אָנגענעמע באַשעפֿטיקונג..

זיריאַב האָט בלויז איצט דערפֿילט, ווי שרעקלעך איז געווען דאָס דאָזיקע לעבן, און האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי האָט ער געקענט אַזוי זאָרגלאָז זיך אַריינטאָן אין די כּתבים, ניט פֿילנדיק די גאַנצע געפֿאַר פֿון זיין לאַגע. אָבער דער אַלטער אַטאַיע האָט מיט חכמה געקענט אָפּווענדן זיינע געדאַנקען, אַנטפּלעקנדיק פֿאַר זיי אַ נייעם פֿאַרגעניגן אין דער וויסנשאַפֿט. איצט, אַדאַנק אים, איז זיריאַב ניט בלויז אַ טאַלאַנטפֿולער זינגער, וואָס פֿאַרפֿאַסט אַ זייפֿיל לידער, נאָר ער איז אויך אַ בקי אין דער אַראַבישער געשיכטע און אַ געאַכטער געלערנטער. אַ געפֿיל פֿון טיפֿער דאַנקבאַרקייט האָט אָנגעפֿילט זיין האַרץ, און קוקנדיק אויף די אומבאַקאַנטע ברעגן פֿון שפּאַניע האָט ער דערמאָנט דעם וויטן, הייסן דמשק, זיין קליין שטיבל, דעם אַלטן דיכטער, דערמאָנט די שטילע שמועסן מיט אים, זיין קלוג געזיכט מיט די טיפֿע טרויעריקע אויגן.

— ווי וואָלט ער זיך דאָס געפֿרייט, אַז ער וואָלט זען דעם כּבוד, וואָס דער קאַליף האָט מיר אָפּגעגעבן! — האָט זיריאַב געטראַכט מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

דאָס אָנקומען פֿון קאַפּיטאַן האָט איבערגעריסן זיינע זכרונות און טרוימען. באַגריסנדיק זיך מיט דעם זינגער, האָט דער מאַוור פֿאַרזאָרגט אַ קוק געטאָן אויף דעם אַפֿריקאַנישן ברעג.

— ס׳וועט זיין אַ שטורעם, — האָט ער געזאָגט און האָט אַ געשריי געטאָן צו די מאַטראָסן, זיי זאָלן אַראָפּנעמען די זעגלען. די פֿלינקע מאַורען האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, די זעגלען זיינען שווער אַנידערגעפֿאַלן; מ׳האָט זיי אָנגעהויבן צוזאַמענבינדן.

— פֿאַרוואָס מיינסטו, אַז ס'וועט זײַן אַ שטורעם? — האָט זיריאַב געפֿרעגט.

— דו זעסט דאָרט דאָס ווײַסע וואָלקנדל איבער דעם אַפֿריקאַנישן ברעג? איצט איז עס קוים צו מערקן, אָבער באַלד וועט עס פֿאַרדעקן דעם גאַנצן הימל.

דער ערפֿאַרענער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט אַן אמת. מ'האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַפֿעסטיקן אַלע זעגלען, ווי פּלוצלונג האָט זיך דער ווינט איבערגעביטן, און דער ווײַסער וואָלקן, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך איבער די אַטלאַסער בערג, איז געוואָרן גרעסער און טונקעלער. ער האָט זיך געטראָגן מיט אַן אימהדיקער שנעלקייט צום ים. ס'האָט אַ קנאַל געטאָן אַ דונער, אַ בלענדנדיקער בליץ האָט דורכגעשניטן דעם וואָלקן, שרעקלעכע כוואַליעס האָבן זיך געהייבן אַרום. דער ים איז צאָרנדיק־שוואַרץ געוואָרן. ס'האָט אַ גאָס־געגעבן אַ שלאַקס־רעגן. די שיף האָט זיך געוויגט אין אַלע זײַטן.

זיריאַב איז אַרײַן אין קאַיוטע. די פֿרויען האָבן געוויינט און געשריען. כמעט אַלע רײַזנדער האָבן שרעקלעך געליטן פֿון דער ים־קראַנקהייט. דער ווינט האָט מיט אַ פֿײַפֿעריי געריסן דאָס שטריקוואַרג, די כוואַליעס האָבן זיך שטורמיש געוואָרפֿן אויף דעם דעק, די ווענט פֿון שיף האָבן געקנאַקט, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן צעפּליען אונטער דעם דרוק פֿון די שטורמישע וואַלן.

דער קאַפּיטאַן, אינגאַנצן אַ נאַסער, איז אַרײַן אין קאַיוטע.

— אוממעגלעך צוצוקומען צו אַלדזשעזיר, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב געהייסן דעם שטײַערמאַן האַלטן זיך נעענטער צו דעם אַפֿריקאַנישן ברעג. הלוואַי זאָל אַלאַ אונז ראַטעווען פֿון אומגליק!

— און ווירקלעך, ערשט אויפֿן צווייטן טאָג, ווען דער שטורעם איז שטיל געבליבן, האָבן די שיפֿן געקענט זיך אַראָפּנעמען פֿון אַנקער און זייַנען אָפּגעשוואומען צו דעם שפּאַנישן ברעג, וואָס איז געווען העל באַלויכטן פֿון דער פֿאַרנאַכטיקער זון.

— אָט איז טאַריקס פֿעלז, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, אָנווייזנדיק זיריאַבן אויף אַ גרויסן געלבן פֿעלז, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פֿון אַ שלאָפֿעדיקן לייב. — אָט־דאָס איז דאָס אָרט,

וואו אונזערע אָבות האָבן דאָס ערשטע מאָל באַטראַכטן די גאָטישע ערד.

זיריאַב האָט מיט גרויס נייגעריקייט געקוקט אויף דעם רויט־געלבן באַרג, וואָס האָט זיך כּמעט שטייל איבּגעהויבן פון דעם בלויען ים. ער האָט דערמאָנט די ביבליאָטעק פון דמשק און יענע כּתב־ידן, וואו ער האָט איבערגעלייענט אַ קורצן באַריכט פון דעם מאַרשאַל מוזאַ און זיינע מסירות אויף טאַריקן, וועלכער איז אויף אייגענער אַחריות איבערגעשוואומען דעם דורכגים און מיט אַ הייפל מענטשן פאַרנומען אַנדאַלוזיע.

הינטערן פעלז נעענטער צו מזרח האָבן זיך געזען די ליליאַשפּיצן פון די שפּאַנישע בערג. די לופט איז געווען וואונדערבאַר דורכזיכטיק; אַלץ האָט זיך געטונקט אין אַ גילדערנער, וואונדערלעכער שיין. דער האַפן פון אַלדזשעזיר איז געווען פאַרנומען מיט פיל שיפן; ווייסע און שוואַרצע זעגלען האָבן זיך שאַרף אויסגעצייכנט אויף דעם בלויען פאָן פון ים און הימל; אין די דאָקן האָבן זיך געבויט גרויסע און קליינע שיפן. אין האַפן האָט געהערשט אַ לעבהאַפטיקע טעטיקייט. אייניקע שיפן האָט מען אויסגעלאָדן, די אַנדערע האָבן זיך געגרייט צום אָפּשווימען. צווישן זיי האָבן זיך געשלייכט לייכטע שיפלעך, אָנגעפירט פון כּמעט אינגאַנצן נאַקעטע מאַטראָסן. די שיפן האָבן מיט גרויס מי אַריינגעצויגן אין דעם אָנגעפּאַקטן האַפן. סאַמע ביים ברעג אין די פּאַלמען־וועלדלעך און ביי די פּאָמעראַנצן־ביימער האָט זיך געטוליעט די קליינע שיינע אַלדזשעזיר. הינטער איר האָבן זיך דערהייבן די בערג.

די לעבעדיקייט פון שטאָט האָט זיריאַבן איבערראַשט. פון דער ברייטער גאַס ביים ברעג האָט זיך געטראָגן אַ געדודער און געפּילדער, געשרייען פון אַרבעטער, דאָס סקריפּען פון וועגענער, דאָס קלאַפּן פון די רעדער אָן דעם שטיינערנעם ברוק. — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ניי און וואונדערבאַר פאַר דעם אַראַבער, וואָס איז געוווינט געווען צו דער שטילקייט פון די שטעט אין מזרח.

דער קאַפּיטאַן האָט נאָך ניט באַוויזן אַראָפּגיין פון שיף — האָט זיך צו אים פון אַלע זייטן דערטראָגן די אומגעריכטע בשורה: דער קאַליף אַל־חכם איז מיט צוויי טעג צוריק פלוצלונג געשטאָרבן,

אין וועג, אומקערנדיק זיך פון אַלדזשעזיר צוריק צו זיך אין דער הויפּטשטאָט. אויפן ברעג האָט זיך דאָס פאָלק געזאַמלט גרופּעסווייז און געשמועסט וועגן די איינצלהייטן פון דעם אומגליק. אַלע געזיכטער זיינען געווען טרויעריק: אַל־חכם האָט געוואונען די ליבע פון זיינע אונטערטאַנען מיט זיין קלוגער הערשאַפט, און איצט האָט יעדערער מיט מורא געפרעגט, ווער פון זיינע זין, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער צאָל, וועט פאַרבייטן דעם פאַרשטאָרבענעם הערשער.

זיריאַב איז געווען ווי פון דונער געטראָפן פון דערדאָזיקער בייזער בשורה. ער איז געשטאַנען אויפן ברעג און האָט זיך שווייגנדיק צוגעהערט צו די רייד — לייענענדיק אויף אַלעמענס געזיכטער דעם אויפריכטיקסטן צער, און ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ באַשיצער ער האָט אַזוי אומגעריכט פאַרלאָרן.

צו אים איז צוגעקומען דער קאַפּיטאַן פון שיף און דער שליח פון אַל־חכם.

— אַ שרעקלעכע בשורה, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, — זאָל אַלאַ זיך דערבאַרעמען אויף אונז, זיינע זין!

— איך ווייס בפירוש, אַז דער קאַליף האָט ניט איבערגעלאָזט קיינע פאַראָרדענונגען בנוגע דעם יורש פון טראָן, — האָט דער מאַוור געזאָגט, — דער מאַוור האָט געהייסן סאַאיד.

— ווער־זשע וועט רעגירן איבערן לאַנד? — האָט זיריאַב געפרעגט.

— איינער פון זיינע פיל זין.

— פון וועמען הענגט אָפּ דער אויסוואַל?

— פון די פריצים פון האַרעם. דאָס זיינען די סאַמע אימפּאַרשעמטע און נידעריקסטע לייט. ביי דעם הערשער אַל־חכם איז זייער השפּעה געווען זייער קליין, ער האָט געקענט זיי איינשטילן, איצט אָבער איז אָנגעקומען די מינוט, ווען די גאַנצע צוקונפט פון דער מלוכה איז אין זייערע הענט.

— און דער נייער קאַליף ווערט דען אַ ווערקצייג פון די, וואָס קלייבן אים אויס?

— עס טרעפט, — האָט סאַיד געענטפערט, — אָבער אַלאַ זאָל אונז אויסהיטן פון אַזאַ אומגליק!

— גרויס איז אַלאַ, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד! — האָט דער קאַפּיטאַן, אָפּזיפצנדיק, געזאָגט, און איז אַוועק צו דער שיף פאַראָרדענען, אַז מען זאָל זי אויסלאָדן.

— וואָס פאַר אַן עצה, פריינד, וועסטו מיר געבן? — האָט זיריאַב אין פאַרלעגנהייט געפרעגט דעם מאַוור, וועלכער האָט פאַרטראַכט געקוקט אויפן ים, וואָס האָט געשימערט און זיך גערויטלט אונטער די פאַרנאַכטיקע שטראַלן.

דער מאַוור האָט זיך אויסגעדרייט צום זינגער.

— ניט באַאומרואיק זיך וועגן דיין גורל. ווען מ'זאָל ניט איבערבלייבן אויפן טראָן פון קאָרדאָווע, וועסטו אַליין איינס פריינדלעך אויפגענומען ווערן. ניט דו, נאָר מיר דאַרפן מורא האָבן פאַר דער אומגעריכטער איבערקערעניש. מיר, הויפלייט, זיינען אָפּהענגיק בלויז פון דעם הערשערס גענאָד. געליבט פון פאָטער, קענען מיר ווערן פאַרהאַסט פון זיין זון. אַל-חכם איז שטענדיק געווען צו מיר פריינדלעך, אָבער איצטער קען איך ניט ערב זיין פאַר איין שעה ביים טראָן פון זיין יורש. איך בעט דיך, זיריאַב, — האָט סאַאיד צוגעגעבן מיט אַ טרויעריקן שמייכל, — זאָלסט געדענקען אונזער באַגעגעניש, און אויב ווען-עס-איז וועט מיין גורל פאַרטונקלט ווערן, זיי מיין באַשיצער ביי דעם קאַליף.

— דו בעטסט מיין שוץ, — האָט זיריאַב זיך צעלאַכט, — אָ, מיין צוקונפט איז אויך פאַרדעקט מיט טיפער פינסטערניש. אָבער זיי רואיק, אויב דאָס גליק וועט זיין צו מיר פריינדלעך, וועל איך דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דער מאַוור האָט, אָפּזיפצנדיק, צוגעלייגט די האַנט צום שטערן, דערנאָך צום האַרצן — צום צייכן פון געזעגענען — מיט ווערדע זיך פאַרנייגט פאַר זיריאַבן און איז אַוועק.

דאָס נייע פאָטערלאַנד האָט באַגעגנט דעם יונגן אַראַבער מיט אַ אומגעריכטער און אומאיינגענעמער בשורה. אָבער די נאַטור אַרום איז געווען אַזוי וואונדערבאַר, אַזוי הערלעך האָבן געשימערט די שפּיצן פון די בערג, באַלויכטן מיט דער אומגעזעענער זון, די לופט

איז געוועזן אַזוי שטיל און דורכזיכטיק, און אַזוי רואיק האָט גע־
פינקלט מיט ראָזיקער פאַרבנשפיל דער ים — פון דער ווייטנס פאַר־
זונקען אין פיאָלעטער פינסטערניש — אַז זיריאַב האָט ניט גע־
קענט זיך איבערגעבן דעם טרויער. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן
קאָפּ, מיט פרייד געוואָרפן זיין בליק איבער דעם שיינעם בילד פון
זיין נייעם פאָטערלאַנד. און מיט אַ העלן שמייכל איז ער אַוועק
פאַראָרדענען וועגן אַ וואוינונג פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע.

II

באַידם נביאות איז מקוים געוואָרן.

נאָך איידער איבער אַלדזשעזיר האָט זיך פאַרשפּרייט די בשורה, אַז אַלמ יורש־עצר פון אַל־חכם איז אויסגעווילט געוואָרן זיין זון עבדן־רחמן און אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רעגירן איבערן לאַנד, איז פאַר דעם קליינעם גאַסט־הויז, וואו זיריאַב האָט זיך געפונען, פון אַ פאַרמאַטערטן פערד אַראָפּגעשפּרונגען אַ מאַוור מיט אַ זעקל איבער די אַקסלען.

דער דיקער באַלעבאָס אין אַן אַלטן ראָק איז געשטאַנען ביים טויער פון הויז און האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף דעם אָנגעקומענעם.

— דאָ געפינט זיך דער זינגער פון דמשק, — האָט דער מאַוור געפרעגט.

— ער געפינט זיך דאָ, — האָט דער באַלעבאָס אַליין מער פאַרוואונדערט געענטפערט.

— איך מוז אים גלייך זען, ווייל באַלד דאַרף איך אָפּפאָרן צוריק קיין קאָרדאָווע.

— ווער ביסטו? — האָט דער באַלעבאָס געפרעגט.

— אַ שליח פון דעם דערלויכטעטעם הערשער אונזערן, — האָט דער לויפער מיט שטאָלץ געענטפערט, און, אָפּוואַרפנדיק דעם שוואַרצן פאַרשטויבטן פלאַשטש, האָט ער באַוויזן דעם באַלעבאָס זיין מיט גאָלד אויסגענייט קלייד, די אוניפאָרם פון קייזערלעכן הויף.

דער באַלעבאָס פון גאַסט־הויז איז געוואָרן אומרואיק.

— איך בעט דיך, טו מיר אָן דעם כבוד און גיי אַריין אין גאָרטן און פריש זיך אָפּ, וויבאַלד דו פאָרסט באַלד צוריק. איך וועל דיר אַהין שיקן אַליץ, וואָס נאָר מיין גאַסטהויז פאַרמאָגט, און וועל רופן דעם זינגער. ער איז, דאַכט זיך, אין דער היים.

זיריאַב איז מיט אַ קלאַפּעדיקן האַרצן אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, וואָס איז געווען פאַרפלאַנצט מיט פאַלמען און אָלעאַנדערס. אים אַנטקעגן איז געגאַנגען דער לזיפער. און פאַרנויגנדיק זיך פאַר אים, האָט ער אים דערלאַנגט אַ בריוו, געשריבן מיט דער האַנט פון קאַליף. דער בריוו איז געווען צונויפגעוויקלט ווי אַ מגילה און איבערגעבונדן מיט אַ זילבערנעם בענדל.

— פון אונזער אַלערגנעדיקסטן קאַליף, דעם הערשער פון מאַוריטאַניע, — האָט ער פייערלעך געזאָגט.

זיריאַב האָט זיך נידעריק פאַרנויגט, צונעמענדיק דעם בריוו. ציטערנדיק האָט ער אים געעפנט און האָט קוים געקענט פון אויפרעגונג איבערלייענען די גנעדיקע ווערטער, מיט וועלכע דער נייער הערשער האָט געוואָלט צוציען צו זיך דעם דיכטער. די אותיות האָבן זיך צונויפגעמענגעמישט, ניט קענענדיק איבערלייענען דעם בריוו ביזן סוף, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד. באַרואיקט זיך, האָט ער ווידער גענומען דעם בריוו און מיט אַ געפיל פון טיפער דאַנקבאַרקייט האָט ער איבערגעלייענט דעם קאַליפס גנעדיקע איינלאַדונג צו קומען אומגעזאַמט קיין קאָרדאָווע, וואו ס'איז שוין געווען צוגעגרייט אַ הויז פאַר אים.

עבדן-רחמן דער צווייטער, פאַרנעמענדיק דעם פאָטערס טראָן, האָט געוואָלט פריער פון אַלץ זיך אַרויסווייזן פאַר אַ באַשיצער פון שטילער קונסט. און אַליין ליבנדיק געזאַנג און שרייבנדיק אַפילו לידער, האָט ער געאײלט אַרויסווייזן אויפמערקזאַמקייט דעם אומבאַקאַנטן דיכטער, וואָס דער פאָטער נאָך האָט געהאַט איינגעלאַדן. זייענדיק אַליין נאָך אַ יונגערמאַן, האָט ער מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף זיריאַבן, פון וועלכן ער האָט אויך אין קאָרדאָווע פיל געהערט, און האָט לכתחילה שוין באַשטימט צו זיין ניט קיין הערשער, נאָר אַ פריינד מיט דעם שטאָלצן זון פון מדבר, מיט דעם זינגער פון דמשק, וואָס האָט ניט אָנגענומען האַרונס חסדים.

אין יענעם אָוונט, צעזעגנענדיק זיך מיט יוספן, איז זיריאַב מיט זיין געזינד אַרויסגעפאָרן פון אַלדזשעזיר.

III

ארום דערהויבן זיך די הויכע בערג, פון סיערע-נעוואַדע, וואָס גרייכן מיט זייערע שנייאיקע שפּיצן ביז צו דעם בלויען הימל. אונטן אויף דעם אַראָפּהאַנג האָבן זיך געשפּרייט גרינע פּעלדער, באַאַרבעטע פון די געדולדיקע מאַווּרען. אומעטום פון די טאָלן און באַרג-שפּאַלטן האָט זיך געהערט דער גערויש פון אומגעזעענע טייכן און קוואַלן, וואָס זיינען געלאָפן פון די צעגאַנגענע שנייען פון סיערע. וואָס פאַר אַ פרישקייט ס'האָט זיך געשפּירט אין דער לופט! ווי דורכזיכטיק זיינען די גילדערנע נעפּלען, וואָס הילן איין די ווייטע בערג-שפּיצן.

זיריאַב בויגט זיך איין, זיצנדיק אויפן פערד, און רייסט די שמעקעדיקע נאַרציסן, די ראָזע גלעקעלעך, וואָס וואַקסן סאַמע ביים וועג. ווי אַ פאַרכישופטער חלום קומט אים אויס דידאָזיקע גאַנצע רייזע. אָט פאָרן זיי שוין דעם צווייטן טאָג אויף די פּאָרזיכטיקע אַנדאַלוזיער פערד און, דאַכט זיך, אַז ס'וועט ניט נעמען קיין סוף צו דעם כישוף. עס פאַרלויפן אין דער ווייט און שטייגן אויף פאַר דעם דיכטערס אויגן די ווילדע פעלזן און הויכע בערג פון נעוואַדע. אַלץ העכער און העכער שלענגלט זיך דאָס גליטשיקע שטעגעלע, וואָס איז דורכגעשלאָגן אין דעם גראַניט פון פעלז. זיריאַב, וואָס איז ניט צוגעוואוינט צו די וועגן אין די בערג, קוקט מיט אַ האַרץ-ציטער אין די טיפע שוואַרצע אָפּגרונטן, וואָס לויערן פון רעכטס און לינקס, — אָבער דער קלוגער פערד שטעלט פאָרזיכטיק יעדן טריט און וועט זיך קיין איינמאָל ניט אויסגליטשן אויף דעם שמאָלן שטעג.

וואו-ניט-וואו פון אַ שפּאַלט פון אַ פעלז שטאַרצט אַרויס אַן איינזאַמער קוסט פון דעם בלויען אַלאָע, ברייט האָבן זיך אויסגע-

לייגט זיינע האַרטע בלעטער, וואָס זיינען ענלעך אויף קינזשאַלן; און דאָרט ווייט אין אַ באַרג־שפּאַלט האָט זיך צוגעטוליעט אַ פייגנבוים און האָט הויך צעשפּרייט זיינע געדיכטע צווייגן. ערטערווייז אַנטפּלעקט די נאַקעטע ברוסט פון די בערג אַלע אירע אוצרות, וואָס די נאַטור האָט בשפע אין איר צעשאָטן — עס רויטלט זיך דער האַרטער פּאָרפיר, עס פינקלט דאָס אַרץ פון אייזן און בליי, עס ווייסט זיך דער ווערטפולער מאַרמאָר, ווי קופּקעלעך שניי. דער פירער דערציילט זיריאַבן, וויפל הכנסה די אַרץ־גרובן גיבן דער מלוכה; מען געפינט דאָ אַפילו אויך גאָלד. און איצטער איבערהויפּט באַאַרבעט מען דאָ זייער פלייסיק דעמדאָזיקן מעטאַל.

— נאָך אין די צייטן פון דער רוימישער הערשאַפט האָט אַנדאַלוזיע געהאַט אַ שם מיט אירע נאַטור־אוצרות, — האָט געזאָגט דער וועג־ווייזער. — עס זיינען נאָך עד־היום פאַרבליבן די מינעראַל־גרובן פון די קאַרטאַגענער און פון זייערע שטאָלצע קאָנקורענטן.

עס שפּרייטן זיך ווייטער באַאַרבעטע פליינען, באַוואַסערט דורך אומגעזעענע טייכלעך. איבער די טאָלן ציען זיך די הענג־אַרקעס פון די אַקוועדוקטן. קליינע דערפלעך טוליען זיך ביים צופוסנס פון דעם באַרג, אין דעם גרינס פון פאָמעראַנצן און מאַנדלביימער.

אָט איז די שטאָט ראָנדע, אויף צוויי פעלזן, צווישן זיי שלענגלט זיך אַ גרויסער וועג. איבער די פעלזן זיינען אַריבערגעוואָרפן הענגבריקן. פאַזע די בריקן גייט די אַרקע פון דער וואַסערלייטונג.

— דורך דידאָזיקע שטיינערנע באַסיינען באַקומט די שטאָט אַלע מאָל פריש וואַסער פון די באַרג־קוואַלן, — דערקלערט דער וועגווייזער. די קונציקע בויער האָבן פאַראייניקט עטלעכע קליינע שטראָמען, דערנענטערט זייערע געלעגערס און דערנאָך דורכגעפירט אַ מעכטיקן שטראָם וואַסער אין די שטיינערנע טרויבן. אין אונזער קאַנט זיינען פאַרבליבן די אַקוועדוקטן פון די רוימער, אָבער אונזערע געבייען זיינען שענער און לופטיקער און האָבן מסתמא געקאָסט אַ סך ביליקער ווי די רוימישע.

ראָנדע האָט זיך שוין באַהאַלטן הינטער אַ נייער בערג־קייט.

— אפשר ווילסטו אראפגיין אין בארג־שפאלט? — לייגט פאר דער וועג־ווייזער.

זיריאב קריכט אראפ פון פערד און גיט אים איבער דעם דינער.

אראפגענידערט זאלבענאנד פון פעלז, אין וועלכן עס זיינען אויסגעהאקט געוועזן טרעפ, דערגרייכן זיי די סאמע טיף פון דעם שמאלן אפגרונט. די גרויע פעלזן זיינען זיך ענג צונויפגעקומען איבער דעם תהום; מיט א פייכטקייט גיט א ווײ אויף זיריאבן. פון דער שטיינערנער וואנט טריפט וואסער, דא אין שמאלע זילבער־שנירלעך, דא זיך צונויפזאמלענדיק אין א גריבל און פאלנדיק פון דארטן אין א העלן וואסערפאל. פון וואס דערציילט דאס וואסער פאלנדיק פון שטיין אויף שטיין? ריזלענדיק פארשווינדן די שטראמען אין דעם סודותפולן חושך... שטיל ארום, און אין דערדאזיקער שטילקייט סודען זיך זאכט די בארג־קוואלן.

— גיב א קוק אין דער הויך, — הייסט דער מאוור זיריאבן.

זיריאב הייבט אויף דעם קאפ און זעט העט־העט־ווייט איבער זיין קאפ א בלויען פאס הימל. א טונקעלע ארקע שניידט זיך אויס אויף דעם בלויען גרונט. דארט, אויף דעם סאמע שפיץ פון פעלז האבן זיך איבער דעם תהום אנגעבויגן גרינע וועלדלעך.

א באשפריצטער מיט דעם שוים פון די קוואלן, קריכט זיריאב ארויס פון דעם בארג־שפאלט, גייט נאך דעם מאוור און זעצט זיך ווידער אויף דעם פערד.

ניט בלויז זיריאב איז באצויבערט פון דער שיינקייט פון אנדאלוזיע. וועלעדאטע קוקט אויך ארום מיט ברייט־אויפגעעפנטע אויגן אויף די נאך קיינמאל געזעענע וואונדער און איר הארץ הייבט זיך שוין אן צוצובינדן צו דער נייער היימאט. פרייד און האפענונג פינקלען אין אירע שיינע אויגן. אלץ געפעלט איר אין דעם נייעם לאנד: סיי די מדבר־ווילדקייט פון די בערג, סיי די פריילעכע טאלן, וואו עס ליגן צעשאטן נאענט איינע פון די אנדערע דערפלעך, און די איינוואוינער פון דעמדאזיקן געבענטשטן לאנד — די שיינע מאורען, מיט רואיקן שטאלץ באגריסן די רייזנדע.

— דא איז גוט! — טראכט וועלעדאטע.

אומעטום הערן זיי ווי מען שמועסט וועגן דעם טויט פון קאַליף. אַלע איינוואוינער פון דידאָזיקע דערפער, פון סיערע-נעוואַדע, אַלע באַדויערן מיט אַן אמת דעם פאַרשטאָרבענעם; אומעטום דערציילט מען זיריאַבן וועגן זיין קלוגער און יושרדיקער הערשונג. דאָס זיינען ניט קיין קנעכט פון אַ דעספּאָט, ווי עס זיינען ביז לעצטנס געוואָרן די איינוואוינער פון באַגדאַד, אונטערדריקט פון דעם אַכזר האַרון, דאָס זיינען ניט די רייכע בירגער פון דמשק, וואָס זיינען אַזוי שטאַרק מיט זייערע אומגעהייערע אוצרות. דידאָזיקע מאַוורען דערמאָנען זיריאַבן די לאַנג-פאַרשוואונדענע טעג, זיין נאָמאַדנלעבן מיט די אַנדערע אַראַבער ניט ווייט פון דעם אָאַזיס על-דזשאוף, און מיט גרויס פרייד באַמערקט ער אין דידאָזיקע אומבאַקאַנטע מענטשן דיזעלביקע איידעלע איינפאַכקייט אין זייער האַלטונג, דעמועלבן באַוואוסטזיין פון זייער ווערדע, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די עכטע זין פון מדבר. עפּעס נאָענטעס הייבט אָן צו פאַרבינדן אים מיט דעמדאָזיקן מוטיקן און פריינדלעכן פאָלק.

אויף דעם דריטן טאָג פון דער רייזע האָט זיך די געגנט אינגאַנצן געענדערט. סיערע-נעוואַדע איז אַוועק צו דרום און איז פאַרשוואונדן אין דעם לילאַ-נעפּל. פאַראויס איז געלעגן די שטרענגע מעלאַנכאָלישע סטעפּ, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן כוח צו מאַכן טרויעריק דעם געמיט.

— שוין וואָס גיכער דערפאָרן צו דעם טאָל אועד-על-קעביר! — האָט דער וועג-ווייזער געזאָגט אונטערטרייבנדיק דעם מידן פערד.

אָבער זיריאַב און וועלעדאַטע זיינען ניט געווען אַזוי אומגעדולדיק ווי ער, און אויף זייער שטימונג האָט די סטעפּ ניט געווירקט. דערזען פאַר די אויגן אַ גרויסן, פלאַכן פּליין, אָן וואַסער און וואַלד, האָט זיריאַב אויפגעפלאַטערט פאַר פרייד.

זע נאָר, זע נאָר, וועלעדאַטע, — האָט ער אויסגעשריען, — ווי זיי זיינען ענלעך אויף די סטעפּעס פון אונזער לאַנד! און ווירקלעך האָט דאָס בילד, וואָס האָט זיך צעשפּרייט פאַר זייערע אויגן, זיי דייטלעך דערמאָנט די סטעפּ פון אַראַביע, הגם אויפן האָריזאָנט פון מזרח און מערב האָבן זיך געזען ווייטע בערג. די געגנט האָט ווירקלעך געטראָגן אַ ווילדן אַזיאַטישן כאַראַקטער. דאָ און דאָרט

האָבן געפינקלט, אונטער די הייסע שטראַלן פון דער זון, קליינע זיפלעכע אָזערעס; ערגעץ האָט זיך ניט געזען קייןביימעלע, וואו-ניט-וואו האָט אַרויסגעשטאַרצט מאָגערע, פון זון אויסגעברענטע גראָז. ס'האָבן נאָר געפעלט די אייזלען, כדי אינגאַנצן פול-מאַכן דאָס בילד פון ווייטן מזרח.

און דער וועגווייזער האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף די אַראַבער, וואָס זיי האָבן מיט אַזויפיל התפעלות באַגריסט די סאַמע פאַרמדברטע טייל מאַוריטאַניע. דאָ האָט זיך זיריאַב מיט זיין פאַמיליע געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, און ווען צו אָוונטצייט זיינען ווידער אַוועק בערג, ס'האָט זיך ווידער באַוויזן אַ זאַפטיקע פרישע גרינס און פון די וועלדלעך האָבן זיך באַוויזן די ישובים פון די מאַורען, האָט דער זינגער פאַרקערעוועט זיין פערד אין האָט געוואָרפן אַ לאַנגן טרויעריקן בליק אויף דעם היילן מדבר. אין זייןברייטן רחבות איז ער אים אויסגעקומען פיל ליבער פאַר אַלע וואונדערלעכע בילדער פון אַנדאַלוזיע.

דער ווייער גוט איינגעאָרדנטער וועג האָט זיך אַליין געצויגן צווישן פלאַנטאַציעס פון צוקער-ראָר און בוימוואָל, וואָס מ'האָט ניט לאַנג פאַרפלאַנצט. גרויסע פעלדער זיינען געווען פאַרזייט מיט ווייץ, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין צייטיק ווערן צום צווייטן שניט. די אַראָפהאַנגען פון די בערג האָבן זיך צעשפּרייט ווייגערטנער. ביי די זייטן פון וועג זיינען ראָנדנווייז געגאַנגען קאַקטוס-ביימער.

ענדלעך האָט זיך פאַר די רייזנדע באַוויזן דער פרוכטבאַרער טאָל פון אועד-על-קעביר, וואָס די שפאַניער האָבן שפעטער אָנגערופן גוואַדאַלקוויויר. ווי אַ ברייטע סטענגע האָט אַ פינקל געטאָן דער טייך און פון דערווייטנס אויף דעם אַנדער ברעג, צווישן די פאַרטאָגיקע נעפלען האָט זיך דערהויבן די שטאָלצע הויפּטשטאָט פון מאַוריטאַניע.

— אָן איז שוין קאָרדאָווע! — האָט דער פירער אויסגעשריען.

אַרומגערינגלט מיט געציינדלטע ווענט, האָט זיך קאָרדאָווע געשפיגלט אין די לאַנגזאַמע כוואַליעס פון אועד-על-קעביר, אָקוראַט ווי אַ יפת-תואר, וועלכע קוקט אַריין אין אַ שפיגל נאָכן זיסן שלאָף. ווייסע הייזער מיט פלאַכע דעכער האָבן אַרומגערינגלט דעם באַרימטן

מעטשעט. וואָס אַל־חכם האָט אָנגעהויבן צו בויען, און האָבן פֿאַרנומען דעם גאַנצן שטח ביז דעם פּאַלאַץ פֿון קאַליף, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דעם אַנדער עק שטאָט.

ס'איז נאָך געווען גאָר פֿרי, די זון איז נאָך ניט אויפֿגעגאַנגען. זיריאַב האָט באַשלאָסן זיך אָפּשטעלן אויף דעמדאָזיקן ברעג פֿון טייך אין אַ קליינעם דערפֿל און אויסוואַרטן ביז ס'וועט ווערן טאָג. די אומגעדולד צו זען דעם קיניג איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט; ניט געקוקט אויף זיין פֿאַרמאַטערטקייט, האָט ער ניט געקענט איינשלאָפֿן. ס'איז אויפֿגעגאַנגען די זון, זיריאַב האָט ווי געוויינלעך אָפּגעדאַוונט, ווענדנדיק זיך מיטן פּנים צו דעם גילדענעם מזרח; דערנאָך איז ער געגאַנגען זען, ווי אַזוי די דינער האָבן אויסגעלאָדן די אייזלען און פֿערד און אויפֿגעלייגט די זאַכן. בשום אופֿן האָט ער רויִק ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט. ער איז אַרויס אין דרויסן און האָט געקוקט פֿון דער ווייטנס אויף קאָרדאָווע. די זון האָט באַלויכטן אירע ווייסע געביידעס, מיט זילבער האָט אָפּגעפֿינקלט דער דאַך פֿון דעם מירמלשטיינערנעם פּאַלאַץ. אויפֿן טייך האָבן געשלייכט שיפֿלעך, צום ברעג זיינען צוגעקומען באַרקעס, שיפֿן, וואָס זיינען אָנגעקומען פֿון אָקעאַן. אויף אַלע שיפֿן האָט געפֿלאַטערט די ווייסע פֿאָן פֿון די אָמאַיאַדן. אַ ווייסע פֿאָן האָט זיך געזען פֿון ווייטן איבערן פּאַלאַץ און איבער די טויערן פֿון שטאָט, וואָס זיינען געווען געווענדט צום טייך. די טויערן זיינען איצט געווען אָפֿן. מענטשן אין רעק און אין טשאַלמעס זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון דאָרטן. ס'האָט זיך געהערט אַ ניט דייטלעכער געשפּרעך. אויפֿן ברעג האָט אַ מאַוור פֿאַרריכט אַ שיפֿל און האָט מיט אַ טרויעריקער אָנגענעמער שטים געזונגען אַ ליד. פֿון דער לעדער־פֿאַבריק, וואָס איז געשטאַנען ביים פֿאַמע ברעג טייך אויף אַ היבשן מהלך פֿון שטאָט האָט דער „הודאָק” גערופֿן צו דער אַרבעט, און אין לאַנגע רייען האָבן זיך די אַרבעטער געצויגן אַהער. די אויפֿלעבונג איז געוואַקסן מיט יעדער שעה. הינטערן שטאָט, אויפֿן האָריזאָנט, זיינען פֿון די פֿאַרטאָגיקע נעפּלען אַרויסגעשוואומען די שנייאיקע בערג־שפּיצן פֿון סיערע־מאָרענאָ.

זיריאַב איז געזעסן ביים טויער פֿון זיין גאַסטהויז און האָט

געטראַכט, ווי אַזוי זאָל ער טאָן. פאָרן אין שטאָט און פאָרשטעלן זיך דעם הערשער האָט ער ניט געוואָלט, טאָמער קומט ער ניט צו דער צוגעפּאַסטער צייט, איבערהויפּט נאָך נעמענדיק אין באַטראַכט די טרויעריקע געשעענישן; שיקן אַ שליח צום קאַליף איז אויך געווען ניט גאָר באַקוועם. איז געבליבן וואַרטן, ביז דער קאַליף וועט זיך דערוויסן פֿון זיין אָנקומען.

אָבער זיריאַב האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט ענדגילטיק צו באַשליסן דידאָזיקע פראַגע, און די בשורה, וועגן דעם אָנגעקומענעם זינגער פון דמשק האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ קאָרדאָווע. מ'האָט די נייס דערלאַנגט דעם קאַליף; אַלע האָבן געוואוסט, ווי אַזוי דער נייער הערשער האָט געוואַרט אויף דעם דיכטער.

עבדו־רחמן האָט געהייסן נאָכצופרעגן אויף וויפל די ידיעה איז ריכטיק, און ווען דער לויפער איז געקומען אין פּאַלאַץ און האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט מיט זיינע אויגן געזען דעם זינגער, האָט זיך דער קאַליף איבערצייגט אין דעם אמת פון דער ידיעה, און האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן דער אויפנאַמע. זיריאָב איז געשטאַנען אויפן ברעג פון טייך, בעת צו אים זיינען געקומען די רייכע שלוחים מיט די מתנות.

דער קאַליף האָט פאָרגעלייגט דעם זינגער דריי טעג אויף אָפּרו און האָט אים געבעטן צו פאַרנעמען דאָס הויז, וואָס מ'האָט פאַר אים צוגעגרייט.

אין דעמזעלבן טאָג איז זיריאַב מיט זיין פאַמיליע איבערגע־שוואומען איבער אועד־על־קעבירע און האָט זיך באַזעצט אין דעם רייכן הויז, וואָס איז געשטאַנען גאַנץ אָפּגעזונדערט, אַרומגערינגלט מיט פּראַכטפולע גערטנער, וואָס האָבן דערגרייכט צום קיסרס פּאַ־לאַץ. דאָס דאָזיקע הויז איז אויסערלעך געווען ענלעך אויף די הייזער פון מזרח. עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן ווייסן פירעק, אָן פענסטער און מיט איין קליינער טיר. אינעווייניק פון הויז האָט זיך געפונען אַ פירקאַנטיקער הויף, וואָס איז געווען אויס־געלייגט מיט אַ העל־קאָלירטן מאַרמאָר. אינמיטן הויף האָט געשלאָגן אַ הויכער פאָנטאַן. אַרום איז געגאַנגען אַ גאַלעריי, וואָס איז באַשטאַנען פון דינע קאָלאָנעס ווייסן מאַרמאָר. אויף דער גאַלעריי זיינען אַרויס־

געגאַנגען די פענסטער און טירן פון אַלע צימערן. דער הויף איז געווען אויסגעשטעלט מיט וואונדערלעכע רויזן און אָלעאַנדרעס און בליאונג. הינטערן הויף האָבן זיך געצויגן גערטנער און פעלדער. אין גאָרטן האָט געפירט אַ גרויסער טויער מיט אייזערנע גראַטעס. דורך די גראַטעס האָט זיך געזען דאָס פרישע גרינס פון די פאָמעראַנצן און לאָרבער־ביימער און ס'האָבן זיך גערויטלט די גראַנאַטן־פרוכט.

קעלאַם און וועלעדאַטע זיינען געווען אַנטציקט פון דעם שיינעם הויז; דאָס קליינע טעכטערל פון דער פערסיאַנערין איז געשפרונגען אַרום פאַנטאַן און האָט לוסטיק געלאַכט. אין זיין אַרבעטער־קאַבינעט האָט זיריאַב געפונען אויפן טיש עטלעכע האַרפעס מיט אויסגעלייגטע אינקרוסטאַציעס פון פערלמוטער; איין האַרפע איז געווען באַפוצט מיט פערל און טערקאָזן. זיריאַב האָט ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן, דערזעענדיק די שיין־באַפוצטע האַרפעס און מיט אַ געהויבענעם געפיל האָט ער אויפגעזוכט צווישן זיינע זאַכן זיין פון דער צייט פאַרעלטערטע האַרפע, זיין פשוטע האַרפע און האָט גענומען עטלעכע אַקאָרדן. פון דמשק אָן האָט ער אין האַנט ניט גענומען זיין „טרייע פריינדין", ווי ער האָט זי אָנגערופן. און ווי אויסטערליש האָבן אָפגעקלונגען די באַקאַנטע צאַרטע טענער אין דעמדאָזיקן רייכן און אומבאַקאַנטן צימער, ווייט פון דעם געליבטן דמשק. זיריאַב האָט פאָרזיכטיק אַריינגעלייגט די האַרפע און איז געגאַנגען באַקוקן דאָס הויז, וואָס איז געווען גרויס און שיין. אַלע צימערן זיינען געווען אויפגעפאַסט מיט געשמאַק; אָבער הערלעכער פון אַלץ איז געווען דער מירמלשטייענער הויף און דער גרויסער גאָרטן, וואו פיל פרוכט האָט געהאַלטן ביי צייטיק ווערן.

אַזעלכע איז געווען די נייע וואוינונג, וואו אויף זיריאַבן האָט געוואַרט אַזויפיל גליקלעכע מינוטן, אַזויפיל ביטערע און טרויעריקע טעג.

IV

דער פירשט אָמאַיאַ, דער גרויס-וויזיר און דער ערשטער שררה פון דער מלוכה, האָט איבערגעלאָזן זיריאַבן אין אויפנאַמזאַל און איז געגאַנגען מעלדן דעם הערשער, אַז דער זינגער איז געקומען.

זיריאַב האָט דערווײַלע באַקוקט דעם זאַל, וועלכער איז געווען אינגאַנצן באַפוצט מיט ראָזן מירמלשטיין. איבער די אַרקעס, מיט וועלכע די קאָלאָנעס האָבן זיך פאַרענדיקט, האָט זיך געשלענגלט אַ שיינע אונטערשריפט, צוזאַמענגעמישט מיט אַראַבעסקן. „איין גאָט איז דער הערשער". האָט זיריאַב איבערגעלייענט די גילדערנע אותיות, וועלכע האָבן זיך איבערגעחזרט אויף יעדער קרייז-בויגן. אָבער דעם דיכטערס גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן אַ וואונדערבאַרער פאָנטאַן פון קוועקזילבער, וואָס איז געפאַלן אין אַ ראָזיקן באַסיין. דורך אַ קונציקן מעכאַניזם האָט די קוועקזילבער זיך אויפגעהויבן אויף אַ באַדייטנדער הייך און איז געפאַלן אין שווערע זילבערנע סטענגעס, אַרומגערינגלט מיט קליינטשינקע טראָפנס. עטוואָס ענלעכעס האָט זיריאַב קיינמאָל ניט געזען ניט אין באַגדאַד און ניט אין דמשק.

דער פירשט אָמאַיאַ האָט געשיקט זאָגן דעם זינגער, אַז דער הערשער וויל אים זען.

אַדורכגעגאַנגען נאָך איניקע זאַלן, איז זיריאַב אַריינגעגאַנגען אין צימער פון עבדו-רחמן.

דער קיניג איז געלעגן אויף אַ ווייכן דיוואַן, און מיט אַ פריינדלעכן שמייכל האָט ער געווענדט זיין בליק צו דעם אַריינגעקומענעם. עבדן-רחמן איז געווען אַ שיינער ברונעט אין דיזעלבע יאָרן מיט זיריאַבן. אין דעם ווייסן מלבוש און אין דער ווייסער טשאַלמע פון

דינעם מוסלין איז ער נאָך אויסגעקומען יינגער, ווי ער איז געווען. אין זיין גאַנצער פֿיגור איז געלעגן עפּעס אַ ווייכקייט און אַפֿילו אַ ווייבלעכקייט. הינטער אים איז געשטאַנען זיין ברודער, וואַליד, אויך גאָר אַ יונגער מענטש, מיט אַן אָפֿענעם אויסדרוק אין געזיכט.

זיריאַב האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טיר און זיך נידעריק פֿאַרנויגט. דערנאָך, פֿאָלגנדיק דעם צייכן פֿון הערשער, איז ער רואיק און פּשוט צוגעגאַנגען צו זיין געלעגער.

— שלום־עליכם, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, אויסשטרעקנדיק די האַנט דעם יונגן אַראַבער.

זיריאַב האָט אַ קוש געטאָן די אויסגעשטרעקטע האַנט. לויט אַ צייכן פֿון דעם קאַליף האָבן זיך וואַליד און דער פֿירשט אָמאַיאַ געזעצט. זיריאַב האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ נידעריקן טאַבורעט.

דער קאַליף האָט שווייגנדיק, מיט אַ ניט באַהאַלטענעם פֿאַרגעניגן באַטראַכט דעם זינגער און געזאָגט:

— איך האָף, אַז דו ביסט געבליבן צופֿרידן מיט דעם הויז, וואָס מ׳האָט פֿאַר דיר באַשטימט?

— דיין הויז זעט מיר, אָרעמען זינגער פֿון דער מדבר, אויס ווי דער שענסטער פּאַלאַץ.

— הינטער אים ליגן פֿעלדער און גערטנער, — האָט עבדן־רחמן ווידער געזאָגט, — דאָס אַלץ וועט זיין דיין אייגנטום, אויב דו וועסט וועלן פֿאַרבלייבן ביי מיר אין הויף. אָבער דאָס איז ווינציק. פֿון דער מלוכה וועל איך הייסן דיר אַרויסגעבן יערלעך פֿערציק טויזנט רענדלעך. וועט דיר זיין גענוג אַזאַ געהאַלט?

— האַר, דו ביסט צו גנעדיק, — האָט זיריאַב געענטפֿערט, צוזאַמענציענדיק די ברעמען. — ערלויב מיר דיר אַרויסצוזאָגן מיין פֿאַרבאַהאַלטענע מחשבה: וואָס וועל איך דיר פֿאַר דעם אַלץ געבן? ווי אַזוי וועל איך דיר קענען באַצאָלן פֿאַר אַזעלכע גרויסע חסדים?

— דו וועסט מיר שענקען דיין טאַלאַנט, — האָט דער קאַליף מיט אַ שמייכל געענטפֿערט. — איז דען ווייניק?

— האַר, דו לייגסט מיר פֿאָר עשירות, וואָס האָבן זיך מיר, אָרעמען זינגער פֿון מדבר, קיינמאָל ניט געחלומט. און מיט דעם מיינסטו אפשר צו קויפֿן מיינע לידער? זיי מיר מוחל, אָבער איך

האַנדל ניט מיט מיין טאַלאַנט. פריער פון אַלץ וויל איך זיין אינ־גאַנצן אַ פרייער.

— צי דען וויל איך דיך מאַכן פאַר אַ קנעכט? — איז דער קאַליף בייז געוואָרן.

— איך בין געלאָפן פון האַרונס לאַנד, ווייל איך קען ניט איבערטראָגן אונטערטעניקייט, — האָט זיריאַב ווייטער גערעדט, אין אויפרעגונג אויפשטייענדיק פון טאַבורעט. — איך בין אַהער געקומען ניט איך זאָל ווערן דיין הויפמאַן, — איך האָב געזוכט שוץ, אָבער אינדערזעלבער צייט אויך די פרייהייט. דו האָסט געהערט געוויס, אַז האַרון־אַל־ראַשיד האָט מיר פאָרגעלייגט אַלץ, וואָס איך וועל נאָר פאַרלאַנגען, און דאָך האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע חסדים און בין געלאָפן פון דמשק, איבערגעלאָזט מיין פאָטערלאַנד און איצט וועל איך מיין גאַנצן לעבן פאַרברענגען אַלס נע־ונדניק.

— דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען, זיריאַב, — האָט דער קאַליף ווייך געזאָגט, זענענדיק זיין אויפרעגונג. — איך וויל ניט קויפן מיט געלט מיין טאַלאַנט. דערדאָזיקער געדאַנק איז געווען ווייט פון מיר. ניט קיין קנעכטשאַפט, נאָר פריינדשאַפט האָבן מיר דיר געוואָלט פאָרלייגן, ניט אמת? — האָט ער זיך געווענדט צו וואַ־לידן און צו זיין אַלטן וויזיר.

יענע האָבן שווייגנדיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— איז צוליב וואָס לייגסטו מיר פאָר אַזעלכע גרויסע אוצרות? צי דען פאַרשטייסטו ניט, אַז דאָס דאָזיקע גאָלד וועט ליגן ווי אַ שווערער שטיין אויף מיין שאַפונג, און פון איר וועט זיך ניט קענען אַרויסרייסן מיין פרייע ליד?

— באַרואיק זיך, דיכטער, — האָט דער פירשט אָמאַיאַ שטיל געזאָגט. — אונזער הערשער האָט דיך ניט געוואָלט באַליידיקן, פאָר־לייגנדיק דיר גרויסע עשירות. ער וועט פון דיר ניט פאָדערן אומ־מעגלעכעס.

— מיינע פאָדערונגען זיינען זייער באַשיידן, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, און ווידער האָט אַ שמייכל באַשיינט זיין פריינדלעך פנים. — פאַר מיינע אונטערטאַנער וואָלט איך דיך בעטן איינאָרדענען אַ מוזיקאַלישע שול אין קאָרדאָווע, — מיין פאָלק האָט ליב מוזיק

און געזאַנג, און איך וואָלט געוועז צופרידן צו אַנטוויקלען אין אים דידאָזיקע איינגשאַפטן. צי דען וועט דיר זיין שווער און אומ־אָנגענעם צו אָנפירן מיט דערדאָזיקער זאַך?

— די זאַך, שיינט מיר צו זיין זייער אָנגענעם, — האָט זי־ריאַב געענטפערט.

— פאַר זיך אָבער וואָלט איך געוואָלט נאָר איינס: הערן ווען עס איז דיינע לידער, זייער רום איז איבערגעפלויגן דעם מיטללענדישן ים און האָט דערגרייכט אויך אונזער לאַנד. אָבער גלויב, אַז קיינ־מאָל וועל איך דיך ניט צווינגען צו זינגען, אויב דו וועסט אַליין ניט וועלן, קיינמאָל וועל איך ניט באַפעלן זאָלסט עפּעס פאַרפאַסן צוליב מיין כבוד... דאָס גאָר, — האָט ער צוגעגעבן, נאָך אַ ווײַלע שווייגן, גלעטנדיק זיין שוואַרצע באָרד. — וואָס וועסטו אויף דעם זאָגן?

— האָר, איך זע, אַז דו האָסט מיך פאַרשטאַנען. אַליץ, וואָס דו לייגסט פאָר איז לייכט און ערנידעריקט ניט דעם זינגער. וועגן איין זאַך בעט איך דיך: באַפריי מיך פון דעמדאָזיקן גרויסן גע־האַלט; גיב מיר דאָס סאַמע נייטיקע צום לעבן, איך זאָל זיך קע־נען פילן פריי.

דער קאַליף האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פריילעכן געלעכטער.

— דעם ערשטן מאָל זע איך אַ מענטשן, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון גאָלד, — האָט ער געזאָגט. — גלויב, זיריאַב, אַז ס'וועט דיר צוניץ קומען.

— איך קען ניט צונעמען אַזאַ גרויסן געהאַלט, — האָט זיריאַב געענטפערט, אַראָפּלאָזנדיק ברוגזדיק זיינע שוואַרצע ברעמען. — ניט ערנידער מיך, קאַליף. איך וואָלט וועלן ביי דיר שוין געפינען, אָבער איך וועל ניט בלייבן אין קאָרדאָווע ביי אַזעלכע באַדינגונגען.

— עקשן! — האָט עבדו־רחמן אויסגעשריען. — איך זע באַ־שיינפערלעך, אַז אין אָדערן פליסט די היציקע בלוט פון די בעדואינער. פאַרפאַלן, מ'דאַרף ערפילן דיין פאַרלאַנג. אַלזאָ, ווילסטו ניט פערציק טויזנט?

— אויף קיין פאַל וועל איך ניט נעמען אַזאַ אומדערהערטע באַלוינונג!

דער קאַליף און זיין ברודער האָבן אַ שמייכל געטאָן.

— איך האָף, אַז לכל הפחות וועסטו זיך פון דעם הויז ניט אָפּזאָגן?

זיריאַב האָט אַ קלער געטאָן און געזאָגט:

— איך קאָן ביי דיר נעמען דאָס הויז און די גערטנער און פעלדער, וואָס ליגן אַרום אים, און דאָס וועט זיין פולקום גענוג פאַר מיין פאַמיליע.

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט, — האָט דער קאַליף געענטפערט. — אָבער געדענק, אַז די פערציק טויזנט, וועלכע דו האָסט אַזוי אַנטשלאָסן היינט אָפּגעוואָרפן, וועט מען דיר שטענדיק קענען אַרויסגעבן, אַז דו וועסט פאַרלאַנגען.

— הייסט עס, אַז דו בלייבסט אין קאָרדאָווע? — האָט וואַליד געזאָגט און פריינדלעך באַגריסט דעם דיכטער. — זייַ־זשע, זיריאַב, איצט ביסטו אונזער פריינד, ניט אפשר?

זיריאַב האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויפן טאַבורעט.

— אַ סך טרויעריקעס האָבן מיר פון יענער צייט איבערגעלעבט, בעת דער פאָטער האָט אין מיין אָנוועזנהייט געהייסן סאַאידן דיך באַגעגענען, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט. — אומגעריכט האָב איך באַקומען דעם שווערן צעפּטער, און אויב ניט די הילף פון אונזער אַלטן פריינד, ווייס איך ניט, וואָס וואָלט מיט מיר פּאַסירט אין דידאָזיקע שרעקלעכע טעג.

דער גרויס וויזיר האָט מיט יראת־הכבוד אָנגעבויגן זיין גרויען קאָפּ.

— איך בין צופרידן, וואָס דער האַר מיינער האָט זיך אָנגעטרויט דעם אַלטן דינער פון טראָן.

— אָט, זיריאַב, איז מיין איבערגעגעבנסטער ראָטגעבער! דו, פירשט אָמאַיאַ, וויז אַרויס התקרבות אונזער נייעם פריינד! און דאָס, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו וואַלידן, — דאָס איז מיין לייבלעכער ברודער, אויך אַזאַ גרויסער ליבהאָבער פון לידער און געזאַנג, ווי איך אַליין בין. ער איז פאַרוואַלטער פון דער הויפּט־ביבליאָטעק, וואו איר וועט וואַרשיינלעך זיך אָפט טרעפן. איצטער

זאָג אונז, ווי איז דיר פאַרגעקומען די רייזע? ביסטו פאַרמאַטערט געוואָרן?

— האַר, אונזער רייזע מיט דער שיף און אויף דער יבשה איז אַריבער בשלום.

— ווי איז דיר געפעלן געוואָרן מאַוריטאַניע? — האָט וואַליד מיט לעבהאַפטיקייט געפרעגט.

— איך בין אַנטציקט פון אייער לאַנד, — האָט זיריאַב געזאָגט, און דאָס ערשטע מאָל האָט אַ שמייכל באַלויכטן זיין בלייך געזיכט. — אָ, דידאָזיקע בערג! איך האָב די גאַנצע צייט זיך פון זיי ניט געקענט אָפּקוקן.

— זיי זיינען ניט ענלעך אויף די בערג פון סיריע? — האָט דער קאַליף געפרעגט.

— אונזערע בערג אין סיריע זיינען ניט אַזוי מאָלעריש. דאָרט זיינען ניטאָ די פעלזיקע בערג-שפּאַלטן, ניטאָ אַזעלכע שיינע טאָלן. אונזערע בערג זיינען מאַסיווערע און מער איינפאַך אין זייערע קאָנטורן. אָבער מער פאַר די בערג איז מיר געפעלן געוואָרן די ברייטע סטעפּ, וואָס ליגט צו צפון-צו פון סיערע-נעוואַדע, — האָט זיריאַב געזאָגט, אַלץ מער אַריינגייענדיק אין התלהבות. — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע ווידער מיין ווייט פאָטערלאַנד. איך בין זיך מודה, דער אומגעריכטער אויסזען פון דעראָזיקער מדברדיקער סטעפּ האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט.

— יאָ, — האָט עבדן-רחמן פאַרטראַכט געזאָגט, — ווי דאָס איז מערקווירדיק, אַז מיר, לויט אונזער אָפּשטאַמונג אויך אַראַבער, האָבן קיינמאָל ניט געזען און וועלן מסתּמא קיינמאָל אין לעבן ניט זען דאָס פאָטערלאַנד פון אונזערע אָבות. פאַר אונז, אָמאַיאַדן, איז דמשק, באַגדאַד און סיריע — פאַרהאַסטע נעמען. — דו האָסט מסתּמא געהערט ווי אַזוי ס'איז געגרינדעט געוואָרן אונזער קיניגרייך?

זיריאַב האָט אויסגעדריקט זיין פאַרדראָס, וואָס ער ווייס ניט גענוי וועגן דעם.

— דער קאַליף אַבאַס האָט איינמאָל געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט אין דמשק און האָט אויף דעמדאָזיקן מאָלצייט איינגעלאַדן מיין עלטערזיידן מיט אַלע זיינע קרובים. די געסט האָבן זיך רואיק משמח

געווען, ניט טראַכטנדיק פון קיין בייז. פלוצלונג האָבן זיך אויסגע־לאָשן די ליכט, און זאָל האָבן זיך אַריינגעריסן אונטערגעקויפטע מערדער און האָבן אויסגעקוילעט אַלעמען, ווער ס׳האָט זיך נאָר דאָרטן געפונען. דאָס בלוט און די קרעכצן פון די אומגליקלעכע האָבן אָנגעפילט דעם זאַל. ווי דורך אַ נס איז מיין עלטערזיידע, עבד־על־רחמן בן מואביה, ניצול געוואָרן, אַרויסשפרינגענדיק דורכן פענסטער. ער האָט זיך אַנדערש פאַרקליידט, איז אַנטלאָפן פון דמשק און נאָך ווייטער מעבר־לים, ביז וואַנען ער איז אָנגעקומען קיין שפּאַניע. דאָ האָט ער געגרינדעט זיין ניי קיניגרייך און האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון די קאַליפן פון באַגדאַד. פון יענער צייט אָן טראָגט אונזער קייזערלעך הויז אַ שנאה צו דער משפחה פון די אַבאַסן, און דיין שונא און פאַרפאָלגער, האַרון־אַל־ראַשיד איז אויך דער שונא פון מיין הויז און מיין שונא. אָבער לאָמיר וועגן אים ניט ריידן, איך זע, אַז דיר איז ניט אָנגענעם, ווען מ׳דערמאָנט דיר זיין נאָמען. אַ צווייטן מאָל, אַז דו וועסט צו אונז קומען, וועל איך דיך בעטן דו זאָלסט מיר דערציילן וועגן אונזער אַלגעמיינעם וויטן פאָטערלאַנד, וועל דיך בעטן אויסזינגען דיינע לידער, אָבער איצטער, אויב דו ווילסט וועלן מיר ריידן וועגן דעם ענין, וועלכן איך האַלט פאַר זייער אַ וויכטיקן — ווי אַזוי בעסער איינצואָרדענען אין קאָרדאָווע אַ מוזיקאַלישע שול?

באַטראַכטנדיק ברייט, ווי אַזוי דידאַקטיקע זאַך דורכפירן, האָט דער קאַליף פריינדלעך אָפּגעלאָזן זיריאַבן, געבנדיק אים נאָך אַמאָל צו פילן, אַז ער וויל מיט אים בלייבן אויף שטענדיק אין פריינד־לעכע באַציאונגען.

V

מיט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס לעבן אין קאָרדאָווע איז געווען פריי און פריילעך, איז דאָך די ערשטע צייט זיריאַבן געווען זייער שווער, בעת די רייזע־איינדרוקן האָבן זיך אויסגעבלייכט און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין היים, וואָס ער האָט פאַרלאָזן. די ערשטע טעג פאַר זיין אָנקומען אין קאָרדאָווע האָט ער צייטנווייז געפילט אַ ווילדן אָנפאַל פון שווערן אומעט. ער פלעגט אויפשפּרינגען פון אָרט, דערשרעקנדיק קעלאַמען און וועלעדאַטען, פלעגט זיך לאָזן לויפן אין שטאַל, פלעגט איילנדיק איינשפּאַנען זיין געליבטן פלינקן שוואַרצן פערד און פלעגט אַוועקפאָרן פון דער היים, ערגעץ־ווייט הינטערן שטאָט. דאָרטן פלעגט ער גאַלאָפּירן אויף זיין פערד איבער די טאָלן פון אועד־על־קעביר, פאַרבייפאָרנדיק די ישובים, וואָס זיינען געדיכט איינע לעבן די אַנדערע געלעגן אַרום קאָרדאָווע. ער פלעגט אַרויספאָרן אין ברייטן פעלד, וואָס איז געווען פאַרזייט מיט ווייץ, און דאָ אויף דער פרייקייט, אונטער דעם ברייטן און אָפענעם הימל, פלעגט ער געפינען אַ שטיקל מנוחה פאַר זיין צעבראָכענער נשמה. אַפילו די בלויע שפּיצן פון סיערע־מאָרענא, וועלכע פלעגן זיך אין טעראַסן אַראָפּלאָזן צום טאָל, פלעגן ביי אים אויך אַרויסרופן אַ געדריקטע שטימונג. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז די דאָזיקע בערג דריקן אים, אַז אַרום איז ווייניק רחבות, אַז ענג און שווער איז אין דעם דאָזיקן פרעמדן לאַנד. ער פלעגט זיך אַנידערוואַרפן אונטער דעם שאָטן פון די טשינאַרן און איז גאַנצע שעהן אָפּגעלעגן אומבאַוועגלעך, איינגורענדיק דעם פנים און פאַרגעסנדיק אַלץ אויף דער וועלט, חוץ דעם ברענענדיקן אומעט, וואָס האָט געשניטן זיין האַרץ. זיין געליבט פערד איז געשטאַנען לעבן אים און געהאָרכזאַם געוואַרט, ביז זיריאַב פלעגט זיך מיט אַ שווערן קרעכץ אויפהויבן פון

אָרט. אָפּלאָזנדיק די לייצעס, פלעגט ער לאַנגזאַם זיך אומקערן צוריק אין שטאָט אַריין. בּיסלעכווייז פלעגט זיך אויסגלייכן דער טיפער קנייטש, וואָס פלעגט זיך לייגן צווישן זיינע שוואַרצע בּרעמען; זיין בּליק האָט רואיקער געשוועבּט איבּערן וועג, ער האָט בּאַמערקט, וואו ער פאָרט, וואָס פאַר אַ רייכע ישובים עס טרעפן זיך אים אָן, ער האָט בּאַמערקט די פאַרוואונדערטע בּליקן פון די מאַווריען, וואָס האָבּן רחמנות געהאַט אויף זיין פאַרמאַטערט פערד, און נאָך ניט שלום־ווערנדיק מיט זיין גורל, נאָר שוין מער אַ בּאַרואיקטער, פלעגט ער זיך אומקערן צוריק אין קאָרדאָווע און לאַנגזאַם אַדורכפאָרן די שמאָלע געסלעך, וואו עס פלעגט ניט אַריינדרינגען די זון און וואו מיט מאַטערניש האָט מען זיך געקענט אויסמיידן מיט די אָנבּאַגעגנדיקע.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די שפּיצן פון סיערע־מאָרענא, בּאַגיסנדיק זי מיט רויטע און פייערדיקע טייכן ליכט, אין די טאָלן זיינען די פּיאָלעט־שאָטנס טונקל געוואָרן, און דער פאַרנאַכט, אַ שטילער און אַ דורכזיכטיקער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. פון דער הייך פון די מינאַרעטן האָבּן זיך געלאָזט הערן די שטימען פון די מועדזינען.

וויריאַב האָט אָפּגעשטעלט זיין פערד לעבּן דעם הויפּט־מעטשעט, האָט אַראָפּגענומען בּיים אַריינגאַנג די פאַרשטויבּטע שיך, האָט אָנגעטאָן שטרויענע פאַנטאָפל, צוגעגרייטע פאַר די אַריינקומענדיקע, און האָט זיך פאַראייניקט מיט די מתפּללים. נאָר אין דעמדאָזיקן טעמפּל האָט ער זיך געפילט ווי אין דער היים, און דאָס בּיטער געפיל וועגן זיין גורל צו זיין נע־ונד האָט אים אָפּגעלאָזט. דער מעטשעט איז געווען געבּויט לויט דעם מוסטער פון דעם מעטשעט אין דמשק. ער איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַרענדיקט, אָבּער אַפילו ניט קיין פאַרענדיקטער איז ער געווען הערלעך. דער פלאַכער דאַך פון טונקעלן בּשמים־האָלץ איז געווען בּאַפּוצט מיט אַ וואונדערלעכער אויסשניצונג. דער גאַנצער טעמפּל האָט פאָרגעשטעלט לאַנגע ציילן קאָלאָנען, שווער צו כאַפּן מיטן אויג. אַזוינע ציילן זיינען געווען ניינצן. די שיין פון די פילע לעמפּעלעך, פאַראייניקט אין גילדערנע קאַנדעלאַבּרעס, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער בּאַגולדונג פון די בּונטע

אַראַבעסקעס, מיט וועלכע די געוועלבן זיינען געווען באַצירט. די אונטערשמידעכץ פון די לייכטע אַרקעס האָבן זיך געצויגן אין דער הויך, קוים אונטערגעהאַלטן פון די דינע קאָלאָנען; זיי זיינען אויסגעקומען דעם דיכטער ווי צווייגן צווישן אַ שיינעם וואַלד פון ראָזע און גרינע קאָלאָנען. ער האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די אַלעען פון טעמפּל און זיך אַנטציקט פון דער רייכער פאַנטאַזיע פון די בויער, וואָס האָבן אַזוי קונציק נאָכגעמאַכט די נאַטור. דער אַלטאַר פון טעמפּל איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט און דאָ האָבן אַרבעטער פון פרי ביז אָוונט געאַרבעט, און צווישן די אַרבעטער איז אויך געווען יוסף בן פאַרעזי; זיי האָבן באַדעקט די ווענט און די אַרקעס מיט פאַנטאַסטישע אַראַבעסקעס. ס'האָט געשמעקט מיט פאַרב. זי־ריאַב, אַ קוק געבנדיק ווי עס גייט די אַרבעט און דורכשמועסנדיק זיך מיט יוספן, איז אַוועק „צום טעמפּל פון באַטראַכטונג“. אַזוי האָט זיך גערופן אַ גרויסע נישע, וואו אויף אַ ווייסן מאַרמאָר־טאָוול זיינען געווען אויסגעקריצט פּסוקים פון קאָראַן; די דאָזיקע נישע האָט באַצייכנט די זייט, וואו מעקאַ האָט זיך געפונען. אַהער פלעגן זיין געווענדט די בליקן פון דעם זינגער, און ער איז לאַנג געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער אין דעם ליידיקן טעמפּל, איבערגעבנדיק זיך די זכרונות פון זיין היים, אין מזרח, פון די ווייטע סטעפּעס פון אַראַביע און פון דעם וויים־ראָזיקן דמשק — דאָס האַרץ פון סיריע.

אָבער מיט דער צייט איז די בענקשאַפט נאָך דער היימאַט שטילער געוואָרן, און דער דיכטער האָט אָנגעהויבן זיך מער צוצוקוקן און זיך צוצוגעוויינען צו דעם נייעם לאַנד און צו דעם לעבן, וואָס האָט געקאָכט אַרום. אין דער דאָזיקער הערלעכער אַנדאַלוזיע, וואָס איז אַזוי באַשאָנקען פון דער נאַטור, האָט זיך רייך צעבליט דאָס פריילעכע לעבן. די מאַורען האָבן, לויט זייער מנהג, נאָך די ערשטע אומפאַרמיידלעכע אַכזריות אויף דער מלחמה, זיך זייער גוט באַגאַנגען מיט די באַזיגטע גאָטן־קריסטן.

זיי האָבן איבערגעלאָזן זיי זייער האָב און גוטס, ניט חרוב געמאַכט זייערע קלויסטערס און דערלויבט זיי צו לעבן לויט זייערע געזעצן. נאָר שטייערן פון קריסטן איז געווען באַשטימט גרעסערע,

ווי פון די מחמדאַנער. אין דערדאָזיקער תקופה פון ווילדן באַרבאַריזם און אַכזריות האָבן די מאַוורען באַוויזן דעם גייסט פון טאָלעראַנץ און גוטהאַרציקייט. אַזוי קלוג באַגיין זיך מיט די באַזיגטע האָט געבראַכט רייכע פרוכט. די קריסטן זיינען רואיק געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער און צוזאַמען מיט די מאַוורען זיך פאַרנומען מיט פרידלעכע מלאָכות און ערד=אַרבעט. די לעבהאַפטיקע אין טעטיקע מאַוורען האָבן זיי באַוויזן אַ גוטן ביישפּיל, און באַלד האָבן רייכע פעלדער און פלאַנטאַציעס באַדעקט דעם געבענטשטן באָדן פון אַנדאַלוזיע, וואו פריער האָבן בלויז געוואַקסן ווילדע גראָזן. מיט גרויס געשיקטקייט און געדולד האָבן די מאַוורען דורכגעפירט דאָס וואַסער פון די בערגיקע טייכן אין די טאָלן, און אַדאַנק דערדאָזיקער באַוואַסערונג, איז ניט געבליבן קיין איין שטיקל ערד. אויף וועלכער עס זאָלן ניט וואַקסן נוצלעכע געוויקסן.

די קאַליפן פון קאָרדאָווע האָבן געפירט שטענדיקע מלחמות אויף צפון מיט די גאָטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די בערג: אַסטוריאַ, און אויף מזרח אין די פּראָווינצן מורסיאַ און וואַלענסיאַ. אָבער די מלחמה=זאָרג האָבן זיי ניט געשטערט צו טראַכטן, ווי אַזוי צו אַנטוויקלען זייער לאַנד. אין די האַפנס פון מיטללענדישן ים פלעגן אָן אויפהער אָנקומען שיפן פון מזרח. אין מאַוריטאַניע האָבן זיי געפלאַנצט צוקער=ראָר און בוימוואָל, פון דמשק האָט מען געבראַכט די ערשטע קאַקטוסן און רויזן, די ליבסטע בלומען פון די אַראַבער. אַרום קאָרדאָווע האָבן זיך געעפנט וואַרשטאַטן און פאַבריקן, און קאָרדואַנער פעל האָט שוין געשמט אויף דער גאַנצער וועלט.

אין די גרעסערע שטעט האָט מען געבויט מעטשעטן און שולן, און צווישן די מאַוורען האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן אייניקע גוטע צייכענער און אַרכיטעקטאָרן.

אָבער אין דידאָזיקע פרידלעכע באַשעפטיקונגען האָט זיי אויך ניט פאַרלאָזן דער העלדישער מוט. ס'איז פאָריבער די ערשטע באַגייסטערונג פון דעם נצחון, און אין דעם ווייטערדיקן קאַמף מיט די גאָטן האָבן די מאַוורען אַרויסגעוויזן ניט בלויז העלדישקייט, נאָר אויך ריטערישע גרויסמוטיקייט. די גבורות פון די מאַוריטאַנישע

ריטער זיינען באַזונגען געוואָרן אין די פֿאָלקסלידער. די פֿאַרגרעבטע גאָטן, איינגאַנצן נאָך באַרבאַרן, האָבן ביסלעכווייז איבערגענומען דעם ריטערישן גייסט פֿון זייערע העלדישע קעגנער, און אין עטלעכע הונדערט יאָר אַרום איז דער אַראַבישער באַגריף וועגן ערע גע־וואָרן די ירושה פֿון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. אין אייראָפּע האָבן אָפֿט די גייסטלעכע אַפֿילו ניט געקענט לייענען; די הערשער פֿון די גרויסע מלוכות, ווי למשל, קאַרל דער גרויסער, האָבן ניט גע־קענט שרייבן; דאָס פֿאָלק האָט זיך נאָך געפֿונען אין דעם צושטאַנד פֿון די ווילדע. אין מאַוריטאַנישער שפּאַניע איז ניט געווען קיין דערפֿל, וואו עס זאָלן זיך ניט געפֿינען אייניקע מענטשן, וואָס זאָלן קענען לייענען און שרייבן, און די מולן זיינען געווען די אויפֿגעקלערטע אויסטייטשער פֿון דעם קאָראַן. דער קאַליף אַליין האָט געמוזט אין געוויסע טעג לייענען דעם קאָראַן פֿאַרן פֿאָלק און האַלטן דרשות, אַלס דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם נביא אויף דער ערד. אין די גרויסע שטעט האָט מען איינגעאָרדנט ביבליאָטעקן און דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אין דייטשלאַנד און אין פֿראַנקרייך האָט מען קוים געקענט געפֿינען אַ קלויסטער אין וועלכן עס זאָלן זיין אויפֿגעזאַמלט אַ הונדערט אָדער צוויי כּתבֿ־ידן. אין קאָרדאָווע איז אין די צייטן פֿון עבֿדו־רחמן דעם צווייטן געווען אַ הערלעכע ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פֿון הונדערט טויזנט ווערק. אין דערדאָזיקער פֿינסטערער נאַכט פֿון מיטלאַלטער, בשעת מ'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע בילדונג פֿון גריכנלאַנד און רוים איז אויף אייביק פֿאַרשוואונדן פֿאַר דער מענטשהייט, האָבן בלויז די אַראַבער אַליין ציטעריק אָפּגעהיט דעם נר־תּמיד פֿון דער וויסנ־שאַפֿט, אויפֿזאַמלענדיק די אַלטע כּתבֿ־ידן, שטודירנדיק די גריכישע שרייבער, צוגעבנדיק צו די אַלטע ווערק זייערע אייגענע אַרבעטן. דעריבער איז ניט קיין וואונדער, וואָס אין עטלעכע יאָרהונדערט אַרום, ווען די מאַורען האָבן שוין געהאַט דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונג אויף דעם פּירענעאישן האַלבֿ־אינזל, האָט גאַנץ איי־ראָפּע זיי נאָכגעמאַכט אין זייער לעבנסשטייגער, ביי זיי איבערגענומען די ריטערישע מנהגים, די פּאָעטישע שאַפֿונגען, אין וועלכע מ'האָט באַזונגען די מאַוריטאַנישע ריטער, און אויך אַמוויכטיקסטן — איבער־גענומען די אַראַבישע וויסנשאַפֿט און קונסט.

אָט ווי ס'איז געווען דאָס לאַנד, וואו זיריאַב האָט געפונען זיין שוץ. אַ טעטיק, מוטיק לעבן האָט געקאָכט אַרום. דאָס איז געווען די תקופה פון אויפבליאונג, און די צוקונפט האָט צוגעזאָגט רייכע פרוכט. און ניט ווילנדיק האָט דאָס יונגע אויפוואַכנדיקע לעבן צו־געצויגן דעם דיכטערס האַרץ; ווי טויט און אומבאַוועגלעך איז אים איצט אויסגעקומען דער פראַכטפולער דמשק, וואָס איז געלעגן אין זיסן שלאָף! און דידאָזיקע וואונדערבאַרע לופט, וואָס האָט געלויכטן מיט איר גילדערנער דורכזיכטיקייט, דידאָזיקע בערג, וואָס האָבן אַזוי צויבעריש געביטן זייער אָפּגלאַנץ פרי און פאַרנאַכט! די פרישקייט פון די דופטיקע נעכט, דאָס אייביקע געמורמל און רוישן פון די באַרגיקע שטראָמען, דער דופט פון די פאָמעראַנצן און מאַנדל־וועלדלעך, איינגעטונקטע מיט העלער זונען־ליכט — ניין, ס'איז שווער געווען צו ביישטיין דעם צויבער פון אַנדאַלוזיע, פון דעמדאָזיקן גן־עדן אויף דער ערד.

און אין זיריאַבס שלום־געוואָרענער נשמה האָבן ווי אַ סודות־פול בלימל ווידער זיך צעוואַקסן און צעבליט די זיסקלינגענדיקע לידער.

VI

אײנמאָל האָט זיריאַב דערהאַלטן אַן אײנלאַדונג צו קומען אין פּאַלאַץ. געקומען צום גרױס װיזיר, האָט זיך זיריאַב דערװאוסט, אַז דעם קאַליפֿס פֿרױ פֿאַרלאַנגט צו הערן זײן געזאַנג.

— איך װעל דיך באַגלײטן אין האַרעם, — האָט פֿירשט אָמאַיאַ געזאָגט, — דאָרט װאַרט שױן אױף אונז דער הערשער.

זיריאַב איז אַװעק נאָך דעם אַלטן הױפֿמאַן. אַדורכגײענדיק אַ גאַנצע רײ צימערן, װאו ס'האָבן געררױשט פֿאָנטאַנען אין מירמלשטײנערנע באַסײנען, זײנען זײ אַרײנגעקומען אין אַ פּראַכטפֿולן גאָרטן, װאָס איז װאונדערלעך געלעגן אױף דעם אָפּהאַנג פֿון די בערג, װאָס זײנען געװען אין דער זײט פֿון אועד־על־קעביר. דורך די שמאָלע קאַנאַלן, אױסגעלײגטע מיט מירמלשטײן, האָבן געשטראָמט קװאַלן, װאָס זײנען געװאָרן דורכגעפֿירט פֿון סיערע־מאָרענאַ; זײער פֿרישקײט האָט קלענער געמאַכט די היץ פֿון הײסן טאָג.

זיריאַב און אָמאַיאַ, דורכגײענדיק דעם גאָרטן, זײנען צוגעקומען צום פּאַלאַץ, װאו ס'האָט זיך געפֿונען דער האַרעם פֿון קאַליף. בײ אַ הױכן אײזערנעם טױער זײנען אױף דער װאַך געשטאַנען צװײ שװאַרצע סריסים מיט אַנטבלױזטע שװערדן. דער װיזיר האָט זײ געזאָגט אַ פּאָר װערטער, און די טירן פֿון האַרעם האָבן זיך פֿאַר זײ אױפֿגעעפֿנט. אָמאַיאַ איז געגאַנגען פֿאָראױס.

זיריאַב איז געגאַנגען נאָך אים דורך די האַלב־פֿינסטערע צימערן, װעלכע זײנען אױסגעקומען פֿינסטערער נאָך דעם בלענדיקן שײן פֿון טאָג. אין דידאָזיקע זאַלן האָבן אױך געשלאָגן פֿאָנטאַנען און ס'האָבן געדופֿטעט בלומען. די װענט און די סופֿיטן זײנען געװען אױסגעמאָלט אין אַראַבעסקעס.

דורכגייענדיק אייניקע ליידיקע חדרים, האָט זיך פֿורשט אָמאַיאַ אָפּגעשטעלט.

— באַלד וועלן מיר אַרייַנקומען אין די צימערן פֿון דעם קאַליפֿס פֿרוי — אַזאַראַ. — די פֿרוי אַזאַראַ צוזאַמען מיט די איבעריקע ווייבער פֿון דעם הערשער געפֿינען זיך הינטער אַ מחיצה. דער אַרייַנגאַנג אַהין איז פֿאַרווערט פֿאַר יעדן בשר־ודם. דו וועסט בלייבן וואַרטן ביים סאַמע אַרייַנגאַנג.

זיריאַב האָט געהאָרכזאַם געפֿאָלגט זיין באַפֿעל. דער זאַל, וואוהין זיי זיינען אַרייַנגעגאַנגען, איז געווען אָפּגעטיילט אויף צווייען מיט אַ פֿאָרהאַנג פֿון לייכטן ווייכן געוועב; הינטער דעמדאָזיקן פֿאָרהאַנג האָט זיריאַב באַמערקט אייניקע העלע סילועטן.

ווי נאָר זיריאַב מיט אָמאַיען זיינען אַריין אין צימער, איז פֿון אונטער דער פֿאָרהאַנג אַרויס דער קאַליף און זיך געלאָזט גיין זיי אַנטקעגן. ער האָט פֿריינדלעך באַגריסט זיריאַבן און האָט אים אָנגעוויזן אַן אָרט ביים אַרייַנגאַנג.

אין דערדאָזיקער מינוט האָט זיך אויפֿגעעפֿנט די טיר און ס׳איז אַרייַנגעקומען פֿירשט וואַליד.

— דיינע סריסים האָבן מיך שיר ניט דערהרגעט, — האָט ער לאַכנדיק דערציילט עבדו־רחמנען. — איך האָב זיי קוים איינגערעדט, אַז זיי זאָלן מיך דורכלאָזן. איך האָף, אַז דו וועסט מיר דערלויבן צו הערן זיריאַבס געזאַנג.

עבדו־רחמן האָט פֿון אָנפֿאַנג ביז געמאַכט זיין בליק, אויפֿציענדיק זיינע דינע ברעמען, דערנאָך אָבער האָט ער געמאַכט אַ צייכן מיטן האַנט, אַז וואַליד זאָל בלייבן. אַלע האָבן זיך צוגעזעצט אויף בענקלעך ביים אַרייַנגאַנג. די דאָזיקע בענקלעך זיינען געווען באַדעקט מיט פּערסישע טעפּעכער.

הינטער דעם פֿאָרהאַנג האָט זיך דערהערט אַ פֿרויען געפּליסטער און אַ געלעכטער.

פֿירשט וואַליד האָט שעלמיש אַ שמייכל געטאָן. און, דרייענדיק זיין שוואַרצע וואָנסע, האָט ער גענומען אַרייַנקוקן הינטערן פֿאָרהאַנג, פֿונוואַנען, ווי בלייכע שאָטנס, האָבן זיך אויסגעמאָלט די פֿיגורן

פון די שיינע פרויען. ס'איז געווען צו מערקן, אַז איניקע זיינען צוגעגאַנגען צום סאַמע פאָרהאַנג, כּדי צו קענען זען די אָנגעקומענע.

עבדו=רחמן האָט געוואָרפן אויפן ברודער אַ בייזן בליק און, ווענדנדיק זיך צו זיריאַבן, שנעל געזאָגט:

— איך בעט דיך, פריינד, זינג אונז איינע פון דיינע לידער:

זיריאַב האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין מאַנטל די האַרפע און אָנגעהויבן זי אויסצופּרובירן. צאַרטע קלאַנגען האָבן זיך צעשאָטן איבערן זאַל, צוזאַמענגיסנדיק זיך מיט דעם גערויש פון פאָנטאַן אין דערבייאיקן צימער.

— פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען איינע פון יענע האַרפעס, וואָס איך האָב פאַר דיר צוגעגרייט אין דיין הויז? — האָט דער קאַליף געפרעגט. — איז די דען אַ בעסערע?

— יאָ, מיין הערשער, — האָט זיריאַב געענטפערט, — זי איז פשוטער, אָבער קלינגענדיקער פאַר די באַפּוצטע אינסטרומענטן. דער אויסערלעכער גלאַנץ שאַדט שטענדיק דער פּאָעזיע, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

— ווי איך זע ביסטו זיך טריי, — האָט וואַליד פריילעך=לאַכנדיק באַמערקט.

זיריאַב האָט אים אַלס הסכּמה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גענומען ברענדלען איבער די סטרונעס. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט. ער האָט זיך פאַרטראַכט, אויסקלייבנדיק צווישן זיינע פילצאָליקע לידער דאָס דאָזיקע ליד, וואָס זאָל קענען זיין געפעלן די פרויען, און ענדלעך האָט ער גענומען זינגען, פון אָנפאַנג שטיל און ציטעריק, דערנאָך שטאַרקער און זיכערער.

„ס'האָט מיך פאַרלאָזן מיין שיינע לאַלאַ, פאַרלאָזן איינזאַם אַליין אין דער ענדלאָזער סטעפּ. ווי זאָל איך פאַרגעסן אירע שוואַרצע אויגן, אירע גילדערנע בעקעלעך, איר קליין פיסעלע, וואָס איז ראוי צו באַטרעטן דעם טעפּעך פון מלכות?

„ס'האָט מיך פאַרלאָזן מיין שיינע לאַלאַ. זי האָט געזאָגט, איך וועל ניט לעבן מיט דיר אין געצעלט, דו ליבסט מער דיין קעמל, ווי דיין שיינע לאַלאַ.

„הער מיך אויס אין נאָמען פון אַלאַ, — האָב איך איר געזאָגט, — ווי זאָל איך ניט ליבן דעם קעמל מיט די שוואַרצע ליפּן און פינקלענדיקע אויגן, ווי די שטערן? צי דען ווייסטו ניט, אַז אַלאַ האָט באַשאַפן דעם קעמל און דעם טייטלבוים פון דערזעלבער ערד, ווי ער האָט באַשאַפן אָדמען.

„הער מיך אויס, לאַלאַ! ווי זאָל איך ניט ליב האָבן דעם קעמל, אַז ווי אַ אָרעם קינד בין איך אַרום אים אַרומגעגאַנגען פון זיין געבורטס־טאָג אָן? איך האָב אים געצערטלט, געשמועסט מיט אים, געקוקט אים אין זיינע פינקלענדיקע אויגן, געזונגען אים לידער, דערציילט מעשהלעך. ער איז געווען פריער מיין חבר, איידער דו ביסט נאָך צו מיר אין געצעלט געקומען.

„וואָס וואָלט איך געקענט טאָן אָן אים, אָן מיין טרייען געהילף? דער מדבר וואָלט דאָך מיר געווען ווי די בייזע שטיפמאַמע, און איך וואָלט דאָך געדאַרפט ברענגען מיין שטאָלצע פרייהייט צו די פיס פון דעם פאַרהאַסטן קאַליף, ווי יענע נישטיקע פעלאַכן, וואָס אַקערן די ערד אויף די ברעגן פון ניל.

„האָט מיך ניט געפאָלט מיין שיינע לאַלאַ, און שפּעט אין דער נאַכט האָט זי מיך איבערגעלאָזט אַליין אין דעם וויסטן אומענדלעכן מדבר. איך קאָן ניט פאַרגעסן דעם גלאַנץ און די שוואַרצקייט פון אירע אויגן, איך קאָן ניט דערמאָנען אָן טיפן טרויער די פאַרב פון איר בלייכן געזיכט!“

די קלינגענדיקע, סאַמעטענע שטים פון זינגער האָט אַנטציקט אַלע צוהערער. אַפילו דער אַלטער פירשט אָמאַיאַ, וואָס איז שטענדיק געווען צוריקגעהאַלטן, האָט אויך באַמערקט, אַז אַזאַ שטים איז אַ גרויסע מתנה פון נביא. הינטערן פאָרהאַנג האָט זיך דערהערט אַ לעבהאַפטער שמועס און געלעכטער. עבדו־רחמן איז אויפגעשטאַנען, אַריינגעגאַנגען צו זיינע ווייבער, אין איניקע מינוט אַרום איז ער אַרויסגעקומען צו זיריאַבן.

— דיין ליד האָט אויסגענומען, — האָט ער געזאָגט. — די סולטאַנין אַזאַראַ בעט דיר איבערגעבן, אַז דו האָסט זי באַצויבערט. וועסט אפשר עפּעס נאָך אויפזינגען? איך האָף, אַז דו האָסט זיך ניט פאַרמאַטערט?

— ניין, איך בין ניט פאַרמאַטערט, — האָט זיריאַב געענטפערט, און אָננעמענדיק איניקע שטאַרקע קורצע אַקאָרדן האָט ער גענומען זינגען אַן אַלטע פאָלקס־לעגענדע, וואָס ער האָט געהערט אין די אַראַבישע סטעפּעס.

„האָט פאַרשאָלטן דער גרויסער אַלאַ, דער שעפער פון הימל און ערד, דעם שטאָלצן מלאך, וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן אים. פאַרשאָלטן האָט אים אַלאַ, פאַרטריבן פון ליכטיקן גן־עדן, וואו די אייביקע פאָנטאַנען שטראָמען און עס זינגען די שוואַרצאויגיקע גוריעס. פאַרבאָרגן דעם טרויעריקן קרעכץ אין דער טיף פון נשמה, איז דער גייסט פון שלעכטס און גאווה געפאַלן פון דעם הימלס הויכקייטן אין דעם שוואַרצן אָפּגרונט פון גהנום. און ווען ער איז געפלויגן אין תהום, האָט ער געווענדט זיין געזיכט צום גן־עדן, וואָס ער האָט אויף אייביק פאַרלאָרן, און ער האָט ניט אַראָפּגענומען זיין אויג פון דעם מלאך אַזראַאיל, וואָס האָט אים פאַרמסרט. פון דעםדאָזיקן בליק, וואָס איז געווען איבערפולט מיט גרויסן האַס, איז אַזראַאילס פנים שוואַרץ געוואָרן, און אומזיסט האָט ער זיך געוואָלט ראַטעווען פון די דורכדרינגענדיקע בליקן, פאַרדעקנדיק דעם פנים זיינעם מיט דעם שניי־ווייסן פליגל. פון דער צייט אָן רופט זיך אַזראַאיל דער מלאך־המוות — און די מענטשן ווערן פאַרציטערט ביים אָנזען פון זיין שוואַרצן אָנבליק“.

— דאָס דאָזיקע ליד געפעלט מיר בעסער, ווי די ערשטע, — האָט וואַליד געזאָגט.

— האָט מען ווען דיר ריכטיק דערציילט, אַז דו קענסט אימפּראָווזירן? — האָט דער אַלטער פירשט אָמאַיאַ געפרעגט.

— דאָס איז ניט שווער, — האָט זיריאַב געענטפערט. — מיר, דיכטער, זיינען אַזוי געוויינט צו טרוימען און צו קלינגענדיקע ריפמען, אַז געדאַנקען אין ריימען לויפן אונז אַליין אַנטקעגן.

— דאָך האָב איך מורא, אַז מיר וועלן דיך פאַרמאַטערן, — האָט עבדו־רחמן באַמערקט. — לאָמיר איבערלאָזן דאָס אימפּראָוויזירן אויף אַ צווייטן מאָל. איצט דערלויב מיר דיר צו באַדאַנקען אין נאָמען פון מיינע ווייבער, וואָס דו האָסט זיי פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט דיין געזאַנג.

זיריאַב האָט זיך פאַרנייגט. פּירשט אָמאַיאַ און וואַליד האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער.

— שיר ניט פאַרגעסן, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, אויפשטייענדיק. — איך האָב מיט דיר צו ריידן וועגן אַן ענין, פּירשט.

און אין דער באַגלייטונג פון זיינע מקורבים איז דער קאַליף אַרויס פון זאַל און זיך געלאָזט גיין צום גאָרטן. זיריאַב איז געגאַנגען נאָך אים מיטן פּירשט וואַליד.

מיין פרוי אַזאַרע בעט, אַז איך זאָל איר אויסבויען הינטערן שטאָט אַ פּאַלאַץ אין האַסאַנס גוט. ס׳איז איר שטאַרק געפעלן דאָס אָרט, וואו דערדאָזיקער פּאַלאַץ געפינט זיך.

— קיניג, — האָט אָמאַיאַ געענטפערט, גלעטנדיק זיין לאַנגע גרויע באָרד, — האַסאַן פאַרקויפט ניט זיין גוט, איך האָב שוין דיר וועגן דעם געמאָלדן.

— ער מוז פאַרקויפן, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט.

— ס׳איז ניטאָ אַזאַ געזעץ לויט וועלכן מ׳זאָל קענען צווינגען אַ פרייען מאַוור אָפּגעבן זיין פאַרמעגן, נאָר אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט פאַר דער מלוכה, איז ער מחויב אָפּצוגעבן אַליץ, וואָס די רעגירונג פאָדערט ביי אים. האַסאַן זאָגט, אַז פאַר קיינע געלטער וועט ער זיין גוט ניט אָפּגעבן.

— וואָס איז די סיבה פון אַזאַ אומגעהערטן עקשנען זיך? — האָט עבדו־רחמן געפרעגט מיט אַן אויפגערעגטן טאָן.

פּירשט אָמאַיאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער ניט דרייסט געענטפערט:

— קיניג, זיי מיר מוחל, דיין טרייען דינער, — די שיינע אַזאַרע איז ניט באַליבט ביים פאָלק.

— יאָ, איך ווייס, אַלע האָבן פיינט מיין געליבטע ווייב, — האָט דער קאַליף מיט כעס געזאָגט, — און מ׳וואַגט נאָך מיר צו ריידן וועגן דעם! אָבער גענוג. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אויב האַסאַן וועט ניט פאַרקויפן זיין גוט, וועט מען ביי אים עס אָפּנעמען מיט געוואַלט.

— קיניג, איך קאָן ניט גלויבן, אַז דאָס זאָל זיין דיין באַשלוס! דערדאָזיקער געדאַנק געהערט דיין פרוי!

— וואָס אַרט דיר, וועמעס געדאַנק דאָס איז! — האָט עבדו־רחמן מיט כּעס אויסגעשריען. — איך באַפעל דיר, אַז נאָך מאָרגן אַפילו זאָל האַסאַן און זיין געזינד פאַרלאָזן דאָס גוט. איך וועל אַליין פערזענלעך קומען עס באַקוקן.

פירשט אַמאַיאַ האָט אַ זיפץ געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. וואַליד האָט מיט שפּאָט נאָכגעקוקט דעם ברודער און געדריקט מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: קונציק אַרבעט זי די שיינע אַזאַרע!

זיריאַב, וואָס האָט געהערט דעם גאַנצן שמועס, איז רויט געוואָרן און איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צוזאַמענדריקנדיק די ברעמען. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַזאַ אינערלעכן ווייַ, אַז דער קאַליף, וואָס האָט אומגעריכט אויף אים אַ קוק געטאָן, איז געוואָרן איבערראַשט און טיף פאַרשעמט. ער האָט אין זיריאַבס בליק איבערגעלייענט אַ שטומען פאָרוואורף. באַלד איז זיין אויפרעגונג פאַרשוואונדן; ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס ביי אים איז געווען רעכט צוליב אַ קאַפּריז פון אַ פרוי צו באַליידיקן זייִנעם אַ אונטערטאַנער און דערלויבן זיך גראָב באַגיין זיך מיטן פירשט.

אַ געוויסע צייט איז דער קאַליף געגאַנגען פאָראויס, קעמפנדיק מיט זיך אַליין, און האָט צעשטרייט געקוקט אויפן גאָרטן, וואָס איז געווען באַלויכטן פון די לעצטע זונען־שטראַלן. דער מירמלשטיינערנער פּאַלאַץ האָט געפינקלט און געפלאַקערט אין דער גאָלדפאַרביקער לופט. הילכיק און אייליק זייַנען געלאָפן די שטראָמען אין די מירמלשטיינערנע קאַנאַלן. שטאַרק האָבן געדופט די בלומען. ערגעץ־ווייט אויף די הויכע קיפּאַריסן האָט שטיל אַ טשיריקע געטאָן אַ פייגעלע און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַרום איז געלעגן אַ פייערלעכע שטילקייט. די ווייטע שפּיצן פון סיערע־מאָרענאַ האָבן נאָך געפינקלט מיט פּורפּור־גלאַנץ פון דער שקיעה; די טאָלן אין די בערג האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרהילן אין בלויע נעפּלען.

ביסלעכוויז איז דעם קאַליפס האַרץ ווייכער געוואָרן. זיין איינגעבוירענע גוטהאַרציקייט און דאָס געפיל פון יושר האָבן געזיגט.

— איך האָב איבערגעקלערט, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום פירשט. — זאָל האַסאַן רואיק זיצן אין דעם גוט.

פון זיין פאָטער. איך בעט דיך אויפזוכן עפּעס אַן אַנדער אָרט, זאָל זיין ענלעך אויף דעם. פון דער קינפּטיקער וואָך דאַרף מען אָנהייבן בויען דעם פּאַלאַץ.

דער גרויס־וויזיר האָט שווייגנדיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

עבדו־רחמן האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף זיריאַבן. דער יונגער אַראַבער האָט באַמערקט דעם בליק פון הערשער און אַ פריילעכער פייערל האָט אַ פינקל געטאָן אין זיינע שוואַרצע אויגן. עבדו־רחמן האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ לייכטער שמייכל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין געזיכט. דער דיכטער און דער קיניג האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען.

VII

פֿון דעם טאָג אָן האָט זיריאַבֿ געקראָגן אַ גרויסע השפּעה אויף עבדו=רחמנען. דער דיכטער האָט זיך באַמיט אויסצודרייען זיך פֿון מלוכה=ענינים און האָט אָפּט געטענהט צום קאַליף:

— איך בין ניט באַשאַפֿן פֿאַר פּאָליטיק; פֿאַר מיר איז גענוג מיין שול, און אויב איך וועל זיין אומשטאַנד אויסלערנען דידאָזיקע יונגע מאַווערן די כּללים פֿון מוזיק און מעטריק, איז דאַכט זיך, אַז איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס איך קען. באַפֿריי מיך, קיניג, פֿון איבעריקע שוועריקייט און כּבוד!

מיט אַזעלכע ווערטער פֿלעגן זיך אָפֿט ענדיקן זייערע שמועסן, דאָך האָבן אַלע באַמערקט, ווי דער קאַליף שעצט זיריאַבס מיינונג, און אַלע האָבן ביי אים געזוכט התקרבות. ס׳פֿלעגן טרעפֿן טעג, ווען ער פֿלעגט פּשוט אַנטלויפֿן פֿון שטוב פֿון די אַלע לייט, וואָס פֿלעגן אים באַלאַגערן. אַ צווייטער, אַ געשיקטערער, וואָלט זיך באַנוצט מיט דעם קאַליפֿס פֿריינדשאַפֿט, כּדי צו פֿאַרנעמען אַ גרויסן אָרט אין דער מלוכה, אָבער זיריאַבֿ, אַ צופֿרידענער מיט זיין באַשיידענעם גורל, האָט בעסער אויסגעקליבן פֿולע פֿרייהייט. דער אַלטער הויפֿמאַן אָמאַיאַ פֿלעגט זיך חידושן, פֿאַרוואָס זיריאַבֿ איז אַזוי זאָרגלאָז. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען דעם דיכטערס נשמה. דער גרויסוויזיר איז נאָך דער סצענע אין גאָרטן געווען פֿריינדלעך געשטימט צום דיכטער; ער האָט געזען, אַז איין בליק דעם דיכטערס האָט שטאַרקער געווירקט אויפֿן קיניג, ווי אַלע ווערטער פֿון דעם אַלטן דינער פֿון טראָן. ער האָט זיך אַפֿילו אַנטשלאָסן אויף אַזאַ מין האַנדלונג, אויף וועלכער ער האָט שפּעטער שטאַרק חרטה געהאַט: ער האָט געלאָזט וויסן אַזאַרען, אַז איר פֿאַרלאַנג איז ניט געוואָרן

דערפילט צוליב זיריאַבס איינפלוס. אָבער ענדלעך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיריאַב שטרעבט ניט צו קיין מאַכט, האָט ער זיך באַרואיקט און אויפגעהערט צו זען אין אים זיין קאָנקורענט.

אויף אַזאַ אופן האָט זיריאַב גלייך נאָך זיין קומען אין קאָרדאָווע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען זאָרגלאָז און האָט ניט געשטרעבט צו מאַכט, אָנגעלעבט זיך אַ סך שונאים און ניט=פאַרגינער.

זיין גרעסטער שונא איז געוואָרן אַזאַרע. נאָך דעם קיניגס אָפּזאָג אָפּנעמען ביי האַסאַנען דעם גוט, האָט די יפת=תואר איינציקע מאָל באַגעגנט אין איר מאַן אַ פעסטקייט און איינגעשפּאַרטקייט, וואָס פריער פלעגט עס ניט זיין, און שולדיק אין דעם האָט זי געמאַכט זיריאַבן, און די אויפרעגונג קעגן אים איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג.

זי האָט פאַרהאַסט דעם זינגער, וואָס איז ניט נתפעל געוואָרן פון איר און האָט ביי איר, דער אַלמעכטיקער פאַוואָריטין פון קאַליף, ניט געזוכט צו געפינען חן. אָבער די שאַלקהאַפטיקע פרוי האָט ניט אַרויסגעוויזן אירע געפילן. פאַרקערט, זי האָט אָפט געבעטן דעם קאַליף צו ברענגען דעם זינגער אין אירע פּאַלאַצן און פלעגט אים אויסדריקן איר צופרידנהייט.

ניט זיריאַב, ניט די הויפלייט, און אַפילו עבדו=רחמן אַליין, האָבן גאָרניט חושד געווען, וויפל רשעות זי האָט געטראָגן אויף אים ביי זיך אין האַרצן. אַזאַרע האָט נאָר געוואַרט אויפן צופאַל, וואָס זאָל איר געבן די מעגלעכקייט דערנידעריקן און פאַרניכטן איר שונא.

עבדו=רחמן האָט געזען, ווי ווייניק זיריאַבן ציט צו מאַכט, און דידאָזיקע איינשאַפט אין זיריאַבס כאַראַקטער האָט עבדו=רחמנען מער ווי אַליץ צוגעצויגן. ער האָט געפונען אין דיכטער אַן אויפריכטיקע פריינדשאַפט, וואָס איז ניט אויסן געווען אייגענע נוצן, און דעריבער האָט ער זיך גערן אונטערגעוואָרפן זיין מיינונג און ביי אים געפרעגט עצות. אַליין דאָס ניט מערקנדיק, האָט ער ווייניקער איצט זיך אונטערגעגעבן אַזאַרעס קאַפּריזן, און בעת זי האָט ביי אים געבעטן עטוואָס אוממעגליכעס, איז אים געווען גענוג צו

דערמאָנען זיך דעם דיכטערס טרויעריקן שמייכל, און ער פלעגט איר לייכט קענען אָפּזאָגן.

איצט פלעגט אָפּט טרעפן, אַז דער קיניג פלעגט פאַרברענגען גאַנצע אָוונטן מיט זיריאַבן, שמועסנדיק מיט אים וועגן פאַרשיידענע זאַכן, הערנדיק זיינע לידער; און קיינעם האָט זיריאַב אַזוי ניט געזונגען, ווי זיין קייזערלעכן פריינד. אַלץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין זיין נשמה אונטער דעם איינדרוק פון זיין נייעם לעבן, אַלץ, וואָס איז געווען האַרציק אין זיינע לידער, — דאָס אַלץ האָט דער קיניג אויסגעהערט און פלעגט זיין אַנטציקט פון זיריאַבס שיינער שטים, פון זיין גרויסן טאַלאַנט, און איבערהויפּט פון זיין שיינער נשמה, וואָס האָט געשוועבט אין זיינע שאַפונגען. אָפּט פלעגט זייער שמועס זיין וועגן דער מוזיקאַלישער שול; די זאַך איז געגאַנגען מיט ערפאָלג, און דער רום וועגן דעם נייעם אַראַבישן אַנשטאַלט האָט זיך פאַרשפּרייט אין די אַרומיקע לענדער.

זיריאַב איז באַלד געוואָרן דער ליבלינג פון די איינוואוינער. אַלע האָבן געוואוסט וועגן זיין חשובקייט אין הויף און וואָס פאַר אַ ראָלע ער האָט דאָרטן געשפּילט, און מען האָט געבענטשט זיין השפּעה. ער האָט געהאַט פיל אומבאַקאַנטע פריינד צווישן די סוחרים און אַרבעטער און איבערהויפּט צווישן דער יוגנט, וואָס האָט זיך אַנטציקט מיט זיין געזאַנג.

אָפּט, זעענדיק אים צוריקקערנדיק זיך פון פּאַלאַץ, פלעגן די סוחרים זיצנדיק ביי די אָפענע קראָמען ריידן צווישן זיך:

— אָט גייט עבדו־רחמנס גוטער גייסט! זאָל אים אַלאַ באַשירעמען און באַהיטן!

דעם קאַליפס הויף האָט, אין דער צייט פון עבדו־רחמנס רעגירונג, זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס לעבהאַפטיקייט. אַזוי ווי האַרון דער באַגדאַדער, האָט עבדו־רחמן זיך אַרומגערינגלט מיט געלערנטע און קינסטלער, אָבער ער האָט זיך באַמיט ניט צו דערלאָזן די שטרענגקייט און געצוואונגענקייט, וואָס האָט געהערשט אויפן מזרח.

ער אַליין האָט געוויזן דעם מוסטער פון פריילעכקייט און איינפאַכקייט. אים האָט צוגעהאָלפן דער פירשט וואַליד; מיט זיינע וויצן

און שטיפעריי האָט דער פירשט געמאַכט לוסטיק אַפילו די אַלטע חשובע הויפלייט.

אין דערדאָזיקער תקופה האָבן זיך אין קאָרדאָווער הויף גע־פונען אייניקע געלערנטע, צווישן זיי איז אויך געווען כאַנאַאין, דער איבערזעצער פון האָמערן און אַריסטאָטעלן; דאָ זיינען אויך גע־ווען אַסטראָנאָמען, דאָקטוירים, אַרכיטעקטאָרן, וואָס פלעגן דאָ אָנ־קומען נאָך אָנווייזונגען, דאָ אָפּפאָרן צוריק אין איזבאַליע (סעווילִיע), גראַנאַדע און אַלמעריע, וואו עס זיינען געבויט געוואָרן נייע וואונ־דערלעכע געביידן. דער הויף פון קיניג האָט צוליב דעם שטענדיק געביטן זיין כאַראַקטער, און דאָס האָט זיריאַב שטאַרק ליב געהאַט. דער הויף האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַזאַ לעבהאַפטיקייט, ווי דאָס גאַנצע לאַנד אַרום.

עבדו־רחמן אַליין האָט ניט געוואוינט שטענדיק אין קאָרדאָווע. ער האָט אָפט פאַרגענומען נסיעות קיין דרום, איבערהויפּט אין זיין געליבטער גראַנאַדע, וואָס אויף איר באַפּוצונג האָט ער גאָרניט גע־קאַרגט מיט געלט. דאָס דאָזיקע באַצויבערנדיקע שטעטעלע צווישן די בערג פון סיערע־נעוואַדע, אַרומגערינגלט מיט רייכע געוויקסן, האָט זיך צעוואַקסן אַליין אין אַ גרעסערער שטאָט; נייע וואונדערבאַרע געביידן זיינען געמאַכט געוואָרן לויט די פּלענער פון די בעסטע אַראַבישע קינסטלער.

זיריאַב, וואָס פלעגט באַגלייטן דעם קיניג אין זיינע רייזעס, האָט זיך באַקענט מיט זיין נייער היים, און האָט ביסלעכווייז זיך מיט איר איינגעלעבט.

דעם דיכטערס לעבן אין קאָרדאָווע איז געוואָרן אַליין אָנגע־נעמער און פאַרשיידנאַרטיקער. אין דער היים איז ער געווען אַ פריילעכער און אַ צוגעלאָזטער, האָט זיך אונטערגעהאַלטן מיט זיינע ווייבער, געשטיפט און געשפּילט מיט זיין קליין טעכטערל, ליגנדיק ביים פאָנטאַן און האָבנדיק פאַרגעניגן פון דער רואיקייט. וועלעדאַטע איז ווידער געוואָרן זיין אָנגעטרויטע און געהילף און פלעגט פאַר־שרייבן זיינע נייע לידער, און פריילעך האָט געקלונגען איר שטים אין דעם שיינעם הויז מיט די מירמלשטיינערנע קאָלאָנעס. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער מזל האָט איר אַ שמייכל געטאָן און האָט

איר אומגעקערט יענע הערלעכע טעג, ווען וועלכע זי האָט געחלומט אין דמשק, זיצנדיק אַן איינזאַמע און אַ פאַרלאָזענע אויף דעם קליינעם הייפעלע. וועלעדאַטע האָט זיך צעפליט און איז נאָך שענער געוואָרן. ווען איר וואונדערלעכער שיינקייט איז באַקאַנט געוואָרן אין קייזערלעכן פּאַלאַץ, און דער פירשט וואַליד פלעגט אָפט אומגעריכט קומען צו זיין פריינד אין הויז, כדי צו טרעפן די יפת־תואר אָן אַ שלייער. זיריאַב פלעגט יעדער מאָל ווערן בייז דערפאַר אויפן פירשט, אָבער וואַליד פלעגט גוטמוטיק מאַכן חוזק פון דעם, און פלעגט אַזוי אַרום פאַרטרייבן זיין כעס. ביידע פריינד פלעגן פאַרברענגען צוזאַמען פריילעך די צייט, זיצנדיק אויף דעם מירמלשטיינערנעם הויף ביי דעם קילן פאָנטאַן און שמועסנדיק וועגן אַליץ אויף דער וועלט.

וועלעדאַטע פלעגט, זיצנדיק ביים פענסטער פון איר האַלבטונקעלן צימער, זיי אומבאַמערקט הערן. זי האָט אפילו ניט געהאַט אין איר געדאַנק זיך אומצוקוקן אויף דעם יונגן שיינעם פירשט; ווי פריער האָבן אַלע אירע געדאַנקען געהערט איר מאַן, און זי האָט מיט אַ גרויסן אינטערעס זיך צוגעהערט צו זיינע היציקע רייד. זי האָט מיט אַ וואונדערבאַרער לייכטקייט געדענקט אַליץ, וועגן וואָס ער האָט דערציילט דעם פירשט, און ביי איר האָט זיך דערוועקט אַ אינטערעס צו דער וויסנשאַפט. דאָס לעבן אירס איז געוואָרן פולער און רייכער; זי האָט איצט בעסער פאַרשטאַנען איר מאַן, געוואוסט וואָס אים אינטערעסירט, און האָט זיך געמיט צו זיין אים אַ טרייע און פאַרשטענדלעכע חברטע.

אַזוי אומבאַמערקט זיינען זיך געלאָפן די פריילעכע און שטילע טעג.

דער מזל האָט אַ שמייכל געטאָן וועלעדאַטען און האָט זי באַגאָסן מיט העלער ליכט, פונקט ווי די זון, איידער זי גייט אונטער, באַווייזט זיך פלוצלונג פון הינטער די וואָלקנס און באַלויכט העל די נאַטור, כדי שפעטער פאַרשווינדן צווישן די בערג און פאַרלעשן זיך פאַר דער אָנקומענדיקער פינסטערקייט פון דער נאַכט.

VIII

ס'איז פאַריבער אַ יאָר דריי, זינט זיריאַב איז דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקומען אין אַלדזשעזיר, אויף דער מאַוריטאַנישער ערד.

ס'איז געווען פרילינג, — דער חודש שבט, דער פרישער, נאָך ניט הייסער, שמעקעדיקער שבט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די נאַטור האָט איינגעאָרדנט אַ יום־טוב פון בלומען. אומעטום זיינען זיי געווען: די בליאונג אויף די פרוכטביימער, ווי אַ ווייסער, ראָזיקער שניי וואָלט באַשאָטן זייערע גרינע שפּיצן; בלומען אויף די פעלדער, וואָס האָבן געפינקלט ווי שמאַראַגדן; בלומען אויף די בערג, אויף יעדער שטעגעלע, אויף יעדער שטיקעלע ערד, וואו אַ קליין בלימעלע האָט געקענט באַפעסטיקן איר שטאַם; בלומען אין שטאָט, אויפן מאַרק, גירלאַנדעס אַרום די טירן און פענסטער, אַרום די פעסלעך מיט דעם געפּראָרן וואַסער; בלומען אויף די אַקסלען און אויפן האַרצן ביי די פרויען, וואָס זיינען געווען איינגעהילט אין דורכזיכטיקע שלייערס. דאָס איז געווען אַן אמתער יום־טוב פון בלומען, מיט וועלכע די נאַטור האָט געפייערט איר ווידערגעבורט נאָך די קאַלטע ווינטן און רעגנס פון דעם מאַוריטאַנישן ווינטער.

זיריאַב האָט געפילט אין זיין האַרצן אַ צופלוס פון באַגייסטערונג. ער האָט ניט געקענט זיצן אין שטוב — די וואונדערלעכע ווייט פון די פעלדער און בערג האָט אים גערופן צו זיך. ער פלעגט אַרויסוואַרפן אויף זיך דעם פלאַשטש, גענומען די האַרפע און זיך געלאָזט גיין הינטער דער שטאָט.

מיט אַ טאָג פריער איז איבערן טאָל פון אועד־על־קעביר דורכגעגאַנגען דער ערשטער פרילינגס־געוויטער. די לופט איז געווען פריש און ריין. זיריאַב איז געגאַנגען איבערן ברעג פון טייך, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט זשאַסמין. די גרינע צווייגן פון

דעם זשאַסמין האָבן זיך געשפּיגלט אין די פולע וואַסערן פון דעם שנעל־לויפנדיקן טייך. וויט־ווייט האָט זיך געשפּרייט דער טאָל פון אועד־על־קעביר, אינגאַנצן אַ גרינער און אַ בליענדיקער. רעכטס האָט זיך פאַר זיריאַבס אויגן באַוויזן די שטרענגע סיערע־מאָרענאַ. אויף אירע שפּיצן האָט בלענדנד געפינקלט דער שניי און ס׳האָט זיך פון דער זייט געהערט דאָס אומאויפהערלעכע געמורמל פון די בערג־קוואַלן און אַ דומפּער גערויש פון די וואַסערפאַלן.

זיריאַב, ניט ווילנדיק אָפּגעבנדיק זיך דעררדאָזיקער פרילינגס־שטימונג, איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, קוויקנדיק זיך מיט דער שיינקייט פון דעם העלן טאָג. איבער אים, אונטערן פרייען הימל, האָבן געטרילערט די לאַרכן; . אין די קוסטעס פון די אָלע־אַנדרעס און מאַגנאָליען האָט זיך אויך געהערט אַ פויגל־געזאַנג. זיריאַבן האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט ער זיין שטים אויך פאַראייניקן צו דעם כאָר פון די פייגל — דאָס ליד האָט שוין דערוואַכט אין זיין ברוסט. ער איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, אַרום די גערטנער און סעדער, אָן אַ ציל אויסזוכנדיק נייע וועגן. אַזוי־אַרום איז ער שוין אַדורכגעגאַנגען אייניקע דערפלעך און, וואַרפנדיק אַ בליק אַרום, האָט ער הינטער זיך אין דעם גילדערנעם נעפּל דערזען די געציינדלטע בערג פון קאָרדאָווע.

— קיינמאָל, דאַכט זיך, בין איך דאָ נאָך ניט געווען, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, באַקוקנדיק די אומבאַקאַנטע ערטער.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער געזען דעמדאָזיקן ישוב. בײַ אַ צוואַנציק הײַזעלעך האָבן זיך געטוליעט אין דעם גרינס פון די גערטנער. זיריאַב איז אַדורך דעם דאָרף און האָט פאַר זיך דערזען אַ קליין וועלדל. פילנדיק אַ מידקייט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהינצו. ווי גוט דאָ איז געווען! דאָס גרינע גראָז האָט באַדעקט די ערד ווי גרינער סאַמעט, אין די גרינע קוסטלעך האָבן געוואָקסן שמעקעדיקע פיאָלן. זיריאַב האָט זיך אויסגעצויגן אונטער דעם שאָטן פון אַ ברייט פאַרצווייגטער טשינאַרע און, אַוועקלייגנדיק די האַרפּע לעבן זיך, האָט ער גענומען קוקן דורך די צווייגן פון די אויסגעשניצטע בלעטער אויף דעם וואָלקן־גאַנג און דעם הויכן הימל. די וואָלקנס האָבן זיך צעשוואָומען און פאַרשוואונדן אין דער בלויקייט

און זיינען ווידעראַמאָל געבוירן געוואָרן און געפּלויגן צום האָריזאָנט. ביי דעם דיכטער אין קאָפּ זיינען אויך אַזוי אומקלאָר געבוירן געוואָרן און פאַרשוואונדן געדאַנקען און טרוימען. דידאָזיקע אַרבעט האָט איבערגעריסן אַ פאַרביקער שמעטערלינג, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם דיכטערס האַרפּע. ניט ווילנדיק האָט זיך זיריאַב גענומען אַנטציקן פון דעם שמעטערלינגס וואונדערשיינע פליגעלעך, און ווען ער איז אַוועקגעפּלויגן, איז זיריאַב שטיל אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין נאָך אים, קוקנדיק וואו ער וועט זיך ווידער אָפּשטעלן.

דער שמעטערלינג איז אַוועקגעפּלויגן צו אַ גרופּע מאַנדל-ביימער. זיריאַב איז צוגעגאַנגען צו די וויס-ראָזע ביימער, איינאָטעמענדיק דעם אַראָמאַט פון דער צאַרטער בליאונג — און פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן.

דאָס, וואָס ער האָט דערזען איז געווען אַזוי שיין, אַז ער האָט פאַרגעסן אי דעם שמעטערלינג, אי די שיינקייט פון פרילינג, אי אַלץ אויף דער וועלט.

אונטער דעם שאָטן פון די שמעקעדיקע ביימער איז אויף דעם גראָז געלעגן אַ יונג מיידל. פון דעם שוואַרצן סאַמעטענעם היטעלע זיינען אַראָפּגעהאַנגען גילדערנע לאָקן און האָבן זיך געקרייזלט אַרום איר קליין קעפּעלע. אַוועקגעלייגט די האַנט אונטערן קאָפּ, איז זי רואיק געשלאָפן. די שוואַרצע ברעמען האָבן גערוט אויף די ראָזע באַקן אירע. איר מויל איז געווען האַלב-אויפגעעפנט, און די ברוסט האָט זיך לייכט באַוועגט אונטער דעם ווייסן געוועב פון איר העמד. זי איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ מאַוריטאַנערין: זיידענע הויזן — אַ מין ברייט קליידל — און אַ לאַנגער יאַק, טיף אויסגעשניטן אויף דער ברוסט און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ טולענעם שאַל. דאָס מיידל האָט זיס געשלאָפן. אין די צווייגן פון די מאַנדלביימער האָבן פייגל געזונגען און געשוועבט; אַ לייכטער ווינטל האָט געוויגט די שפּיצן פון די ביימער, און זיי האָבן לאַנגזאַם געוואָרפן זייערע שמעקעדיקע בלעטעלעך אויף דער שלאָפעדיקער מאַוריטאַנערין. איר קעפּל, אירע אַקסלען, איר גאַנץ קלייד איז געווען באַשאָטן מיט די דופטנדיקע ראָזע בלעטעלעך, וואָס זיינען נאָכאַנאַנד געפאַלן פון די צווייגן, געוויגטע דורך דעם לייכטן ווינטל.

זיריאַב האָט אין שטומער אַנטציקונג געקוקט אויף דעם צויבער=בילד. ער האָט מורא געהאַט זיך צו רירן און ניט אויפוועקן דאָס מיידל. ער האָט ניט געקענט אָפרייסן זיינע בליקן פון איר פרישן פנים, וואָס האָט געאָטעמט מיט קינדישער רואיקייט.

פלוצלונג האָט ער אויפגעציטערט און זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים. דאָס מיידל האָט זיך אַ ריר געטאָן, אַ קער געטאָן דעם קאָפ און האָט לאַנגזאַם אויפגעמאַכט אירע שוואַרצע ברעמען. אירע אויגן זיינען געווען ניט קיין גרויסע, אָבער פינקלענדיקע. זי האָט פויל מיט זיי אַ פיר געטאָן איבער איר גרינעם ווינקעלע, ניט באַמערקנדיק זיריאַבן; האָט זיי אויפגעהויבן אין דער הויך, פויל נאָכקוקנדיק נאָך דעם פליען פון דעם שמעטערלינג.

אַ דרייסטער געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן זיריאַבן אין קאָפ, ער האָט פאָרזיכטיק זיך אַוועקגעלאָזט צוריק אין וועלדל, וואו ער האָט איבערגעלאָזט די האַרפע, און האָט זיך באַלד מיט איר צוריקגעקערט צו דעם אָרט, וואו דאָס מיידל איז געלעגן, און, פאַרשטעקט זיך אין די קוסטעס פון די אָלעאַנדערס און זשאַסמינען, האָט ער זיך צוגעשפאַרט אָן אַ בוים און מיט ציטערדיקע הענט אַ פיר געטאָן איבער די סטרונעס. דאָס מיידל האָט אַ ציטער געטאָן, זיך גענומען צוהערן און האָט ענדלעך אויפגעהויבן דעם קאָפ. זי האָט נאָך ניט געקענט באַגרייפן פון וואַנען טראָגן זיך עס דידאָזיקע זיסע קלאַנגען?

זיריאַב האָט אַ שמייכל געטאָן, דערזעענדיק איר באַוועגונג, און, שטיל אַ פיר געבנדיק מיט דער האַנט איבער די קלינגענדיקע סטרונעס, האָט ער שטיל גענומען זינגען דאָס ליד פון ליבע, אימפּראָוויזירנדיק די ווערטער און דעם ניגון.

דערהערט אַ מאַנסבילשע שטים, איז דאָס מיידל רויט געוואָרן און אויפגעשפרונגען. די בלעטלעך האָבן זיך פון איר, ווי שניי, אַ שאָט געטאָן אויפן גראָז. צעטומלט האָט זי זיך געלאָזט לויפן אין דער זייט, וואו זיריאַב איז געשטאַנען און האָט פון איר ניט אַראָפגעלאָזט זיינע פינקלענדיקע אויגן. זי האָט זיך אַזוי צעטומלט, אַז זי איז שטיין געבליבן און אים געקוקט גלייך אין פנים אַריין. דער חנעוודיקער שרעק אירער, די קינדיש=אויפגעעפנטע אויגן האָבן

צעטומלט זיריאַבן. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די האַרפע, אין מאַכנ־דיק עטלעכע טריט, האָט ער אַ אַנטציקטער איר אויסגעשטרעקט זיינע הענט. זי האָט אַ געשריי געטאָן און, פאַרגעסנדיק אָנצוטאָן דעם שלייער אויפן קאָפּ, האָט זי זיך געלאָזט לויפן צום ווייסן הייזל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די ביימער. זיריאַב האָט זיך ניט אַרומגעזען, ווי זי איז פאַרשוואונדן. נאָר איבערן שטעגעלע, וואו זי איז אַדורכגעלאָפן, האָט זי דאָס גראָז עטוואָס איינגעלייגט און עס זיינען געלעגן צעשאָטן די בלעטעלעך־בליאונג, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעשאָטן פון איר קלייד.

זיריאַב האָט אָפּגעאָטעמט און האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן צעהיצטן פּנים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן גראָז און זיך פאַרטראַכט.

— וואָס פאַר אַ וואונדער־שיינע מיידל! און ווער איז זי? וועל איך זי קיינמאָל מער ניט זען? ניין, — האָט ער אויסגעשריען, שנעל אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, — איך מוז זיך דערוויסן, ווער זי איז!

ער האָט אויפגעהויבן די האַרפע און זיך אַנטשלאָסן געלאָזט גיין צום הויז, וואו די אומבאַקאַנטע איז אַנטלאָפן. דער גאָרטן איז ניט געווען אָפּגעצוימט פון וועלדל, זיריאַב איז אַדורך אַ שטעגעלע צווישן בליענדיקע קוסטעס און איז צוגעגאַנגען צו דער טעראַסע פון הויז. אין טיר איז געשטאַנען אַ הויכער מאַזור. זיריאַבן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז ענלעך אויף דאָס מיידל.

— גרויס איז אַלאַ, — האָט זיריאַב געזאָגט, צוגעגאַנגען און פאַרנייגט זיך פאַר דעם מאַוור.

— גרויס און גערעכטיק איז אַלאַ, — האָט אָפּגעענטפערט דער מאַוור און האָט זיך פריינדלעך פאַרנויגט פאַר דעם אומגעריכטן גאַסט.

— ווי איז דיין געזונד, פריינד?

— אַדאַנק דעם אויבערשטן, נישקשה. און דיין געזונט ווי איז?

— אַלאַ טוט נאָך מיט מיר חסד, — האָט זיריאַב מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— ביסט אַן אָנגעלייגטער גאַסט, — האָט דער מאַוור פריינדלעך צוגעגעבן, — מיין הויז וועט זיין דיין הויז!

און ער האָט אָנגעוויזן זיריאַבן זיך צו זעצן אויף אַ נידעריקע באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביים הויז, אונטער דעם שאָטן פון אַ הויכן דעמב.

— דו ביסט דער באַלעבאָס פון דעם הערלעכן ווינקעלע? — האָט זיריאַב געפרעגט.

— יאָ, מיין חשובער פריינד. שוין צוואַנציק יאָר, ווי אַלאַ צאָלט מיר אָפּ פאַר מיין מי מיט גרויסע מתנות.

— מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך הויפטזאַכלעך?

— מיט פעלד־אַרבעט. איך זיי ווייץ, מאַאיס, און האָב אַפילו אַ קליין שטיקל פעלד פאַרזייט מיט צוקער־ראָר. אַ גוטן איינקונפט גיבן די טייטל־ביימער, הגם אַרום זיי איז דאָ פיל אַרבעט.

— אין וואָס באַשטייט די אַרבעט? — האָט זיריאַב אַ שמייכל געטאָן. — אין אַראַביע וואַקסט דער טייטל־בוים נישט פאָדערנדיק קיינע זאָרג פון באַלעבאָס.

— ביי אונדז וואָלט ער זיך שלעכט צוגענומען, ווען מיר וואָלטן נישט איבערגעדרייט די בליאונג צו דער זון און נישט צוזאַמענגעבונדן די בלעטער, כדי פאַרהיטן די פירות פון די קאַלטע ווינטן. ביי אונדז איז קעלטער ווי אין אַראַביע.

דער באַריידעוודיקער באַלעבאָס איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— ווי איז היי־יאָר דאָס געררעטעניש, — האָט זיריאַב געפרעגט, נישט געפינענדיק וועגן וואָס צו פירן דעם שמועס.

— נאָך דעם גוטיקן רעגן, קען מען האָפן, אַז ס׳וועט זיין אַ גוטע גערעטעניש, — האָט דער מאַוור געענטפערט.

ווידער איז אָנגעקומען דער שווייגן.

— פון וואַנען האָט דיך אַלאַ געבראַכט אין אונזער דאָרף? — האָט דער מאַוור געפרעגט מיט אַ העפלעכן שמייכל זיין טשיקאַווען גאַסט.

זיריאַב האָט זיך פאַרשעמט.

— איך האָב פֿאַרגעסן זיך אָנצורופֿן. זײ מיר מוחל דידאָזיקע קאָמישע צעשטרײטקײט. מײַן הײמאַט איז די װײַטע אַראַביע, איצט האָב איך זיך באַזעצט אין קאָרדאָװע. מײַן נאָמען איז זיריאַב.

— דו ביסט זיריאַב! — האָט דער מאַוור אויסגעשריען, שנעל אויפֿהײבנדיק זיך פֿון זײַן אָרט און בלויז איצט באַמערקט דעם דיכטערס האַרפֿע, װאָס איז בײַ אים געהאָנגען איבערן אַקסל אויף אַ שװאַרצע סטענגע. זיריאַב האָט שמײכלענדיק געקוקט אויפֿן באַלעבאָס, װאָס איז נאָר־װאָס געװען אַזױ רואיק.

— איך זע, אַז מײַן נאָמען איז דיר באַקאַנט?

— דו ביסט זיריאַב! — האָט זיך דער מאַוור אַלץ ניט געקענט באַרואיקן. — פֿאַרװאָס האָסטו גלײַך ניט געזאָגט? צי דען איז ערלױבט אַזױ אויפֿנעמען זיריאַבן! ביסטו זיריאַב! — האָט ער צופֿרידן געטענהט, באַקוקנדיק זײַן גאַסט.

דאָך איז ער באַלד געװאָרן רואיקער. דאָס אָנגעבוירענע געפֿיל פֿון זעלבסטװירדע, מיט װאָס די אַראַבער צײכענען זיך אַזױ אויס, האָט זיך צו אים צוריקגעקערט. ער האָט פֿרײַנדלעך אויסגעשטרעקט דעם זינגער די האַנט און האָט אים אַנידערגעזעצט.

— איך בין גליקלעך דיך צו זען בײַ מיר אין הויז. דײַן נאָמען איז טײַער יעדער מאַוור. איך האָב נאָך ניט געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן דיך צו הערן, אָבער אײניקע פֿון אונזער דאָרף זײַנען ניט לאַנג געװען אין קאָרדאָװע און געהערט, װי דו האָסט געזונגען פֿאַרן פֿאָלק אויפֿן מאַרק. מיר װײסן אַלע, װי דער קאַליף האָט דיך ליב און װאָס פֿאַר אַ השפּעה דו האָסט אויף אים. איך באַגריס דיך נאָכאַמאָל, טײַערער גאַסט! מיט װאָס זאָל איך דיך מכבד זײַן? איך בעט דיך, רו דאָ אָפּ, און איך װעל אַרײַן אין הויז פֿאַראָרדענען.

דער מאַוור איז אַװעק. זיריאַב האָט געװאָרפֿן אַ שנעלן בליק אַרום, אָבער ערגעץ האָט ער ניט געפֿונען די שפּורן פֿון דער שײנער מײדל. באַלד האָבן זיך דערהערט טריט, און ס'איז צוריק געקומען דער מאַוור מיט אַ קויש פֿרוכטן. נאָך אים האָט זיך באַװיזן אַ צװײטע געשטאַלט, און זיריאַב איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, דערקענענדיק דאָס מײדל, װאָס האָט געשלאָפֿן אין װעלדל.

— מיין טאָכטער, פּענזילע, — האָט דער מאַוור געזאָגט שמייכ־
לענדיק. — איך האָב זי מיטגעבראַכט באַווייזן איר דעם ליבלינג
פון קאָרדאָווע.

דאָס מיידל, פאַרהילט אין אַ ווייסן שלייער, וואָס האָט נאָר
אָפן געלאָזן די אויגן, האָט אַ וואָרף געטאָן אויף זיריאַבן אַ ציי־
טערדיקן בליק. זיריאַב איז פאַר איר געשטאַנען מיט גרויס רעס־
פּעקט. זי האָט דערלאַנגט צום טיש זייער אַ שיינעם ליימענעם קרוג
מיט וואַסער און צוויי זילבערנע בעכער און איז צוריק אַוועק.

— ניט זאָג זיך אָפּ פון קליינעם כּיבוד, — האָט דער מאַוור
געזאָגט.

— אָבער איידער איך וועל דיין כּיבוד אָננעמען, — האָט זי־
ריאַב געענטפערט, — מוז איך דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת. דו
ביסט געוויס פאַרוואונדערט פון מיין אומגעריכטן באַזוך. דיין טאָכ־
טער האָט מיך אַהער געבראַכט. איך בין איר נאָכגעגאַנגען, ניט
זייענדיק אימשטאַנד צו פאַרגעסן איר שיינקייט.

— וואו האָסטו זי געזען, — האָט דער מאַוור געפרעגט, צו־
זאַמענדריקנדיק די ברעמען. — קיין איין אויג האָט נאָך ניט גע־
רוט אויף פּענזילעס געזיכט!

— וואַרט צו און ניט כּעס אויף מיר, חשובער פריינד, —
האָט זיריאַב זיך פאַרטיידיקט, — איך האָב דיין טאָכטער צופעליק
געטראָפן. זי האָט געשלאָפן אין דעם וועלדל, וואָס געפינט זיך
ביי דיין גאָרטן. איך בין ניט ווילנדיק אַנטציקט געוואָרן פון איר
חנעוודיקן געזיכט.

ס'איז געווען קענטיק, אַז דער מאַוור איז דערמיט ניט געווען
צופרידן.

— הייסט עס, אַז זי איז דאָס אַזוי שנעל פון דיר אַנטלאָפן
געוואָרן, — האָט ער געזאָגט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— ניט זיי בייז, פריינד. אויב דו ווייסט, ווער איז זיריאַב,
דאַרפסטו זיך ניט זאָרגן, וואָס ער האָט דערזען דיין טאָכטער. ער־
לויב מיר אויך אַ צווייטן מאָל דיך צו באַזוכן, — האָט ער גע־
זאָגט, אויפשטייענדיק פון אָרט. — מיין האַרץ איז פון היינט אָן

דאָ. איך האָב עס אָפּגעגעבן דיין טאָכטער, וואָס שענער פון איר קענען נאָר זיין די גוריעס פון גן־עדן.

זיריאַב, באַגלייט פון דעם פאַרוואונדערטן מאַוור, האָט ווי אין חלום זיך געלאָזט גיין צו דער שטאָט.

דער מאַוור האָט אים לאַנג באַגלייט מיט די בליקן, דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אומגעקערט צוריק אין הויז, וואו ער האָט געטראָפן זיין טאָכטער, וואָס איז געזעסן און געוויינט. זי האָט זיך אַוואָרף געטאָן אים אויפן האַלז, און לאַנג האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין וואָס זי האָט געוויינט. ענדלעך, לאַכנדיק דורך טרערן, האָט זי דערציילט דעם פאָטער, ווי זיריאַב האָט איר געזונגען זיין ליד, און ווי זי האָט זיך צעטומלט און פאַרגעסן אָנצוטאָן דעם שלייער.

דער מאַוור האָט באַרואיקט זיין טאָכטער, אָבער אַ פאַרדאַרהטער אויסדרוק איז לאַנג ניט אַראָפּ פון זיין פּנים.

IX

דער פאַלאַץ פון עבדו־רחמן איז געווען העל באַלויכטן פון אַ סך לאָמפן, איינגעפאַסטע אין גילדערנע קאַנדעלאַברעס, וואָס זיינען אַראָפגעהאָנגען פון באַלקן און זיך אָפגעשפיגלט אין דעם שימערנדיקן מירמלשטיין פון די קאָלאָנען און די ווענט. די קאָלאָנען זיינען געווען אַרומגעפלאָכטן מיט גירלאַנדעס פון רויזן און נאַרציסן. גרויסע רויזן־בוקעטן האָבן געשיינט אין די קריסטאָלענע וואַזעס. אויף די באַגולטע דרייפוסן זיינען געשטאַנען רויכפאַנען שיין געשניצט, און פון זיי האָט זיך, ווי אַ דינער שנירל, געהויבן אַ רויך פון מזרחדיקע קטירת.

אין פאַלאַץ איז געווען פריילעך און לעבעדיק.

דעם קיניגס געסט האָבן געשפאַצירט גרופנווייז איבער די פראַכטפולע זאַלן און האָבן געפירט פריילעכע שמועסן. דאָ האָבן זיך געפונען קינסטלער און געלערנטע, שרדות און קריגער, וועלכע האָבן זיך ניט לאַנג אומגעקערט פון די פאַרוואָרפענע שטעט, וואָס זיינען געלעגן ביי די גרענעצן.

דער קיניג אַליין, אין קיין זאַך ניט שטערנדיק זיינע געסט, האָט אומגעשפאַצירט פון איין זאַל אין אַ צווייטן, פאַרפירנדיק אַ שמועס דאָ מיט אַ געלערנטן, דאָ מיט די בויערס פון גראַנאַדע, דאָ מיט זיינע אייגענע מיניסטאָרן.

דאָס פריינדלעכע פנים פון דעם קיניג האָט געשיינט מיט צופרידנהייט. אין זיין מלבוש פון ווייסע זיידענע שטאָף, אויסגענייט אין זילבער, איז ער אויסגעקומען די פאַרקערפערונג פון שלום און גוטהאַרציקייט.

— וואָס דערציילסטו עפּעס נייס, מולעי האַסאַן? — האָט ער געזאָגט צוגייענדיק צו אַ גרופּע הויפלייט.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט.

— קיניג, ביי אונז אין שטאָט איז קיין נייס ניטאָ, — האָט מולעי־האַסאַן, דער גובערנאַטאָר פון קאָרדאָווע, געענטפערט, — מיר האָבן געהערט, וואָס סאַאיד האָט דערציילט.

— סאַאיד איז דאָ? — האָט עבדו־רחמן געזאָגט. — שלום־עליכם, וואָס פאַר אַ נייס דערציילסטו?

סאַאיד איז צוגעגאַנגען צום קיניג און זיך פאַר אים פאַרנויגט.

— קיניג, ניט קיין גוטע בשורות האָב איך דיר געבראַכט. ביי אונז אין צפון איז ניט רואיק.

עבדו־רחמנס געזיכט האָט אָנגענומען אַן ערנסטן אויסדרוק, ער האָט געמאַכט סאַאידן אַ צייכן, אַז ער זאָל נאָך אים גיין, און איז אַוועק מיט אים אין אַ צווייטן זאַל, וואו דאָרט איז קיינער ניט געווען.

— וואָס הערט זיך אין טאָלעדאָ, — האָט דער קאַליף גע־פרעגט, זיך אַנידערזעצנדיק אויף אַ דיוואַן.

— קיניג, אין טאָלעדאָ איז אומרואיק. די גאָטן גרייטן זיך צו אַן אויפשטאַנד.

צי דען איז אונזער גאַרניזאָן אַזוי שוואַך אין דערדאָזיקער שטאָט, אַז ער קאָן ניט איינשטילן די מורדים? — האָט דער קאַליף גע־פרעגט, אָנרוקנדיק זיינע דינע ברעמען.

— דער גאַרניזאָן, קיניג, איז ניט שוואַך, אָבער די גאָטן האָבן גרעסערע כּוחות ווי מיר. אויב אין טאָלעדאָ וועט אויפפלאַקערן אַן אויפשטאַנד, וועלן אַלע אַרומיקע קריסטן צו אים צושטיין. עס גייט אַ קלאַנג, אַז גאַשים האָט זיך צוריקגעקערט אין טאָלעדאָ.

— גאַשים? — האָט דער קאַליף געפרעגט. — דאָס איז אָט־דער רענעגאַט, וואָס האָט געזוכט אַ מקום־מקלט אין קאָרדאָווע און האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ מחמדאַנער?

— ער איז עס, קיניג. ביי זיך אין האַרצן איז ער געבליבן קריסט און נאָר לפּנים־וועגן פלעגט ער רופן צו הילף אַלאַ. ער איז אַ שלעכטער און אַ נוקם־ונוטר. מיר האָט מען געמסרט, אַז ער

האָט געשוואוירן נקמה צו נעמען פאַר דער צעשטערונג פון זיין געבורט־שטאָט אין דער צייט פון אַל־חכּמס רעגירונג; ער האָט דאַן פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

עבדו־רחמן האָט זיך פאַרטראַכט.

— ניט קיין גוטע בשורות, — האָט ער געזאָגט. — דער עתיד ווייזט, אַז מיר וועלן האָבן פיל צו טאָן מיט דיזאָזיקע קי־פערנע שטערנס — די גאָטן. ווי אַזוי האָסטו איבערגעלאָזן דיין פראָווינץ?

— קיניג, דערווייל איז אַלץ רואיק, אָבער איך האָב שטאַרק מורא, אַז אויך אין מיין געגנט וועט אויפפלאַקערן אַן אויפשטאַנד, אויב טאָלעדאָ וועט מאַכן דעם אָנהייב.

— מאָרגן פרי וועסטו קומען צו מיר און מיר וועלן זיך דורכ־שמועסן וועגן די מיטלען, וועלכע מיר זאָלן אָננעמען, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, אויפשטייענדיק פון אָרט און איז אַוועק צוריק צו די געסט.

— פירשט, — האָט ער זיך געווענדט צום גרויב־ווזיר, — ניט פאַרגעס מאָרגן גאַנץ פרי צו מיר צו קומען. סאַאיד האָט גע־בראַכט שלעכטע בשורות.

אָמאַיאַ האָט זיך פאַרנויגט פאַר דעם הערשער.

— איצטער איז ניט קיין צייט זיך לאָזן צו באַהערשן פון זאָרג, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט. — איך, אַלס דער ווירט, דאַרף טראַכטן וועגן דעם, אַז מיינע געסט זאָל ניט זיין לאַנגווייליק. איך בעט דיך, פאַראָרדן, אַז עס זאָלן זיך אָנהייבן די טענץ.

דער פירשט אָמאַיאַ האָט איבערגעגעבן דעם הערשערס באַ־פעל איינעם פון די דינער. דער קיניג איז אַוועק אין דעם גרויסן זאַל, וואו ס'איז געווען געמאַכט אַ העכערער אָרט, וועלכער איז געווען אויסגעשטעלט מיט דיוואַנען. און דאָרט האָט ער זיך אָני־דערגעזעצט, אַרומגערינגלט פון זיינע הויפלייט. דער פירשט וואַ־ליד, שיינדיק מיט וויצן און פריילעך שמייכלענדיק, האָט זיך דורכ־געשטופט צו זיין ברודער און זיך געזעצט לעבן אים אויף די ווייכע קישנס. לעבן אים האָבן זיך צעזעצט אַל־חכמס זין פון די אַנדערע ווייבער. די קינסטלער און די געלערנטע האָבן זיך אויך פאַרזאַמלט

אין זאַל און האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דעמזעלבן העכער־געמאַכטן אָרט.

עס זיינען אָנגעקומען שיינע ייִנגלעך אין ווייסע קליידער, אין די הענט געטראָגן קוישלעך און וואַזעס אָנגעפילט מיט פרוכט; אַנדערע ייִנגלעך האָבן אין הויכע זילבערנע קריג געבראַכט קילע געטראַנקען פון פּאָמעראַנצן־זאַפט.

איין אָרט לעבן דעם קאַליף איז געבליבן ליידיק.

— וואו איז זיריאַב, — האָט ער זיך געווענדט צום פירשט אָמאַיען, וואָס איז געזעסן הינטער אים.

— ער איז נאָך ניט געקומען, קיניג. איך וואונדער זיך, ווי האָט ער עס געקענט אַזוי פאַרשפּעטיקן.

— עפּעס האָט אים מסתמא פאַרהאַלטן, — האָט עבדו־רחמן אים פאַרענטפערט.

אין דערדאָזיקער מינוט האָט זיך אין זאַל אַריינגעשאָטן אַ גאַנצע מחנה שיינע שקלאַפינס. די יונגע טענצערינס זיינען געווען אין ראָזע קליידער, וועלכע האָבן ווי אַ לייכטער וואָלקן אַרומגעוויקלט זייערע שלאַנקע פיגורן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן טאַמבורינען מיט לאַנגע פאַרביקע סטענגעס.

לייכטע, ווי שמעטערלינגען, זיינען זיי צוגעלאָפן צום אָרט, וואו ס׳איז געזעסן דער קאַליף, און האָבן זיך געקניט פאַר אים. דערנאָך זיינען זיי פלוצלונג אויפגעשפרונגען אין, שפּרייענדיק מיט די שלאַנקע פיסלעך, זיינען זיי איבערגעגאַנגען אויף דעם טעפּעך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אינמיטן זאַל, אַרום דעם באַסיין פון פאָנטאַן.

זיי האָבן געבילדעט שיינע גרופּן און זיך געוויגט אין טאַקט, קלאַפּנדיק אין די טאַמבורינען, דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען דרייען, כמעט אויף איין אָרט, אויסבויגנדיק די טאַליע און פאַרוואַרפנדיק אויף הינטער די נאַקעטע הענט.

אין דער טיף פון זאַל זיינען געזעסן די מוזיקאַנטן און האָבן באַגלייט דעם טאַנץ פון די טענצערינס מיט דער קלינגעריי פון מעשענע טעלער.

די פלאַסטישע באַוועגונגען פון די טענצערינס האָבן אַרויסגע־רופן רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

— ווייטער! — האָט פירשט וואַליד אויסגעשריען, ניט אַראָפּ־געמענדיק די אויגן פון די לופטיקע מיידלעך.

מיט מי זיך אַדורכשלאָגנדיק צווישן עולם, באַגריסנדיק אויף רעכטס און לינקס, איז צום קאַליף דורכגעגאַנגען זיריאַב. זיין שיין געזיכט איז געווען אומרואיק; ער האָט זיך ניט געריכט, אַז ער וועט אַזוי פאַרשפּעטיקן. אַדורכגייענדיק צווישן די געסט און די הויפ־לייט, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן און זיך פאַרנויגט פאַרן קאַליף. עבדו־רחמן האָט אים געגעבן אַ צייכן און דער דיכטער האָט פאַרנומען זיין אָרט לעבן דעם קיניג.

ווידער האָט זיך דערהערט דער קלונג פון די טאַמבורינען, און די טענצערינס האָבן זיך ווידער גענומען דרייען אין דעם צויבער־טאַנץ. זיריאַב האָט אַ פּיר געטאָן זיין בליק איבער די אָנוועזנדיקע, האָט אַ שמייכל געטאָן וואַלידן און האָט צעשטרייט נאָכגעקוקט נאָך די טענץ. זיינע געדאַנקען זיינען געווען ווייט פון דעמדאָזיקן מיט ליכטער באַלויכטענעם זאַל, פון דידאָזיקע מענטשן אין די טייערע מלבושים. דער דיכטער האָט כמעט ניט באַמערקט, וואָס איז פאָרגע־קומען אַרום אים. אין זיין געדאַנק האָט זיך אָן אויפהער געמאָלט די שיינע מאַוריטאַנערין מיט דעם קינדיש פנימל און מיט די צע־שראָקענע, ברייט אויפגעעפנטע אויגן. ער האָט אין געדאַנק אי־בערגעלעבט יעדער רגע, יעדער באַוועגונג זיינע און האָט געשמייכלט, דערמאָנענדיק זיך, ווי נאַריש ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר איר פאָטער. ער האָט ניט באַמערקט, ווי די שקלאַפינס זיינען אַרויס־געפלויגן פון זאַל און האָט אויפגעציטערט, דערהערנדיק ביים סאַמע אייער עבדו־רחמנס שטים.

— דיכטער, ערוואַך! וואו שוועבן אַרום דיינע געדאַנקען?

— מסתמא אין די הימלען! — האָט וואַליד וויצלענדיק זיך באַמערקט.

זיריאַב איז אויפגעשטאַנען, אַ פּיר געטאָן מיטן האַנט איבערן פּנים און געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, קיניג, וואָס איך בין ניט צו דער צייט געקומען. ס'איז ניטאָ קיין פאַרענטפערונג פאַר מיין אומוויסנהייט.

— איך וועל שטענדיק געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר זיריאַבן, — האָט עבדו־רחמן געענטפערט. — זאָג, וועסטו אפשר דערפרייען מיך און מיינע געסט מיט דיין געזאַנג?

זיריאַב האָט זיך פאַרשעמט.

— איך האָב פאַרגעסן די האַרפע, מ'דאַרף צושיקן זי ברענגען.

— אַ שאָד, — האָט דער קאַליף געזאָגט. — טראַכט עפּעס צו מיט וואָס צו פאַרנעמען איצטער מיינע געסט. היינט זיינען דאָ פיל צונויפגעפאָרענע, — האָט ער שטיל צוגעגעבן. — דאָ לעבן דיר זיינען שלוחים פון פּאַוויאַ, און דאָרט זיצן צוויי פראַנקען, וואָס זיינען געקומען צו מיר מיט אַ בריוו פון אימפּעראַטאָר לודאָוויקן. עס זיינען צוריקגעקומען איניקע בויערס פון גראַנאַדע, און אָן דאָרטן זיצן מיינע געסט, וואָס זיינען געקומען פון זייערע פּראָווינצן נאָך פאַראָרדענונגען. איך וואָלט געוואָלט באמת באַשענקען מיינע טרייע דינער מיט אַן אָנגענעמען אָוונט. וואָס וועסטו אויף דעם זאָגן, פריינד?

— קיניג, ביזוואַנען מ'וועט מיר ניט ברענגען מיין האַרפע, קאָן איך עפּעס דערציילן דיר און דיינע געסט.

— זייער גוט, — האָט דער קאַליף געזאָגט. — מיר וועלן אַלע דיך אויסהערן מיט פאַרגעניגן, — האָט ער צוגעגעבן.

— מיינע הערן, זיריאַב וועט אונז דערציילן עפּעס אַ געשיכטע, — האָט פּירשט וואַליד אויסגערופן. —

— וואָס וועסטו אונז דיכטער דערציילן, — האָט עבדו־רחמן געפרעגט, אַריינזועצנדיק זיך טיפער אין די זיידענע קישנס פון זיין געלעגער.

זיריאַב, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן פאַר דער פאַרזאַמלונג, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ נידעריקן טאַבורעט און זיך פאַרטראַכט.

— הער אויס, קיניג, — האָט ער ענדלעך געזאָגט, — אַן אַלטע מעשהלע, וועלכע די אַראַבער דערציילן אין דער שטילקייט פון מדבר, ווען דער אויסגעשטערנטער הימל נעמט אַרום די סטעפּ און גאָרנישט רירט זיך אַרום דעם שלאָפעדיקן ישוב, עס הערט

זיך נאָר, ווי עס טרעסקען די צווייטערן פון דעם שייטערהויפן, וואָס האַלט זיך שוין ביים פאַרלעשן, און ס'הערט זיך ווי די קעמלען זיינען מעלה־גרה מיט זייערע שוואַרצע ליפן.

און זיריאַב האָט אָנגעהויבן מיט זיין קלינגענדיקער שטים די מעשה מיט דעם באַרימטן אַנטאַרן, דעם געליבטן העלד פון די אַראַבער. דער דיכטער איז וואָס ווייטער אַלץ באַגייסטערטער געוואָרן און, ענדלעך, האָט ער מיט אַ טיפן געפיל פאָרגעשטעלט זיין העלד. אַנטאַר איז דער זון פון אַן אומגליקלעכער אָפגענאַרטער שקלאַפין. די נאַטור האָט אים באַליידיקט. ער איז קליינגעוויקסיק, זיין פנים איז העסלעך, אָבער די אויגן פינקלען ווי בליצן, און זיין גבורה איז אַזאַ, וואָס צו אים איז ניטאָ קיין גלייכן. מיט זיין קראַפט פון שכל און נשמה און מיט זיינע מיליטערישע גבורות דערגרייכט אַנטאַר צו זייער אַ הויכן כבוד. מען קלייבט אים אויס פאַר אַן אָנפירער פון די אַראַבישע שבטים — פאַר אַ שייך. אָבער ניט די ערע־גייציקייט טרייבט דעם ריטער צו זיינע גבורות. זיין גאַנצע קראַפט האָט ער אויסגענוצט אויף דעם, כדי צו באַקומען די צאַרטע איבלע — די טאָכטער פון דעם אַלטן שייך. זיריאַב האָט לעבעדיק אָפגע־מאָלט די שטענדיקע אַנטאַרס ליבע צו דער שוואַרצאויגיקער מיידל, זיינע גבורות צוליב איר, זיין גליק, ווען זי ווערט ענדלעך זיין פרוי.

דער קאַליף און די געסט האָבן מיט נייגעריקייט צוגעהערט זיריאַבס דערציילונג. דער דיכטער האָט זיך באַגייסטערט, זיינע אויגן האָבן געפינקלט, ער אַליין מיט זיין איידעלער נשמה האָט אויסגעזען צו זיין אַזאַ העלד און אַזוי קענען ליבן, ווי דער ריטער אַנטאַר.

— און אָט איז דער סוף פון דער מעשה, — האָט ער גע־זאָגט, אויפשטייענדיק און מיט אַ שמייכל זיך פאַרנייגט פאַרן קאַליף.

— וואָס איז מיט דיר, — האָט אים דער קיניג שטיל גע־פרעגט. — איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען דיך אַזאַ צופרידענעם.

— איך בין אומענדלעך גליקלעך, — האָט זיריאַב געזאָגט גאַנץ שטיל. — איך בעט דיך, שענק מיר איניקע מינוט, ווען די געסט וועלן זיך צעגיין.

עבדו־רחמן האָט פאַרוואונדערט אויף אים געוואָרפן זיין בליק און האָט אַלס צייכן פון איינשטימונג אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— אָט האָסטו אויך דיין האַרפע, — האָט פירשט אָמאַיאַ געזאָגט.

זיריאַב האָט גענומען די האַרפע פון די הענט פון אַ שוואַרצן קנעכט און, ווענדנדיק זיך צום קיניג מיט פלאַמענדיקע אויגן, האָט האָט ער געזאָגט:

— באַפעלסט איך זאָל זינגען?

— איך בעט דיך.

זיריאַב איז אַוועק פון דעם הויף־געמאַכטן אָרט — טיף אין זאַל, האָט זיך אָנגעלענט אָן אַ מירמלשטיינערנער קאָלאָנע און, פאַרוואָרפנדיק זיין רויטן פלאַשטש, האָט ער אַרויסגעצויגן פון דער האַרפע עטלעכע ווייכע אַקאָרדן. אַ שמייכל געטאָן צו וואַלידן, האָט ער מיט באַגייסטערונג זיך צעזונגען:

„אַז איך זאָל געווען האָבן טויזנט נשמות, אָ קינד מיינס מיט די גאָלד־פאַרביקע האָר! — איך וואָלט דיר זיי אַוועקגעשענקט אַלע, זיי אַוועקגעלייגט צו דיינע פיס.

„אָבער אַלאַ האָט מיר געגעבן נאָר איין נשמה. איז וואָס קאָן איך טאָן? טאָ נעם טויזנט מאָל מיין איין נשמה, אָ, קינד מיט די לאָקן פון גאָלדנעם־קאָליר!

„ווי מיט אַ שאַרפן שפיז פון דמשק האָסטו צעשטאָכן מיין האַרץ מיט דעם פאָרוואורף־בליק פון דיינע אויגן. איך לייד און פייניק זיך, און קאָן דיר אַפילו ניט זאָגן פון מיינע ליידן!“

רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן נאָך דעם דיכטערס אימפּראָוויזאַציע. ער האָט זיך פאַרנייגט; לאַנגזאַם פינגערדיק איבער די סטרונעס האָט ער זיך פאַרטראַכט, אויסקלייבנדיק ביי זיך אין זכרון אַ נייַ ליד, און האָט ווידער גענומען זינגען, אָבער שוין אין אַן אַנדער גייסט. דאָס איז שוין ניט געווען קיין ליבע־ליד, וואָס האָט זיך פלוצלונג אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט; זיריאַב האָט געזונגען אַ הימן לכבוד זיין צווייטער געליבטער, לכבוד אַראַביע. פייערלעך און פריי האָבן זיך געגאָסן די קלאַנגען פון זיין פאַמעטענער שטים.

„ווי קאָן איך דיך פאַרגעסן, אָ מוטער מיינע, אָנסופיקער מדבר! ניין, איך שווער מיט דיין אומענדלעכקייט און מיט דיין אייביקן שווייגן, אַז דיין זון וועט דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן און פאַר־ראַטן. דאָרטן ביי דיר האָב איך נאָר געפונען די הייליקע מנוחה. נאָר אין דיין שטילן שווייגן האָט מיין נשמה געקענט אויפזאַמלען אַלע אירע גייסטיקע כּוחות. ערגעץ וועט דער מענטש ניט קענען זיך אַזוי פאַרטיפן אין זיך, ווי אין דיינע אומענדלעכע מרחקים. פון דער טיף פון דיינע זאַמדן קלינגען דיינע געהיימענישפולע מע־נער. זיי מאַכן וואַך די נשמה פון דיין זון, און ער דערהערט צאַרטע קלאַנגען, וואָס דאָס לעבן אין די רוישיקע שטעט פאַרטויבט מיט זיין טומל. ווי זאָל ניט שווער זיין דעם אַראַבער צו לעבן אין די שטעט? ס׳איז ענג דעם זון פון מדבר אין די שטייגן, וואו מענטשן האָבן אָנגעבויט ענגע הייזער און אַוועקגעשטעלט צוימען. זיין נשמה רייסט זיך אויף דער פרייהייט, ער איז אַפילו גרייט איבערצוטראָגן הונגער און דאָרשט, די קעלט פון די נעכט און די היץ פון דעם האַלבן־טאָג, די שרעקלעכע מידיקייט פון די גרויסע וואַנדערונגען. איך בין אַ זון פון געדולד, אָבער איין זאַך קאָן איך ניט פאַרליידן, דאָס איז דער יאָך פון קנעכטשאַפט. אין לויף פון טויזנטער און טויזנטער יאָרן האָבן מיינע אָבות געוואַנדערט איבערן מדבר, אַזוי ווי איך אַליין, באַגריסנדיק די אויפגייענדיקע זון, געלערנט דעם גאַנג פון די שטערן אין דעם נאַכט־הימל. אַזוי ווי מיינע אָבות האָב איך ליב דאָס שנעלע פאָרן אויף אַ פלינקן פערד, און אַ פאַרכּישופטער מיט זיין ווילדן גאַלאָפּ, יאָג איך אַריבער דעם ווינט אין דער אומענדלעכער סטעפּ און פאַרגעס אָן אַלץ אויף דער וועלט... ווי זאָל איך דיך ניט ליב האָבן, מוטער מיינע, אָנסופיקער מדבר.

זיריאַב האָט נאָך ניט באַוויזן צו ענדיקן זיין הימן דעם מדבר, ווי אין זאַל איז שנעל אַריינגעקומען אַ דינער און איז צוגעגאַנגען צו דעם גרויס־וויזיר.

— פירשט, אַ לויפער וויל זיך מיט דיר זען.

פירשט אַמאַיאַ האָט זיך ניט איילנדיק אויפגעהויבן פון זיין גע־לעגער און איז אַוועק נאָך אים אין דעם צווייטן זאַל.

דאָרט איז געשטאַנען דער לויפער אינגאַנצן אַ פאַרשטויבטער, ניט באַוויזנדיק אַפילו אָפּצורוען פון וועג. ער האָט זיך נידעריק פאַרנייגט פאַרן וויזיר און האָט פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן.

— וואָס פאַר אַ נייס האָסטו געבראַכט?

— פירשט, אין טאָלעדאָ איז אַן אויפשטאַנד. גאַשים מיט זיינע אָנהענגער האָבן פאַרנומען די שטאָט. אונזער גאַרניזאָן האָט מען פאַרטריבן. אַרום איז אומרויִק, די צפון-פּראָווינצן זיינען גרייט צושטיין צו טאָלעדאָ.

— וואַרט דאָ צו, — האָט דער גרויס-וויזיר געזאָגט און, בלייבנדיק אויסערלעך זייער רויִק, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין זאַל, וואו די אַפּלאָדיסמענטן האָבן פאַרטויבט די לעצטע סטראָפע פון זיריאַבס ליד.

עבדו-רחמן האָט מיט אַ פראַגע אַ קוק געטאָן אויפן פירשט. אַמאַיאַ איז צוגעגאַנגען צו אים און שטיל געזאָגט:

— איצטער, קיניג, איז ניט קיין צייט זיך משמח צו זיין. מיר האָבן פאַרלאָרן טאָלעדאָ.

עבדו-רחמן איז שנעל אויפגעשטאַנען.

— ווער האָט געבראַכט דיזאָזיקע בשורה? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— דער לויפער וואַרט אויף דיר אין דעם דערבייאיקן זאַל.

עבדו-רחמן מיט דעם גרויס-וויזיר זיינען אַרויסגעגאַנגען. דער לויפער איז אַנידערגעפאַלן צו די פיס פון קיניג.

— ניט הייס מיך טויטן פאַר די בייזע בשורות, — האָט דער לויפער זיך געבעטן.

עבדו-רחמן האָט אים געהייסן אויפשטיין און אויסגעהערט זיינע מעלדונגען. דעם לויפער האָט מען אָפּגעלאָזן.

— מ׳קען ביז מאָרגן ניט אָפּלייגן די פאַרזאַמלונג, קיניג, — האָט אַמאַיאַ אַנטשלאָסן געזאָגט. — דער גאַנצער צפונדיקער קאַלי-פאַט קאָן זיך אָפּוואַרפן פון אונז אויב מיר וועלן מאַכן מחזקות.

— אויב דו מיינסט אַזוי, קאָן מען דעמדאָזיקן ענין באַטראַכטן באַלד, — האָט דער קאַליף איינגעוויליקט. — איך וועל אַריינגיין צו זיך אין אַרבעטס-צימער. איך בעט דיך, גיי און רוף צונויף די

אַלע, וואָס דו גלויבסט, אַז זיי וועלן אונז ברענגען נוצן אויף דעם ראַט. ניט פאַרגעס צו זאָגן סאַאידן, אַז ער זאָל אויך קומען.

דערווייל האָט מען אין זאַל באַמערקט דאָס פאַרשווינדן פון דעם קיניג.

אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם פירשט אַמאַיען.

— אויבן צפון איז אַן אויפשטאַנד, — האָט ער געזאָגט. — טאָלעדאָ איז אין די הענט ביי די מורדים. דער קיניג רופט גלייך צונויף אַ מיליטער־ראַט.

און אַמאַיאַ האָט אָנגערופן פערזאָנען, וועלכע, לויט זיין מיינונג, האָבן געקענט וואָס זאָגן. די פעלדמאַרשאַלן און די הויפלייט זיינען אַוועק אין קאַבינעט פון דעם קאַליף; די איבעריקע געסט האָבן אויך באַלד פאַרלאָזן דעם פאַלאַץ. די מירמלשטיינערנע זיילן זיינען אין איניקע מינוט ליידיק געוואָרן.

זיריאַב, וועלכער האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין די מלוכה־ענינים, איז געווען שטאַרק אויפגערודערט מיט דערדאָזיקער ידיעה. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם העלן זאַל אויף דער טעראַסע. דאָרט איז געווען גאָר פינסטער. די אויסגעשטערנטע נאַכט איז געווען וואַרעם און דופטיק. אונטן האָט זיך געשוואַרצט דער גאָרטן און ס׳האָט זיך געהערט דער גערויש פון די קוואַלן. זיריאַב האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די מירמלשטיינערנע טרעפ, וואָס האָבן זיך געצויגן ביזן גאָרטן, און ער האָט זיך פאַרטראַכט. די געשעענישן פון דעמדאָזיקן טאָג האָבן אים טיף אויפגערודערט. ער האָט געטראַכט וועגן פענזילען, וועגן דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן עבד־רחמנען, ער האָט געטראַכט וועגן דעם שיינעם פרילינגס־טאָג, וואָס האָט אים געבראַכט אַזויפיל גליק; ער האָט געטראַכט, וואָס אויבן צפון פלאַקערט אויף אַ מלחמה, וועגן דעם יאָמער פון די באַזיגטע און וועגן די שריפות פון די פאַרוויסטע ישובים. זיין פאַנטאַזיע האָט פאָרגעשטעלט אַלע גרויזאַמקייטן פון דעם אַכזריותדיקן קאַמף. אויף צפון האָבן זיך צוויי וועלטן מיט שנאה צוזאַמענגעשטויסן: די גאָטן און די אַראַבער, די קריסטן און די מחמדאַנער. דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט אויף לעבן און טויט. ווער וועט מנצח זיין, ווער וועט ענדלעך באַקומען די רייכע פעלדער פון דעם פירע־

נעאישן האַלבּ־אינזל, אַלע לענדער פון מיטללענדישן ים ביז די סאַמע בערג פון אַסטוריע? ווער וועט בלייבּן דער זיגער פון דעם גרויסן קאַמף: צי די ווילדע באַרבּאַרן, די גאָטן, אָדער די אויבּגעקלערטע און אַרבּעטסזאַמע מאַורען?

ער האָט הינטער זיך דערהערט טריט און האָט זיך אויפגעשטעלט, דערזעענדיק דעם קיניג, וואָס איז אויך געקומען אויף דער טעראַסע.

— איך האָבּ געוואוסט, אַז דו וועסט אויף מיר וואַרטן, — האָט עבּדו־רחמן געזאָגט, אַוועקזעצנדיק זיך אויף די טרעפּ פון טעראַסע. — אונזער ראַט האָט ווייניק גערעדט. דאָס חיל וועט בּיינאַכט זיין גרייט צום אָפּמאַרש און וועט אַרויסגיין מאָרגן פרי. מאָרגן וועט מען אויך פונאַנדערשיקן לויפערס אויף דרום צו זאַמלען נייעס חיל. איך מיין, אַז אונז שטייט פאָר אַן ערנסטע מלחמה. איך אַליין רעכן דערווייל צו בּלייבּן אין קאָרדאָווע, און דער בּרודער וואַליד וועט אָננעמען די אָנפירונג מיט דעם חיל.

— קיניג, איז דען ניט צו שווער פאַר אים די אויפגאַבּע, וואָס דו לייגסט אויף אים אַרויף?

— דו מיינסט, אַז ער איז צו לייכטזיניק! — האָט עבּדו־רחמן אַ שמייכל געטאָן. — ער איז ערנסטער ווי עס דאַכט זיך. און דערצו נאָך וועלן מיט אים גיין אַלטע געניטע פעלדמאַרשאַלן, ווי צום בּיישפּיל וואַזים, וועלכער האָט אַליין איינגענומען טאָלעדאָ אין מיין פאָטערס צייטן. ער ווייס די לאַגע פון שטאָט און פון זיינע געגנטן. ניין, איך האָבּ דערפאַר קיין מורא ניט. איך האָף, אַז אַללאַ וועט אונז העלפן.

— אַזוי טרויעריק האָט זיך פאַרענדיקט דיין הערלעכער יום־טוב, — האָט דער דיכטער פאַרטראַכט בּאַמערקט.

— יאָ, — האָט עבּדו־רחמן געענטפערט. — וועגן וואָס האָסטו געוואָלט מיט מיר ריידן? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— קיניג, — האָט דער דיכטער ניט דרייסט געזאָגט, — איצט איז ניט די צייט בּאַאומרואיקן דיך מיט מיינע פערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן. לאָמיר איבּערלאָזן דעמדאָזיקן שמועס אויף אַ צווייטן מאָל.

אָבּער עבּדו־רחמן האָט עקשנותדיק געפאָדערט, אַז דער זינגער זאָל אים זאָגן, וואָס אַזוינס האָט מיט אים פּאַסירט היינט, און

דער יונגער אַראַבער האָט ווילנדיק ניט ווילנדיק געמוזט דערציילן וועגן זיין באַגעגעניש מיט פּענזילען. ער האָט געבעטן דעם קי־ניג, אַז ער זאָל זיין דער שדכן, האָפנדיק, אַז דער מאַוור וועט וועלן מתחתן זיין זיך מיט אים, אויף דער הערשער אַליין וועט זיך פאַר אים משתדל זיין.

עבדו־רחמן האָט מיט פריינדלעכן אינטערעס אויסגעהערט דעם אויפגערעגטן זיריאַבן און האָט אים צוגעזאָגט צו העלפן און געבן אים אויסקויף־געלט פאַר דער טאָכטער.

שפּעט ביינאַכט האָט זיריאַב פאַרלאָזן דעם הויף און האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים איבערפולט מיט גליקלעכע האָפע־נונגען.

X

— וועלעדאַטע, דו האָסט געהערט די נײַס? — האָט קעלאַם אויסגעשריען, אַרײַנרײַסנדיק זיך מיט אַ געפּילדער אין צימער, וואו וועלעדאַטע איז געזעסן בײַ אַן אַרבעט. בײַ אירע פיס האָט זיך געשפּילט קעלאַמס קלײנע טאָכטער. דאָס קינד האָט אײַפריק געהויבן אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן אויף דער מוטער, וואָס איז אַרײַנגעפלויגן מיט אַ געשריי.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט וועלעדאַטע רויִק געפרעגט, אָפּרײַסנדיק זיך פון דער אַרבעט און ווענדנדיק זיך צו קעלאַמען. — וואָס האָט געטראָפן? זע דײַן היטעלע האָט זיך אַראָפּגערוקט אויף אַ זײַט, דער שלײער איז אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסלען, און די האָר. דײַנע זײַנען צעשויבערט.

קעלאַם האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיר.

— איך האָב דאָס פון אים ניט ערוואַרט! — האָט זי ווײַטער גערעדט אַליין העכער און העכער אויפהויבנדיק די שטים. — דו הער נאָר אויס, וואָס איך וועל דיר דערציילן! אָך, דאָס איז שרעקלעך! דער שוואַרצער מלאך זאָל אים טרעפן מיט אַ שרעקלעכן קלאַפּ!

— וואָס דערציילסטו ניט מיט אַ סדר? האָט עפּעס, חלילה, געטראָפן מיט זיריאַבן?

— בעסער וואָלט ער געשטאָרבן, דערטרונקען געוואָרן, צעבראָכן זיך רוק־און לענד! — האָט קעלאַם געשריען.

— דערצייל, וואָס האָט פּאַסירט, — האָט וועלעדאַטע געבעטן, און איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו דער פּערסיאַנערין.

— איך בין געווען אין פּאַלאַץ, — האָט קעלאַם דערציילט, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, — און אָט וואָס די דינסט פון אַזאַרען האָט מיר מודיע געווען: „איר ווייסט, אַז אייער מאַן נעמט זיך נאָך אַ ווייב!" אָט וואָס די דינסט האָט מיר געזאָגט!

ווערלדאַטע איז בלייך געוואָרן און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזן אויף איר אָרט.

— עס קאָן ניט זיין, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

— וואָס הייסט „עס קען ניט זיין!" — איז קעלאַם געוואָרן צעקאָכט. — מ'האָט מיר אַלץ געזאָגט, אַלץ — ווער זי איז — עפּעס אַ מאַווריטאַנערין, אַ געלע, און איר פאָטער וואוינט פיר שעה רייזע פון קאָרדאָווע, און נדן גיט דער קאַליף, אויך אַן אויסקויף פאַר דער כלה — אַלץ, אַלץ האָט מען מיר געזאָגט! צי דען וועט מען אַזוי ליגן? און פון וואַנען האָט זי זיריאַב אויסגעזוכט? וואו האָט ער זי דערזען? וואָס ענטפערסטו ניט? — האָט קעלאַם צוגעגעבן, אויפשפּרינגענדיק. — הייסט עס, אַז דיר מאַכט ניט אויס, אַז ביי אונז אין הויז וועט זיך געפינען אַ פרעמדע פרוי? איך שווער מיט דער פרייהייט פון מעקאַ! אונזער לעבן איז ביז אַהער געפלאָסן אַזוי רואיק, און דאַכט זיך, אַז אַלע האָבן מיר געקענט זיין גליקלעך, ניט אַזוי אפשר, ווערלדאַטע? און איצט וועט אַלץ ווערן אַנדערש, אַלץ וועט גיין צום גרונד. וואָס וועלן מיר טאָן? אונזער נייע חברטאָרין — אַלאַס קללה אויף איר — וועט אינז מאַכן פאַר אירע דינסטן! מיר וועלן דאַרפן זוכן ביי איר געפינען חן, מיר וועלן דאַרפן ערפילן אַלע אירע קאַפּריזן, און אויב זי וועט אויף אונז אָנמסרן זיריאַבן, קאָן ער נאָך אונז אַמאָל דערפאַר שלאָגן! דו ווייסט דאָך, אַז ער ווערט אין כעס, דאַן ווייס ער דאָך גאָרניט, וואָס ער טוט. אַ מאַווריטאַנערין! מיט וואָס זיינען מיר דאָס ערגער? איך בין אַ פּערסיאַנערין, ניט עפּעס אַ וועלכע ניט איז שקלאַפין, נאָר אַ טאָכטער פון אַ פרייען סוחר; דו האָסט מיר אַליין דערציילט, אַז דיין פאָטער איז געווען רייכער פון זיריאַבן, און מ'האָט אים גערופן: שייך — און מיר וועלן דאַרפן באַדינען דעם רויטן מיידל, אַריינקוקן איר אין די אויגן! אָבער וואָס שווייגסטו, ווי אַ פאַרשטיינערטע, אָדער דיר טוט עס הנאה?

— עס קאָן ניט זיין, — האָט וועלעדאַטע שטיל אַרויסגערעדט, פילנדיק ווי אַזוי בײַ איר האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ פון קעלאַמס מגילה.

— וואָס הייסט, עס קאָן ניט זיין, — האָט קעלאַם אויסגעשריען, אָפּשטויסנדיק פון זיך איר קליין טעכטערל, וואָס האָט אַ איבערגעשראָקענע זיך צו איר געריסן. — דו האָסט תמיד געגלויבט אין זיריאַבן, ווי אין אַ גאָט, דעריבער טראַכסטו איצט אויך, אַז ס'קאָן ניט זיין; אָבער איך האָב שטענדיק געוואוסט, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש! צי דען האָט ער אונז ווען ליב געהאַט? ווען ער האָלט אונז טייער געהאַלטן, צי דען וואָלט ער פאַרלאָזן באַגדאַד? ווי איך האָב זיך בײַ אים געבעטן! ניין, דער עקשן איז אַוועקגעפאָרן, און איך האָב פאַרלאָרן מיין זון אין וועג אין דעם גליענדן מדבר. קיינמאָל וועל איך אים דאָס ניט מוחל זיין! זינט איך האָב מיין קליינעם אַלי דערזען אַ טויטן אין דעם פאַרשאָלטענעם געצעלט, פון דעמאָלסט אָן האָט זיך מיין האַרץ אָפּגעקערט פון זיריאַבן. איך האַס אים און איך וואונדער זיך אויף אים גאָרניט, וואָס דעמדאָזיקן אויסוואורף האָט זיך פאַרגלוסט אונז פאַרראַטן צוליב עפּעס אַ געלער מאַוריטאַנערין!

וועלעדאַטע האָט מער ניט געקענט דאָס איבערטראָגן. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, איז זי אַרויס פון צימער אויפן הויף. דער פאָנטאַן האָט פריילעך גערוישט, פאַלנדיק אין דעם מירמלשטיינערנעם באַסיין. די שיין פון דער זון, דורכרייסנדיק זיך דורך דעם טרעליאַזש פון באַלקן, האָט זיך אין העלע גרינע פלעקן צעלייגט אויפן דיל און האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער ווי אַ זילבערנע שטעגעלע. אָבער וועלעדאַטען האָט אויסגעוויזן, אַז די זוניקע שיין איז פינסטער און טויט. זי איז צוגעגאַנגען צום באַסיין, איינגענעצט די האַנט און האָט צוגעלייגט צו די הייסע שלייפן. דערנאָך האָט זי זיך מאַשינעל אַראָפּגעלאָזט אויף אַ ווייכן דיוואַן, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ אין געווען אַרומגעשטעלט מיט רויזן. ווי דורכן שלאָף האָט זי געהערט קעלאַמס אויפגערעגטע שטים, וואָס האָט נאָך דאָרטן אַלץ אַריינגעטענהט, אַז זי האַסט זיריאַבן; דערנאָך האָט זי, ווי דורכן שלאָף,

געזען, ווי קעלאַם איז דורכגעגאַנגען פאַרביי איר און איז אַוועק אין גאָרטן. וועלעדאַטע איז געזעסן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט מיט שטאַרע בליקן אויף דעם בונטן מירמלשטיינערנעם דיל.

אָט איז דאָס אומגליק! איר האַרץ האָט געפילט, אַז קעלאַם האָט געזאָגט אַן אמת. די לעצטע צייט איז זיריאַב געווען מאָדנע אויפגערעגט, אויף גאַנצענע טעג פלעגט ער אַוועק, און קומענדיק אַהיים האָט ער זיך ווייניק אומגעקוקט אויף איר און קעלאַמען און איז געווען זייער צעשטרייט. יאָ, עס האָט אַן אומגליק געטראָפן. אין קייזערלעכן פאַלאַץ האָט מען ניט געזאָגט קיין ליגן. ווי אַ שטיין האָט איר געדריקט ביים האַרצן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ שווערע משא איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן קאָפּ. ס'איז איר געווען פינסטער אין די אויגן. אַזוי האָבן זיך עס געענדיקט אירע גליקלעכע טעג! זיריאַב האָט צוליב עפּעס אַ מאַוריטאַנערין אַליץ פאַרגעסן. צי דען איז זי בעסער פון מיר? האָט וועלעדאַטע געטראַכט. אַנדערע זאָגן דאָך, אַז איך בין אַ שיינע! אָט פירשט וואַלידן בין איך דאָך געפעלן, און ער שיקט כמעט אַלע טאָג מיר בלומען אין פרוכט! מיט וואָס איז זי בעסער פאַר מיר. איך האָב שטענדיק מיטגעהאָלפן זיריאַבן, געמוטיקט אים, בעת ער איז געווען פינסטער און טרויעריק. אַליץ, אַליץ פאַרגעסן! וועלעדאַטע האָט זיך דערמאָנט אירע לעצטע יאָרן, איר פרידלעך לעבן דאָ אין קאָרדאָווע, אין דעמדאָזיקן פראַכטפולן הויז, — אָ, וויפל גליקלעכע שעהן האָט זי דאָ צוגעבראַכט! איר האָט זיך געדאַכט, אַז פון יענער צייט זיינען שוין יאָרן פאַריבער. קעלאַמס בייזע בשורה האָט ווי אַ שוואַרצער אָפּגרונט אָפּגעטיילט דעם עבר פון הווה. וועלעדאַטען האָט גענומען פיבערן. זי האָט אין איר גאַנצן קערפּער געפילט אַ קעלט, ניט קוקנדיק אויף די וואַרעמקייט פון דעם פרילינגס-טאָג. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיך קוים דערשלעפּט ביז איר צימער, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ וואַרעמען גרויסן מאַנטל און זיך געזעצט אויפן בעט, אָפּוואַרפנדיק די ווייסע דעקע.

— ווער איז דאָס מיידל? מיט וואָס האָט זי צוגעצויגן זיריאַבן? מיט וואָס האָט זי אים באַצויבערט? — האָט די אָרעמע פרוי געטראַכט, קוקנדיק אַרום זיך מיט שטאַרע אויגן. דערדאָזיקער גע-

דאַנק האָט איר געענטפערט און געפייניקט און האָט איר ניט אָפּגעלאָזן. וועלעדאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט און אַ טיפע פאַרצווייפלונג האָט אָנגעפילט איר נשמה. זי האָט ניט באַמערקט, ווי ס'איז געפלויגן די צייט. ס'איז שוין געוואָרן פינסטערלעך. קעלאַם האָט זיך שוין לאַנג צוריקגעקערט פון גאָרטן און האָט מיט אַ בייזן קול געזידלט די דינסטן, און האָט אַפילו איינע אָנגעקלאַפּט די ביינער. די דינסט האָט זיך צעוויינט. קעלאַמס קליין טעכטערל איז דערשראָקן געזעסן אין אַ ווינקעלע.

אין דער צייט איז ביי דעם קאַליף אין פּאַלאַץ פאָרגעקומען אַזאַ מין בילד. פענזילעס פאָטער, וועלכן מ'האָט אַרויסגערופן צום קאַליף, איז געוואָרן פאַרבלענדט פון דעם אומגעריכטן כבוד און ער האָט זיך נידעריק געבוקט פאַרן קאַליף, האָט עפּעס געשטאַמלט, וואָס מ'האָט ניט געקענט פאַרשטיין. ענדלעך, ווען עבדו־רחמן האָט געהייסן ברענגען אַ גאַנצן קרוג, אָנגעפילט מיט רענדלעך, — אַלס אויסקויף־געלט פאַר פענזילען — איז דער מאַוור געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט צעשאָטן דאָס געלט און איז אַנידערגעפאַלן דעם קאַליף צו די פיס.

— ער איז אינגאַנצן פאַרבלענדט פון דעם געלט, — האָט עבדו־רחמן איינגערוימט דעם דיכטער. — קענטיק, אַז דיין צוקונפטיעקר שווער איז שטאַרק להוט נאָך געלד. ווען וועסטו אָפּגעבן דיין טאָכטער פאַר זיריאַבן? — האָט ער זיך געווענדט צום מאַוור.

— ווען דו וועסט באַפעלן, קיניג — אונזער קוואַל פון חסד! — האָט דער מאַוור אויסגעשריען און זיך נידעריק פאַרנייגט.

— מיין גנעדיקייט פאַרלאַנגט, אַז דאָס זאָל פאָרקומען מאָרגן. — דו ביסט דאָך מסכים מיט מיר? — האָט דער קאַליף זיך געווענדט צו זיריאַבן.

דער דיכטער האָט זיך ברייט צעשמייכלט און אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— אַלזאָ ברענג דיין טאָכטער, ווי דער מנהג איז, מיט לידער און טענץ מאָרגן אָט אין דער צייט צו זיריאַבן אין הויז. איך אַליין וועל קומען באַגעגענען דאָס ווייב פון מיין ליבלינג אין איר נייער היים.

און דער קאַליף האָט געגעבן אַ צייכן דעם מאַוור — אַז ער מעג גיין.

— ווי זאָל איך דיר, קיניג, אָפדאַנקען, — האָט זיריאַב געזאָגט און אַ קוש געגעבן דעם קיניג אין האַנט. דיין פריינדשאַפט צו מיר איז אומענדלעך. איצט, אין אַ צייט פון מלחמה, געפינסטו אויך ווען צו טראַכטן פון מיר, דעם אָרימען זינגער.

— מיין אָרימער זינגער, דאַכט מיר, איז היינט גליקלעך און צופרידן, — האָט זיך דער קיניג געוויצלט. — אָבער ריכטיק, איצט האָסטו געזאָגט אַן אמת; מיין פריינדשאַפט צו דיר איז גרויס און טיף. לאָמיר בעטן אַלאַ, אַז זי זאָל אַזאַ בלייבן אויף תמיד. איצט וועל איך פון דיר ניט באַהאַלטן, פריינד, אַז די מלחמה אויף צפון באַאומרואיקט מיך שטאַרק. די גאַנצע צייט זיינען ביי אונז פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט די גאָטן אין מורסיע און וואַלענסיע, אָבער דאָס זיינען אַלץ קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט טאָלעדאָ. אָט ווער איז אונזער ערנסטער שונא. אונזער חייל איז שוין אַוועק צו די ברעגן פון טאַכאָ, מ׳האָט געשיקט אַ גרויס חייל אין די דרום-פראָווינצן, און אַלאַ זאָל אונז העלפן צעברעכן דידאָזיקע פעסטונג פון די אומגלויביקע. מיין פאָטער האָט געהאַלטן, אַז טאָלעדאָ איז דער שליסל צו דער גאַנצער צפונדיקער שפּאַניע, און בעת ער האָט איינגענומען דידאָזיקע שטאָט, — האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָלן איצט ציטערן קאַסטיליע און אַראַגאָניע, זאָלן ציטערן די קופערנע שטערנס — די גאָטן! מיר וועלן אַריינלייגן אונזערע שווערדן אין די שיידן נאָר דאַן, בעת גאַנץ שפּאַניע פון דזשעבעל-טאַריק ביז די פירענעען וועט ווערן אונטערטעניק די אָמאַיאַדן! און איך, זיין זון און זיין טראָנפאָלגער, וואָס האָב איך געטאָן! איך האָב ניט דערפילט דעם פאָטערס צוואה, געשלאָסן מיט די גאָטן שלום. פירשט אָמאַיאַ איז קעגן דעם געווען, און איצט האָב איך פאַרלאָרן טאָלעדאָ! דו פאַרשטייסט, זיריאַב, ווי פיינלעך איז פאַר מיר דערדאָזיקער געדאַנק.

— דו האָסט אָפּגעגעבן צופיל אויפמערקזאַמקייט דעם דרום, — האָט זיריאַב געזאָגט. — געוויס איז איזבאַליע, גראַנאַדע און אַלמעריע די פערלען פון דיין קרוין, שיין איז די גאַנצע אַנדאַלוזיע, אָבער

ניט אַהין דאַרפֿן זיין געווענדט דיינע געדאַנקען. די ברעגן פֿון מיטל־לענדישן ים באַשירעמען דיין שטאַרקן פּלאַץ, און די בערבערן וועלן מורא האָבן אָנצופֿאַלן אויף דידאָזיקע גרענעצן. די גאַנצע צוקונפֿט פֿון דיין מלוכה איז אין צפֿון, און וועגן אים דאַרפֿסטו זאָרגן.

— יאָ, דו ביסט גערעכט, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט. — איך האָב געפֿטרט צייט און געלט אויף די נסיעות קיין דרום. אַנדאַלוזיע האָט מיך צופֿיל פֿאַרפֿירט מיט איר שיינקייט, און איצט שנייד איך די פּרוכט פֿון מיין ניט באַקלערטקייט און נאַכלעסיקייט. איך האָב אומפֿאַרמיידלעך פֿאַרוואָרלאָזט די מלוכה־פֿירונג און גאַנצע צוויי יאָר באַרואיקט זיך אַליין.

לאַנג נאָך האָבן זיי אַרומגערעדט די לאַגע פֿונם לאַנד. ס'איז שוין געווען פֿינסטערלעך, ווען דער קאַליף האָט אָפּגעלאָזט דעם זינגער.

זיריאַב איז געקומען אַהיים פֿאַרטראַכט און צעשטרויט. אויפֿן הויף האָט אים איבערגענומען קעלאַם מיט געוויין און געשריי און געפֿאָדערט, ער זאָל זיי אַנטדעקן דעם אמת. איז עס ריכטיק, אַז ער וויל צו זיי ברענגען נאָך אַ ווייב?

זיריאַב האָט בייז אָנגערוקט די ברעמען, האָט אָפּגעשטויסן קעלאַמען, און איז אַריין אין צימער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ ווייכן בענקל און געהייסן ברענגען פּרוכט צו אָוונט־ברויט.

קעלאַם האָט אויפֿגעהערט צו שרייען, דערזעענדיק זיין כּעס, און איז אַוועק ערפֿילן זיין פֿאַרלאַנג. גלייך האָט זי אים דערלאַנגט אַ קוישל פּרוכט.

זיריאַב, ניט אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט געזאָגט:

— מ'האָט דיר געזאָגט דעם אמת. מאָרגן אָוונט וועל איך באַגעגענען מיין יונגע ווייב. גיט אַכטונג, אַז אַלע חדרים זאָלן זיין יום־טובדיק צוגעקליבן צו דער אויפֿנאַמע פֿון מיין כּלה. דער קאַליף אַליין וועט זיין אויף דעם חתונה־מאָלצייט.

קעלאַם איז געווען איבערראַשט. זי האָט אַפֿילו פֿאַרגעסן אָן אירע געשרייען און טרערן. זי האָט געקוקט אויף זיריאַבן, ניט גלויבנדיק אירע אייגענע אויערן. ווי! דער קיניג אַליין וועט זיין

בײַ זײ צו גאַסט. וואָס פאַר אַ כּבֿוד! דידאָזיקע ידיעה האָט שטאַרקער פֿון אַלץ איבערראַשט דער פּערסיאַנערין.

אין דעם צווייטן חדר האָט זיך דערהערט אַן אײנגעהאַלטענער קרעכץ. װעלעדאַטע איז אױפֿגעשטאַנען פֿון איר בעט און, צודריקנדיק די הענט צו די שלײפֿן, איז זי פּאַמעלעך אַרײנגעקומען אין דעם באַלױכטענעם צימער, װאו ס'איז געזעסן זיריאַב. זי האָט אױף אים געגעבן אַ קוק. ער איז געזעסן רואיק לעבן לאָמפּ מיט די פּרוכט אין האַנט. זי האָט אױף אים אַ קוק געטאָן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און איז שטיל אַרױס פֿון צימער.

— װאוהין גײסטו? — האָט זי זיריאַב אַ רוף געטאָן, אַ פּאַרשעמטער פֿון איר בליק.

קעלאַם איז אַרױס נאָך װעלעדאַטען. אָבער אױפֿן הױף האָט זי שױן איר ניט געפֿונען. מ'האָט געשיקט נאָך איר די דינסט אין גאָרטן. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז די דינסט געקומען צוריק, זאָגנדיק, אַז אין גאָרטן איז פֿינסטער און מ'זעט דאָרטן קײנעם ניט. זי האָט געשריען װעלעדאַטע, אָבער קײנער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. זיריאַב איז אױפֿגעשטאַנען, אָנגעצונדן אַ לאַמטע־ן און איז אַלײן אַװעק אין גאָרטן זי זוכן. די פּאָרטקע, װאָס איז אַרױסגעגאַנגען אין פֿעלד, איז געװען אָפֿן. אין גאָרטן איז קײנער ניט געװען.

אומזיסט האָט מען אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעזוכט װעלעדאַטען. אױפֿן אַנדער טאָג האָט די מלוכה־װאַך לױט זיריאַבס בּיטע, אַרומגעזוכט װעלעדאַטען איבער דער גאַנצער שטאָט. אומזיסט.

װעלעדאַטע איז פֿאַרשװאונדן געװאָרן.

XI

אויף מאָרגן האָט זיך פֿאַר זיריאַבס הויז צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער עולם. אַלע האָבן געוואָלט זען, ווי אַזוי מ'וועט אויפֿגענעמען די כּלה, און דער קלאַנג, אַז דער קיניג אַליין וועט אויך זיין, האָט נאָך שטאַרקער פֿאַראינטערעסירט דעם עולם.

ס'האָט שוין גענומען פֿינסטער ווערן, ווען פֿונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן דער חתונה־צוג. פֿרויען אין ווייסע שלייערס מיט טענץ און געזאַנג האָבן אַרומגערינגלט די כּלה, וועלכע איז געזעסן אויף אַ פֿערד, אויף אַ הויכן רייכן זאָטל, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ שטול. אינגאַנצן איז זי געווען איינגעהילט אין אַ ווייסער גירלאַנדע. נאָך פֿענזילען איז געפֿאָרן איר פֿאָטער רייטנדיק, נאָך אים זיינען געגאַנגען זיינע קרובים. אַלע האָבן זיך געפֿיינט מיט די טייערע מלבושים, אויסגענייטע אין גאָלד און אין זילבער, און מיט דעם קאָסטבאַרן געווער, וואָס האָט געפֿינקלט פֿון גאַרטל אַרויס. דער צוג האָט זיך קוים גערוקט איבער דער שמאָלער גאַס, וואו דער עולם האָט זיך פֿאַרזאַמלט, און ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר זיריאַבס הויז.

זיריאַב אין אַ ווייסן קלייד, אויסגענייט מיט גאָלד, איז שוין געשטאַנען ביים שוועל פֿון זיין וואוינונג. לויטן מנהג, האָט דער כּלהס פֿוס ניט געטאָרט אָנרירן די ערד פֿון איר פֿאָטערס הויז ביז איר נייער וואוינונג. זיריאַב איז צוגעלאָפֿן צו פֿענזילען, האָט איר פֿאָרזיכטיק אַראָפּגענומען פֿון פֿערד און אויף די הענט זי אַוועקגעטראָגן אין דעם זאַל, וואו דער מאָלצייט איז פֿאָרגעקומען. נאָך אים איז געגאַנגען דער כּלהס פֿאָטער, אירע קרובים און געסט. אַלע זיינען אַריין אין זאַל און האָבן זיך פֿונאַנדערגעזעצט אויף

די בענקלעך, וואָס זיינען געווען צוגעדעקט מיט בונטע טעפעכער. די כלה איז געזעסן אויף אַ הויכן אָרט, וואָס איז געווען געמאַכט ביי דער וואַנט אין מיטן צימער. אַרום זיינען געשטאַנען אָלעאַנדרעס און מאַגנאָליען. אין צווייטן עק צימער, אַנטקעגן דער אַריינגאַנגס-טיר, איז געווען געמאַכט אַ הויכער אָרט, איבער אים אַ באַלדאַכין פון רויטן סאַמעט. דאָס איז געשטאַנען אַ גילדערנער שטול. דאָס דאָזיקע אָרט איז געווען צוגעגרייט פאַרן קיניג, דאָס גאַנצע צימער האָט געלויכטן פון די אָנגעצונדענע ליכט. די שיין פון הענגלייכטער האָט העל אָפגעשפיגלט די רייכע מלבושים פון די געסט און זייערע פריילעכע געזיכטער. אַלע זיינען געווען אומגעדולדיק: דער קיניג אַליין האָט באַדאַרפט אָנגעקומען.

זיריאַב, אַוועקזעצנדיק די כלה אויבנאָן און דעם כלהס פאָטער לעבן איר, איז אַרויסגעגאַנגען צו פאַראָרדענען וועגן די כלי-זמרים און וועגן דעם מאָלצייט. קעלאַם האָט זיך אין דער דאָזיקער צייט באַהאַלטן אין די פינסטערע חדרים; איר פנים האָט געאָטעמט מיט קנאה און רשעות. אירע גרויסע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ בייזן פייערל, ווען זי האָט פונדערווייטנס דערזען זיריאַבן אין זיין רייכן מלבוש, וואָס האָט געבלאַנקט פון גאָלד. צו איר איז דערגאַנגען דער גערויש און דער שמועס פון די געסט, און די דינסטן זיינען איילנדיק דורכגעלאָפן פאַרביי איר, טראָגנדיק זילבערנע וואַזעס און טייערע קרישטאָלענע קריג.

פאַר יעדערן פון די געסט איז געווען צוגעגרייט אַ מתנה, און די קנעכט זיינען אַרומגעגאַנגען די געסט, וואָס זיינען געזעסן אין זאַל און יעדערן פאָרגעלייגט די מתנה.

מ'האָט נאָך ניט באַוויזן די מתנות פונאַנדערצעטיילן, ווי פון גאַס האָט זיך דערהערט אַ גערויש. דאָס האָט דאָס פאָלק באַגריסט דעם קיניג. זיריאַב איז אים געגאַנגען אַנטקעגן.

עבדו-רחמן מיט אַ רייכער סוויטע איז צוגעפאָרן צום הויז. זיריאַב האָט געקושט דעם זוים פון קאַליפס קלייד און אים געהאָלפן אַראָפצוגיין פון דעם שטאַרקן ווייסן פערד. אין זיין געשפאַן האָבן געבלאַנקט טייערע שטיינער. זיריאַב האָט דורכגעפירט דעם קיניג דורך דעם מירמלשטיינערנעם הויף אין זאַל. דער קאַ-

ליף האָט זיך אַנידערגעזעצט אונטער דעם רויטן באַלדאַכין, אַרום האָט זיך געזעצט די סוויטע. די געסט זיינען געשטאַנען און געשווינגן. עבדו=רחמן האָט דערזען אין צווייטן עק צימער פענזילען. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך, איינגעהילט אין דעם ווייסן שלייער; איר האָבן אַרומגערינגלט אירע חברטאָרינס, קרובים אויך פאַרדעקט אין שלייערס.

— איך האָף, אַז דו וועסט מיר ווייזן דיין כלה? — האָט ער געזאָגט זיריאַבן, וועלכער האָט געשטראַלט פאַר גליק.

זיריאַב האָט זיך פאַרנייגט פאַרן קאַליף און איז צוגעגאַנגען צו פענזילען. צובויגנדיק זיך צו איר, האָט ער איר געזאָגט עטלעכע ווערטער. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און זיריאַב האָט זי אַ פאַרשעמטע און אַ ציטערנדיקע צוגעפירט צו זיין קיניגלעכן פריינד. זיריאַב האָט אָפגעוואָרפן איר שלייער, און עבדו=רחמן האָט פאַר זיך דערזען אַ צאַרט פנימל אין אַ רעמל פון גילדערנע לאָקן, וואָס האָט געקוקט מיט תמימותדיקע צעשראָקענע אויגן. פענזילע איז געווען טויט=בלאַס. זי האָט זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס פון אַזויפיל איינדרוקן. עבדו=רחמן איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, גענומען ביי דעם דינער, וואָס איז געשטאַנען נאָענט לעבן אים, אַ זילבערנע שקעטעלע, אַרויסגענומען דאָרט אַ צירבאַנד און אַליין עס אָנגעטאָן פענזילען.

— אָט האָסטו מיין מתנה, קינד. זאָל דיר אַלאַ געבן גליק אין דיין ניי לעבן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ רירנדיקער שטים.

פענזילע האָט זיך נידעריק פאַרנויגט פאַרן קאַליף און, אונטערגעמונטערט פון זיין פריינדלעכן שמייכל, האָט זי זיך אַ ביסל באַרואיקט. אַראָפּגעלאָזט דעם שלייער, איז זי אַוועק צוריק אויף איר אָרט. דער פאָטער אירער האָט זי געפירט אונטערן האַנט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט אַ וואונדערבאַרן חלום. ס'איז מקוים געוואָרן דער וואונדערלעכער טרוים. אַזאַ מעשהלע האָט זי אַלס קינד געהערט פון איר ניאַניע. אַ שיינער בן מלך איז אומגעריכט צו איר געקומען און האָט איר פאַרגעלייגט ליבע און גליק. זיריאַב, דער שיינער דיכטער, דער ליבלינג פון קיניג און פאָלק, האָט זי געפונען אַ קליינינקע, אַן אָרעמע, אין אַ פאַרוואָרפן דערפל און האָט

זי געבראַכט אויף די שטאַרקע הענט אין דעם צויבער פּאַלאַץ; וואָס האָט געבלאַנקט פֿון ליכט, און דערדאָזיקער פּאַלאַץ וועט פֿון איצט אָן זײַן איר אייגענע היים. דער קאָפּ האָט בײַ איר געשווינדלט פֿון דער רײַכקייט, פֿון דעם גלאַנץ פֿון די פֿײַערן, פֿון דעם פֿאַרשיכורטן אַראָמאַט פֿון די בלומען און קטורת. אַ שווערער פּערלבאַנד האָט איר פֿאַרדריקט די שלייפֿן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי חלשט, אַזוי אומגעריכט, אַזוי העל איז געווען דאָס דאָזיקע גליק.

זיריאַב אַן איבערגעטער, ניט ווייניקער פֿון דעם שעמעוודיקן מיידל, האָט געדאַנקט דעם קיניג פֿאַר דעם באַזוך און פֿאַר דער מתּנה.

— דײַן כּלה איז שיין ווי די זון, — האָט דער קאַליף געזאָגט שמייכלענדיק. — באמת, ביסטו געבוירן געוואָרן אונטער אַ גליקלעכן שטערן.

— אין די סטעפּעס פֿון אַראַביע האָט מען מיר אַמאָל פֿאָראויסגעזאָגט, אַז מײַן גורל וועט זײַן אַ מערקווירדיקער, — האָט זיריאַב געענטפֿערט און זײַנע אויגן האָבן געפֿינקלט ווי שטערן. — היינט איז מקוים געוואָרן די נביאות פֿון דעם אַלטן שטערן־זעער. איך בין דער גליקלעכסטער פֿון אַלע זין פֿון דעם נביא. און פֿאַר אַ האַלבן גליק בין איך דיר, קיניג, פֿאַרפּליכטעט. מיט וואָס זאָל איך דיר אָפּדאַנקען פֿאַר דײַן אָנטייל און התקרבות צו מיר.

פֿאַרבראַכט אַ שעה צײַט בײַ זײַן ליבלינג, איז דער קיניג אין דער באַגלייטונג פֿון זײַן סוויטע אַוועקגעפֿאָרן. די סעודה בײַ זיריאַבן אין הויז האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. לאַנג האָט נאָך געדונערט די מוזיק און דער זינגער־כאָר, וואָס זיריאַב האָט איינגעאָרדנט פֿון די תּלמידים פֿון זײַן מוזיקאַלישער שול. דער כאָר האָט געזונגען איין חתונה־ליד נאָך דער אַנדערער. לאַנג האָבן נאָך געלויכטן די ליכטער און ס'האָבן זיך געהערט אַ פֿריילעכער שמועסן און געלעכטער פֿון די געסט.

זיריאַבס חתונה־מאָלצײַט איז פֿאָריבער גלענצנד.

XII

די שיינע אַזאַרע איז פויל געלעגן אויפן ווייכן דיוואַן אין דער טיף פון איר קילן חדר. די היץ פון דעם זומערדיקן טאָג האָט קוים אַריינגעדרונגען דורך די אָפענע טירן, פון דאָרטן האָט זיך געהערט אַ שטילער גערויש פון אַ פאָנטאַן. דאָס אומאויפהערלעכע רוישן פון וואַסער און די שלעפעריקע שטילקייט אַרום האָט פאַרטרונקען אַ זיסע מידיקייט. אַזאַרע האָט פויל געקלונגען מיט די בלאַנקענדיקע בראַסלעטן, וועלכע האָבן געפינקלט אויף אירע נאַקעטע הענט. אַ ווייס לייכט קלייד האָט פיין אַרומגענומען איר שלאַנקע פיגור. אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך פויל אַראָפגעלאָזן, און די לאַנגע ברעמען האָבן זיך געלייגט ווי פליגלען אויף אירע מאַטע בלייכע באַקן. הינטער איר איז געשטאַנען אַ שקלאַפין — אַ נעגערין — אין אַ בונטן געלבן טוניק און האָט געפאָכט אויף איר האָרינטע מיט אַ פעכער פון שטרויס-פעדערן. וואונדערשיין איז געווען אַזאַרע אין דערדאָזיקער פאָזע פון מידער רואיקייט.

אַזוי האָט געטראַכט עבדו-רחמן, זיצנדיק ביי די פיס פון זיין הערשערין. ער האָט זיך אַנטציקט מיט אירע געדיכטע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון איר רויט היטעלע, און האָט גאָרניט געהערט, וואָס צו אים האָט גערעדט די יפת-תואר.

— פון וואָס טראַכסטו? — האָט זי זיך ענדלעך צעלאַכט, אָנרירנדיק זיך אָן זיינע הענט. — איך רייד מיט דיר, פרעג דיך, און דו קוקסט נאָר אויף מיר און שווייגסט.

— יאָ, יאָ. איך האָב גאָרניט געהערט, וועגן וואָס דו האָסט נאָר-וואָס גערעדט. דו ביסט היינט אַזוי שיין, איך שווער דיר ביי מיין ווייסער פאָן! ניט צאָרן, טייבעלע, אויף דיין קנעכט — זאָג מיר וועגן וואָס האָסטו איצט גערעדט?

— איך האָב גערעדט וועגן זיריאַבן, מײַן הערשער, — האָט אַזאַרע געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט אירע שײנע אויגן.

— וועגן זיריאַבן?

— יאָ וועגן דײַן ליבלינג. אָט וועמען מען האָט באַדאַרפט שיקן צו וואַלידן. זײ זײַנען דאָך פרײַנד, ניט אפשר? זיריאַב וועט אים ברענגען אַ בריוו, אין וועלכן דו רופסט אים אָפּ צוריק פון דער מלחמה, און אויב ער וועט קענען אים מאַכן זיסער די ביטערע רפואה, וועט וואַליד רואיקער זי אויסטרינקען, ווײַל איך האָב מורא, אַז אויף אַן אַנדער אופן וועט צווישן אײַך בײדן אויפפלאַקערן אַן אײביקע שנאה.

— ליכטיקײט פון מײַנע אויגן! זיריאַב וועט זיך ניט אָננעמען דאָס צו טאָן. קודם־כּל איז ער איצט אַזוי פאַרנומען מיט זײַן פערזענלעכן גליק, אַז ער האָט ניט קײן אויגן און קײן אויערן פאַר דער אַרומיקער וועלט; און ווידער האָט ער זיך לחלוטין אָפּגעזאָגט זיך אַרײַנצומישן אין וועלכע ניט איז מלוכה־ענינים, און דאָס איז נאָך געווען אין דער צײַט, בעת ער איז ערשט אָנגעקומען קײן קאָרדאָווע. ווײַבאַלד אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז ער דאַרף וואַלידן ברענגען אַ שלעכטע בשורה, וועט ער, אויס פרײַנדשאַפט צום ברודער, ניט וועלן אָננעמען דיזאָזיקע שליחות.

— איך וואונדער זיך, מײַן הערשער, — האָט אַזאַרע געזאָגט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, — ביסט אַזוי פאָרזיכטיק מיט דעמדאָזיקן זינגער, גלײַך ווי ער וואָלט געווען אַ בן־מלך. דו האָסט אַפילו מורא אים צו באַאומרואיקן. דער פאַלשער האָט אפשר נאָך לפּנים־וועגן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ שטעלע אין קײזערלעכן הויף, כּדי זײַן פריי, און אומבאַמערקט דרײען מיט אַלעמען.

— זיריאַב דרײט ניט מיט קײנעם, — האָט דער קאַליף רואיק דערקלערט. — זײַן עקל צו פּאָליטיק איז צו אויפריכטיק, אַז איך זאָל קענען אין דעם צווייפלען.

— ס'קאָן זײַן, אַז איך האָב אַ טעות, — האָט אַזאַרע געענטפערט, בײַטנדיק דעם טאָן. — נאָר אויב אַפילו ער האָט ניט ליב פּאָליטיק, מעג ער דאָך אײַך דאָס טאָן צוליב דיר. דו האָסט דאָך שטענדיק געטענהט, אַז זיריאַב איז דײַן בעסטער פרײַנד. צי דען האָט ער

דיך אַזוי ווייניק ליב, אַז ער וועט זיך אַנטזאָגן צו ערפילן דיין פאַר־לאַנג?

— ער איז מיין בעסטער און מיין דאַנקבאַרסטער פריינד, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט.

— אויף אַזאַ אופן פאַרשטיי איך ניט, וואָס דו קווענקלסט זיך. צי דען קענסטו ניט פאָדערן באַווייזן פון זיין פריינדשאַפט? און וועמען וועסטו יאָ שיקן צו וואַלידן? אָדער אפשר האָסטו זיך שוין איבערגעלייגט און וועסט אים ניט צוריק־רופן.

— ניין, פירשט אָמאַיאַ פאָדערט שטאַרק, אַז איך זאָל אים אָפּרופן. וואַלידס אומערפאַרנקייט און לייכטזין פאַרציען די מלחמה. ביז איצט קענען מיר ניט איינגעמען טאָלעדאָ. גאַשימס באַנדע מאַכט חרוב און ראַבירט אין די אַרומיקע געגנטן. און אָנשטאָט צו הערן די אַלטע פראַקטישע מאַרשאַלן טוט וואַליד איין נאַרעשקייט נאָך דער צווייטער און פאַרלירט אומזיסט דאָס חייל. איך בין געצוואונ־גען אים אָפּצורופן.

אַ פינסטערער קנייטש האָט זיך אַוועקגעלייגט צווישן עבדו־רחמנס דינע ברעמען.

— איז וועמען וועסטו שיקן, — האָט אַזאַרע זיך געעקשנט. — קיינער, אויסער זיריאַבן, וועט ניט קענען באַרואיקן דעם אויפגע־בראַכטן וואַלידן. אָדער אפשר האָפסטו אויף דעם אַלטן אָמאַיען?

— אים קען מען ניט שיקן מיט אַזעלכע שליחות. מען דאַרף שוינען זיין אַלטקייט. דערצו נאָך דאַרף איך אים האָבן דאָ. וואָס וועל איך דאָ אָן אים טאָן? מ'וועט מוזן שיקן איינעם פון די הויף־באַאַמטע. אפשר מחמדן, אָדער מולע־האַסאַנען — דעם גובערנאַטאָר פון קאָרדאָווע.

— מולעי האַסאַנען! ניט טראַכט פון אים, הערשער, וואַליד קאָן דאָך ניט אָנקוקן דעמדאָזיקן אַלטן און באמת וועט ער דאָס האַלטן פאַר אַ חוזקעריי, אויב דו וועסט מיט אים שיקן דעם בריוו. גלויב מיר, בעסער פאַר זיריאַבן וועסטו קיינעם ניט געפינען.

— דו מיינסט אַזוי? — האָט עבדו־רחמן ניט זיכער אַ פרעג געטאָן.

אַזאַרע, דערזעענדיק זיין קווענקלען זיך, האָט אויף אים געוואָרפֿן אַ צאַרטן בליק און אים אויסגעשטרעקט אירע שיינע הענט.

— איך זאָרג פֿאַר דעם, אַז אין אונזער הויז זאָל הערשן שלום, — האָט זי געזאָגט. — פֿאָלג מיין עצה, און דו וועסט זען, אַז דערדאָזיקער ענין וועט ווערן אויסגעפֿירט אויפֿן בעסטן אופֿן. באַרעכן נאָר, ווער וועט אַזוי גוט קענען פֿאַרגלעטן דיין שטרענגן אויסרייד, אויב ניט דער איידעלער און הערלעכער זיריאַב? דערמאָן זיך נאָר, ווי זיי זיינען געווען באַפֿריינדעט? וואַליד איז שטענדיק וועגן אים געווען די בעסטע מיינונג, און איבערהויפּט איז אים געפֿעלן געווען דעם זינגערס ווייב וועלעדאַטע. דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע אַראַבערין האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינקייט. און מ'האָט זי טאַקע ניט געפֿונען אין קאָרדאָווע? — האָט זי איבערגעביטן דעם שמועס.

— ניין, ניט געפֿונען. די גאַנצע וואָך פֿון פּאַלאַץ האָט מען אַרויסגעשיקט זי זוכן, אָבער אומזיסט. מסתּמא האָט זי פֿון גרויס פֿאַרצווייפֿלונג זיך אַריינגעוואָרפֿן אין אועד־על־קעביר.

— נעבעך, — האָט אַזאַרע אַרויסגערעדט. — זי האָט וואַרשיינלעך שטאַרק געליבט דעם לייכטזיניקן מאַן אירן. די צווייטע ווייב זיינע נעמט שוין אָן לייכטער די זאַך. זי איז מיר זייער געפֿעלן.

— דו האָסט זי געזען?

— יאָ, זי איז שוין איייניקע מאָל געווען ביי מיר אין פּאַלאַץ. אַ קלוגע און אַ שאַלקהאַפֿטע פֿרוי. זיריאַבס נייע ווייב איז קענטיק אַ קאַפּריזנע באַשעפֿעניש, אָבער די פּערסיאַנערין טראָגט איבער געדולדיק אַלע אירע קאַפּריזן, זי פֿאַרטרויט זיי בלויז מיר.

— אומזיסט הערסטו זיך צו צו די ווייבערשע רכילות, — האָט עבדו־רחמן אומצופֿרידן געזאָגט. — זיריאַב איז ניט פֿעאיק צו טאָן שלעכטע זאַכן, און זיין ווייב איז אַ שיינע און אַ ליבע.

— זי איז שענער פֿון מיר? — האָט אַזאַרע געפֿרעגט, פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם קאָפּ אויף די קישנס און קוקנדיק אויף דעם קיניג פֿון אונטער אירע לאַנגע ברעמען.

אַזאַרע האָט געוואוסט, מיט וואָס מ'קען עבדו־רחמנען באַזיגן. דער קאַליף האָט ניט אויסגעהאַלטן דעמדאָזיקן שעלמישן און צאַרטן בליק, — און איר פֿאַרלאַנג איז דערפֿילט געוואָרן.

— אַלזאָ וועסטו שיקן זיריאַבן? — האָט זי ענדלעך געפרעגט.

— ס'וועט ווירקלעך אויסקומען אים צו שיקן. דו ביסט גע-רעכט. ער איז דער איין-און-איינציקער מענטש, וואָס איז פעאיק אויסצופירן די שליחות.

— זאָג, וואָס הערט זיך עפעס מיט מיין פאַלאַץ? — דו ביסט דאָרטן לאַנג ניט געווען, ווי גייט צו דאָס בויען?

— מ'וועט דאַרפן אַהין צופאָרן, — האָט דער קאַליף גע-ענטפערט. — דער ייד, בן-פאַרעזי, וואָס זיריאַב איז מיט אים אַהער געקומען, איז אַ זעלטענער בויער. זיינע צייכענונגען זיינען זייער שיין און פאַרשיידנאַרטיק.

— אָבער ווי קומען זיי אַרויס? צי בויט ער פונקט אַזוי גוט, ווי ער צייכנט? — האָט אַזאַרע ווידער געפרעגט.

— פיליכט וועל איך היינט צופאָרן אַהין, — ווי מיינסטו, אָ, מיין גאַזעל? — האָט עבדו-רחמן געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— דו האָסט פאַרשטאַנען מיין פאַרלאַנג, — האָט אַזאַרע גע-זאָגט, שעמעוודיק אַראָפּלאָזנדיק די אויגן. — ווען דו זאָלסט וויסן, ווי מיר ווילט זיך איבערציען שוין אין מיין פאַלאַץ. וואָס פאַר אַ גליקלעכע טעג וועלן זיך אָנהייבן פאַר אונז דאַן.

נאָך לאַנגן געזעגענען, איז דער קאַליף אַוועק. די שיינע אַזאַרע איז דאַן פריילעך אויפגעשפרונגען פון אָרט און פון גרויס פרייד שטיל אַ פאָר מאָל אַ פאַטש געטאָן מיט די הענט. ס'איז אַריינגעקומען די דינסט.

— ברענג אַריין דעם מאַן, וואָס וואַרט ביים פאָרטקע, — האָט אַזאַרע באַפוילן. זי איז אַנידערגעפאַלן אויף די קישנס און זיך פאַרקלערט. דער גוטער, צאַרטער אויסדרוק פון איר געזיכט איז פאַרשוואונדן, אויף די ליפן האָט ביי איר געבלאָנדזשעט אַ בייזער שמייכל. ס'האָבן זיך דערהערט טריט. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און האָט פאַר זיך דערזען אַ הויכן מאָגערן מענטשן אין אַ שוואַרצן פלאַשטש.

— איך האָב מיינס אויסגעפירט, — האָט אַזאַרע געזאָגט. — זיריאַב פאָרט קיין טאָלעדאָ.

— ווּעט עס זיין אויף לאַנג ? — האָט געפרעגט דער מענטש אין שוואַרצן פלאַשטש, און האָט אַראָפּגענומען דעם שלייער פון זיין געזיכט. ס'האָט זיך געלאָזט זען אַ קאָפּ מיט אַ געלער באָרד און לויפנדיקע אויגן.

— דאָס ווענדט זיך אָן אונז, — האָט אַזאַרע געענטפערט שמייכלענדיק, און אירע אויגן האָבן אויפגעפלאַקערט מיט אַ בייזן פייערל. — מ'קען אים אינגאַנצן אָפּרוימען פון דער ערד, דאָרטן ערגעץ אין די בערג. ווער ווועט עס גיין זוכן און זיך דערוויסן, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין די בערג־שפּאַלטן פון סיערע־מאָרענא אין אַ פינסטערער נאַכט ? אָבער איך דענק, אַז ער איז ניט אַזוי געפערלעך. ער קען נאָך אונז אַמאָל זיין נוציק, אָבער איצט דאַרף מען אים צונעמען פון דעם קאַליף — ווייטער פון אויג.

— וויפל צייט ווועט געדויערן זיין רייזע ?

— מ'וועט קענען איינאָרדענען אַזוי, אַז ער זאָל דאָרטן בלייבן ביז האַרבסט. אָבער דאָס איז אַלץ קליינינקייטן. איבערהויפט דאַרף מען אים דערווייל דערווייטערן פונדאַנען. איצטער וועגן דיר. מאָרגן גלייך אינדערפרי וועסטו קומען צו עבדו־רחמנען און אים באַצויבערן מיט דיין צניעות און פאַנאַטישקייט.

דער מאַן אין שוואַרצן מאַנטל האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ פאַלשן הכנעהדיקן שמייכל און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— מיין הייליקער צאָרן קען די אומגלויביקע קאָן דעם קאַליף ניט געפעלן ווערן, — האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז דיין זאַך פאַרפירן אַ שמועס אַזוי, אַז דו זאָלסט נושא חן זיין ביי דעם קאַליף. איבעריקנס מיר פאַרשטייען איינע די אַנדערע. היט זיך נאָר, אַז קיינער זאָל אין דיר ניט דערקענען דעם געהיימענישפולן מאַן, וואָס איז געווען היינט ביי אַזאַרען. זיי פאָרזיכטיקער, אַרויסגייענדיק פון דאַנען.

זי האָט אים געמאַכט אַ לייכטן צייכן מיט דער האַנט און האָט זיך אָנגעלענט אויף די קישנס.

ער האָט זיך נידעריק פאַרנויגט און שטיל גנבענענדיק זיך, איז ער אַרויס פון אַזאַרעס פּאַלאַץ.

XIII

עֶבדו-רחמן האָט אומרואיק געשפּרייזט איבער זיין אַרבעטס-צימער. זיריאַב, וואָס מ'האָט פלוצלונג אַרויסגערופן אין פּאַלאַץ, איז געשטאַנען ביי דעם טיש און זיך צוגעהערט צו דעם קאַליפס אויפגערעגטע רעדע.

— דו ביסט דאַן געווען גערעכט, ווען דו האָסט מיך געוואָרנט. פון מיר איז געווען אַ לייכטזיניקייט אָנצוטרויען דעם ברודער די אָנפירונג מיט דער אַרמיי. איך האָב אויסגערעכנט, אַז ער וועט פאָלגן, וואָס די אַלטע מיליטער-לייט וועלן אים זאָגן, אָבער ער וויל אַליין אָרדענען. וואָס טוט מען איצט?

— מ'האָט ניט באַדאַרפט פריער טאָן אַזוי איילִיק און ניט באַקלערט.

— יאָ, יאָ, ביסט גערעכט. איך האָב זייער אויף דעם חרטה. דו האָסט געהערט דעם לעצטן באַריכט פון שלאַכט-פעלד? אונזער חייל האָט אָפּגעטראָטן; פאַרשטייסט, חרפּהדיק אָפּגעטראָטן פאַר דער באַנדע פּרעכע רויבער! פון אַ פּלאַנמעסיקער באַלאַגערונג פון טאָלעדאָ טראַכטן זיי גאָרניט.

— וואָס שרייבט פירשט וואַליד, קיניג?

— ער בעט—נייע חייל.

— און וואָס פאַר אַ באַשלוס האָסטו אָנגענומען?

נעכטן אָוונט האָב איך זיך געהאַלטן אַן עצה מיט מיינע מיני-סטאָרן. פירשט אָמאַיאַ פאָדערט, אַז מ'זאָל אומבאַדינגט איבער-געבן די אָנפירונג מיט דעם חייל וואַזימען. פאַראַיאָרן האָט ער געפירט אַ גליקלעכע מלחמה אויף צפון, אויף די פרענקישע גרענעצן. און חוץ אַלץ ווייס ער גוט די פּאָזיציעס פון לאַנד, ער האָט אָנטייל גענומען ביים איינעמען טאָלעדאָ, בעת מיין פאָטער האָט נאָך רע-

גירט. נאַטירלעך וועט אויסקומען צו שיקן נאָך חייל. אָבער אי־בערהויפּט, לויט דעם מיינונג פון דעם אַלטן פירשט און אויך פון אַנדערע, הגם זיי האָבן ניט געוואַגט אָפן אַרויסווייזן זייערע געדאַנקען, הייסט עס אָפּנעמען ביי וואַלידן די אָנפירונג מיט דעם חייל.

— דו וועסט אים דערמיט באַליידיקן, קיניג.

— איך מוז אַזוי טאָן, זיריאַב. איך קאָן דאָך ניט מסכים זיין און דערלאָזן, און צוזען, ווי אומזיסט ווערן געפּטרט מענטשן און די צייט.

— דאָך זאָג מיר צוליב וואָס רעדסטו וועגן דעם אַלעם? — האָט זיריאַב לאַנגזאַם געפרעגט.

דער קאַליף איז רויט געוואָרן און איז געבליבן שטיין קעגן אים.

— דו האָסט אַליין זיך אָנגעשטויסן, פריינד. ווער וועט אַוועקפירן דעם בריוו, אויב דו וועסט זיך אָפּזאָגן דאָס צו טאָן?

— קיניג, איך האָב דיך שוין פיל מאָל געבעטן ניט אַריינצומישן מיך אין מלוכה־ענינים. איך בין ניט געבוירן פאַר פּאָליטיק. באַפריי מיך פון דידאָזיקע שליחות.

לאַנג איז אויסגעקומען דעם קאַליף איינצורייִדן דעם זינגער. ענדלעך האָט זיריאַב מיט אַ געקלעמטן האַרץ מסכים געווען. עבדו־רחמן איז געווען צופרידן, ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו אַ נישע, וואָס איז געווען איינגעמויערט אין וואַנט און פון אויסגעלייגט מיט עמאַל, אַראָפּגענומען פון דאָרטן אַ בריוו צו וואַלידן.

— קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן דיין גוטסקייט, זיריאַב, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, פריינדלעך דריקנדיק דעם דיכטערס האַנט. — דידאָזיקע שליחות איז שווער און אומאָנגענעם, אָבער צוליב אַ פריינד דאַרף מען קענען אויך פאַרטראָגן געוויסע שוועריקייטן? איך ווייס, דיר איז איצט אַ שאָד צו פאַרלאָזן קאָרדאָווע און דיין יונגע ווייב, אָבער גיב אַ קלער וועגן מיר! גיב אַ קלער וועגן אונזער פאָטערלאַנד. מיר מוזן האָבן צפון־שפּאַניע. מ׳קאָן ניט דערלאָזן, אַז די גאָטן זאָלן זיך דאָרטן באַפעסטיקן. אַ סך קרעפטן וועט מען נאָך דאַרפן אָנווענדן, ביז מ׳וועט אויסראָטן דעמדאָזיקן פאַרווילדעוועטן שבט. מאָרגן פרי וועט זיין פאַרטיק דיין סוויטע. ניט קאַרג קיין געלט

אין וועג, ניט זאַם זיך לאַנג, און קום צוריק מיט וואַלידן! איך ווייס ניט וועמען וועל איך מקבל פּנים זיין ליבער, דעם פאַרשולדיקטן ברודער, אָדער מיין בעסטן פריינד!

נאָך דעם קיניגס פריינדלעכער אויפנאַמע איז זיריאַב אַרויס פון פּאַלאַץ, באַהאַלטנדיק דעם קיניגס בריוו, וואָס ער האָט אייגנהאַנטיק געשריבן, ביי זיך אויפן האַרצן. ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען דורך דער ליכטיקער אַלעע, וואָס איז אַרויסגעקומען אין גאָרטן, האָט ער אָנגעגעגנט דעם גרויס-וויזיר, נאָך וועלכן ס'איז נאָכגעגאַנגען עפּעס אַ מאַן. פירשט אָמאַיאַ האָט פאָרשנדיק אַ קוק געטאָן זיריאַבן אין פּנים אַריין, און לויט דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט, האָט דער וויזיר פאַרשטאַנען, אַז זיריאַב איז איינגעגאַנגען צו זיין אַ פאַרמיטלער אין די שווערע שליחות. ער האָט אים פריינדלעך אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט פאַרפירט אַ פריילעכן שמועס וועגן קלייניקייטן. זיריאַב האָט צעשטרייט אים אָפּגעענטפערט. איילנדיק זיך אַהיים, זיך זעגענענדיק מיט דעם פירשט, האָט ער געוואָרפן פאַרבייגייענדיק אַ בליק אויף דעם מאַן, וואָס איז געגאַנגען נאָך דעם וויזיר, און ביי אים אין קאָפּ האָט אַ פינקל געטאָן אַ געדאַנק, אַז דאָס דאָזיקע פּנים איז אים באַקאַנט. וואו האָט ער געקענט זען דידאָזיקע שנעל-לויפנדיקע אויגן, דידאָזיקע רויטע האָר — ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען. זיריאַב איז אַריינגעגאַנגען אין דעם גאָרטן פון פּאַלאַץ און, איילנדיק גריסנדיק זיך מיט די הויף-באַאַמטע, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין זיין פרידלעכער וואוינונג, וואוהין ס'האָט ניט אַריינגעדרונגען די שרעקן פון מלחמה און וואו ס'האָט געהערשט אַ העלע ליבע.

דער מאַן, וואָס זיריאַב האָט ניט דערקענט, איז געווען יחיה, דער פּאַקיר יחיה, וואָס האָט אַמאָל אין דמשק אויפגעהויבן דאָס פאָלק קעגן האַרון-אַל-ראַשידן. ער האָט דערקענט אין עבדו-רחמנס שיינעם און שטאָלצן דיכטער דעם יונגן זינגער, וואָס האָט אין דמשק אָנגעמאַכט אַזאַ טומל. ער האָט אים דערקענט, און אַ בייזער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין געזיכט. נאָך אין דמשק האָט ער פאַרהאַסט דעם זינגער פאַר זיין אומגעווינלעכער פּאָפּולאַריטעט. זיריאַב האָט לייכט געפונען אָנערקענונג ביים פאָלק, צו

וואָס יחיה האָט זיך יאָרן־לאַנג ניט געקענט דערשלאָגן. דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט הערן זיינע דרשות, ניט געוואָלט קוקן אויף זיינע סודותפולע קונצן. ווען אויפן מאַרק פלעגט זיך אין יענער צייט באַווייזן דער דיכטער מיט זיין האַרפע, דאַן פלעגן אַלע פאַרלאָזן דעם פאַקיר און לויפן צו זיריאַבן הערן זיינע לידער, און יחיה האָט בײַ זיך אין האַרצן פאַרהאַסט זיין קאָנקורענט. זיריאַבן האָט מען אויפגענומען אין דער שענסטער געזעלשאַפט פון דמשק, דער מושל אַליין איז צו אים געווען פריינדלעך, און פלעגט דעם זינגער באַשיצן פון האַרון־אַל־ראַשיד. און ער, יחיה, האָט זיך אַרומגעוואַלגערט, פון קיינעם ניט אָנערקענט, אָפט הונגעריק. קוים האָט ער געקענט מיט זיינע דרשות קעגן האַרונען ערווערבן זיך אַ נאָמען בײַ זיינע לומפן־צוהערער. און אים האָט שטאַרק געצויגן צו רום, רייכקייט און כבוד. אין גרונט גערעדט, וואָס אַרט אים, צי דער קאַליף האַרון איז יושרדיק, אָדער ער אונטערדריקט זיין פאָלק? יחיה איז געווען אַ געבוירענער פערסיאַנער, און אין זיינע אָדערן האָט ניט געפלאָסן דאָס בלוט פון די פרייע בעדואינער, פאַר וועלכע יעדער אונטערדריקונג איז אַ קללה און אַ אָנשיקעניש. ער האָט ניט באַוויינט די פאַרלאָרענע פרייהייט, ער האָט ניט געקענט פאַרהאַסן דעם אַכזריותדיקן דעספּאָט, ווי די דרייסטע זין פון אַראַביע און סיריע, וועלכע האָבן גוט געדענקט זייער פריערדיקע פרייהייט. ער האָט געטרוימט פון איין זאַך — זיך אַרויסרייסן פון דער נישטיקייט, פון דער פאַרהאַסטער אָרעמקייט, און אים איז געווען גאַנץ גלייך, מיט וועלכע מיטלען ער וועט קומען צו דעם אָנגעמערקטן ציל. אין דמשק האָט ער דערפילט אַ פיינדלעכע שטימונג פון פאָלק צום קאַליף, און האָט באַשלאָסן זיך דערמיט צו באַנוצן. ער האָט שוין באַוויזן צו דערווערבן זיך אַ נאָמען, דער גובערנאַטאָר האָט פאַר אים געציטערט און האָט געהאַט מורא אים אָנצורירן, ווייל יחיה איז געווען אַ פאַקיר, און די פאַקירן זיינען אומבאַרירלעך. באַנוצנדיק זיך מיט זיין פולער פרייהייט, האָט יחיה געשטורעמט האַרונען, אין שטאָט האָט זיך געגרייט אַן אויפשטאַנד, עס זיינען אָנגעקומען פאָלקסמאַסן פון די אַרומיקע לענדער, און מיטאַמאָל איז געוואָרן אויס דרשות, צום גרויסן פאַרגעניגן פון דעם גובערנאַטאָר, און דער בעל-

דרשן אַליין איז פֿאַרשוואונדן, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין. וואָס איז מיט אים געוואָרן? יחיה האָט זיך אין דער לעצטער מינוט צוריקגעצויגן. ער האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: וואָס וועט ער דערגרייכן, אויב אַפֿילו אים וועט געלינגען צו ווערן דער אָנפֿירער פֿון אויפֿשטאַנד? צי וועט עס זיין דער זיכערער וועג צו רום און צו רייכקייט? ער האָט אויסגערעכנט, אַז דידאָזיקע אונטערנעמונג איז צו געהיימעניספֿול און ריזיקאַליש. אויב דמשק וועט מאַכן אַן אויפֿשטאַנד, איז וואָס פֿאַר אַ באַטרעף ביי דעם קאַליף איינצושטעלן איין שטאָט? יחיה האָט געצווייפֿלט, אויב דער אויפֿשטאַנד וועט אַרומכאַפּן גאַנץ סיריע, און אָט דערדאָזיקער ספק האָט באַשלאָסן זיין גורל.

ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן זיין ערשטן פּלאַן, האָט זיך ערגעץ פֿאַרבאַהאַלטן און גענומען אַרומטראַכטן נייע פּלענער.

איצט איז ער געווען אין קאָרדאָווע. אַ נייע פּעל האָט זיך אויסגעקליבן דער שאַלקהאַפֿטיקער פּערסיאַנער. ער איז געוואָרן דער פֿאַנאַטיקער פֿון איסלאַם, און זיין פּנים איז ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן אין דעם אויסדרוק פֿון הכנעה און עניוות. ער האָט שוין באַוויזן צו געפֿינען פֿריינדשאַפֿט ביי אַזאַרען און האָט געזען אַלע געהיימע שרייפֿלעך, וואָס מ'האָט באַדאַרפֿט לאָזן אין גאַנג, כּדי דערהויכט צו ווערן. און דאָס איז געווען ניט שווער צו דערגרייכן ביי אַזאַ כאַראַקטערלאָזן הערשער, ווי עבדו-רחמן איז געווען. גלייך האָט יחיה פֿאַרשטאַנען דעם תּוך און דערשפּירט מיטן אינסטינקט, ווער זיינע קאָנקורענטן זיינען. אויפֿן וועג זיינעם האָט ער ווידער באַגעגנט זיריאַבן שוין אין דעם גאַנצן גלאַנץ פֿון זיין רום און מאַכט, און דאָסמאָל האָט ער באַשלאָסן אים אָפּצושטויסן און פֿאַרנעמען זיין אָרט. די פֿרייד פֿון נקמה האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אין זיין נשמה, וואָס האָט געקענט געדענקען שלעכטס. ער האָט געקענט אויך אין אַזאַרען דערפֿילן איר שנאה צו זיריאַבן און האָט זיך מיט איר פֿאַראייניקט. אים האָט זיך איינגעגעבן כּמעט צו דערגרייכן דאָס, וואָס איז געווען אומדערגרייכלעך. ער האָט אויסגעפֿונען אַ וועג צו דעם קאַליפֿס שטרענג-אָפּגעהיטן האַרעם און האָט געהאַט אַ זעאונג מיט דעם קיניגס געליבטער ווייב. זיי האָבן געשלאָסן אַ שטומען

אָפּמאַך. זייער ציל איז געווען צו דערוווייטערן זיריאַבּן און קריגן איינפלוס איבּער עבּדו-רחמנען.

יחיה האָט באַלד דערקענט אַזאַרעס רויבּערישע נאַטור, און זייענדיק אַליין אויך פון דעמזעלבּן מין, האָט ער זיך איינגעאַנצן אָפּ-געגעבּן אין אַזאַרעס רשות, באַצייטנס פילנדיק דעם טריאומף פון ערפאָלג.

אין דעמזעלבּן טאָג, ווען זיריאַבּן האָט מען אַזוי קונציק דער-ווייטערט פון קאָרדאָווע, האָט דער גרויס-וויזיר, גאָרנישט חושד זייענ-דיק, טראָץ זיין דורכגעטריבּנקייט און שאַרפן בּליק, פאַרגעשטעלט פאַרן קאַליף יחיהן, דעם פאַקיר, דעם גרויסן פאַנאַטיקער פון דער הייליקער רעליגיע פון מחמד, וואָס האָט געוואָלט אָפּגעבּן אַלע זיינע כּוחות און פעאיקייטן דעם ליכטיקן פאַרטרעטער פון דעם נביא אויף דער ערד.

XIV

אומהיימלעך און טרויעריק האָט קאַסטיליע אויסגעוויזן זיריאַבן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער דערזען די צפונדיקע בילדער פון דער נאַטור. אין די טריבע פליינען, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז הינטער סיערע-מאָרענאַ, האָט גאָרנישט ניט דערמאָנט אָן דער הערלעכער אַנדאַלוזיע; קיין איין פאַלמע האָט ניט געפרייט דעם בליק מיט איר ברייטן גרינעם געצעלט, ס'האָבן זיך ניט געזען די פראַכטפולע פאָמעראַנצן-וועלדלעך, ניט די שטעכעדיקע ריזיקע קאַקטוסן. נאָך אַ לאַנגן, שווערן וועג איז זיריאַב מיט זיין אָפטיילונג אָנגעקומען אין דעם לאַגער פון דעם מאַוריטאַנישן חייל. אין לאַנד אַרום איז געווען ניט רואיק. האַשימס באַנדע האָט אומעטום צעשיקט אירע שלוחים און גערופן די גאָטן — די דאָרפס-איינוואוינער, צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אין דעם מאַוריטאַנישן לאַגער האָט זיריאַב געטראָפן אומצופרידענע און פאַרטרויערטע פנימער. דאָס חייל האָט געמורמלט אויף דעם פירשט וואַלידן, אויף זיין אומדערפאַרנקייט. אומעטום האָט זיריאַב באַגעגנט חייל, באַוואָפנט פון קאָפ ביז די פיס אין שווערע פאַנצערס. דאָס נוצלאָזע וואַרטן און די צייט, וואָס איז אומזיסט פאַרלאָרן געגאַנגען, האָט אויפגערעגט די פעלדמאַרשאַלן. זיי האָבן דערציילט זיריאַבן וועגן דער לאַגע פון דעם חייל, זיי האָבן זיך באַקלאָגט, וואָס ס'איז ווייניק שפייז, וואָס קראַנקהייטן פאַרשפרייטן זיך צווישן די זעלנער. ניט קוקנדיק וואָס ס'איז געווען זומער, האָט דאָס לעבן אין די ביידלעך אין שטענדיקער אומרואיקייט, אין דחקות, און די שווערע פאַנצערס, וואָס מ'האָט זעלטן-ווען אויסגעטאָן, שווער געווירקט אויף די מענטשן. די קאָמאַנדירן האָבן געהאָפט, אַז די נצחונות וועלן קומען, אויב די אָנפירונג מיטן חייל וועט ווערן איבערגעגעבן איינעם פון די אַלטע און געניטע פעלדמאַרשאַלן.

אַ טרויעריק בילד האָט פֿאָרגעשטעלט דאָס מאַוריטאַנישע חיל.

זיריאַב האָט געאײַלט קיין טאָלעדאָ, וואו ס'איז געווען דער הויפּט־לאַגער.

ס'האָט שוין גענומען ווערן פֿאַרנאַכט, ווען זיריאַב איז אַ פֿאַרמאַטערטער און אַ פֿאַרשטויבטער אַראָפּגעקראָכן פֿון פֿערד לעבן פֿירשט וואַלידס געצעלט, איבער וועלכן ס'האָט געוויִיט די ווײַסע פֿאָן פֿון די אָמאַיאַדן. אים האָט אַרומגערינגלט די סוויטע פֿון פֿירשט, און איינער פֿון די סאָלדאַטן איז אַוועק אין געצעלט מעלדן וועגן דעם אָנקומען פֿון שליח. בײַם אַרײַנגאַנג פֿון געצעלט זײַנען געשטאַנען פֿיר באַוואָפֿנטע מאַורען.

זיריאַב האָט באַדאַרפֿט לאַנג וואַרטן, ביז וואַנען וואַליד איז אַרויסגעקומען.

— ביסטו עס גאָר, מײַן פֿרײַנד! — האָט ער אויסגעשריען, פֿריילעך צוגייענדיק צום זינגער. — מיר האָט מען נאָר געזאָגט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ לויפֿער פֿון קאָרדאָווע. איך בעט דיך — קום אַרײַן אין מײַן געצעלט.

דער פֿירשט וואַליד איז אין זײַן אײַזערנעם פּאַנצער אויסגעקומען מענישער און עלטער, ווי אין די שיינע קליידער אויף דעם קאַליפֿס באַלער. זײַן אָפּגעברענט געזיכט האָט אָבער ווי פֿריער געשטראַלט מיט דעם גוטמוטיקן שמייכל. ווען זיי זײַנען געבליבן אַליין, האָט ער זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן געלעגער, און, אָנווײַזנדיק זיריאַבן אויף אַ מאַסע שווערדן און קינזשאַלן, וואָס זײַנען געלעגן אויף דער ערד, אין ווינקל און געהאַנגען אויף דער וואַנט, האָט ער זיך פֿריילעך צעלאַכט:

— זעסט, וואָס פֿאַר אַ שטרענגע פֿרײַנד עס רינגלען איצט מיך אַרום! — יאָ, בלוט און שחיטה איז איצט אונזער אַרבעט! ערשט זיך צוריקגעקערט מיט מײַן חיל — איך האָב נאָכגעיאָגט דעם טויגעניכטס האַשימען, אָבער אָן ערפֿאָלג!

ער האָט זיך פֿאַרוואָלקנט און אָפּגעזיפֿצט.

— דיך האָט געשיקט דער ברודער? — האָט ער ווידער געפֿרעגט. — וואָס פֿאַר אַ שליחות האָט ער אויף דיר אַרויפֿגעלייגט?

זיריאַב האָט אַרויסגענומען אַ בריוו און האָט מיט אַן ערנסטער מינע דערלאַנגט אים דעם פירשט.

— מיר איז שווער, פירשט, אָבער איך דאַרף דיך מתרה זיין, אַז דער קיניג איז אויף דיר בייז.

— אַזוי גאָר! — האָט זיך וואַליד אָנגעצונדן און האָט כּעס־דיק צונויפגעדריקט די ברעמען. ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען דעם בריוו ביי זיריאַבן פון האַנט און איז צוגעגאַנגען צו דעם לעמפּל, וואָס האָט געברענט אין ווינקל.

וואָס לענגער ער האָט געלייענט, איז זיין פּנים געוואָרן אַלץ רויטער און רוגזהדיקער.

— און דו האָסט מיר געבראַכט דיזאָזיקע בשורה! האָט דער פירשט אויסגעשריען און אַ וואָרף געגעבן דעם בריוו מיט כּעס. מען מאַכט מיר פאָרוואורף אין אומבאַדאַכטקייט, מ׳נעמט ביי מיר צו די מאַכט און מ׳טרייבט מיך דורך, ווי אַ יינגל! איך שווער ביי מיין שווערד — קיינמאָל וועל איך ניט מוחל זיין דעם קאַליף אַזאַ באַליידיקונג!

אַזאַרע האָט ניט איבערגעלייגט די זאַך, ווען זי האָט געראָטן דעם קאַליף שיקן זיריאַבן.

וואַליד איז וויכער געוואָרן, דערזעענדיק ווי זיין פריינד איז זיך מצער. און דערנאָך, אַז זיריאַב האָט רואיק דערציילט וואַלידן, וואָס ער האָט געזען און געהערט, דורכפאָרנדיק דורך דעם מאַווריטאַנישן לאַגער, איז וואַליד גאָר טרויעריק געוואָרן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן דיוואַן און האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האָט ווי דערפילט, אַז ער איז צו וויט פאַרגאַנגען, פאַרלאָזנדיק זיך צופיל אויף זיך אַליין. דאָס פינסטערע בילד, וואָס זיריאַב האָט פאַר אים אויסגעמאָלט, דערציילנדיק פון דעם טרויעריקן צו־שטאַנד פון חייל, האָט אים דערשראָקן. טיף אין האַרצן האָט ביי אים אויפגעלעבט אַ געדאַנק, אַז ס׳וואָלט גאָרניט געווען שלעכט וואַרפן דאָס פעלד־ביידל, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן חייל און די שרעקן פון מלחמה, און דאָס אַלץ אויסבייטן אויף דעם פּראַכטפולן לעבן אין קאָרדאָווע, וואו ס׳איז דאָ אַזויפיל באַקוועמלעכקייט און תענוגים. ער איז אויפגעשטאַנען, אויפגעהויבן דעם בריוו, נאָך אַמאָל אים

איבערגעלייענט און איז לאַנג אומגעגאַנגען איוף און אָפּ איבער זיין געצעלט. ענדלעך, באַרואיקט זיך, האָט ער זיך געזעצט לעבן זיריאַבן און אים גענומען פונאַנדערפרעגן וועגן קאָרדאָווע.

זיריאַב האָט מיט אַ גליקלעכן שמייכל אים דערציילט פון זיין חתונה, און באַלד האָבן זיך די פריינד אַזוי פאַרטיפט אין זייער שמועס, אַז זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, צוליב וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט.

דער פירשט האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף וועלעדאַטען.

זיריאַב האָט, צוזאַמענדריקנדיק די ברעמען און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, דערציילט וועגן איר פאַרשווינדן.

דער יונגער פירשט איז אויפגעשפרונגען און אין אויפרעגונג גענומען שפּאַנען איבער זיין געצעלט.

— און דו זאָגסט, אַז דו האָסט זי ניט געפונען? — האָט ער איבערגעפרעגט. — דו האָסט מסתמא ניט געזוכט ווי געהעריק!

— אומזיסט ביסטו מיך חושד, פירשט, — האָט זיריאַב געזאָגט אין טיפער אויפרעגונג. — איך האָב אַליץ געטאָן, אָבער אומזיסט. כ׳בין דיר מודה, אַז דאָס האָט מיר טרויעריק געמאַכט מיין גליק. איך קען ניט פאַרגעסן וועלעדאַטען, הגם מיין יונגע ווייב איז שיין ווי אַ מלאך.

— איז זי דען פאַרלאָרן געגאַנגען? דאָס איז אוממעגלעך! איך וועל זי געמען זוכן, — האָט וואַליד אַנטשלאָסן געזאָגט. — איך שווער מיט דער פרייהייט פון מעקאַ און מיט מיין פירשטלעכער ערע, אַז איך וועל זי אויפזוכן. זיריאַב האָט אין צווייפל געדריקט מיט די אַקסלען.

די ידיעה וועגן וועלעדאַטען האָט אַזוי צעטומלט וואַלידן, אַז ער האָט פאַרגעסן אָן עבדו-רחמנס אומאיינגענעמען בריוו. דער געדאַנק, אַז ער מוז — די וועלט מעג זיך איבערקערן — געפינען וועלעדאַטען, האָט אים אינגאַנצן באַהערשט, אָבער צוליב דעם אַליין האָט מען זיך באַדאַרפט וואָס שנעלער אומקערן צוריק קיין קאָרדאָווע. דער פירשט וואַליד האָט זיך דערמאָנט אָן דעם באַפעל פון זיין ברודער און זיך פריילעך צעלאַכט. איצטער איז די באַליידיקונג אים אויסגעקומען לעכערלעך. זינגענדיק אַ לידל, איז ער אַרויס פון גע-

צעלט און האָט באַפוילן אָנזאָגן אַלע אָנפירער, אַז ער רופט צונויף אַ מיליטער־ראַט. ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער געמאָלדן וועגן עבֿדו־רחמנס פאַראָרדענונג און האָט איבערגעגעבן די אָנפירונג פון דעם חייל דעם אַלטן וואַזימען. די פעלדמאַרשאַלן האָבן מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף דעם פירשטס פריילעך געזיכט; זיי האָבן געשטוינט, ווי אַזוי האָט ער געקענט אַזוי רואיק זיך אָפּזאָגן פון דער מאַכט. קיינער האָט ניט חושד געווען, אַז אונטערשרייבנדיק דעם באַשלוס פון דעם ראַט, האָט דער פירשט וואַליד זיך אין געדאַנק געטרייסט, אַז ער וועט אויסזוכן די שיינע ווערלעדאַטע מיט די שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן.

— צי דען וועל איך זי ניט געפינען? — האָט ער אַ קלער געטאָן. און נאָר דערדאָזיקער געדאַנק האָט אָנגעוואָרפן אַ שאָטן אויף זיין רואיק געזיכט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פירשט וואַליד און זיריאַב פאַרלאָזן דעם לאַגער. אויף פלינקע אַנדאַלוזיער פערד, אינטער דעם שוץ פון אַן אָפּטיילונג זעלנער האָבן זיי גאַלאָפּירט איבער די וויסטע פליינען פון קאַסטיליע און ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט די ערשטע שפּיצן פון סיערע־מאָרענע, איבערלאָזנדיק ווייט הינטער זיך די שווערע מלחמה־בילדער.

נאָך דעם פירשטס אָפּפאָרן האָבן זיך די געשעפטן פון די מאַוורען פאַרבעסערט. וואָזים האָט צוזאַמענגעצויגן דאָס צעוואָרפענע חייל און איז אומגעריכט אָנגעפאַלן אויף האַשימס הויפּט־באַנדע. די גאָטן, פאַרכאַפּט אין פרייען פעלד, האָבן זיך מיט פאַרצווייפלונג פאַרטיידיקט אין די שנעל־אויפגעשטעלטע באַפעסטיקונגען, אָבער האַשים אַליין איז געוואָרן דערהרגעט, און די באַנדע, פאַרלירנדיק דעם אָנפירער, האָט זיך צעזייט. אין אַנדערע ערטער האָבן האַשימס אָנהענגער, דערוויסנדיק זיך פון זיין טויט — זיך אונטערגעגעבן אָן קאַמף. דאָן איז וואָזים אַוועק אויף טאָלעדאָ. אָבער די באַלעגערונג פון שטאָט האָט זיך ניט איינגעגעבן. דאָס חייל איז געווען צו אויסגעמאַטערט און אויסגעהונגערט פון דעם ווייטן אומגעלונגענעם מאַרש, און דער אָנפאַל איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן מיט גרויסע אבֿדות פאַר די מאַוורען. זיי האָבן אָפּגעטראָטן פון באַרג, אויף וועלכן ס'האָבן

זיך געפונען די פעסטונגען פון טאָלעדאָ, און האָבן זיך פאַרנומען צו דרום צו, צו סיערע־מאָרענע.

דאָס איז געווען אַ מיליטערישער שפּיצל.

די גאָטן האָבן באַמערקט, אַז דער פיינד טרעט אָפּ, און האָבן באַשלאָסן אים נאָכצויאָגן. די מאַורען האָבן זיך גערוקט צו דרום צו און די טאָלעדער זיינען זיי נאָכגעגאַנגען פוס־טריט. ביידע אַרמייען האָבן זיך לאַנגזאַם דערנעענטערט צו סיערע־מאָרענע. דאָ האָט אויף די טאָלעדער געוואַרט אַ פּאַסטקע. ביי קאַלאַטראַווע איז אויף זיי פון הינטן אָנגעפאַלן אַ פילצאָליקע אָפּטיילונג מאַורען, וואָס דער וויטזיכטיקער און בייזער וואַזים האָט מיט אַ כיוון איבערגעלאָזט אין די באַרג־טאָלן. געפּאַקט אומגעריכטערהייט, האָבן די טאָלעדער געליטן אַ שרעקלעכע מפּלה. די מאַורען, פאַרביטערט פון דעם לאַנגן מאַרש, האָבן אַכזריותדיק פאַרטיליגט דעם שונא. וואַזים האָט געגעבן זיינע קריגער פולע פרייהייט און אַפילו אונטערגעגעבן זיי חשק צו זייערע רציחות. אין די מאַורען האָט זיך אויפגעוועקט די ווילדע אַכזריות, און די אומגליקלעכע גאָטן זיינען ניט געוואָרן געשוינט. ביי וואַזימס געצעלט איז געלעגן אַ גאַנצער באַרג פאַרבלוטיקטע מענטשישע קעפּ מיט אַ שרעקלעכן אויסדרוק פון געזיכט. פון דעם גאַנצן גאָטישן חיל איז איבערגעבליבן בלויז אַ קליין הייפל מענטשן, וועלכע האָבן באַוויזן בשעת דער שלאַכט צו באַהאַלטן זיך אין די בערג. די איבעריקע זיינען געטויט געוואָרן; די פאַרוואונדעטע האָט מען געבראָכט אויף שטיקער. איבער די געפאַנגענע איז מען באַגאַנגען די שרעקלעכסטע רציחות: אַראָפּגעשונדן די הויט, אויסגעשטאָכן די אויגן, געפערטלט, באַגאָסן מיט ברענענדיקער סמאָלע...

לאַנג האָבן די גאָטן געדענקט די בלוטיקע פּאַסטקע פון קאַלאַטראַווע.

XV

וי זיריאַב האָט ניט געאײַלט אַהײם, האָט זײַן נסיעה פאַרט צוגענומען גאַנצע צװײ חדשים. װען ער מיט דעם קיניגס ברודער זײַנען געקומען צוריק אין דער הױפּטשטאָט, איז שױן געשטאַנען חודש חשװן. נאָך דער טריבער קאַסטיליע און די טרױעריקע בילדער פון דעם מיליטערישן לאַגער, האָט קאָרדאָװע, אַ דורכגענומענע מיט דעם שײַן פון סוף־זומער, אים אױסגעװיזן װי אַ צױבער־לאַנד. אַלץ אַרום האָט געבליט און געדופט, אױפגעװעקט צום לעבן דורך די גוסרעגנס פון חשװן. זיריאַב און װאַליד האָבן געאײַלט אין פּאַלאַץ; דער דיכטער איז אַפילו ניט פאַרפאָרן אַהײם און איז גלײַך געקומען צום קיניג.

עבדו־רחמן האָט אױפגענומען דעם ברודער גאַנץ גנעדיק און האָט אַפילו ניט דערמאָנט װעגן זײַנע פעלערן. זיריאַב איז געװאָרן באַגעגנט מיט אַ פרײַנדלעכן שמײכל. דער קיניג האָט אים צוגעזאָגט אַ באַלױנונג פאַר דער גוט־אױסגעפירטער שליחות און האָט אים באַלד אָפּגעלאָזט. װען דער דיכטער איז אַרױסגעגאַנגען פון קיניגס קאַבינעט, האָט ער דערפילט, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען אין דער צײַט, בעת ער איז דאָ ניט געװען. ער האָט ערװאַרט אַ װאַרעמערע אױפנאַמע. אין אײנעם פון די זאַלן פון פּאַלאַץ האָט ער דערזען דעם פירשט אָמאַיאַ, װעלכער איז געשטאַנען און געשמועסט מיט אַנדערע הױפלײַט. זיריאַב איז צוגעגאַנגען צו אים. פונאַנדערגעפרעגט זיריאַבן פון דער רײַזע, האָט אָמאַיאַ אים אָפּגעפירט אָן אַ זײַט און אים שטיל געזאָגט:

— אָן דיר איז בײַ אונדז פיל נײַס געװאָרן. גיב אַ קוק אױף דעמדאָזיקן הױכן מאַן אין דעם מיט זילבער אױסגענײטן קלײד — דאָס איז דעם קיניגס נײַער ליבלינג.

זיריאַב האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען בײַ דער טיר דעמזעלבן מאַן, װעלכן ער האָט געזען פאַרבײַגײַענדיק אין דעם טאָג פון זײַן אָפּפאָרן. װידער איז אים דאָס דאָזיקע געזיכט אויסגעקומען באַקאַנט.

— װער איז ער? — האָט זיריאַב רואיק געפרעגט.

— דאָס איז יחיה, אַ פּאַקיר, אַ דינער פון דעם נביא.

— יחיה! אָט װער! — האָט זיריאַב אַ טראַכט געטאָן און אין אַ װײַלע אַרום געזאָגט: — זײַן נאָמען איז מיר באַקאַנט. איך האָב אים געהערט אין דמשק.

— ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער קען דיך, — האָט אַמאַיאַ געענטפערט. — מיך װאונדערט, װאָס ער גייט צו דיר ניט צו.

אָבער אין דערזעלבער מינוט איז יחיה מיט אַ חניפישן שמייכל שוין געגאַנגען אַנטקעגן זיריאַבן.

אין האַרצן האָט ער זיך באַאומרואיקט. װאָס װעט זיריאַב דערציילן דעם קאַליף און די הויפּלײַט װעגן זײַן ראָלע אין דמשק? װי װעט ער פאַרענטפערן די אומגעריכטע פאַרװאַנדלונג זײַנע: האַרונס אַ פײַנד, אַ פריידיקער פון אויפשטאַנד — איז געװאָרן אַ גוטער און אַ שטילער קנאי איצט אין קאָרדאָװע? נאָך גאָר ניט לאַנג האָט ער פאַרגעטערט פאַר עבדו־רחמנען די מאַכט פון די קאַליפן, גערופן זיי די פעסטונג פון איסלאַם, די פאַרטרעטער פון דעם נביא אויף דער ערד; ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז יעדער באַפעל פון קאַליף איז הייליק, און די אונטערטאַנען מוזן אָן שום תרעומות זיך אים אונטערװאַרפן. און פּלוצלונג דערװיסט זיך דער קאַליף פון זיריאַבן, װעמען ער איז געװאוינט צו גלויבן, אַז אָט דערדאָזיקער הייסער אָנהענגער פון מאַכט איז פריער געװעזן אַ פאַרדעכטיקער אינסורגענט. דאָס איז געװען געפערלעך. דעריבער דאַרף מען די ערשטע צייט שוינען זיריאַבן און אַפילו אַ חנפע טאָן אויך.

— אָט װאו אונז איז באַשערט זיך צו באַגעגענען, דיכטער! — האָט יחיה אויסגעשריען, באַהאַלטנדיק אונטער דעם עניװותדיקן שמייכל די שרעק, װאָס האָט אַרויסגעקוקט פון זײַן בליק, — גרויס איז אַלאַ און פול מיט חכמה זײַנען זײַנע װעגן! שוין אין יענע טעג

האָב איך פֿאָראויסגעזאָגט, אַז דער ליבלינג פֿון דמשק וועט דערהייכט ווערן דורך זיין מזל!

זיריאַב האָט אים קאַלט געענטפֿערט אויף דער באַגריסונג.

— דאַן האָט האַרון אונז ביידן גערודפֿט, אי מיך אי דיך, — האָט יחיה ווידער גערעדט. — אָבער אַלאַ האָט באַלד דעם דעספּאָט דעם אַכזר באַשטראָפֿט, און מיין נביאות איז מקוים געוואָרן. נאָך זיין טויט האָט זיין זון, דער באַהאַרצטער על־מאַמון, געירשנט זיין טראָן. איך האָב דערזען, אַז מיין אויפֿגאַבע איז אויסגעפֿירט, און איך האָב פֿאַרלאָזן באַגדאַד.

זיריאַב האָט שווייגנדיק אויסגעהערט דעם פּערסיאַנער, און, ווענדנדיק זיך צום גרויס־וויזיר, האָט ער זיך גענומען מיט אים געזעגענען.

— איך איל אַהיים, — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט מיט אַ שמייכל. — איך האָב נאָך ניט געהאַט קיין צייט צו זען מיין פֿרוי.

און זיריאַב האָט פֿאַרלאָזן דעם קיניגס פּאַלאַץ.

אין דער היים האָט אים באַגעגנט פֿענזילע מיט אַ פֿריילעכן אויסגעשריי און אים אַרומגענומען. קעלאַם האָט ניט גערן באַגריסט דעם מאַן, און זיך גלייך אומגעקערט צוריק צו זיך אין חדר און זיך געזעצט צו איר אַרבעט. איר טאָכטער, פֿאַטימע, שוין אַן אַכטיעריק מיידעלע, האָט געטאַנצט פֿאַר פֿרייד און זיך געלאַשטשעט צום פֿאָטער. זיריאַב האָט פֿאַרגעסן וועגן עבֿדו־רחמנס קאַלטקייט און האָט זיך געפֿרייט, וואָס ער זעט ווידער זיין הויז און פֿאַמיליע. ער איז אַדורכגעגאַנגען אַלע חדרים, האָט לוסטיק אָפּגעגעבן פֿאַראָרדענונגען, איז אַדורכגעגאַנגען דעם סאָד און די גערטנער. אַליץ איז אים אויסגעקומען אַזוי הערלעך אין זיין שטילן ווינקל. נאָר דער געדאַנק וועגן ווערלדאַטען האָט אים געשראָקן. צי דען האָט זי זיך אַנטשלאָסן אויף זעלבסטמאָרד? אַ ציטער איז אים אַדורך איבער זיין רוקן, ווען ער האָט פֿאָרגעשטעלט, ווי איר אַמאָל שיינער קערפּער ליגט און פֿוילט ערגעץ אויף דעם זאַמדיקן ברעג פֿון אועד־על־קעביר.

דערזעלבער געדאַנק האָט אויך באַאומרואיקט דעם פֿירשט וואַליד. ווי ער האָט נאָר עטוואָס אויסגערוט זיך פֿון וועג, האָט ער

זיך באַלד גענומען אויפֿצוזוכן די פֿאַרשוואונדענע פֿרוי. אומעטום האָט מען צעשיקט קנעכט. דער, וואָס וועט געפֿינען, האָט מען צוגעזאָגט אַ גרויסע מתנה — פֿרייהייט. די קנעכט, אויפֿגעמונטערט פֿון אַזאַ הבטחה, האָבן זיך פֿלייסיק גענומען פֿאַר דער זאַך. אַלע הייזער און הייזלעך פֿון קאָרדאָווע איז מען אַדורכגעגאַנגען זוכן, אין ערגעץ האָט מען ניט געקענט דערגיין אַפֿילו אַ שפּור פֿון וועלעדאַטען. ענדלעך האָבן די קנעכט זיך מייאש געווען און אויפֿגעהערט צו זוכן. פֿירשט וואַליד איז געוואָרן זייער דערצאָרנט. אויב מ'האָט זי ניט געפֿונען אַ לעבעדיקע, זאָל מען זי אויפֿזוכן כאָטש אַ טויטע! ווידער האָבן זיך גענומען די קנעכט צום זוכן. אַלע ברעגעס פֿון אועד־על־קעביר האָט מען אויסגענישטערט און אויסגעאַקערט, און אין צוויי וואָכן אַרום האָט דער פֿירשט געמוזט שלום ווערן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט שוין קיינמאָל מער ניט זען וועלעדאַטען. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַראומערטער און אַ בייזער, דערנאָך איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין די בערג אויף געיעג; ביסלעכווייז האָט זיך צו אים צוריקגעקערט זיין פֿריילעכקייט און ער האָט אַזוי ווי פֿאַרגעסן אָן זיין צער, — האָט ווידער געלאַכט און זיך געוויצלט, זאָרגלאָז פֿאַרברענגענדיק די טעג אויף די מאָלצייטן און אין ליידיקגיין.

דאָס ניט געפֿינען וועלעדאַטען האָט אויך שלעכט געווירקט אויף זיריאַבן, אָבער ס'פֿלעגט אָנקומען פֿענזילע, און איין בליק פֿון אירע קינדערשע אויגן איז געווען גענוג, אַז דער דיכטער זאָל פֿאַרגעסן אָן אַלץ אויף דער וועלט. זיריאַב האָט זיך צוריק גענומען פֿאַר דער מוזיקאַלישער שול, באַזוכט די ביבליאָטעק, פֿיל געלייענט, מיט איין וואָרט, — האָט ווידער אָנגעהויבן אַ באַשיידן לעבן פֿון אַ דיכטער און אַ געלערנטן. ער האָט זיך נעענטער באַפֿריינדעט מיט אייניקע מאַוריטאַנישע געלערנטע, מיט כאָנאַאינען, וועלכער האָט זיך אין דערדאָזיקער צייט פֿאַרנומען מיט איבערזעצן די גריכישע פּאָעמען פֿון האָמער. זיריאַב איז זעלטן געקומען אין פּאַלאַץ פֿון קאַליף, און דער קאַליף פֿלעגט, פֿאַרבענקענדיק זיך נאָך זיינע לידער, אָפֿט שיקן נאָך אים. זיריאַב האָט באַמערקט, אַז דער איינפֿלוס פֿון יחיהן ווערט אַלץ גרעסער. דאָס האָט זיך געלאָזט מערקן

קודם־כל אין דעם, וואָס די לייט, וועלכע פלעגן פריער קומען צו אים, אַז ער זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען, פלעגן איצט גיין צום פאַקיר. דער זאָרגלאָזער דיכטער האָט גערעכנט, אַז וואַרשיינלעך האָט זיך יחיה אַרויסגעוויזן פאַר אַ טיפן קענער פון פאָליטישע ענינים, אויב אין קיניגלעכן הויף הערט מען זיך צו צו זיינע עצות. אים איז גאָר ניט איינגעפאַלן צו דערציילן דעם קאַליף וועגן דער פריערדיקער ראָלע, וואָס יחיה האָט געשפּילט אין דמשק. קודם־כל האָט ער יחיהן ניט אַזוי דייטלעך געדענקט, אַמאָל צוויי דריי געהערט אים דרשנען, און אַזוי ווי ער האָט געשטראָפט האַרונען פאַר זיינע פאַלשקייטן, האָט זיריאַב אויפריכטיק געגלויבט, אַז ער נעמט זיך אָן פאַר באַדריקטע און באַליידיקטע. איצט אָבער איז אים דער פערסיאַנער ניט געפעלן געוואָרן פאַר זיינע חניפהדיקע און ענוותדיקע רייד, און זיריאַב האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ער איז ניט קיין גוטער מענטש.

אַ פריילעכע געשעעניש האָט אינגאַנצן אָפּגעצויגן זיינע געדאַנקען פון דעם קאַליפס הויף און פון זיינע אינטריגעס. אין פרילינג האָט אים פענזילע געבוירן אַ זון, און זיריאַב, ווי אַלע אַראַבער איז געווען איבערגליקלעך. ער האָט גאַנצע טעג צוגעבראַכט ביי פענזילען אין צימער, האָט זיך געעסקט מיטן קינד, אַרומגעגאַנגען אַרום דער מוטער, געווען אויסער זיך, אויב דאָס קינד האָט אַ ביסל מער געוויינט, האָט פריילעך געמאַכט פענזילען, מיט מעשהלעך און לידער. זיריאַב האָט ניט באַמערקט, וואָס פאַר אַ מכשפותדיקע בליקן האָט קעלאַם געוואָרפן אויף דער מוטער און דעם קינד, און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן אויף דער ערד.

געקומען איינמאָל אין פאַלאַץ צום קאַליף, האָט זיריאַב דאָרט געטראָפן אַ גרויסן עולם: וואַזים און אַנדערע פעלד־מאַרשאַלן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער זיגערישער קאַמפּאַניע. מ'האָט נאָר באַדאַרפט איינגעמען טאָלעדאָ, אָבער דידאָזיקע אונטערנעמונג האָט געפאָדערט אַ באַזונדערע צוגרייטונג, און איצט האָט מען באַדאַרפט לאָזן אָפּרוען דעם אויסגעהונגערטן חייל. מ'האָט גערעכנט אָפּצולייגן די באַלאַגערונג פון טאָלעדאָ ביז איבעראַיאָר.

וואַזים האָט מיט אַ פייערלעכן שמייכל דערציילט, ווי אַזוי מ'האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די גאָטן אין די טאָלן פון סיערע־מאָרענע.

זיריאַב, דערהערט דידאָזיקע דערציילונג, האָט זיך אָנגעצונדן מיט ווילדן צאָרן.

— וואָס איז מיט דיר, זיריאַב? — האָט דער קאַליף געפרעגט, דערזעענדיק דעם אויסדרוק פון כעס אויף זיין שטענדיק רואיקן געזיכט.

— איך בין ניט קיין פּאָליטיקער, קיניג, — האָט זיריאַב אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן געענטפערט, — און דאָס, וואָס איך הער, קומט מיר אויס, אַז ס'איז ניט יושרדיק. דאָס איז ניט געווען קיין ערלעכע מלחמה, נאָר אַ שחיטה.

וואַזים האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף דעם זינגער.

— מלחמה, איז מלחמה, — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק מיט די אַקסלען. — אויפן מלחמה מוז מען פאַרגעסן, וואָס איז יושרדיק און וואָס ניט.

— אומזיסט דענקסטו אַזוי, חשובער וואַזים, — האָט זיריאַב געענטפערט און, ווידער ווענדנדיק זיך צו דעם קאַליף האָט ער געזאָגט:

— נאַטירלעך, נעם איך זיך ניט דאָס רעכט צו משפטן, אויף וויפל ס'איז געווען נוציק אַזאַ מין אַכזריות בנוגע די גאָטן. אָבער ערלויב מיר, קיניג, צו דערמאָנען דיר די כללים פון מיליטערישער ערע, לויט וועלכע ס'האָבן זיך אויפגעפירט די ערשטע קאַליפן, די יורשים פון מחמד. קיניג, דו האָסט געוויס געהערט, ווי דער גרויסער אָמאַר האָט זיך געלאָזט גיין פאַר טויזנט וויאָרסט, כדי מיט זיינע אייגענע הענט צוצונעמען די שליסלען פון שטאָט, און קיין איין טראָפּן בלוט איז ניט פאַרגאָסן געוואָרן ביי דעמדאָזיקן וויכטיקן נצחון. אָדער אַ צווייטער ביישפּיל, ווי ווייט מענטשלעך עס האָבן זיך באַגאַנגען די ערשטע קאַליפן מיט זייערע שונאים: אָט וואָס אַמרו האָט געזאָגט צו די איינוואוינער פון שטאָט עזה: „זייט אונזערע ברידער, נעמט צו צו אייערע הערצער אונזערע נייטן, און מיר וועלן אייך ניט טאָן קיין שלעכטס. צאָלט אונז יערלעך צינז„

כל־זמן גאָט וועט דערלענגערן אייך דאָס לעבן, און מיר וועלן מלחמה האַלטן מיט די, ווער ס'וועט אייך וועלן שלעכטס טאָן". הערסטו, קיניג, ווי דער גרויסער אַמרו האָט געזאָגט! און דיינע אָבות, ווען זיי האָבן איינגענומען שפּאַניע, האָבן געשווינט די בּאַזיגטע, און די גוטסקייט פון די מאַווערן, איז געוואָרן אַ שפּריכוואָרט.

עבדו־רחמן האָט געשוויגן.

— דו בּיסט אַ דיכטער און די קענסט ניט משפּטן וועגן די ענינים פון מלחמה.

— איך בּין דערזועלבּער מיליטערמאַן לויט מיין געבּוירן ווי דו, — האָט זיריאַב רואיק געענטפערט. — מיין פאָטער איז געווען אַ בּעדואינער, און איך אַליין בּין געבּוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין דער מדבר צווישן שטענדיקע אומרוען און אָנפאַלן, אָבער איך שווער דיר מיט דער פרייהייט פון מעקאַ, אַז אַפילו אין די ווילדע סטעפּעס פון אַראַבּיע זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן אַזעלכע גרויזאַמע רציחות ווי די, וועגן וועלכע דו האָסט דאָ דערציילט מיט אַזאַ טריאומפירנדיקן שמייכל.

— דאָס פּאַרטיליקן פון די אומגלויבּיקע פירט אין גן־עדן, — האָט יחיה לאַנגזאַם אַרויסגערעדט, ניט אויפהייבּנדיק די אויגן. — דער גרויסער נביא אונזערער מחמד האָט פאַרגעשריבּן יעדער מוסול־מאַנער צו פאַרטיליקן די שונאים פון גלויבּן.

— יאָ, — האָט זיריאַב געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו אים מיט אַ קאַלטן שמייכל, — אָבער דער הייליקער קאָראַן זאָגט דערבּיי, אַז מען דאַרף ניט געבּרויכן דעם שווערד, ניט האָבנדיק אויסגעפּרוווט אַנדערע מיטלען.

אין די אויגן, וואָס יחיה האָט אויפגעהויבּן אויף זיריאַבּן, האָט אַ פינקל געטאָן אַ בּייז פייערל:

— דו נעמסט זיך אָן צו טייטשן דעם הייליקן ספר פון נביא? איך מיין, אַז דידאָזיקע זאַך איז ניט פאַר אַ זינגער.

— דער נביא אַליין זאָגט, אַז ער האָט אָנגעשריבּן זיינע גע־זעצן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין פאַרשטענדלעך פאַר יעדערן, — האָט זיריאַב רואיק געענטפערט. — אַ דיכטער און אַ געלערנטער איז בּכלל נאָך פעאיקער אַריינצודרינגען אין דעם פּשט פון דעם הייליקן בּוך.

אַלע זיינע אַנטשוויגן געוואָרן. ענדלעך האָט עבדו־רחמן גע־זאָגט:

— איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין מסכים מיט זיריאַבן. צו וואָס די נוצלאָזע אַכזריות? אויך אָן דעם וועלן מיר די פעסטונגען פון די גאָטן באַצווינגען מיט דער הילף פון דיין בריהשאַפט, וואַזים. איצט מיין איך קאָנען מיר לאָזן דעם שמועס וועגן קאַלאַטראַווע. מען דאַרף עפּעס אַ קלער טאָן וועגן דער צוקונפט. וואָס וועסטו זאָגן וועגן טאָלעדאָ, וואַזים? מ'קען זיך ריכטן, אַז צו פרילינג צו וועט אַלץ זיין גרייט?

— קיניג, דאָס חייל פון די דרומדיקע קאַפּיטאַניעס וועלן צו יענער צייט זיין דאָ. מ'וועט דאַרפן אָנזאָגן די געוועזערמייסטערס, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן, אויסצופילן די באַשטעלונגען פון דער מלוכה.

— און דו מיינסט, אַז טאָלעדאָ וועט זיך אונטערגעבן ביי דעם ערשטן שטורעם?

— איך בין איבערצייגט, אַז דער נצחון איז געזיכערט, אויב די שטאָט וועט איבערגעגעבן ווערן צו פייער און רויב.

— וואַזים איז מסכים מיט מיר. ער האַלט פאַר נויטווענדיק אויסצורופן אַ הייליקע מלחמה, — האָט יחיה געזאָגט, פאַרבויגנדיק זיך פאַרן קאַליף.

זיריאַב האָט אויפגעציטערט און האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם פערסיאַנער.

— צי דען וועלן מיר ניט קענען איינעמען טאָלעדאָ, ניט אָנ־קומענדיק צו דעמדאָזיקן אויסערגעוויינלעכן מיטל? — האָט דער אַלטער פירשט אַמאַיאַ געפרעגט.

— דאָס חייל וועט זיך פלייסיקער שלאָגן, אויב מ'וועט זיי פאָראויס צוזאָגן רויב, — האָט וואַזים געענטפערט.

— איך זע ניט די נויטווענדיקייט פון דעמדאָזיקן מיטל! — האָט וואַליד אויסגעשריען, אויפשטייענדיק פון אָרט. — איבעריקנס איך שווייג, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. — ערפאַרענע לייט פאַרשטייען זיך אין דעם בעסער פון מיר. — און ער איז צוגעגאַנגען צו זיריאַבן.

— וואָס קאָן זיין מער אָנגענומען ביי דעם נביא! — האָט יחיה אויסגעשריען און אויפגעהויבן די האַנט. — אַלאַ וועט באַקרייגען אונזערע קריגער מיט אַ גלענצנדן נצחון, און דאָס בלוט פון די אומגלויביקע וועט זיין פאַר אים אַן אָנגענעמער קרבן.

— איך וועל זיך ווידער ערלויבן אַריינצומישן אין שמועס, — האָט זיריאַב געזאָגט — צוליב וואָס פּראָקלאַמירן אַ הייליקע מלחמה, אויפוועקן אין דעם חייל חידשע געפילן, אַז מ׳קען מנצח זיין דעם שונא אויך אָן דעם? איך וועל נאָכאַמאָל דערמאָנען אָן די ווערטער פון קאָראַן: — מ׳דאַרף ניט געברויכן דעם שווערד, ניט האָבנדיק אויסגעפּרוווט אַנדערע מיטלען.

— דו קענסט ניט אַרויסזאָגן וועגן דעם קיין מיינונג, — האָט יחיה שאַרף געענטפערט. — דער קיניג האַלט זיך אַן עצה מיט זיינע קלוגע הויפלייט און פעלדמאַרשאַלן.

זיריאַב איז אויפגעברענט געוואָרן און זיך געכאַפּט פאַרן קינזשאַל, וועלכער האָט געפינקלט ביי אים אין גאַרטל.

— גענוג, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט. — אַ צווייטן מאָל וועלן מיר באַהאַנדלען דיזאָזיקע פראַגע. איצט בין איך מיד און פיל אַ באַדערפעניש אָפּצורוען.

דער קאַליף האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס אין גאָרטן. נאָך אים זיינען געגאַנגען די הויפלייט. זיריאַב אין אַ מרה־שחורהדיקער שטימונג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם קיניגס איינלאַדונג און זיך געקליבן צו גיין אַהיים. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסצוגיין פון זאַל, ווי ער האָט הינטער זיך דערהערט עמעצנס טריט.

ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען פירשט אָמאַיען. זיריאַב איז שטיין געבליבן.

— איך וויל זיך מיט דיר אַדורכריידן, — האָט דער גרויס־וויזיר שטיל געזאָגט.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ ליכטיקער גאַלעריע און, אויסגעקליבן זיך אַן אָפּגעזונדערט אָרט, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ דיוואַן.

— גרויס איז דיין שולד פאַרן פאָטערלאַנד, דיכטער, — האָט אים פירשט אָמאַיאַ שטרענג און אַנטשלאָסן געזאָגט.

זיריאַב האָט זיך אָנגעצונדן.

— זיי ניט בייז אויף מיר פאַר אַן אמת וואָרט, — האָט אָמאַיאַ ווידער גערעדט. — וואָס טוסטו אַזוינס, זינגער? דו פאַרברענגסט די טעג אין זאָרגלאָזער רו, אָדער דו פאַרטיפסט זיך אין פאַרצייטיקע כּתבֿ־ידן, אָבער דאָס לעבן פאָדערט אַן ערוואַרט פון דיר עפּעס אַנדערש. באַקלער זיך, זיריאַב. דו ווילסט ניט נעמען אָנטייל אין די ענינים פון לאַנד, איז וואָס ווערט דערפון? יחיה רעגירט מיט דער גאַנצער מלוכה! דו ביסט איבעראַשט פון דער ידיעה? דער רמאי — דער פערסיאַנער איז איצטער דער ערשטער בעל־יועץ עבדו־רחמנס. דיין השפּעה אויף דעם קאַליף איז נאָך ניט פאַריבער — איצט האָסטו עס געזען, אָבער ס'איז שוין נאָענט דער טאָג, ווען סיי מיינס אַ וואָרט און סיי דיינס וועט שוין ניט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין זיין האַרצן. שעם זיך, דו לאָזט אַרויס דיין מאַכט איבער עבדו־רחמנען צוליב פוסטע חלומות פון דיין פאַנטאַזיע — צי דען ווילסטו, אַז שקר און אונטערדריקונג זאָל הערשן אין אונזער לאַנד. איך האָב חרטה, וואָס איך האָב פון אָנפאַנג געהאַט מורא פאַר דיין ווירקונג, אָבער איצטער זאָג איך דיר: לאָז דיינע לערע חלומות! נעם זיך פאַר דער זאַך, רייס אַרויס דעם קיניג פון די הענט פון דעמדאָזיקן רויבער! ווען וועלן דיינע אויגן דערזען דעם אמתן אמת? ווען וועסטו אויפהערן אַרומצושוועבן אין די וואָלקנס, אין דער צייט, ווען מענטשן פאָדערן דיין הילף? זיי ווייסן, אַז יחיה און אַזאַרע הערשן אין הויף, הגם זיי באַהאַלטן עס, אָבער איך זע, אַז זיי האָבן אַ געהיימען אָפּמאַך צווישן זיך. ווען דיך האָט מען אַזוי קונציק משלח געווען קיין טאָלעדאָ נאָך דעם פירשט וואַליד, זיינען דאָ אָן דיר געשען פיל זאַכן. אַזאַרע האָט אויסגעפירט דאָס איריקע — דער קאַליף נעמט ווידער צו דאָס גוט ביי דעם אָרעמען האַסאַנען, און דאָרט אַרבעטן שוין אַרבעטער, עס ווערט געבויט אַ נייער פּאַלאַץ פאַר איר דורכלויכט. אַזאַרע צוזאַמען מיט יחיהן האָבן אויסגעפירט, אַז מ'זאָל העכערן די שטייערן פון די קריסטן, און יחיה האָט אין דעם פאַל זיך געקענט אויספיינען מיט זיין שיין ריידן. ער האָט איבערצייגט עבדו־רחמנען, און דער קאַליף איז איצט זיכער, אַז פאַרגרעסערנדיק די שטייערן האָט ער

ערפֿילט דעם נביאס רצון. וואו זיינען דאָ די פּשוטע מלוכה־אויס־רעכענונגען, ניט ריידנדיק שוין פֿון איינפֿאַכער מענטשלעכער גערעכטיקייט? ווי מיט אַ כּיוון באמת מען זיך אויפֿוועקן דעם האַס צווישן די קריסטן. דידאָזיקע געלטער אָבער — אַ סומע פֿון עטלעכע הונדערט רענדלעך, וועט די שיינע אַזאַרע פֿאַרשווענדן אויף אירע קליידער און אויף נייע מירמלשטיינערנע פּאַלאַצן.

— אָט ווי די לאַגע איז, — האָט דער אַלטער ווידער געזאָגט, אויפֿהייבנדיק זיך פֿון אָרט, — איך רעכן, זיריאַב, אַז איצט איז פֿאַר דיר קלאָר, וואָס פֿאַר אַ הילף עס ערוואַרטן פֿון דיר פֿאַרשטאַנדיקע לייט.

XVI

זיריאַב איז אין גרויסער אויפרעגונג אַרויסגעגאַנגען פון קיניגלעכן הויף. די ווערטער פון אַלטן פירשט האָבן אים געעפנט די אויגן. ער האָט איצט דערזען, וואָס פאַר אַ אומפאַרמיידלעכן פעלער ער האָט געמאַכט, אָפזאָגנדיק זיך פון יעדער אַריינמישונג אין די אַלע זאַכן. ווען דער קאַליף פלעגט אים פאָרלייגן די, אָדער יענע שטעלע, פלעגט ער זיך אָפזאָגן, דערביי געטענהט פאַר זיין קייזערלעכן פריינד, אַז ער וויל פאַרבלייבן אַן איינפאַכער זינגער — און מער ניט. עבדו־רחמנען איז געפעלן געוואָרן, וואָס זיריאַב האָט זיך ניט געוואָלט מישן אין די ענינים פון דער מלוכה און ער האָט נאָך שטאַרקער געשעצט דעם דיכטער, וועלכער האָט לחלוטין ניט געוואָלט אָננעמען די אַלע כיבודים, וועלכן ס'האָט ניט געצויגן צו מאַכט און איינפלוס אין דעם קיניגלעכן הויף. און זיריאַבס השפעה אויף דעם קאַליף האָט זיך געשטאַרקט מיט יעדן טאָג. עבדו־רחמן האָט זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג, ווי מיט דער מיינונג פון אַ זייטיקן מענטשן, וואָס זעט אָפט בעסער און ווייטער ווי די הויפלייט, וועלכע זיינען שוין פאַרזונקען אין די אַלערליי רכילות און אינטריגעס. זיריאַב האָט זיך געהאַלטן גאָר אָן דער זייט פון האַרעם, און אַזאַרעס אַלע באַמיאונגען אַריינצוציען דעם זינגער האָבן זיך אָפגעשלאָגן אָן זיין גלייכגילטיקייט. עבדו־רחמן האָט עס געוואוסט און האָט נאָך מער געשעצט אין דעם דיכטער זיין ניט אונטערגעקויפטע אויפריכטיקייט. דעם קיניג האָט הנאה געטאָן זיריאַבס צוגעבונדנקייט צו אים, ווייל זיריאַב האָט ניט יעדערן געשענקט זיין פריינדשאַפט. און ווען דער זינגער פלעגט בעטן פאַר עמעצן, איז ניט געווען דער פאַל, אַז דער קאַליף זאָל אָפזאָגן זיין ליבלינג. זיריאַבס

איינפלוס איז געווען גרויס, אָבער ער האָט ניט אָנגערירט די ענינים פון דער רעגירונג; ער האָט געווירקט בלויז אויף דעם מלכות, אויף זיין שוואַכער, אָבער גוטהאַרציקער נאַטור, און ער האָט זיך באַמיט צו אונטערהאַלטן אין אים דאָס געפיל פון יושר און חסד. דעריבער פלעגן די מאַוורען בענטשן זיריאַבן און אים רופן דער גוטער גייסט פון עבדו-רחמן.

אַזוי זיינען ביי זיי געווען די פריערדיקע באַציאונגען. איצט האָבן די געשעענישן אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג. זיריאַב איז געוואָרן שטאַרק צערודערט פון דעם, וואָס דער גרויס-זיזיר האָט אים דערציילט, אַז ער איז אַוועק אין פעלד און איז געגאַנגען מיטן שליאַך, ניט-וויסנדיק אַפילו אַליין, וואוהין ער גייט. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און אַ פינסטערע. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן פון צפון-מזרח — ס'איז געווען חודש דעצעמבער. זיריאַב האָט זיך פעסטער פאַרוויקלט אין זיין וואַרימען פלאַשטש און האָט שנעל געשפאַנט, געטריבן פון זיינע גדאַנקען.

— יחיה האָט באַהערשט דעם קאַליף! — האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון אַמאַיען. — יחיה אָט דערדאָזיקער נידעריקער מענטש: אָן ספק — אַלע זיינע דרשות קעגן האַרונען, זיין גאַנצע איצטיקע שטילקייט און עניוות — איז נאָר אַ פאַלשע מאַסקע, אונטער וועלכער ער האָט פאַרבאָרגן זיין שטרעבונג צו רייכקייט און כבוד. זיריאַב האָט איצט געזען אויף דורך און דורך דעמדאָזיקן פאַרהאַסטן מענטשן, פאַר וועלכן די הייליקע ווערטער: פאָטערלאַנד, ערע, גערעכטיקייט — האָבן ניט עקסיסטירט. יחיה, וואָס איז געווען פריער האַרונס שטורעמדיקער און בייזער שונא, האָט זיך איצט געמאַכט פאַר אַ כשר שעפעלע, פאַר אַ דינער פון דעם נביא און אַלאַ: יאָ, דער אַלטער פירשט איז גערעכט: דערדאָזיקער פערסיאַנער האָט קיין שום איבערצייגונגען ניט, אויסער די, אַז ער מוז מיט אַלע וועגן זיך אַרויפשלאָגן און צונעמען די מאַכט. און דערדאָזיקער מענטש האָט באַהערשט דעם קאַליף! ער איז שטאַרק, וויל הינטער אים באַהאַלט זיך אַזאַרע.

— יאָ ער איז שטאַרק, און ער ווייס דאָס, — האָט זיריאַב געטראַכט, דערמאָנענדיק דעם וויכוח מיט אים, וואָס איז ניט לאַנג

פאַרגעקומען אין פּאַלאַץ. — גערעכט, טויזנט מאָל גערעכט איז דער אַלטער אָמאַיאַ! דער שוואַכער קאַליף וועט ניט ביישטיין דעם פּאַקיר, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דער גריקער פרוי. אַזאַ וועט גרויזאַם זיך נוקם זיין אָן דיכטער פאַר זיין באַציאונג צו איר: זי וועט טריאומפירן, און עבדו-רחמן וועט אַרונטערפאַלן אונטער איר ווירקונג, ער וועט ערפילן אַלע אירע קאַפּריזן און וועט דערנידעריקט קושן דאָס הענטל פון זיין הערשערין. „גרויס איז דיין שולד פאַרן פאָטערלאַנד“, — האָט דער אַלטער אָמאַיאַ געזאָגט, און זיריאַב האָט טיף אין זיין נשמה דערפילט, אַז דאָס איז געווען דער ריינער אמת. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט דער דיכטער געהאַט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט אַזוי מוראדיק אָפּגעהיט זיין פרייהייט. ער האָט אַרויסגעלאָזט די מעגלעכקייט, ווען ער האָט געקענט האָבן די השפּעה אויף עבדו-רחמנען און רעגירן מיטן לאַנד, עס זאָל זיין גליקלעך און גוט פאַר די איינוואוינער. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט אויף וויפל ס'האָט זיך געלאָזט ניט אָנטייל צו נעמען אין די מלוכה-ענינים, שטעלנדיק העכער פאַר אַלץ זיין פרייהייט, און וועלנדיק לעבן פאַר אייגענעם פאַרגעניגן. איצט האָט ער דערזען, וואוהין עס האָבן דערפירט אַזעלכע פאַרלאַנגען. דאָס גאַנצע לאַנד, דידאָזיקע געבענטשטע מאַוריטאַניע, דאָס געליבטע לאַנד פון אַלאַ, מיט אירע מיליאָנען אַרבעטזאַמע פאַרשטענדיקע איינוואוינער — איז אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון אַ פרוי און פון אַ פערסיאַנער. דאָס גאַנצע לאַנד וועט ליידן דערפון, וואָס זיריאַב, דער אין זיך פאַרליבטער דיכטער, וואָס האָט פאַרגעטערט די פרייהייט מער פון אַלץ אויף דער וועלט, האָט ניט אָנגענומען דעם קאַליפס פאָרשלאָג אָנטייל צו נעמען אין דער רעגירונג. זיריאַב האָט זיך אַליין פאַר זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט ניט געקענט ערוואַרטן, אַז עס זאָל אָנקומען אַזאַ אויסוואורף, ווי יחיה, אַז ער האָט זיך באַמיט צו ווירקן אויף דעם קאַליף, ניט פאַרנעמענדיק קיין מלוכה-שטעלע, אָבער דער געוויסן האָט אים געפייניקט. אַ פאַרשאָלטענער טעות! ווי קען מען אים פאַרריכטן? זיריאַב, וועלכער האָט פאַרהאַסט דעם קאַמף צוליב מאַכט, האָט דערפילט, אַז אים וועט אויסקומען צו קעמפן איצט מיט יחיהן, אַז נאָר דעמאָלט וועט זיין אויפגאַבע זיין אויס-

געפירט, בעת דערדאָזיקער פערסיאַנער מיט די בלאָנדזשענדיקע אויגן וועט פאַרשווינדן פון קאָרדאָווע. ניט קיין גלייכער קאַמף איז פאָרגעשטאַנען זיריאַבן; הינטערן פאַקיר האָט זיך באַהאַלטן אַ פרוי, וועלכע רעגירט אַזוי איבערן קיניג, באַנוצנדיק זיך מיט איר שיינקייט.

— יאָ, טונקל און סודותפול איז די צוקונפט פון מאַוריטאַניע! — האָט געטראַכט זיריאַב, אָנקומענדיק אַ מידער צו זיך אַהיים.

ס'איז שוין געווען איינס ביינאַכט. אַריינגעקומען אין הויף, האָט זיך זיריאַב פאַרוואונדערט, דערזעענדיק, אַז אין די פענסטער איז נאָך ליכטיק און די דינערשאַפט האַוועט אַרום.

ער איז אַריין אין ערשטן חדר, וואו זיי פלעגן געוויינלעך עסן מיטאָג און וואו די פרויען פלעגן זיך פאַרנעמען מיט אַרבעט. דאָ איז קיינער ניט געווען. אויפן טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ. אַנטקעגן דעם דיכטער איז אַרויסגעלאָפן אַ צעשראָקענע דינסט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט, בלייך ווערנדיק.

— אַן אומגליק, האַר, — האָט די דינסט שטיל געזאָגט, — זיי האַרינטע שטאַרבט.

זיריאַב האָט זיך געלאָזט לויפן צו פענזילען אין צימער.

אויפן בעט איז געלעגן זיין יונג ווייב. אַרום איר זיינען געשטאַנען די דינסטן. אויפן טישל האָט געברענט אַ קליין לעמפל און די שיין פון אים איז געפאַלן אויף דעם שרעקלעך פאַרענדערט פנים פון דער יונגער פרוי, וועלכע איז געלעגן און שווער געקרעכצט.

— וואָס איז מיט דיר, מיין ליבסטע! — האָט זיריאַב אויסגעשריען, וואַרפנדיק זיך צו איר געלעגער.

פענזילע האָט אומגעקערט צו אים איר גאָלדן קעפל און די אויגן אירע האָבן אויסגעלאָשן און שטאַר געקוקט אויפן מאַן. זי האָט אים ניט דערקענט. פלוצלונג האָט אַן אויסגעשריי פון ווייטאָג זיך אַרויסגעריסן פון אירע פאַרטריקנטע ליפן, זי האָט אין גסיסה אָנגעכאַפּט זיריאַבן פאַרן האַנט און האָט זיך גענומען שליידערן איבערן בעט.

מיט אויגן ברייט אויפגעעפנטע פון גרויל, האָט זיך זיריאַב געווענדט צו די דינסטן. זיי האָבן אים וויינענדיק דערציילט, אַז

פּענזילע האָט פריילעך זיך געשפּילט מיט די קינדער, פּלוצלונג האָט זי געקראָגן קראַמפּן, געפאַלן אין חלשות און איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך. שוין דריי שעה, ווי זי מאַטערט זיך. די דינסטן האָבן געשיקט נאָך זיריאַבן אין הויף, אָבער דאָרט האָט מען אים ניט געטראָפן.

— וואו איז קלאַס? — האָט זיריאַב געפרעגט.

— די האַרינטע איז ניטאָ אין דער היים. מיר זיינען זי געלאָפן זוכן, בעת די יונגע האַרינטע האָט געחלשט, אָבער מיר האָבן זי אין ערגעץ ניט געפונען.

אַ שרעקלעכער פאַרדאַכט האָט אויפגעבליצט ביי זיריאַבן אין קאָפּ. ער האָט פאַמעלעך אַרויסגענומען זיין האַנט פון פּענזילעס הייסע הענט, געוואָרפן אויף איר אַ פאַרצווייפלטן בליק און ווי אַ משוגענער אַרויסגעלאָפן פון צימער. ער איז אַריינגעלאָפן אין שטאַל. ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער האָט ער אַרויסגעפירט אַ פערד, אים ווי־עס־איז אָנגעזאָטלט און האָט אַוועקגעגאַלאָפּירט פייל פון בויגן איבער די פינסטערע נאַכט־גאַסן צו זיין פריינד, דעם מלוכה־דאָקטאָר. איבערגעבנדיק אים וועגן דער ווייבס מאָדנער קראַנקהייט, האָט ער מיט אַ ציטערנדיקן קול געפרעגט, צי איז ניט סם די סיבה פון אַזעלכע אומגעריכטע ווייטאָגן, און אים געבעטן גלייך צו אים פאָרן.

בעת זיריאַב און דער דאָקטאָר זיינען, שווער אָפּטעמענדיק פון דעם טייוולשן יאָגן זיך, אַריינגעלאַנגען צו פּענזילען אין צימער, איז שוין אַלץ געווען געענדיקט. זיריאַב האָט זיך מיט פאַרשטיקטע קרעכצן געוואָרפן צום בעט, וואו זיין טייערע פּענזילע איז געלעגן אַ קאַלטע און אַ בלייכע. אירע גילדערנע פאַסן האָר האָבן זיך אין אומאָרדענונג צעשאָטן אַרום איר קליין קעפּל. איר אויסגעצויגן פּנימל האָט אויסגעדריקט פאַרוואונדערונג, זי איז אויסגעגאַנגען אין גרויסע ווייטאָגן באַלד נאָך זיריאַבס אַוועקגיין. דער דיכטער איז געלעגן ווי אָן באַוועגונג ביי דעם קערפּער פון זיין געליבטער ווייב. דער דאָקטאָר האָט אים שטיל אָנגערירט פאַרן אַקסל. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיין פּנים האָט זיך שרעקלעך פאַרענדערט. אין דידאָזיקע מינוטן איז ער עלטער געוואָרן אויף עטלעכע יאָר. ער איז אויפגעשטאַנען

און באַמיענדיק זיך ניט צו קוקן אויפֿן מת, האָט ער זיך געווענדט צום דאָקטאָר:

— וואָס איז די סיבה? — האָט ער אויסגערעדט מיט אַ פֿאַר־שטיקטן קול.

דער דאָקטאָר האָט זיך געווענדט צו די דינסטן, פֿונאַנדערפֿרעגנדיק צי פֿענזילע האָט עפּעס ניט אויסגעטרונקען, איידער איר איז ניט גוט־געוואָרן? איינע פֿון זיי האָט געזאָגט, אַז ווירקלעך האָט די האַרינטע געגעסן טייטלען און אויסגעטרונקען וואַסער פֿון אַ זילבער־נעם בעכער.

דער דאָקטאָר האָט געהייסן ברענגען דעם בעכער.

אין דעם פֿאַרבליבענעם וואַסער האָט מען ווירקלעך געפֿונען סם אין קליינע שטיקלעך, וואָס איז געלעגן אויפֿן דעק.

און אַזוי איז ניט געבליבן קיין צווייפֿל: פֿענזילען האָט מען פֿאַרסמט. ווער איז אָבער דער אומבאַקאַנטער פֿאַרברעכער? זיריאַב איז אויפֿגעשפּרונגען ווי אַ אונטערגעשאָסענער. קלאָאַס? וואו איז זי? פֿאַרוואָס האָט זי זיך באַהאַלטן? וואו איז זי? צי איז דאָ אַ צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם סם אין בעכער און איר פֿאַרשווינדן אין דער שפּעטיקער אָוונט־שעה, ווען קיין איין פֿרוי אין קאָרדאָווע פֿאַרלאָזט ניט דאָס הויז? זיריאַב האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ און מיט גרויסע טריט גענומען שפּאַנען איבערן צימער.

גרויליק איז געווען דידאָזיקע נאַכט. ווען מ'האָט פֿענזילען אַרומ־געוויקלט מיט ווייסע ליילעכער און אַנידערגעלייגט אויפֿן באַנק, האָט זיריאַב געגעבן אַ צייכן זיינע דינער, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער צוגעבראַכט לעבן דער פֿרויס קערפּער, און ווען ס'איז געוואָרן טאָג, איז פֿון צימער אַרויסגעגאַנגען דער דיכטער אַזוי שטאַרק פֿאַרענדערט, אַז מ'האָט אים געקענט צונעמען פֿאַר דעם עלטערן ברודער פֿון דעם פֿריערדיקן זיריאַב.

XVII

פּענזילען האָט מען באַערדיקט מיט גרויס פּאַראַד. דאָס מיטגעפיל פון קאַליף און פון דעם פירשט וואַליד האָט ניט געקענט טרייסטן זיריאַבן. ער האָט געבעטן זיינע גרויסע פריינד וועגן איינס: אים העלפן אויסצוגעפינען קעלאַמען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז זי איז די שולדיקע. און ביי דעם געדאַנק וועגן דער פּערסיאַנערין האָט דאָס גאַנצע בלוט אים אַזעץ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט קראַמפּהאַפּט געדריקט די הענטל פון זיין קינזשאַל, און דער פּאַרלאַנג פון נקמה האָט אָנגעפילט זיין האַרץ. עבדו=רחמן און פירשט וואַליד האָבן מיט אַלע קרעפטן געוואָלט באַרואיקן זיריאַבן און צוגעזאָגט אַליץ צו טאָן, כדי אויפצוזוכן די פּאַרברעכערישע פרוי. זיי האָבן אים ניט געקענט זאָגן דעם אמת. די פּערסיאַנערין האָט זיך באַהאַלטן אין הויף, אין האַרעם פון קאַליף אונטער דער שוץ פון אַזאַרען, וועלכע האָט זיך זייער געפרייט, דערוויסנדיק זיך, אַז זיריאַבס געליבטע ווייב איז טויט; ווייל קעלאַם האָט ווירקלעך אונטערגעשאָטן סם איר קאָנקורענטין, וועלכע זי האָט נאָך שטאַרקער פּאַרהאַסט, צייט זי האָט געבוירן דעם זון. עבדו=רחמן, זיך דערוויסנדיק וועגן דעם, אַז די פּאַרברעכערין האָט געפונען אַהיים ביי אַזאַרען, איז אין כעס געוואָרן און איז גלייך אַוועק אין האַרעם, פּאָדערנדיק, אַז מ'זאָל קעלאַמען אַרויסגעבן. אָבער אַזאַרע האָט געקענט אים באַרואיקן און אויספירן, וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט איבערצייגט דעם קאַליף, אַז זיריאַב איז צו ערשיטערט אין דער מינוט, אַז מ'דאַרף אים שוינען, אַז דערזעענדיק קעלאַמען קאָן זיריאַב, וועלכער איז אַזוי עמפּינדלעך, אַראָפּגיין פון זינען. זי האָט געראַטן צו וואַרטן, ביז זיין צער וועט שטילער ווערן. עבדו=רחמן אַ צוטרוילעכער ווי שטענדיק, האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דעמדאָזיקן ווידל. אים איז זייער

געפעלן געוואָרן די גוטע באַציאונג צום זינגער, וועלכע אַזאַרע האָט אַרויסגעוויזן, און אַרויסגייענדיק פון אירע צימערן, האָט ער זיך געמאַכט פאָרוואורף, וואָס ער האָט געהאַלטן די יפת־תואר פאַר זיריאַבס אַ שונא. אַזאַרע האָט געגעבן אַ צוזאָג, אַז קעלאַם וועט זיך גע־פינען אין שטרענגער געפענגעניש, ביז דער צייט, ווען זיריאַב וועט זיך אַ ביסל באַרואיקן און מ׳וועט קענען אים אַרויסגעבן די פאַר־ברעכערין: פירשט וואַליד, אויסהערנדיק דעם קאַליפס ערקלערונגען, האָט געדריקט מיט די אַקסלען און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געזען, אַז דאָס אַלץ זיינען אַזאַרעס שפיצלעך, און האָט ביי זיך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן זיין פריינד בסוד, וואו די פערסיאַנערין געפינט זיך. ער האָט נאָר געוואָלט צווואַרטן, ביז מ׳וועט באַערדיקן פענזילען, און האָט שוין באַצייטנס טריאומפירט, פאָרשטעלנדיק זיך אַזאַרעס צאָרן.

נאָך דער לוויה האָט פירשט וואַליד געוואָלט באַגלייטן זיריאַבן אַהיים, אָבער דער זינגער האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון און געזאָגט:

— אַנטשולדיק, פירשט, אָבער מיר וועט זיין לייכטער, אַז דו וועסט מיך איבערלאָזן אַליין מיט מיין אומגליק.

— געקומען אַהיים, האָט ער אָנגעזאָטלט דעם פערד און איז אַרויסגעפאָרן ווייט אין פעלד. טראָגנדיק זיך אין אַ בליץ־שנעלן לויף איבער די וועגן, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרטויבן דעם ווייטאָג פון זיין האַרץ. ס׳איז געווען קאַלט, דער ווינט אַרום האָט זיך גע־טראָגן און געוויינט, דער רעגן האָט אים דורכגענעצט, ער האָט גאָרנישט באַמערקט און גאָרנישט געפילט. אַן אויסגעמאַטערטער און אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך שפעט אין אָוונט אומגעקערט צוריק אַהיים. די דינסטן האָבן אויפמערקזאַם אַלץ צוגערוימט, אָבער אוי־מעטום איז געווען פוסט, שרעקלעך פוסט. קאַלט איז געוואָרן זיריאַבן אין די דאָזיקע שווייגעדיקע, רייכע חדרים, וואו ער האָט ניט לאַנג געהאַט אַזויפיל גליק. ער איז אַריין צו פענזילען אין חדר — און אַנידערגעפאַלן אויף איר געלעגער.

לאַנג איז ער דאָרט געלעגן אָן באַוועגונג, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אויף די הענט; אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שלאָגן פון לעבן שטעלט זיך אין אים אָפּ. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערע פאַרגלי־

ווערונג. ניט האָבנדיק געשלאָפן איייניקע טעג נאָכאַנאַנד, האָט ער איינגעדרעמלט און דערזען אַ מאָדנעם חלום. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין צימער האָבן זיך אַרייַנגעריסן רעגן און ווינט, אַז כעסדיק האָבן אַ קלאַפּ געגעבן די טירן, און שטיל איז אַרייַנגעגאַנגען דער טויט אין דער געשטאַלט פון אַ שוואַרצע פּרוי. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים, אַ הויך געטאָן אויף אים מיט איר קאַלטן אָטעם, און זיריאַב האָט אין שלאָף דערפילט, ווי דאָס האַרץ, ווערנדיק פּאַרקילט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין ברוסט. דערנאָך האָט זי זיך שטיל צעלאַכט און אים געזאָגט עטלעכע ווערטער אויף אַ אומפאַרשטענדלעכער געהיימעניש־פולער שפּראַך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און ביי איר אויף די הענט דערזען פּענזילעס קליין יינגעלע. זיריאַב האָט גענומען קרעכצן און געוואָלט אויסציען די הענט, אָבער די הענט האָבן אים ניט געדינט, ווי שטיינערנע זיינען זיי געלעגן ביי אים אויף די קני... זי איז אָפּגעגאַנגען פון אים עטלעכע טריט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און זיריאַב האָט דייטלעך דערזען, ווי זי האָט פּאַרדעקט דאָס קינד מיט איר שוואַרצן שלייער און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען מיט אים פון צימער. זיריאַב האָט אַ געשריי געטאָן און איז אויפגעשפּרונגען. מיט ברייט־אויפגעעפנטע אויגן האָט ער געקוקט אויף דער טיר. זי איז געווען אָפן. רעגן און ווינט האָבן געשטורעמט אין דרויסן. אין צימער האָבן זיך אַרייַנגעריסן טראָפּנס רעגן און אַ קאַלטער שטראָם לופט. זיריאַב האָט אַ פיר געטאָן איבערן ברענענדיקן שטערן. וואָס איז דאָס אַזוינס? חלום ציווירקלעכקייט? ער האָט געהערט, ווי פון דער ווייט האָט מיט גערויש דער שטאַרקער ווינט פּאַרהאַקט די פּאָרטקע. זיריאַב האָט זיך אומגעקוקט. — אויפן דיל האָבן זיך דייטלעך געזען נאַסע שפּורן פון טריט און פון שלעפּע פון דעם קלייד. ער האָט זיך געכאַפּט און געלאָזט לויפן אין צימער, וואו ס'האָבן זיך געפונען די קינדער. אויפן דיל זיינען געלעגן די אַם און די ניאַניע. אין קליין בעטל איז געלעגן קעלאַמס טאָכטערל און זיס געשלאָפן, אויסשפּרייטנדיק ברייט די הענט. זיריאַב איז צוגעלאָפן צום קינדס וויגעלע און איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. די וויג איז געווען ליידיק. אויפן דיל זיינען געווען קענטיק שפּורן פון נאַסע פיס. ענדלעך, וואָס קומט

דאָ פאָר? דאָס איז נאָך אַלץ דער געשפענסט, דער קאָשמאַר? ווען וועט ער זיך ענדלעך אויפכאַפן? זיריאַב ציטערנדיק פאַר שרעק, האָט גענומען וועקן די אַם. וואו איז אַהינגעקומען דאָס קינד? וועלכע פרוי האָט אים אַוועקגעטראָגן? וואו איז דאָס ייִנגל?

די אַם האָט גאָרנישט באַנומען פון שלאָף און האָט פאַרזיכערט, וויינענדיק און קרעכצנדיק, אַז ס'איז נאָך ניט פאָריבער קיין האַלבע שעה, ווי זי האָט צוגעדעקט דאָס קינד מיט אַ דעקע. זיריאַב האָט זיך געלאָזט לויפן פון צימער. הייסט עס, אַז ס'איז ניט קיין חלום! די שפורן האָבן געפירט פון צימער אין הויף און דערנאָך אויפן גאַס! די טיר איז געווען אָפן. אַ פינסטערע קאַלטע נאַכט האָט אַרויסגעקוקט פון דאָרטן. זיריאַב האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע אומגליקן האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט. זיין קליינער זון, דאָס קינד פון זיין געליבטער פענזילען, האָט מען אַרויסגעגנבעט. די קרעפטן האָבן אים פאַרלאָזן. ער האָט זיך גענומען וואַקלען, אַ געשריי געטאָן און זיך אַראָפגעלאָזט ביים שוועל פון זיין הויז.

ווען אויפן אַנדער טאָג האָט מען זיך אין קייזערלעכן הויף דערוואוסט וועגן דער גנבה פון זיריאַבס זון, האָט פירשט וואַליד אין שטאַרקן צאָרן זיך געלאָזט גיין צום ברודער און געפאָדערט מ'זאָל באַלד אַרויסגעבן קעלאַמען. עבדו-רחמן אַליין, טיף אויפגערעגט פון דערדאָזיקער געשעעניש, האָט באַפוילן דעם אויפזעער פון פאַלאַץ ברענגען פון האַרעם קעלאַמען מיט, אַלע דינסטן, וואָס זיינען געווען אַוועקגעשטעלט זי צו היטן אין דערדאָזיקער שרעקלעכער נאַכט.

פירשט וואַליד איז געבליבן אין קאַבינעט פון מלכות. מ'האָט געבראַכט קעלאַמען. זי האָט געציטערט און געוויינט. פון די עדות-זאָגן פון דער הויף-דינערשאַפט האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז די פערסיאַנערין איז די גאַנצע צייט ניט אַרויסגעגאַנגען פון הויף. זי אַליין האָט געשוואָרן, אַז זי האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַר דעם מאַנס נקמה, אַז זי וואַגט ניט אַרויסצוגיין פון איר באַהעלטעניש. אין אָוונט האָט קעלאַם לאַנג דערציילט דער סולטאַנין מעשהלעך וועגן דמשק און באַגדאַד, און דערנאָך איז זי אַוועק צו זיך אין

צימער, וואו ס'האָבן זיך געפֿונען אַזאַרעס דינסטן, און זי האָט דאָ מיט זיי צוזאַמען געשלאָפֿן. די דינסטן האָבן געשוואוירן, אַז די פּערסיאַנערין איז ניט אַרויס פֿון הויף. עבדו־רחמן האָט אָפּגעלאָזט די וויינענדיקע פֿרויען און געהייסן נעמען אויף פֿאַרהער די וואַך. אַליין איז ער אַוועק אין האַרעם און האָט לאַנג פֿאַרבראַכט ביי אַזאַרען. די יפֿת־תּואר האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז קעלאַם איז אומשולדיק. קעלאַם האָט נעכטן זי שפּעט געוויילט מ'ט אירע מעשהלעך, און אַזאַרע האָט מיט אַ כּיוון לענגער זי געלאָזט זיין ביי זיך, .כּדי ניט צו הערן דעם שטורעם, וואָס האָט געשטורעמט אין דרויסן. עבדו־רחמן האָט זיך צוריקגעקערט אין פּאַלאַץ און איבערגעגעבן זיין ברודער דעם שמועס מיט דער סולטאַנין. אָבער וואַליד האָט ניט געהאַט קיין אמונה אין איר דערציילונג. ער האָט גערעכנט, אַז ניט אַזאַרע און ניט אירע הויפּלייט וועלן אַרויסגעבן קעלאַמען. דער פּירשט איז געווען איבערצייגט, אַז קעלאַם האָט גענבעט דאָס קינד, אַז מ'האָט אים באַהאַלטן מיט דער הילף פֿון אַזאַרען, און ער האָט געטראַכט, וואָס צו טאָן. וועמען איז זיריאַב חושד? געוויס די מערדער פֿון פּענזילען. און ווי וועט זיין, אויב די פּערסיאַנערין האָט געזאָגט דעם אמת? אַרויסגעבן איצטער קעלאַמען זיריאַבן הייסט עם אָנצינדן אין אים דעם האַס און צאָרן מיט די גרעסטע פֿלאַמען. אָבער ווי קען מען פֿאַרשווייגן, אַז קעלאַמען באַהאַלט מען אין פּאַלאַץ? וואַליד האָט זיך דערמאָנט אָן יחידס בייזווילי'קן שמייכל.

— ער ווייס אַליץ, — האָט אים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. — ניטאָ קיין ספֿק, אַז דאָס זיינען אַליץ שפּיצלעך פֿון אַזאַרען און דעם פּערסיאַנער. ניין, איך בין ניט דער ברודער, אים קאָן נאָר איינשמועסן די פֿאַלשע פֿרוי!

און וואַליד האָט באַשלאָסן דערציילן זיין פֿריינד, אַז זיין ווייב האָט געפֿונען אַ מקום־מקלט אין פּאַלאַץ, דאָרט, וואו ער האָט געהאָפֿט צו געפֿינען הילף און מיטגעפֿיל.

בעת וואַליד איז אַריינגעקומען צו זיריאַבן, איז דער זינגער געלעגן אַ בלייכער און אַ טרויעריקער אין פּענזילעס צימער. דערזעענדיק זיין הויכן פֿריינד, האָט ער זיך ניט איילנדיק אויפֿגעהויבן אים מקבל־פּנים צו זיין.

דעם דיכטערס אויגן האָבן זיך מיט דאָרשטיקייט געווענדט צום פּירשט.

— מיין זון ? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים.

וואַליד האָט פאַרדריקט מיט די אַקסלען און טרויעריק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

— ביז איצט, האָט דאָס זוכעניש קיינע רעזולטאַטן געבראַכט, — האָט ער געזאָגט, און נאָך אַ ווײַלע שווייגן צוגעגעבן: — איך ווייס וואו קעלאַם געפינט זיך.

אַ העלע רויטקייט האָט באַפאַרבט זיריאַבס געזיכט. ער איז אויפ־געשפּרונגען, אָנגעכאַפּט וואַלידן פאַר דער האַנט און אויסגעשריען:

— וואו איז זי — איך וועל זי טויטן!

— זי איז אין פּאַלאַץ ביי אַזאַרען.

זיריאַב האָט גענומען קרעכצן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט. ווידער אַזאַרע! ווידער דידאָזיקע שלעכטע פרוי! אָבער וואָס זאָגט דער קאַליף? צי דען האָט ער וועגן דעם ניט געוואוסט?

— ער האָט געוואוסט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט ריידן, האָבנדיק מורא פאַר דיין געזונט.

— ער האָט געוואוסט און ניט געזאָגט! אָט איז זיין פריינדשאַפט! ער האָט ניט געזאָגט! אַ דאַנק דיר, פּירשט, — האָט זיך זיריאַב געווענדט צו וואַלידן. — איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דו אַליין האָסט פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף וויסן דעם אמת. איך דאַרף דערהרגענען דידאָזיקע פרוי. פּעגזילעס טויט שרייט נאָך נקמה.

ער איז אויפגעשטאַנען, אַראָפּגענומען פון וואַנט דעם קינזשאַל און מיט אַ רואיקן פּנים זיך געווענדט צו וואַלידן:

— פיר מיך צו איר.

וואַליד איז פאַרציטערט געוואָרן, זעענדיק זיין קאַלטע רואיקייט. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער דאָרשט צו נקמה ברענט ביי דעם זינגער אין האַרצן, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קעלאַמס טויט וועט זיין אַלס יושרדיקער און נויטווענדיקער אויסווע.

שווייגנדיק זיינען זיי דערגאַנגגען ביזן פּאַלאַץ, ניט אויסריידנדיק צווישן זיך קיין איין וואָרט. זיי זיינען אָנגעקומען אין אַרבעטס־צימער פון עבדו־רחמנען.

— גיב מיר אַרויס מיין ווייב, זי באַהאַלט זיך אין דיין האַרעם, — האָט זיריאַב געזאָגט, צוגייענדיק צו עבדו־רחמנען.

דער קאַליף האָט געוואָרפן אַ שאַרפן צאָרנדיקן בליק אויף וואַ־לידן, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום זינגער. אים האָט איבער־ראַשט דעם זינגערס פּנים, וואָס איז אַזוי פאַרענדערט געוואָרן, און ער האָט פריינדלעך צו אים געזאָגט:

— באַרויִק זיך, מיין פריינד, אַלץ קען נאָך גוט ווערן.

— גיב מיר אַרויס מיין ווייב, — האָט זיריאַב איבערגעחזרט מיט עפּעס אַ פאַרשטיקטן, דומפּן קול. — לויט אונזערע געזעצן, איז אַפילו דער קאַליף האָט קיין רעכט ניט פאַרבאַהאַלטן דעם פאַרברעכער. אין נאָמען פון געזעץ בעט איך דיך, קאַליף.

זיריאַב איז געווען אַזוי שרעקלעך אין דערדאָזיקער מינוט, אַז עבדו־רחמן איז אָפּגעטראָטן און האָט שטיל געזאָגט:

— איך גיב דיר מיין קייזערלעך וואָרט, אַז דיין ווייב וועט נאָך אַפילו היינט דיר אַרויסגעגעבן ווערן.

זיריאַב האָט טיף אָפּגעזיפצט, און זיין האַנט, וואָס האָט קראַמפּ־האַפט געדריקט דאָס הענטל פון שווערד, האָט זיך אַ מעכטיק אַראָפּ־געלאָזט.

— פאַרבלייב ביי מיר אַ ביסל, זיריאַב, — האָט דער קאַליף געזאָגט צוגייענדיק צום זינגער און נעמענדיק אים פאַר דער האַנט. — איך פיל טיף מיט דיין אומגליק, און איך האָב ניט געוואָלט דיך מצער צו זיין מיט דער בשורה, אַז די פאַרברעכערין האָט מען געפונען. באַגיי זיך מיט איר, ווי אַזוי דו ווילסט, — האָט ער ראַש צוגעגעבן, זעענדיק, ווי זיריאַב האָט אויפגעציטערט. — איצט פאַר־בלייב ביי מיר דערווייל. איך וועל דיר דערציילן וועגן אונזערע מילי־טערישע פּלענער. דו געדענקסט געוויס יענעם אָוונט, בעת מיר האָבן זיך געאַמפּערט וועגן טאָלעדאָ? יחידה האָט געהאַלטן פאַר אַ נויט־ווענדיקייט אויסצורופן אַ הייליקע מלחמה, און דו און אָמאַיאַ זיינט געווען קעגן דעם. איך האָב נאָכאַמאָל גערעדט מיט דעם גרויס־

וויזיר, פֿיל געטראַכט וועגן דיינע רייד, וואָס זיינען לויטער שלום, און וועגן יחיהס רייד, מיט וועלכן עס פֿירט אָן די הייליקע התמדה צו אונזער גלויבן, און די מחשבות מיינע נויגן זיך אויף דיין זייט. אין דער אמתן, איך וועל פֿאָרזעצן מיינע ערָאָבערונגען אַזוי, ווי מיינע אָבות האָבן אָנגעהויבן. איך האָב נאָך נעכטן געזאָגט אָמאַיען: מאָלעדאָ וועלן מיר איננעמען, אָבער קיין איין מאַוור וועט זיך ניט אָנרירן אָן דאָס האָב־און גוטס פֿון די קריסטן. אין דער אמתן, צוליב וואָס אויסרופֿן אַ הייליקע מלחמה און איבערגעבן די שטאָט צו פֿייער און שווערד, אויב מ׳קען דאָס דאָזיקע אויסמיידן?

אַזוי האָט זיך דער קאַליף באַמיט פֿאַרטרייבן זיריאַבס געדאַנקען. דער זינגער האָט אָבער צעשטרייט זיך צוגעהערט צו דעם קיניגס רייד. אַפֿילו די ברענענדיקע פֿראַגע וועגן יחיהס השפּעה האָט אים ניט אָנגערירט.

אין דערדאָזיקער מינוט איז צו דעם קאַליף אין קאַבינעט אַריינגעקומען יחיה און, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן האָט ער אַרויסגערעדט:

— אָ, דו קוואַל פֿון חסדים, ליכטיקער הערשער! צום באַדויערן דאַרף איך דיר מעלדן, אַז אונזער קיניגלעכע וואַך איז ניט גענוג אָפּגעהיט. מ׳וועט דאַרפֿן האַרט באַשטראָפֿן די ליידיקגייער. דעם דיכטערס פֿאַרברעכערישע פֿרוי איז נאָך דיין פֿאַ־הער אַוועק פֿון דיר און איז נעלם געוואָרן, און מ׳ווייס ניט, וואו זי איז אַהינגעקומען. מ׳האָט זי אומעטום געזוכט — און נישטאָ.

עבדו־רחמן איז אויפֿגעשפּרונגען און מיט צאָרן אויסגעשריען:

— מ׳זאָל זיי באַשטראָפֿן ווי זיי פֿאַרדינען! גלייך פֿאַראָרדענען, אַז די מרגלים זאָלן אַרומזוכן אַלע הייזער אין קאָרדאָווע!

וואַליד, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען שווייגנדיק ביים פֿענסטער, האָט, דערהערנדיק יחיהס רייד, אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף זיריאַבן און זיך גענומען פֿאַרן קינזשאַל, וואָס איז געווען פֿאַרשטעקט אין גאַרטל. מיט כעס האָבן זיך אָנגעצונדן זיינע גרויסע אויגן. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פּערסיאַנער, געמאַכט עטלעכע טריט, אָבער אין דערדאָזיקער מינוט האָט זיריאַב, בלייך ווי טויט, לאַנגזאַם זיך אויפֿגעשטעלט פֿון אָרט און, נידעריק פֿאַרנייגנדיק זיך פֿאַרן קאַליף, שטיל געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, קאַליף, פאַר דיין גוטסקייט, און איך בעט דיך, ניט באַאומרואיק זיך צוליב מיר. איך זע, אַז ניט דורך דיין שולד איז אַזוי פיל די הויף-וואַך. איצט וועל איך אַליין זוכן ווי צו נעמען נקמה.

זיריאַב האָט זיך פאַרנויגט פאַרן קאַליף און, אַפילו ניט אַ קוק געבנדיק אויף יחידן, איז ער אַרויס פון קיסרס קאַבינעט.

וואַליד האָט געוואָרפן אויפן פערס אַ בליק פול האַס און פאַראַכטונג און איז אַוועק נאָך זיריאַבן.

— איך וועל דיך ניט איבערלאָזן אַליין, — האָט ער זיריאַבן געזאָגט. און אַזוי איז געווען. ער האָט אַ גאַנצע וואָך מיט אים פאַרבראַכט, געפירט אים אין די בערג, געאַרבעט מיט אים אין ביבליאָטעק, און דערנאָך אַוועקגעפירט אים פון קאָרדאָווע צו זיך אין זיין פראַכטפולן פאַלאַץ, וואָס איז געשטאַנען הינטערן שטאָט, און דאָרטן האָט ער זיך באַמיט פריילעך מאַכן זיין פריינד מיט געיעג און מאָלצייטן.

וואַליד האָט געהאַט אַ טעות, מיינענדיק, אַז קעלאַם האָט אַרויסגעגנבעט זיריאַבס זון. זי האָט געזאָגט דעם אמת: אין דערדאָזיקער נאַכט איז זי ניט אַרויסגעגאַנגען פון פאַלאַץ.

XVIII

אָון די צייט איז זיך געגאַנגען לויט איר שטייגער. ס'איז אַריבער דער קורצער ווינטער מיט זיינע קעלטן, שטורעמס און רעגנס. ווידער האָט זיך איבערן טאָל און באַרג פון מאַווריטאַניע צעבליט דער צאַרטער דופטנדיקער פרילינג.

אין קאָרדאָווע איז געגאַנגען אַן אייליקע צוגרייטונג צו דער מלחמה אויף די גאָטן. דאָס חייל האָט יעדן טאָג געמאַכט איבונגען אויף צו שיסן פון בויגן. אין אַלע קוזניעס האָט מען געגאָסן שווערדן, סאַבליעס, העלמען, פאַנצערס, די גאַנצע שווערע און פרימיטיווע באַוואָפענונג פון יענער צייט. אין יענעם טייל פון דער הויפטשטאָט, וואו ס'האָבן געוואוינט די געווערמייסטערס, איז פון פרי ביז נאַכט געשטאַנען אַ רעש און קלאַפעריי — קוים האָט מען געקענט באַווייזן צו דערפילן די באַשטעלונגען פון דער מלוכה, און אַזוי אַרום האָט זיך דערנענטערט דער טאָג, וועלכער איז געווען באַשטימט אויף דעם אַרויסטריט. שטענדיק האָט מען געזען רייטנדיק די לויפערס פון קאַליף און זיי האָבן געאיילט צו דער אַרבעט די מייסטערס. פון דרום איז שוין אָנגעקומען דאָס חייל און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין די אַרומיקע דערפלעך.

און דערווייל האָט יחיה ניט געלאָזט צייט פאַרלירן. זיצנדיק אין די שענקען, אָדער אָפּשטעלנדיק זיך אויפן מאַרק האָט ער איבערצייגט דאָס פאָלק און חייל, אַז ס'איז אָנגעקומען די צייט צו צעברעכן די פעסטונג פון די קריסטן—חרוב מאַכן טאָלעדאָ, צוליב דעם כבוד פון נביא און אַלאַ. ער איז געווען אַ געשיקטער אָראַטאָר; און ער האָט אַרום זיך צונויפגעזאַמלט גרויסע פאָלקסמאַסן.

יחיה האָט קוּנציק געקענט אויפוועקן אין זיינע אָנהענגער אי דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם אי דעם דאָרשט נאָך רויב. פיל מאַוורען, דערהערנדיק וועגן דעם, אַז וויבאַלד נאָר די שטאָט וועט מען אייננעמען, וועט מען זי צעראַבירן, האָבן פאַרלאָזט זייערע פעלדער, געוואָרפן זייער אַרבעט און פרייוויליק זיך אָנגעגעבן אַלס זעלנער. ביסלעכווייז האָט די ידיעה, אַז עס גרייט זיך אַ הייליקער צוג קעגן די קריסטן, אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, די ידיעה איז דערגאַנגען אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך. די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון מאַוריטאַניע האָט געשטוינט. די גייסטלעכע האָבן אָפגעלייקנט די דאָזיקע ידיעות, טענהנדיק, אַז דער קאַליף וועט קיינמאָל ניט איינגיין אויף אַזאַ זאַך.

פירשט אָמאַיאַ האָט אַליין מיט אַלע קרעפטן געוואָלט צונישט מאַכן די רעדעס פון יחיהן, און אויף וויפל ער האָט געקענט, האָט ער פאַרשפרייט אַנדערע קלאַנגען, .האָט אָפגעלייקנט די ווערטער פון דעם פערסיאַנער און האָט פאַרזיכערט, אַז קיין הייליקע מלחמה וועט ניט זיין. אָבער ער אַליין האָט שוואַך געגלויבט, אַז דער קאַמף זאָל זיך ענדיקן בשלום. ער האָט געזען, ווי יחיהס איינפלוס וואַקסט מיט יעדן טאָג. עבדו־רחמן האָט זיך געוואַקלט, און ס'איז שווער געווען צו טרעפן, וואָס פאַר אַ באַשלוס ער וועט אָננעמען אין דער לעצטער מינוט, ווען דאָס חייל וועט דאַרפן אַרויס צו מלחמה. איינמאָל, נאָך לאַנגע דעבאַטן און הייסע אַמפערנישן, האָט דער אַלטער וויזיר דערהערט פון דעם שטענדיק גוטהאַרציקן קאַליף אַליין, אַז ער איז גערופן צו זיין דער נקמה־נעמער פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די מוסולמאַנער. דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער פירשט אָמאַיאַ דערפילט אַ קאַלטע פאַרצווייפלונג. ווידער יחיהס רייד!

ער האָט זיך געלאָזט גיין אין ביבליאָטעק פון פאַלאַץ. אין איין זאַל האָט ער דערזען זיריאַבן, ער איז צו אים צוגעגאַנגען.

— איך בין צו דיר געקומען, — האָט אָמאַיאַ געזאָגט.

— וואָס ווילסטו, פירשט, דערציילן ניים?

— אונזערע געשעפטן זיינען שוואַך, — האָט דער וויזיר אָפּגעזיפצט, זיך זעצנדיק. — איך בין נאָר־וואָס געווען ביי דעם קאַ־

ליך, ער האָט מיך פאַרחידושט מיט זיינע רייד. ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? „דאָס בלוט פון די דערהרגעטע מחמדאַנער שרייט נאָך נקמה!" דו פאַרשטייסט, וואָס דאָס באַטייט?

זיריאַב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דאָס זיינען יחידס ווערטער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. — צי דען האָט דער קאַליף ווידער געענדערט זיין באַשלוס?

— יאָ, עס זעט אַזוי אויס.

— און וואָס זאָגט פירשט וואַליד?

— דער פירשט וואַליד מיט זיין היציקייט ברענגט אונז נאָר שאָדן. ער האָסט אַזוי דעמדאָזיקן פּערסיאַנער, אַז ער קען ניט איבערטראָגן זיין אָנוועזנהייט. יעדן מאָל קומט צווישן זיי פּאָר צוזאַמענשטויסן, און וואַליד זאָגט אים פרעכהייטן.

— וואָס אַזוינס אָבער טרייבט יחידן אויסצופירן זייניקע? צי דען וועט ער ניט מאַכנדיק חרוב טאָלעדאָ, ניט קענען אַריינגעמען דעם קאַליף אין די הענט?

— צי דען ווייסטו ניט דעם סוד? — האָט אָמאַיאַ אויסגעשריען.— אָ, דיכטער, דיכטער! ווי דו ביסט בלינד! דאָ שטייט דאָך אַזאַרע. זי האָט זיך אויסגענומען אַ תנאי אַ דריטל פון דעם רויב. נאַטירלעך וועט יחיה עפּעס אויך קריגן פון דעם—פאַרשטייסטו שוין איצט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך?

זיריאַב איז געוואָרן אָנגעצונדן.

— פאַרפלוכטע קנעכט! — האָט ער אויסגעשריען.

— שטילער, האָט אים דער וויזיר אָפּגעשטעלט, מ׳קען אונז אונטערהערן.

— איז וואָס בלייבט אונז צו טאָן? — האָט זיריאַב געפרעגט, נאָך אַ ווײַלע שווייגן.

— איך האָף אויף דיר, פריינד, — האָט אָמאַיאַ געזאָגט און האָט אַריינגעקוקט דעם דיכטער אין פּנים. — איך האָף, אַז דו האָסט ניט פאַרגעסן יענעם שמועס אונזערן.

— איך בין זיך מודה, אַז איך בין קעגן דיר זייער שולדיק,— האָט זיריאַב געענטפערט. — די לעצטע צייט האָבן מיינע פערזענלעכע

אומגליקן מיך געצוואונגען צו פֿאַרגעסן די ענינים פֿון לאַנד. איצט זע איך, וואָס פֿאַר אַ שולד איך האָב באַגאַנגען, איבערלאָזנדיק דעם קאַליף ביי יחידן אין די הענט. איך האָב מורא, אַז מיין איינפֿלוס איז איצט שוין צו קליין.

— טראַכט ניט אַזוי, זיריאַב, — האָט אָמאַיאַ געענטפֿערט. — דיין וואָרט וועט נאָך געפֿינען אַן אָפּקלאַנג ביי דעם קאַליף אין האַרצן. אויף דיר האָפֿן אַלע פֿאַרשטענדיקע מענטשן, נאָר ניט אָפּ אונזערע ערוואַרטונגען. אַלע זעען, אַז געוואַלט און אַכזריות זיינען שלעכטע מיטלען צו באַזיגן קאַסטיליע. וויל צוליב דעם לעבט דאָך אין וואוילשטאַנד אונזער לאַנד, וואָס אונזערע אָבות זיינען געווען גרויסמוטיק מיט באַזיגטע. טויזנט און הונדערט טויזנט גאָטן־קריסטן לעבן רואיק צווישן אונז, האָבן זיך אויסגעלערנט אונז צו אַכטן, און ס'איז דאָ אַ סך ביישפּילן פֿון דעם, וואָס די גאָטן פֿאַרגעסן זייער שפּראַך און ערלערנען מיט באַגייסטערונג די אַראַבישע שפּראַך, אונזער פּאָעזיע און וויסנשאַפֿט. אויב מיר וועלן זיך מיט אַכזריות באַגיין מיט טאָלעדאָ, וועלן מיר דאַרפֿן מורא האָבן פֿאַר אַן אויפֿשטאַנד פֿון די קריסטן, וואָס וועט זיך אָנהייבן אין דער סאַמע טיף פֿון מאַוריטאַניע. אָבער וואָס איז פֿאַרהאַן צו ריידן, דו אַליין ווייסט גוט, ווי מיר האַלטן. מיט טרויער און מיט ווי קומט מיר אויס, מיר, דעם אַלטן דינער פֿון טראָן, צוצוזען דידאָזיקע ווילדע פּלענער! יאָ, אַ גרויסער אומגליק איז פֿאַר אונז עבדו־רחמנס שוואַכע נאַטור! דו ווייסט דען, ווי וויט יחיה איז אַלמעכטיק? נעכטן האָט זיך פֿאַר מיר איינער אַ קאַדי געקלאָגט, אַז דער פּערסיאַנער האָט אים אָן שום סיבה געהייסן אָנגעבן אין דעמיסיע. ער פֿאַרוואַלטעט איבער אַלע שטעלעס און פֿאַרקויפֿט זיי דעם, ווער עס גיט טייערער. דו האָסט מסתּמא געהערט, אַז דער מושל פֿון איינע פֿון די פּראָווינצן — סאַאיד — דער, וואָס אַל־חכם האָט געשיקט דיך צו מקבל פּנים זיין, — איז פּלוצלונג אָפּגערופֿן געוואָרן פֿון קאָרדאָווע, וויל זיין אָרט איז געפֿעלן געוואָרן איינעם פֿון יחיהס אָנהענגער. סאַאיד איז איצט דאָ און איז זיך זייער מצער.

— איך האָב וועגן דעם ניט געוואוסט, — האָט זיריאַב געזאָגט.

— היינט אין אָוונט, בעט איך דיך, קום צו גיין אין פּאַלאַץ. פּרוּוו אויפהייבן אַ שמועס וועגן טאָלעדאָ. רייד זיך דורך מיט וואַלידן; הגם דער יונגער פירשט איז לייכטזיניק, אָבער אונז איז נייטיק צו געווינען אַלעמען, ווער עס האָט נאָר אַן איינפלוס אויף דעם קאַליף. איך פון מיין זייט וועל דיך אונטערשטיצן. אפשר וועט אונז געלינגען אָפּריידן דעם קאַליף. ער איז דאָך, ווי אַ גרעזעלע אין דער סטעפּ — בויגט זיך אַהער און אַהין, וואוהין דער ווינט בלאָזט. אונז וואָלט וויכטיק געווען צו ווירקן איצט אויף זיין באַשלוס, ווען דאָס חייל איז גרייט צום מאַרש.

XIX

זיריאַבס נאַטור איז פֿרעמד געווען יעדער פֿאַרלאַנג פֿון קאַמף. בטבע אַ טרוימער, ווי אַן עכט קינד פֿון מדבר, איז ער אינגאַנצן געווען פֿאַרזונקען אין פּאָעטישע וויזיעס, וועלכע דאָס אַרומיקע לעבן האָט ביי אים אַרויסגערופֿן. אָבער דאָס לעבן גופֿא האָט אים קנאַפּ וואָס געלאָקט. אים האָט ניט געצויגן צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל אין אים. ביי אים האָט מער חן געהאַט צו זיין אַ באַאָבאַכטער פֿון לעבן, און ער איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט געקענט זיך פֿאַרטיפֿן אין זיינע געדאַנקען און ווען אים האָט ניט באַאומרואיקט דער דראַנג פֿון דעם מענטשנס ליידנשאַפֿטן, און ער איז ניט געווען געצוואונגען צו שטרייטן און קעמפֿן. די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט האָבן געהאַט פֿאַר אים אַ גרויסן רייץ. ניט ווייניקער פֿאַרגעניגן האָט אים פֿאַרשאַפֿט דאָס באַטראַכטן פֿון דער נאַטור. ווי אַלע אַראַבער האָט ער זי פֿאַרשטאַנען און געשעצט. קינדער פֿון דער מדבר, צוגעוויינטע צו דער איינטעניקייט פֿון די סטעפּעס, האָבן די אַראַבער ליב געהאַט די פֿרישע פֿלאַנצן, האָבן אַרומגערינגלט זייערע היי־זער און געצעלטן מיט פֿאַלמען און טשינאַרן, האָבן ליב געהאַט דעם רייש פֿון די ריידנדיקע פֿאָנטאַנען, אונטער וועלכע עס טרוימט זיך אַזוי גוט און דרעמלט זיך, — ליב געהאַט די נאַטור אין דערדאָזיקער תקופֿה, ווען אַנדערע פֿעלקער זיינען געווען בלינד און טויב צו איר שיינקייט. און דער הינזיכט איז זיריאַב געווען דער עכטער זון פֿון אַראַביע. און איצט, אין דערדאָזיקער אומרואיקער צייט פֿון זיין לעבן, האָט אים גאָרנישט אַזוי געקענט לינדערן זיין אומעט, ווי דאָס לייענען אין ביבליאָטעק די כתב־ידן און די איינזאַמע שפּאַ־צירונגען הינטערן שטאָט האָבן אים אַרויסגעפֿירט פֿון דערדאָזיקער גליקזעליקער פֿאַרשטיינערונג. ווי ס'איז ניט געווען שווער, איז דאָך

פאַרט אויסגעקומען אַריינצוטרעטן אין קאַמף מיט יחיהן — מיט דעם מענטשן, וועלכן ער האָט פאַראַכט, אָבער די השפעה זיינע האָט ער געזען איז זייער גרויס.

שלעכט געשטימט, הגם באַהאַלטנדיק עס, איז זוריאַב אָנגעקומען אינאָוונט אין פּאַלאַץ. דאָרט האָט זיך שוין צונויפגעזאַמלט דער שטענדיקער קרייז פון עבדו־רחמנס בעל־יועצים. פון דער צייט, וואָס יחיה איז געוואָרן הויף־ראָטגעבער, האָבן דעם קאַליפס מאָלצייטן פאַרלאָרן זייער פריילעכקייט און אומגעצוואונגענקייט. ס'האָט זיך גע־פילט דער קאַלטער הויך פון דעם עטיקעט. די הויף־לייט זיינען געווען פאָרזיכטיקער אין זייערע שמועסן. יעדערער האָט חושד גע־ווען דעם צווייטן, אַז ער איז יחיהס אַ געהיימער שפּיאָן און אַ שונא.

ווען זוריאַב איז אַריינגעגאַנגען אין דעם באַלויכטענעם זאַל, האָט ער דערזען, אַז דאָס אָרט לעבן קאַליף איז פאַרנומען דורך יחיהן. דער פּערסער איז מיט גדלות געזעסן, אומבאַוועגלעך אין זיינע רייכע קליידער, וועלכע האָבן געלויכטן מיט דימענטן. זוריאַב דערזעענדיק זיין שונא לעבן קאַליף, איז געוואָרן טרויעריק. צו־גייענדיק צום קאַליף האָט ער זיך נידעריק פאַרנייגט, זיך אָפּגע־שטעלט, ניט וויסנדיק וואָס דאָ צו טאָן. עבדו־רחמן האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל צו אים געזאָגט:

— מיר האָבן זיך שוין לאַנג ניט געזען, דיכטער, ווי גייען דיינע לימודים אין דער מוזיקאַלישער שול?

און דער קאַליף האָט אים אָנגעוויזן אַן אָרט פון דער אַנדער זייט.

— עבדו־רחמנס גוטער און שלעכטער גייסט, — האָט אָמאַיאַ אַ טראַכט געגעבן, קוקנדיק אויף דערדאָזיקער גרופּע. — ווער פון זיי וועט נעמען די אויבערהאַנט?

פּירשט וואַליד איז אויפגעשטאַנען און זיך געאיילט צו זיין פריינד. ער האָט זיך געזעצט לעבן אים און האָט אים שטיל מיט אַן אויפגערעגטער שטים געזאָגט:

— איך דאַרף דיר דערציילן אַ וואונדערבאַרע ניים: וואַלעדאַטע לעבט.

זיריאַב האָט אויפגעציטערט.

— מיין פערד־דינער האָט היינט געקויפט געשפּאַן פאַר מיין ווייסן פערד, — דו האָסט דאָך געהערט, אַז איך וועל גיין אויף דער מלחמה, — האָט וואַליד שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן. — איז אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט: ער האָט געזען וועלעדאַטען.

— ווי אַזוי האָט ער זי געקענט דערקענען, פירשט?

— נאָך דעם קול און נאָך דער פיגור. זי איז געווען אינגאַנצן איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער, אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט זי מיין דינער גלייך דערקענט. ער פלעגט איר אָפט איבערגעבן פון מיר פרוכט און בלומען, — האָט וואַליד צוגעגעבן מיט אַ שולדיקער מינע פון אַ חדר־יינגל, וואָס מ׳האָט געכאַפּט ביי אַ שטיפעריי.

זיריאַב האָט זיך אָנגעברוגזט, אַ ווײלע געשוויגן און אַ פרעג געטאָן:

— האָט ער אַכטונג געגעבן, וואוהין זי איז אַוועק?

— דערדאָזיקער שוטה האָט אַפילו ניט אַ קוק געגעבן אין וואָס פאַר אַ ריכטונג זי איז אַוועק. איך בין אַזוי אויף אים געוואָרן בייז אַז איך האָב אים שיר ניט דערהרגעט, אָבער איך האָב זיך געכאַפּט און האָב אים אָנגעשראָקן מיט טויט, אויב ער וועט זי ניט געפינען.

— און זי איז פאַרשוואונדן?

— יאָ, זי האָט אויך דערקענט מיין דינער און איז אייליק אַוועק. נו, איז דאָס ניט אַ פאַרדרוס? איך שווער דיר מיט דעם אָוונט־געבעט! איך וועל אויפזוכן מיין יפת־תואר!

— ניט פאַרגעס, אַז זי איז מיין ווייב, — האָט זיריאַב געזאָגט, צוזאַמענפּרעסנדיק די ברעמען.

וואַליד איז רויט געוואָרן און גאָרנישט געענטפערט.

— מיר דאַכט זיך, — האָט ער איבערגעריסן דעם שווייגן, — אַז איך וואָלט בעסער געקענט אָפּשאַצן דידאָזיקע וואונדערלעכע פרוי. — האָט ער געזאָגט דרייענדיק די וואָנסן און אויפגעהויבן זיינע שפּאָטישע אויגן אויפן זינגער.

אַ רויטקייט האָט באַגאָסן זיריאַבס בלייך געזיכט. זיינע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן, און מיט אַ בייזער שטים האָט ער געענטפערט:

— שעם זיך, פּירשט, דו ווילסט שיטן זאַלץ אויף וואונדן אַ מענטשן, וואָס איז שוין אַזוי אויך גענוג דערשלאָגן פון מזל?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, וועלנדיק זיך באַהערשן, און צו־געגעבן מיט אַ רואיקער שטים:

— וויצל זיך אַזוי ניט מיט מיר. דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי שווער ס'איז געווען פאַר מיר צו פאַרלירן וועלעדאַטען.

— זיי מיר מוחל, — האָט וואַליד ראַשיק געזאָגט.

די אומגעריכטע בשורה האָט שטאַרק באַהערשט זיריאַבן. ער האָט פּייל געקוקט אויף די קונצן פון עפּעס אַ דורכפאַרנדיקן יידן, וואָס האָט געגעבן אַ פאָרשטעלונג פאַר דעם קאַליף. אַ באַאומרואיק־טער דורך וואַלידס ווערטער, איז ער געוואָרן אַלץ פינסטערער און פינסטערער. ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט זיינע בליקן איבער די אַלע, וואָס זיינען דאָ ביינגעוועזן, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט דידאָזיקע אַלע לייט, וואָס פלעגן אין אַמאָליקע צייטן זיך חנפהנען צו אים, מיידן איצטער אויס זיין בליק און שמייכלען ערנידעריקט צו יחיהן. שווער איז געווען דעם דיכטער אויפן האַרצן. ער האָט באַ־געגנט עבדו־רחמנס בליק, וועלכער האָט אים ווי שטענדיק אָנגע־קוקט פריינדלעך און לייטזעליק, און דאָס האָט עטוואָס וויכער גע־מאַכט זיין שטימונג. דער מלכות האָט אַליין אויך זיך געלאַנגווייליקט, קוקנדיק אויף די ניט גאָר קונציקע קונצן פון דעם אַלטן יידן, און קענטיק, אַז בלויז צוליב זיין איידלקייט האָט ער געוואָלט דערוואַרטן דעם סוף.

ענדלעך האָט זיך דער ייד אָפּגעזעגנט און איז אַוועק.

עבדו־רחמן האָט זיך געווענדט צו זיריאַבן. דערצייל מיר עטוואָס פריילעכעס, מיר האָבן אַזוי לאַנג שוין מיט דיר ניט געשמועסט.

— וואָס זאָל איך דיר דען, קיניג, זאָגן? — האָט דער דיכטער געפרעגט, דריקנדיק מיט די אַקסלען. — אָט וואָס איך ווינטש דיר: לעב לאַנג און גליקלעך אונטער די געצעלטן פון דידאָזיקע שיינע פּאַלאַצן!

— דיין ברכה דערוויזט דיין וואוילגעטוויקייט צו מיר, — האָט דער קאַליף אַ שמייכל געטאָן. — און וואָס נאָך וועסטו זאָגן?

— אַלאַ זאָל דערפילן אַלע דיינע פאַרלאַנגען סיי אין אָוונט און סיי אין דער פרי און אין יעדער צייט פון טאָג!

— אָבער דאָס אַלץ וועט דאָך שרעקלעך דערעסן, — האָט עבדו־רחמן אַ זיפץ געטאָן. — און אויב אַלע מיינע פאַרלאַנגען וועלן מקוים ווערן? וואָס וועט דאַמאָלסט זיין?

זיריאַב האָט געדריקט מיט די אַקסלען.

— אין יענער שעה, ווען דיין גייסט וועט זיך נעמען וואַרפן אין דער גסיסה, און דער מלאך אַזראַאיל וועט זיך איבערבויגן איבער דיר, כדי צוצונעמען דיין נשמה — דאַן וועסטו דערזען, אַז דו האָסט זיך געפינען אין אַ שטענדיקער פאַרנאַרעשטקייט.

— ווי טרויעריק זיינען דיינע ווערטער, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, — דו האָסט מיין אומעט ניט צעשטרייט, נאָר פאַרשטאַרקט.

— אַ וויץ פאַסט זיך ניט צו אַ מענטשן, וועלכן דער מזל פאַרפאָלגט.

— אפשר וועסטו אונז עפּעס זינגען, זיריאַב, — האָט פירשט וואַליד זיך צו אים געווענדט, וועלנדיק פאַרגלעטן די קריג מיט אים. — פאַרשאַף אונז דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן.

—ווירקלעך, זינג עפּעס, — האָט דער קאַליף אויך געבעטן. — דאָס געזאַנג וועט צעשטרייען מיך און דיך.

זיריאַב האָט גענומען די האַרפע און האָט פויל אַ פיר געגעבן איבער די סטרונעס. שוואַכע קלאַנגען האָבן זיך אַדורכגעטראָגן איבער זאַל.

— וועגן וואָס וועסטו הייסן זינגען? — האָט ער זיך געווענדט צום קאַליף. — גיב מיר עפּעס אַ טעמע, איך בין היינט ניט פעאיק אַליין צו טראַכטן.

— דו ווילסט אימפּראָוויזירן? — אויסגעצייכנט, — האָט דער קאַליף אַ שמייכל געגעבן. — וואָס עפּעס אַזוינס אויסקלייבן פאַר דיין אימפּראָוויזאַציע?

— אָט איז אַ פאָנטאַן, זינג וועגן אים, — האָט וואַליד געזאָגט, — דאַכט זיך אַ זאַך, וואָס איז ווערט באַזונגען צו ווערן?

— פֿאַרטרעפֿלעך! — האָט עבדו־רחמן צוגעגעבן, — אַט האָ־סטו אַ טעמע: אַ פֿאָנטאַן בײַ מיר אין פּאַלאַץ — און דער קיניג האָט זיך אָנגעלענט אויף די װײכע זײַדענע קישנס פֿון געלעגער און זיך צוגעגרייט הערן.

זיריאַב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון דעם הויכן אָרט, וואו ס'האָבן זיך געפֿונען דער קאַליף מיט זײַנע הויפֿלײַט. אַראָפּגייענדיק אין זאַל, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קאָלאָנע, האָט מיט זײַן געוויינלעכן ושעסט פֿאַרוואָרפֿן דעם פֿלאַשטש אַהינטער, געגומען די האַרפֿע אין זיך פֿאַרטראַכט, קוקנדיק אויף דעם הויכן שטראָם וואַסער, וואָס איז אַנידערגעפֿאַלן אין דעם ווײַסן מירמלשטיינערנעם בעקן.

יחיה איז די גאַנצע צײַט געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי אַ הויכ־געשטעלטער פּערסישער סאַטראַפּ. זײַנע שאַרפֿע אייגן זײַנען אומ־רואיק אומגעפֿלויגן פֿון הערשער צום זינגער, און ער האָט זיך אומבאַמערקט צוגעהערט צו זייער שטילן שמועס. עבדו־רחמן האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ שמייכל און האָט געזאָגט עטלעכע ליב־ווערטער פֿאַר זיריאַבן. יחיה האָט ערנסט און פּאַמעלעך אָנגע־בויגן דעם קאָפּ.

אין זאַל האָבן זיך צאַרט דורכגעטראָגן שטילע אַקאָרדן אין זיריאַב האָט גענומען זינגען:

„געבענטשט זאָל זײַן אַלאַ, וואָס האָט געשענקט אַזאַ הערלעכן וואוינונג דעם געליבטן זון זײַנעם עבדו־רחמנען!

„וואו קען מען געפֿינען נאָך אַזאַ שיינקייט? ניין, ס'איז אויף דער וועלט ניט צו געפֿינען נאָך אַזוינע פּאַלאַצן, ווי די פּאַלאַצן פֿון דעם קיניגלעכן הויף, וואָס לויכטן מיט גילדערנע אונטערשריפֿטן בײַ די בּרעגן פֿון די מירמלשטיינערנע אַרקעס.

„די מאַרמאָרנע אַרקעס און די ווײַסע קאָלאָנען שפּיגלען זיך אָפּ איבערגעקערטערהייט אין דעם דורכזיכטיקן וואַסער, וואָס פֿילט אָן דעם מאַרמאָרנעם בעקן.

„איז דאָס ניט אַ שנור פֿון דורכזיכטיקע פּערלען, וואָס בלאַנקט און פֿינקלט אין זײַן פֿאַלן?

„גיב אַ קוק אויפֿן וואַסער, גיב אַ קוק אין בעקן אַריין: אומ־מעגלעך צו אונטערשיידן, צי עס שטייט דאָס וואַסער אומבאַוועגלעך אָדער עס שטראָמט גאָר דער מירמלשטיין.

„האַסטיק שלאָגט פֿון דער הויך דאָס וואַסער און, פֿינקלענדיק און רוישנדיק, פֿאַלט עס אין בעקן, און אַ ווייסער נאַסער הויך טראָגט זיך אין דער לופֿטן.

„אפֿשר איז אַלץ, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט — אַלע אונזערע פֿריידן און ליידן — ניט מער, ווי דערדאָזיקער פֿייכטער הויך, וואָס שוועבט איבערן פֿאָנטאַן".

זיריאַבס שטים, ניט קוקנדיק אויף די איבערגעלעבטע ליידן, איז געווען אַזוי קלינגענדיק און בויגזאַם, ווי פֿריער, אָבער דעם דיכטערס לידער, וואָס האָבן אַמאָליקע צייטן געקלונגען מיט אַזויפֿיל האָפֿענונג און קראַפֿט, האָבן זיך איצט, צוליב דעם איבערגעלעבטן צער, מיט טרויער פֿאַרוועבט.

ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס ליד, גענומען נאָך איניקע שלוס־אַקאָרדן און צוריק צוגעגאַנגען צום קאַליף.

— גוט, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, — אָבער פֿאַרוואָס עפּעס אַזוי טרויעריק?

— קיניג, מיינע לידער גייען תּמיד פֿון האַרצן.

— און דאָס פֿריערדיקע אומגליק לעבט נאָך אין אים?

— דאָס פֿריערדיקע און דאָס איצטיקע, — האָט זיריאַב גע־ענטפֿערט.

— וואָס פֿאַר אַן אומגליק באַטריבט דיך איצט? — האָט דער פֿאַרוואונדערטער קאַליף געפֿרעגט.

— ניט בלויז איך אַליין לייד איצט, — האָט זיריאַב געענטפֿערט, אויפֿהויבנדיק העכער זיין קול.

פּירשט אָמאַיאַ איז צו אים צוגעגאַנגען.

— איך פֿאַרשטיי ניט וועגן וועלכע ליידן דו רעדסט, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, אָבער אויף זיין געזיכט איז קענטיק געווען, אַז ער האָט יאָ פֿאַרשטאַנען דעם דיכטערס רמז. דערזעענדיק דעם גרויס־וויזיר, וועלכער איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט דער קאַליף פֿאַרשטאַנען, אַז ס'וועט ווידער אַרויסקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט

זיהן און ער האָט אומרואיק אויף אים געוואָרפן זיין בליק. דער פּערסיאַנער איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

זיריאַב האָט באַמערקט דעם קאַליפס בליק און ער האָט אַנט־שלאָסן ווייטער גערעדט.

— קיניג, פון דיין פריינדלעכער באַהאַנדלונג און פון דיינע גרויסע חסדים האָב איך פאַרגעסן מיין ווייטע היימאַט, און אין דיין קיניגרייך האָב איך געפונען מיין צווייט פאָטערלאַנד. דו ווייסט אַליין, אַז איצט איז מיר גלייך נאָענט און טייער דער גורל פון מאַווריטאַניע ווי אַ געבאָרענעם מאַוור.

— איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט געוואָרן אונזערער אַן אייגענער, — האָט עבדו־רחמן גנעדיק געענטפערט.

— דעריבער, קיניג, איז מיר טרויעריק און פיינלעך צוצוזען, וואָס עס גרייט זיך ביי אונז.

עבדו־רחמן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט שאַרף אָנ־געקוקט דעם זינגער. זיריאַב האָט רואיק אויסגעהאַלטן דעמדאָזיקן בליק, און האָט ווידער פאָרגעזעצט, זייענדיק איבערצייגט אין זיין גערעכטיקייט:

— ביי אונז גרייט זיך אַ גרויזאַמע זאַך: אויסרופן אַ הייליקן קריג. קיניג, — האָט זיריאַב געזאָגט, צוגייענדיק נעענטער צו עבדו־ההמנען, — דערמאָן זיך, וואָס איך האָב דיר אַמאָל דערציילט וועגן די ערשטע קאַליפן, דערמאָן זיך אָן דעם גרויסן אַמרו: ווי ס'האָט זיך נאָר איינגעשטילט דער ברען פון די אַראַבער, האָבן די קלוגע קאַליפן געזאָרגט צו זיין גוט און יושרדיק אַפילו אין מלחמה: בלויז צייטנווייז פלעגן אויפברויזן ווילדע תאוות ביים מחמדאַנישן חייל — און דאָס זיינען די טרויעריקסטע בלעטער פון אונזער געשיכטע. דערמאָן זיך אָן מיינע ווערטער, קיניג: דערמאָן זיך, ווי באַדאַכט זיינען געווען דיינע אָבות אויף דעם טראָן פון קאָרדאָווע: און איצט, אין אונזער אויפגעקלערטן דור, ווען די ווילדע און אַכזריותדיקע געפילן האָבן זיך איינגעשטילט אין דעם פאָלק, ווילסטו זיי אויפ־פלאַמען מיט אַ סכנה־וואָרט: הייליקער קריג: רויב און גזלה אין נאָמען פון נביא איז אַ שלעכטער מיטל: קיניג, איך האָב מורא,

אַז דאָס געווער, מיט וועלכן דו ווילסט זיך באַנוצן צו פֿאַרניכטן דיין שונא, זאָל ניט פֿאַלן אויף דיין אייגענעם קאָפּ!

— איך האַלט פֿאַר נייטיק דאָס אַרויסרופֿן פֿון אַ הייליקן קריג, — האָט עבדו־רחמן מיט אַ קאַלטן טאָן געזאָגט. — אַזוי איז אויך די מיינונג פֿון מיינע ראַטגעבער.

— איך האָב דיר אַזאַ מיינונג ניט געגעבן, — האָט פֿירשט אַמאַיאַ זיך אַריינגעמישט, — און אַ סך אַנדערע זיינען מיט דיר, קיניג, ניט מסכּים.

עבדו־רחמן האָט געוואָרפֿן אַ פֿאַרוואונדערטן בליק אויף אַמאַיען. נאָך קיינמאָל האָט ער פֿון אים ניט געהערט אַזאַ שאַרפֿן און אַנטשלאָסענעם ענטפֿער.

— דערפֿאַר זיינען אַנדערע מיט מיר מסכּים, — האָט ער געענטפֿערט, און מיט אַ שטאָלצער באַוועגונג מיטן קאָפּ האָט ער זיך געווענדט צו יחיהן: — איך באַדויער, וואָס אונזער פֿעלדמאַרשאַל וואָזים איז פֿאַרנומען און האָט ניט געקענט זיין ביי אינז היינט. ער האַלט, אַז דערדאָזיקער מיטל איז נויטווענדיק.

יחיה האָט אויפֿגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע אויגן און רואיק געזאָגט:

— די מיינונג פֿון אַ דיכטער און פֿון אַנדערע פּערזאָנען, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו די ענינים פֿון דער מלוכה, קען ניט צו נישט מאַכן דעם פּלאַן, וואָס איז געוואָרן טיף דורכגעטראַכט דורך דעם קלוגן קאַליף.

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך האָב ניט קיין שייכות צו די ענינים, — האָט אַמאַיאַ אַרויסגערעדט אָנקוקנדיק מיט צאָרן יחיהן.

עבדו־רחמן האָט דערזען, אַז דער פּערסיאַנער איז צו וויט פֿאַרגאַנגען און זיך געאיילט צו פֿאַרגלעטן זיינע ווערטער.

— פֿירשט אַמאַיאַ, דו ביסט שטענדיק געווען מיין בעסטער בעל־יועץ, און איצט הער איך זיך אויך צו גערן צו דיינע עצות, אָבער עס קאָן דאָך פּאַסירן, אַז אונזערע מיינונגען זאָלן זיך פֿונאַנדערגיין.

— זיי גייען זיך פונאַנדער פון דעם טאָג אָן, זינט דערדאָזיקער אויסוואָרף האָט זיך אונטער דער מאַסקע פון פרומקייט אַריינגע־גנבעט אַהערצו, — האָט וואַליד אויסגעשריען.

יחיה איז בלאַס געוואָרן און אויפגעשטאַנען פון אָרט.

— דו באַליידיקסט דעם דינער פון נביא!

— איך וועל ניט דערלויבן צו באַליידיקן מיין בעל־יועץ, — האָט דער קאַליף געזאָגט, אויפשטייענדיק. — איך באַפעל, דו זאָלסט שווייגן, פירשט וואַליד!

וואַליד איז אויפגעברענט געוואָרן און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן הענטל פון זיין קינזשאַל.

פירשט אָמאַיאַ האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— ניט פטרט אונזער זאַך, — האָט ער אים אַריינגעסודעט.

זיריאַב איז די גאַנצע צייט פון דעמדאָזיקן שמועס געשטאַנען אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע שיינע אומעטיקע אויגן אויפן קאַליף און האָט מיט פּאַרוואורף אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מלכות, — האָט ער שטיל געזאָגט, — דערלויב מיר, דעם דיכטער, זאָגן נאָך עטלעכע ווערטער.

— רייד, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף זיין געלעגער.

— דאָ האַנדלט זיך וועגן דאָס גליק פון לאַנד און ניט וועגן פּערזענלעכקייטן, ניט אַליין איינס צי יחיה האָט דיר געגעבן דעם־דאָזיקן ראַט, אָדער אַן אַנדערער. מען דאַרף אויך אַ קלער טאָן וועגן מאַאוריטאַניע. אמת, איך בין ניט קיין מלוכה־מאַן, אָבער איך מיין, אַז קיינער צווייפלט ניט אין דעם, אַז מיר איז באַקאַנט די געשיכטע פון אונזער אַראַבישער וועלט. דידאָזיקע געשיכטע, קיניג, לערנט אונז פיל. אויב דו וועסט זיך דערמאָנען, אַז איך האָב דיר שוין דערציילט פון די ערשטע קאַליפן, ניט שוין־זשע וועט ביי דיר ניט געבוירן ווערן אַ ספק אין דעם, אַז דערדאָזיקער מאַרש האָט אַ יושר און אַ זינען? צי דען זיינען שוין אָנגעווענדט געוואָרן אַלע מיטלען? דעם שונא האָט מען צעקלאַפּט און הרוב געמאַכט ביי קאַלאַטראַווע, די דרום־פּאָלקן האָט מען געשיקט אויף טאָלעדאָ,

די העלדישקייט פון די מאַווורען איז סיי ווי באַקאַנט דער גאַנצער וועלט — צוליב וואָס נאָך ברויכן אַכזריות? ס'איז אין סתירה מיט דיין גוט האַרץ. באַטראַכט, קיניג, מיינע ווערטער.

פּירשט אַמאַיאַ, באַמערקנדיק, אַז עבדו־רחמן האָט זיך פאַרטראַכט, האָט זיך צוגערוקט צו אים.

— לאָמיר לאָזן אָן אַזייט דעם עבר פון לאַנד, מיר וועלן נאָר באַטראַכטן, וואָס עס לייענט אונז פאַר דעם הווה, — האָט דער גרויס־וויזיר געזאָגט. — קיניג, דו ווייסט אַליין, אַז הונדערטער טויזנטער קריסטן זיינען דיר אונטערטעניק. די גאָטן וואוינען אין קאָרדאָווע, אין איזבאַליע, אין גראַנאַדע און אין אַלע שטעט און פּראָווינצן פון אונזער ערד. מיט וואָס האָבן זיי דיך דערצאָרנט? זיי זיינען שטיל, ווי שעפעלעך. זייערע גייסטלעכע זיינען דיינע געהאָרזאַמע דינער. ס'איז נאָך ניט געווען דער פאַל, אַז זיי זאָלן אויפרעגן די קריסטן קעגן אונז. ביסלעכווייז נעמען זיי איבער אונזער שפּראַך און אונזער בילדונג. מ'דאַרף טייער האַלטן אַזעלכע אונטערטאַנער. וואָס וועט אָבער זיין, אויב מיר וועלן אָנזאָגן דעם פאָלק, אַז טאָלעדאָ, אַלס קריסטלעכע פעסטונג, ווערט איבערגעגעבן צו רויב און געוואַלט? באַרעכן, קיניג, וואָס וועלן אויף דעם זאָגן די קריסטן? זיי וועלן אויפשטיין קעגן דיר. יאָ, טאָלעדאָ וועט טאַקע ווערן חרוב, אָבער אין סאַמע האַרץ פון לאַנד וועט געבוירן ווערן אַ נייער שונא, אַ געפערלעכערער פאַר דעם פריערדיקן. די קריסטן וועלן ניט שווייגן. זייערע גייסטלעכע וועלן אויפהויבן אַ לאַרעם פאַר דעם פאַרפאָלגטן גלויבן. וואָס וועלן מיר אָנהויבן צו טאָן, ווען אין קאָרדאָווע וועלן זיך אָנהויבן אומרוען? ווען דער האַס וועט אויפפלאַקערן אין אַלע ישובים פון די גאָטן? צי איז פאַרהאַן אַזינען אַז צוליב איין איינציקער שטאָט, וועלכע מ'וועט סיי ווי איינגעמען, אויפהייבן די פּראַגע וועגן דעם, אַז די קריסטן זיינען שונאים פון אונזער גלויבן, אַז מ'דאַרף חרוב מאַכן טאָלעדאָ, ווייל דאָס איז די שטאָט פון קריסטן? באַטראַכט זיך וועגן דעם, קיניג. פאָרזיכטיקייט — איז אַ הויכע מידה פון די הערשער...

פּירשט וואַליד האָט אומגעדולדיק געדרייט זיין שוואַרצע וואָנס און ענדלעך האָט ער איבערגעריסן די געזעצטע דרשה פון גרויס־וויזיר.

— צי דען זיינען די אַלע באַווייזן ניט גענוג דיך צו איבער־צייגן? צי דען זיינען די ווערטער פון זיריאַבן און אָמאַיען מאַכטלאָז און וועלן ניט ענדערן דיין באַשלוס? צי דען זעסטו ניט, עבדו־רחמן, אַז זיי ביידע זאָרגן זיך וועגן דעם גליק פון לאַנד? און דו פאָלגסט, וואָס יחיה זאָגט. טאָ זיי ווייסן, וואָס פאַר אַ געהיימע סיבה באַוועגט יחיהן חרוב מאַכן טאָלעדאָ: ער דאַרף האָבן דעם רויב! ער און דיין שיינע אַזאַרע דאַרפן האָבן געלט! אָט איז דאָס געהיימע שרייפל פון זיין צניעותדיקן צאָרן קעגן די קריסטן! — האָט וואַליד מיט פלאַמענדיקע באַקן אויסגעשריען. — און דו לאָזט זיך פירן פון דעמדאָזיקן באַטריגער! איך בין ייִנגער פון דיר, אָבער איך וואָלט קיינמאָל ניט דערלויבט אַזוי פרעך זאָל מען מיך נאַרן!

וואַלידס ווערטער האָבן אַלעמען איבערראַשט. עבדו־רחמן איז בלייך געוואָרן און האָט כעסדיק צוזאַמענגעדריקט די ברעמען. יחיה איז אויפגעשפרונגען מיט אַ פּנים צעקרימט פאַר כעס און מיט שטאָליץ אויסגעשריען:

— וואָס פאַר אַ טענות, קיניג! דו ווייסט דאָך, אַז דעם פאָלק איז שוין באַוואוסט דיין באַשלוס! מאָרגן פרי וועט מען אין אַלע מעטשעטן אויסרופן דעם הייליקן קריג! שטותערייען פון די דיכטער און זקנים, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער פאַרשטאַנד, דאַרפן ניט אָפּשרעקן דעם הערשער.

— נידעריקער קנעכט, — האָט אָמאַיאַ אויסגעשריען, — און זיך געלאָזט אויף יחיהן מיטן קינזשאַל.

— שטייט! — האָט עבדו־רחמן אין כעס געזאָגט. — צי ווילט איר ניט אויף מיינע אויגן באַנעצן מיט בלוט דעמדאָזיקן מאַרמאָר?

זיריאַב האָט אָפּגעפירט אָן אַ זייט אָמאַיען, וועלכער האָט זיך געשטיקט פאַר כעס.

וואַליד איז צוגעגאַנגען צו יחיהן, פאַרנויגט זיך פאַר אים און מיט שפּאָט געזאָגט:

— איך קני פאַר דיין פאַראָרדענונגס־גייסט! גרויס איז אונזער כחמד און זיין דינער דער גרויסער פאַקיר יחיה!

און דער יונגער פירשט האָט זיך אים צעלאַכט אין פּנים.

— וואַליד, — האָט דער קאַליף כעסדיק אויסגעשריען.

יחיה איז בלייך געוואָרן און פֿאַרדריקט די ליפּן. ער האָט אין דער מינוט געשוואָרן שטאַרק זיך נוקם צו זיין פֿאַר דעמדאָזיקן אָפּלאַכן. די הויף־לייט זיינען אין דער צייט פֿון קריג געזעסן שטיל און נייגעריק אָנגעקוקט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. אייניקע זיינען אויס מורא אַוועקגעגאַנגען.

זיריאַב איז צוגעגאַנגען צו עבדו רחמנען.

— קיניג, זאָג מיר ניט אָפּ, ערפֿיל מיין בקשה צוליב דיין פֿריערדיקער פֿריינדשאַפֿט צו מיר.

— רייד!

— דערלויב מיר, לכל־הפּחות, צו באַגלייטן דיך אין דערדאָזיקער אומגליקלעכער מלחמה.

— אונזער דיכטער לעכצט נאָך מלחמה־רום, — האָט יחיה גיפֿטיק אַ שמייכל געטאָן. — דער כּבֿוד פֿון דער פּאָעזיע באַפֿרידיקט אים ניט.

זיריאַב האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפֿערט, זיך אויסגעדרייט צום קאַליף און מיט געבעט אויפֿגעהויבן אויף אים זיינע אויפֿריכטיקע אויגן.

עבדו־רחמן האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און פֿריינדלעך געזאָגט:

— איך וועל זיין צופֿרידן, אויב דו וועסט אונז העלפֿן טיילן די שווערקייטן פֿון דער מלחמה.

— גאָרנישט האַלט מיך איצט אָפּ פֿאַרבלייבן דאָ אין קאָרדאָווע, — האָט דער דיכטער געענטפֿערט, — איך בין דיר אויסערגעוויינלעך דאַנקבאַר פֿאַר דערדאָזיקער ערלויבעניש.

דער דיכטער האָט זיך אָנגעבויגן, כּדי אַ קוש צו טאָן דעם קאַליפֿס האַנט.

— אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געקענט אויספֿירן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט אַ קאַלטער פֿאַרצווייפֿלונג אין האַרצן. — איך וועל בעטן אַללאַ, אַז מען השפּעה זאָל אים אין דער אַנטשיידענער מינוט אָפּהאַלטן פֿון גרויזאַמקייטן...

XX

ערב דעם טאָג, וואָס איז באַשטימט געווען צום מאַרש, איז זיריאַב צו אָוונט צו אַרויס פֿון זײַן פּוסטן און וויסטן הויז. ער איז דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם מאַרק, קוים דורכשלאָגנדיק זיך צווישן דעם רוישיקן עולם — די מיליטער-לײַט האָבן געאײַלט אײַנצוקויפֿן אַלערליי קלייניקייטן פֿאַר דעם אַרויסגאַנג פֿון שטאָט, — דערנאָך האָט ער געמיטן דאָס געבײַדע פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע בעדער, פֿונוואַנען ס'איז אַרויסגעגאַנגען אַ גרויסער המון מענטשן, און צוקומענדיק צו דעם אַנדער עק שטאָט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין פֿעלד. אַלץ אַרום האָט געבליט און געדופֿט. דער פֿרילינגס-אָוונט איז געווען שטיל און דורכזיכטיק. עטוואָס צאַרטעס און פֿאַרקלערטעס איז געווען צעגאָסן אין דער נאַטור — ווי עפּעס אַ לייכטער זיפֿץ פֿון לעבן האָט זיך געפֿילט אין דער לופֿט, אָדער דאָס האָט שטיל אָפּגעקלונגען אַ האַרמאָנישער אַקאָרד פֿון די וועלט-כוחות.

אין אַן אַנדער צײַט וואָלט דעם דיכטערס נשמה זיך אויפֿמערקזאַם אָפּגערופֿן אויף אַלע פֿאַרבאַהאַלטענע קלאַנגען, אָבער אין דעמדאָזיקן אָוונט איז ער געווען פֿינסטער און צעשטרייט, און אַ שוואַרצער פֿאַרהאַנג האָט פֿאַרשטעלט פֿון אים גאָטס-וועלט. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ניט מערקנדיק די אַרומיקע שיינקייט; זײַן הויכע פֿיגור אין דעם העלן מלבוש האָט געטראָגן אַ שטעמפּל פֿון אומעט און מידקייט.

ער איז צוגעגאַנגען צום בית-עולם, וואָס איז געלעגן אויף דעם שיפּוע פֿון באַרג. צוגעגאַנגען צו דעם הויכן מיט גראָז באַוואַקסענעם פֿאַרקאַן פֿון רויטן ציגל, האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס קליינע טירל און זיך גענומען רעכטס. פֿון בײדע זײַטן האָבן זיך געצויגן קברים, אויף וועלכע ס'האָבן זיך דערהויבן קאַלאָנען. די דאָזיקע סלופּעלעך,

מירמלשטיינערנע, הילצערנע, אָפּגעפּאַרבטע און פון מעטאַל האָבן שיין געגלאַנצט צווישן דעם פרישן גראָז און צווישן די קוסטעס און האָבן צוגעגעבן אַ פריילעכן אויסזען אַפילו דערדאָזיקער וואוינונג פון טויט. זיריאַב האָט אויסגעזוכט דאָס שטעגעלע, וואָס האָט געפירט צו פעניזילעס קבר, און איז צוגעגאַנגען צו אים. איבער דעם בערגל האָט זיך דערהויבן אַ קיפּאַריס, און אונטן בײַ זײַן טונקעלן שטאַם האָט אַ קוסט פון זשאַסמין צעשפּרייט זײַנע ווײַסע שמעקעדיקע בלומען. אין דעם גראָז אַרום האָבן זיך דאָ און דאָרט געזען מאַיגלעקלעך און קוסטעס פון פיאָלן; די לופט איז געווען איבערפולט פון זייער אַ דינעם אַראָמאַט. אויפן בערגל, אויף אַ מירמלשטיינערנעם פּיעדעסטאַל איז געשטאַנען אַ בלויע קאָלאָנע, אויף איר איז מיט גילדערנע אותיות געווען אויסגעקריצט בלויז דער נאָמען: פעניזילע. זיריאַב איז אייניקע מינוט געשטאַנען לעבן דער פרוים קבר, דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פּיעדעסטאַל און צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער בלויער קאָלאָנע. און ווי תמיד, ווען ער פלעגט אַהער קומען, האָבן טרויעריקע געדאַנקען אַ שטראָם געטאָן אין זײַן נשמה און דער עבר איז אויפגעשטאַנען פאַר אים מיט דער קראַפט און דײַטלעכקייט פון געגנוואַרט.

ער האָט געטראַכט פון פעניזילען, דערמאָנט אירע אויגן, איר שמייכל, איר לאַכן, און גלייך ווי ער וואָלט געפינען אַ פאַרגעניגן אין דידאָזיקע ברענענדיקע ערינערונגען, וועלכע האָבן געריסן זײַן האַרץ. ביסלעכווייז זײַנען זײַנע געדאַנקען איבערגעגאַנגען צו דער געגנוואַרט; זיריאַב האָט זיך פאַרקלערט וועגן דעם גורל פון פעניזילעס פאָטערלאַנד, — און אַ שווער פאַרגעפיל האָט אים באַהערשט.

ניט שוין-זשע דאַרף אומקומען דאָס דאָזיקע באַגאַבטע פאָלק? וויפל כוחות און ענערגיע ליגט פאַרבאָרגן אין יעדער אַרבעטער! דאַכט זיך, אַז ס'איז אָנגעקומען די צייט, ווען ס'איז געוואָרן מעגלעך דאָס פרידלעכע אויפבליאונג פון לאַנד. און וואָס קומט אַרויס? ווידער וויל מען אויפוועקן אין די אַראַבער ווילדע תאווה. דער קאַליף וווינט אָן אויף דעם קאָראַן, — יאָ, געוויס, דאָרטן זײַנען ניט ווייניק פאַרהאַן בלוטיקע בלעטער, אָבער די פריערדיקע מלכים האָבן פון זיי ניט גענומען דעם כלל פאַר זייער טאָג-טעגלעכן לעבן;

זיי האָבן געפֿונען אין קאָראַן אויך ווערטער פֿון רחמים, און זיי האָבן זיך באַמיט מיט זייער הויכער מאַכט צו האַלטן אין צוים די ווילדע בעדואינער שבטים. איצט איז די צעשטערונג פֿון טאָלעראַנטיטיק פֿאַר דעם דורכגייער יחידן און אַזאַרען, — און אָט דערהערט זיך דעם קאַליפֿס קול, ער רופֿט דאָס פֿאָלק צו רויב. יאָ, האָט זיריאַב געטראַכט, אָט אין וואָס באַשטייט אונזער אומגליק: די גייסטלעכע מאַכט איז ביי דעם קאַליף! ער איז דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם נביא אויף דער ערד, דער זייל פֿון אונזער גלויבן, און זיין ווילן איז געהייליקט. יעדער קאַפּריז זיינעם הייליקט ער, זאָגנדיק, אַז ער איז אַ געבאָט פֿון הימל. אַלאַ זאָל רחמנות האָבן אויף אונז, זיינע קינדער. מיין אָרעם פֿאָלק! אָט איז דער אויסוואַל, וואָס דער גורל לייגט דיר פֿאָר: אָדער האַרון=אַל=ראַשיד, וואָס ווייס נית קיין גרענעצן צו זיין דעספּאָטיזם, וואָס דאָס לעבן פֿון זיינע אונטערטאַנער איז ביי אים גאָרנישט, אָדער עבדו=רחמן, וואָס איז אַ קנעכט ביים פֿאַקיר און אַ שפּילצייג ביי אַ פֿרוי! עס קאָן נאָך ערגער זיין: די טריסים וואַרפֿן אַראָפּ אין הערשער נאָך דעם אַנדערן, האַלטן אונטער די אינעווייניקסטע מלחמות, כּדי זיך אָנלעבן און אָנצוראַבירן וואָס מער. אָט וואָס עס מוז אונז אומברענגען, און ס'וועט אָנקומען דער טאָג פֿון טרויער, בעת די באַרבאַרן וועלן ווערן שטאַרק צוליב אונזערע מחלוקת, און דער נאָמען פֿון די אַראַבער וועט אויסגעמעקט ווערן פֿון די בלעטער פֿון דער געשיכטע!

אַזוי האָט געטראַכט זיריאַב וועגן דעם גורל פֿון זיין פֿאָלק. ער האָט ווי געפֿילט, אַז נית בלויז די מחלוקת צווישן זיך און דאָס ווילקיר וועלן ענדלעך ברענגען דעם נצחון די פֿאַרהאַסטע גאָטן. לויט זיין אייגענעם לעבן האָט ער געזען, אַז עפּעס צעפֿוילטעס און אומגעזונטעס איז געווען אין דעם שטייגער פֿון דעם מחמדאַנישן אַרט לעבן. דאָס האָבן פֿיל ווייבער און זיי האַלטן פֿאַרשפּאַרט אין די האַרעמען איז געווען דער אייביקער קוואַל פֿון כּלערליי אומגליקן. זיריאַב אַליין האָט צוגעזען די קריגערייען און דעם האַס אין זיין אייגענער פֿאַמיליע, און דידאָזיקע אַלע קריגערייען האָבן זיך פֿאַרענדיקט מיט דער פֿולער צעפֿאַלונג פֿון זיין גאַנצן הויז. ווועלעדאַטע, אַ באַליידיקטע אין איר צוגעבונדנקייט, האָט פֿאַרלאָזט דעם מאַן

און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן; פֿענזילען האָט מען געסמט; דעם זון אַוועקגעגנבעט; קעלאַם האָט געפֿונען איר מקום־מקלט אין האַרעם פֿון קאַליף, און אַזאַרע וועט שוין אַכטונג געבן, אַז דער מאַן זאָל קיינמאָל ניט אויפֿזוכן די פֿאַרברעכערין. אַזוי שרעקלעך איז זיריאַב געוואָרן באַשטראָפֿט פֿון מזל. אַלע זיינע היימישע אומגליקן — זיינען געווען די פֿאָלגן פֿון דעמדאָזיקן אַרט לעבן. דאָס לעבן, וואָס האָט פֿריער אים אַזויפֿיל גליק פֿאַרשפּראָכן, האָט איצט אים אויסגעוויזן, ווי אַ פֿינסטערער מדבר; אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פֿאָרט, אַ מידער און אַן איינזאַמער, אויף אַ פֿאַרמאַטערטן קעמל און ס'האָט ניט קיין סוף דידאָזיקע וויסטע סטעפּ, ס'איז ניטאָ קיין ברונעם צו שטילן דעם דאָרשט, ס'איז אַפֿילו ניטאָ קיין פּאַטע־מאָרגאַנע מ'זאָל קענען אויף אַ ווײַלע אָפּנאַרן די אָנגעווייטאָגטע אויגן. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט, איז ער געזעסן אומבאַוועגלעך אויף זיין ווייבס קבר און ניט באַמערקט, ווי די צייט איז פֿאָריבער. ער האָט ניט באַמערקט, אַז ס'איז שוין טונקל געוואָרן. אַ העלע בין־השמשות האָט אַרומגעכאַפּט די ערד און פֿיאָלעט־שאָטנס האָבן ביסלעכוויז אַרומגענומען דעם הימל־געצעלט. ס'האָבן זיך אָנגעצונדן די ערשטע שטערן, אין די בערג האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ שוואַרצע חושכניש. אויפֿן בית־עולם האָט מען שוין ניט געקענט אונטערשיידן די קליינע קאָלאָנען, וועלכע האָבן זיך געשוואַרצט איבער די קברים. בלויז די ווייסע מירמלשטיינערנע סלופּעלעך האָבן אין אומבאַשטימטע ליניעס זיך געוואָרפֿן אין דער פֿינסטערניש. די שוואַרצע קיפּאַריסן זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי בייזע געשפּענסטע". עס זיינען אַדורכגעפֿלויגן סאָווען, שווער פּאָכנדיק מיט די פֿליגלען, און זייער גרילצענדיקער געשריי האָט טרויעריק אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט. ווי אַ טיכל, וואָס מ'האָט אַוועקגעוואָרפֿן, האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ פֿלעדערמויז, אויפֿן קבר. אונטער דעם הויכן קיפּאַריס האָט זיך געווייסט אַ מענטשלעכע געשטאַלט. צוגערוקט זיך צו דער קליינער קאָלאָנע, אַראָפּגעלאָזט די הענט אויף די קני, האָט זיריאַב געשלאָפֿן אַ מידער פֿון זיינע זאָרגן און אומרו. אים זיינען געקומען צו חלום די העלע טעג פֿון דעם אויף אייביק פֿאַרלאָרענעם גליק.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט זייער פרי, אויפגעוועקט פון אַ קילן מאָרגן-ווינט. דערזען זיך אויפן בית-עולם האָט ער זיך פאַרוואונדערט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אויפגעשטאַנען, אַ קוש געטאָן די אויפשריפט אויף דער בלויער קאָלאָנע און זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. די זון איז נאָר-וואָס אויפגעגאַנגען;. אין הימל האָבן זיך געהערט די קלינגענדיקע טרעלן פון די פייגל. זיריאַב האָט זיך איינגעוויקלט אין פלאַשטש, אַרויס פון בית-עולם און זיך געלאָזט אין שטאָט. אַדורכגעגאַנגען די לערע גאַסן, איז ער אָנגעקומען אין אַ שמאָל הינטערגעסל, וואָס איז געגאַנגען פאַזע דעם קיניגלעכן גאָרטן.

פלוצלונג האָט ער פון דער ווייטנס באַמערקט אַ פריי אַרויסגייענדיק פון טויער. זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ הויכן קרוג. זיריאַב האָט אויפגעציטערט און געמאַכט שנעלערע טריט.

— זאָל דאָס זיין קעלאַם? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגעטאַפּט דעם קינזשאַל אין גאַרטל.

ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן. ס'איז ניט געווען ספק: דאָס איז געגאַנגען קעלאַם. זיריאַבן איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. שטורמיש האָט אין אים ערוואַכט דער ווילדער פאַרלאַנג נאָך נקמה. ניט ווייסנדיק וואָס ער טוט, האָט ער זיך געלאָזט לויפן נאָך קעלאַמען. זי האָט דערהערט הינטער זיך שנעלע טריט, זיך אומגעקוקט, דערזען זיריאַבן מיט אַ פון כעס צעקרימטן געזיכט, און האָט זיך אַ טרייסל געטאָן — דער קרוג איז אַראָפּגעפאַלן ביי איר פון קאָפּ און זיך צעבראָכן אויף שטיקלעך, — זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפן. אָבער זיריאַב האָט זי שוין אָנגעיאָגט, קעלאַם האָט געפילט, אַז ביי איר האַקן זיך אונטער פון שרעק די פיס, זי האָט אַ פאַל געטאָן. אין דערזעלבער מינוט האָט זי דערפילט, ווי צוויי שטאַרקע הענט האָבן זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז און גענומען שטיקן. זיריאַב, ווי אַ חיה ברומענדיק פאַר צאָרן, האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס ווייב און, שטיקנדיק זי פאַרן האַלז, האָט ער אין משונהדיקן צאָרן זי גענומען שלאָגן מיטן קאָפּ אָן דר'ערד. די אומגליקלעכע פרוי האָט געסאָפּעט און געוואָרפן זיך אין זיינע הענט. די האָר אירע האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דעם שלייער, איר פּנים איז בלוי געוואָרן, פון דעם צעקלאַפּטן קאָפּ

האָט זיך געגאָסן בלוט. זיריאַב האָט אָפּגעלאָזן איר האַלז — זי האָט מוראדיק גענומען שרייען, אָבער די גאַס איז אין דערדאָזיקער פרימאָרגן־שעה געווען ליידיק. זיריאַב האָט מיט די קני צוגעדריקט די אומגליקלעכע, אַרויסגעכאַפּט דעם קינזשאַל און אים אַריינגעזועצט טיף אין האַרצן איר. קעלאַם האָט אַפילו ניט אַ פּיפּס געטאָן. דער קאָפּ איז אַנידערגעפאַלן, די אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיריאַב האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געקענט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון ווילדן גרויל אויפן פּנים פון דער דערהרגעטער. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר — זי האָט שוין ניט געאָטעמט, אָבער די אויגן אירע, — טויטע, — האָט זיך געדאַכט, קוקן אויף אים נאָך אַלץ מיט גרויל. פון דעם צעקלאַפּטן קאָפּ און פון דעם וואונד האָט זיך געגאָסן בלוט. זיריאַב האָט זיך אויפגעהויבן, שווער אָטעמענדיק. מיט משוגענע אויגן האָט ער געקוקט אויף קעלאַמען, זיינע קני האָבן געציטערט. ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים און דומפּ אָפּגעקרעכצט. ער האָט זיך נוקם געווען פאַר פענזילען, אָבער ווי גרויזאַם איז דיזאָזיקע נקמה! ער האָט זיך נאָך אַמאָל איבערגעבויגן איבער קעלאַמען — זי איז געלעגן אָן אָטעם מיט דעמזועלבן שרעקלעכן בליק. דאָס בלוט האָט איינגענעצט איר בלויען שלייער און קלייד. זיריאַב האָט זיך אויסגעגלייכט, מיט עקל אַ שליידער געטאָן דעם פאַרבלוטיקטן קינזשאַל און זיך געלאָזט לויפן אַהיים. אַריינגעקומען צו זיך אין צימער, איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן דיוואַן און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. לאַנג איז ער אַזוי געלעגן, ווי פאַרשטיינערט, אָן געדאַנק, זעענדיק בלויז פאַר די אויגן קעלאַמס בלוי־געוואָרן געזיכט און דערמאָנענדיק זיך אָן ווילדן געשריי.

פלוצלונג האָט עמיץ לייכט אָנגערירט זיין אַקסל. ער איז אויפגעשפרונגען, ווי אַן איינגעביסענער. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן. ער האָט דערזען פאַר זיך דאָס בלייכע פנימל פון קעלאַמס טאָכטערל — פאַטימע. דאָס קינד, הערט דעם, אַ דערשלאָגנס און דערשראָקנס, דערזעענדיק דעם פאָטערס צעטראָגן געזיכט — האָט זיך שטאַרק צעטומלט. אין אירע גרויסע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זיריאַב געפרעגט אָפּגעהאַקט, און זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין קול.

דאָס מיידעלע האָט זיך אָפּגערוקט און שווייגנדיק אָנגעקוקט דעם פּאָטער.

זיריאַב האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פאַר דעמדאָזיקן בליק.

— אָרעם קינד! ווען עס זאָל וויסן, וואָס איך האָב נאָר-וואָס אָפּגעטאָן! — איז אים דורכגעפלויגן אין קאָפּ.

ער האָט טיף אָפּגעקרעכצט, אָנגענומען זיך פאַרן קאָפּ מיט די הענט און אַרויסגעמורמלט:

— גיב מיר אַ טרונק.

פּאַטימע איז געלאָפן און געבראַכט אין אירע קליינע הענטעלעך אַ גרויסן זילבערנעם בעכער.

זיריאַב האָט מיט גיריקייט צוגעטראָגן דאָס וואַסער צו די פאַרטריקנטע ליפּן.

— לאָז מיך אַליין, — האָט ער געזאָגט, צוריקגעבנדיק דער טאָכטער דעם בעכער.

אָבער פּאַטימע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ס'איז געווען קענטיק, אַז זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט מורא.

זיריאַב האָט זיך ווידער געלייגט אויפן דיוואַן, ציטערנדיק מיט זיין גאַנצן קערפּער. ס'איז אַריבער אַ פערטל שעה. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען, אַז פּאַטימע שטייט נאָך אַלץ און קוקט אויף אים.

— קינד,* לאָז מיך, — האָט ער ווידער געזאָגט.

ציטערנדיק איז זי צו אים צוגעגאַנגען.

— פּאָטער, דאָ איז דאָ אַ בריוו פאַר דיר, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ בריוו? — האָט ער געפרעגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון קישן.

— איך ווייס ניט, פּאָטער, ער איז געלעגן אין דיין צימער אונטער דער האַרפע.

— וואו איז ער?

— דאָ ביי מיר, — האָט דאָס קינד געזאָגט און ציטערנדיק אויסגעצויגן איר האַנט מיט דעם אויפגעלייגטן צעטעלע.

זיריאַב האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, פונאַנדערגענומען דאָס צעטעלע. דאָ זיינען געשטאַנען די ווערטער:

„ניט דאגה, דיין זון לעבט“.

ביי דעם דיכטער האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. אַ שוואַרצקייט האָט פאַרלייגט זיינע אויגן. אָפּגעחלשט פון איפּרעגונג, איז ער אַנידערגעפאַלן אויף די קישנס. אַ טויטע בלאַסקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים. אין אייניקע מינוטן איז ער צו זיך געקומען. ער האָט ווידער איבערגעלייענט די ווערטער, אָנגעשריבן מיט אַן אומבאַקאַנטער האַנט — און טרערן האָבן זיך איינע נאָך די אַנדערע געגאָסן פון זיינע אויגן.

פּאַטימע האָט אומרואיק געקוקט אויפן פאָטער. קיינמאָל האָט זי נאָך אים ניט געזען וויינענדיק. זי איז שעמעוודיק צוגעגאַנגען צו אים, אַרומגענומען מיט די הענטעלעך זיין האַלז.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיריאַב דערפילט אַ צאַרטקייט צו דעמדאָזיקן קינד, וואָס ער האָט ניט ליב געהאַט, און ער האָט אַ קוש געטאָן דאָס שוואַרץ געגרויזטע קעפּל.

— ווער האָט געבראַכט דעם בריוו?

— קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי אַזוי ס'איז אַריינגעפאַלן צו דיר אין צימער, — האָט פּאַטימע געזאָגט, לויכטנדיק פון דער אומגעריכטער צערטלעכקייט. — אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר אָפּגעוואַרט אויף דיר און לאַנג ניט געשלאָפן און דערנאָך האָבן מיר געלאָזן די טיר ניט פאַרשפּאַרט. אינדערפרי האָט די דינסט דערזען דאָס צעטעלע און מיר געזאָגט:

— זיין זון לעבט! דער זון פון זיין טייערער פענזילען!

דידאָזיקע אויסטערלישע און געהיימענישפולע בשורה האָט זיריאַבן ערשיטערט. אָפּרעכענענדיק זיך פאַר פענזילעס טויט, האָט ער ביי זיך חושד געווען, אַז קעלאַם האָט אויך צוגעגנבעט דאָס יינגל און אים דערהרגעט — און איצט איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּערסיאַנערין האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו דערדאָזיקער זאַך. דאָס קינד געפינט זיך ערגעץ אין אומבאַקאַנטע הענט, און קענטיק, אַז דערדאָזיקער אַוועקרויבער האָט רחמנות אויף זיריאַבן. ווי אַזוי זוכט מען אויף דידאָזיקע לייט? ווער האָט געקענט אַוועקגנבענען דאָס קינד? צוליב וועלכן צוועק? דערגיין ווער ס'האָט געשריבן דאָס בריוועלע — איז געווען אוממעגלעך. קיינער האָט ניט געזען, ווי ס'איז

אָנגעקומען אין הויז. וואָס נעמט מען פאָר? זיריאַב האָט זיך דער־מאָנט, אַז דער היינטיקער טאָג איז געווען באַשטימט אויף דעם אַרויספאָר. ער האָט געטוזט פאָרן אָן אַ תירוץ, כדי איינהאַלטן עבדו־רחמנען פון יחיהס איינפלוס. הייסט עס, אַז איצט האָט מען ניט געקענט טראַכטן וועגן זוכן דאָס קינד.

ער איז געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער. ענדלעך איז ער שטיין געבליבן לעבן פאַטימען. און אָט דאָס מיידעלע האָט אים געבראַכט די פריילעכע בשורה! אָרעם קינד! ווען זי זאָל עס וויסן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. שוידערלעך, שוידערלעך!

זיריאַב האָט זיך אָנגעבויגן און נאָך אַמאָל זי אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

דערנאָך האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג זיינע קליידער און איז אַוועק אין פּאַלאַץ. ער האָט געמאָלדן דעם קאַליף, אַז ער האָט דערהרגעט זיין פאַרברעכערישע פרוי, געבעטן מען זאָל זי באַערדיקן לויט דעם מחמדאַנישן דין און זיך געווענדט צום פירשט אָמאַיאַ ער זאָל אים דערלויבן לאָזן ביי אים אין הויז, אין דער צייט פון מלחמה, די קליינע פאַטימע.

אין דעמזעלבן טאָג איז עבדו־רחמן, אין דער באַגלייטונג פון דעם גרויס־ווזיר, פון פירשט וואַליד, פון זיריאַבן, פון יחיהן און פון דער רייכער סוויטע, אַרויסגעפאָרן פון קאָרדאָווע. דאָס חייל איז מיט אַ טאָג פריער, שפּעט ביינאַכט, אַרויסגעפאָרן.

XXI

אַ הונדערט-טויזנט צאָליק חייל איז געשטאַנען הינטער די ווענט פון טאָלעדאָ. די הויפט-קרעפטן פון די מאַורען האָבן זיך צעשפּרייט צו דרום צו, אויף דעם לינקן ברעג פון ברייטן טאַכאָ. אויף דעם אַנדער זייט טייך, אויף אַ הויכן באַרג האָט זיך שטאָלץ דערהויבן די פעסטונג פון טאָלעדאָ. געצייַנדלטע ווענט מיט הויכע טורעמס האָבן אַרומגעקרייזט די שטאָט. אויף דעם אָרט, וואו אין דער צייט פון דער מאַורען-הערשאַפט איז געשטאַנען אַמרום שלאָס, איז איצט געווען אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ פון דעם גאָטישן קיניג. אין דעמדאָזיקן פּאַלאַץ האָט געוואוינט דער גובערנאַטאָר פון טאָלעדאָ, וואָס איז איצט געווען דער הויפט-פאַראָרדענער צו באַשיצן די שטאָט פון דעם מאַורען-אָנפאַל. פון שפּיץ באַרג האָבן די גאָטישע פעלד-מאַרשאַלן אויסגעצייכנט געזען די פּאָזיציעס פון דעם שונא, געוואוסט, וואו עס געפינען זיך די הויפט-קרעפטן פון די מאַורען און פון וואַנען עס דראָט די געפאַר. טאָג און נאַכט האָט די וואַך גוט אַכטונג געגעבן אויף די באַוועגונגען אין דעם פיינדלעכן לאַגער פון דער הויך פון די שטאָט-טורעמס. די לאַגע איז געווען זייער ניט גינסטיק פאַר די מאַורען. דער שטאַרק שטראָמענדיקער און ברייטער טייך, נאָך רייך אין וואַסער, צוליב די פרילינגס-רעגנס, האָט זיי געשטערט צו מאַכן דעם אַנטשיידענעם אָנגריף. אַ שטאַרקער שטיינערנער בריק, וואָס די מאַורען האָבן נאָך אַמאָל געהאַט אויפגעבויט האָט פאַראייניקט די שטאָט מיטן דרומדיקן ברעג. אויף דעם דאָזיקן בריק זיינען פאָרגעקומען שטענדיקע, אָבער נוצלאָזיקע קאַמפן. דאָס מאַוריטאַנישע חייל האָט פאַרלאָרן אַ סך מוטיקע ריטערס אין דידאָזיקע צוזאַמענשטויסן. טויזנטער פאַרגיפטעטע פיילן זיינען געפלויגן אויפן שונא, פון די הויכע טורעמס, פיל מענטשן זיינען

אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער, און אין דער צײַט, בעת די גאָטן האָבן דערזען, אַז זײ ווערן שוואַכער, פֿלעגן זײ באַלד אָפּטרעטן און זיך באַהאַלטן הינטער די פֿעסטע טויערן. אויפֿן צפֿונדיקן ברעג פֿון טאַכאָ, הינטערן באַרג, איז אויך געשטאַנען מאַוריטאַניש חיל, אָבער דער שטײלער אַראָפּהאַנג פֿון די בערג איז געווען אַ שטערונג צו פֿירן אַ רעגלמעסיקע באַלאַגערונג פֿון דער שטאָט.

דער אָנהײב פֿון דעם קריג איז פֿאַר די מאַורען געווען ניט מיט ערפֿאָלג. פֿון אָנהײב תּמוז זײַנען אָנגעקומען שרעקלעכע היצן. די פֿרוכטלאָזע, שטײנערדיקע פֿלײנען פֿון קאַסטיליע האָבן געגליט פֿון די ברענענדיקע שטראַלן. דאָרף נאָך דאָרף אַרום טאָלעדאָ האָט וואַזים חרוב געמאַכט, אַ טרויעריקע פֿאַרוויסטונג האָט געהערשט אַרום. ס'איז ניט געווען וואו צו קריגן פּראָוויזיע פֿאַר דעם חיל. פּראָוויאַנט פֿלעגט מען ברענגען פֿון דרום, פֿאַר עטלעכע הונדערט ווערסט, לאַנגזאַם און נאַכלעסיק. דאָס חיל האָט מתרעם געווען, די שווערע באַוואָפֿענונג און די אומטעטיקײט האָט געדריקט די זעלנער.

דערווײַל האָט דער קאַליף פֿאַרבראַכט די טעג אין זײַנע פּראַכט־פֿולע געצעלטן. יחיה האָט אינגאַנצן געהערשט איבער אַלע זײַנע מחשבות. אין מיליטער־ענינים האָט דער פּערסער זיך אַרויסגעוויזן גאַנץ אומפֿעאיק. ער האָט ניט געוואוסט, ווי צו פֿאַראָרדענען און דערווײַלע האָט ער געציטערט אַרויסצולאָזן עבדו־רחמנען פֿון זײַנע הענט. דעריבער האָט ער שטאַרק אים אײַנגערעדט אויסוואַרטן, טענהנ־דיק, אַז די גאָטן וועלן אַלײן פֿאַרלירן דאָס געדולד און וועלן אָנ־הײבן דעם שלאַכט, וועלכער וועט זיך ענדיקן מיט אַ גליקלעכן נצחון פֿאַר די מאַורען. יחיה האָט אומגעריכט פֿאַר זיך באַגעגנט אין דעם קאַליף די פֿולע גרײטקײט אויסצווואַרטן דידאָזיקע מינוט, ווײַל דערדאָזיקער אויסגעצערטלטער און שוואַכער קאַליף איז אין דער אמתן געווען אַ פּחדן. בײַ זיך אין האַרצן האָט ער געציטערט בײַ דעם געדאַנק, אַז אים וועט אויסקומען אַרויסצוטרעטן בראש דעם חיל. דער קריגערישער ברען און דער הײסער פֿאַרלאַנג זיך צו וואַרפֿן אויפֿן שונא אין דעם בלוטיקן ערלעכן קאַמף איז געווען פֿרעמד זײַן ווײכער נאַטור. אין אים האָט ניט גערעדט דאָס בלוט פֿון זײַנע אָבות, די העלדישקײט פֿון די בעדואינער; דאָס רײַכע

לעבן און דאָס גאָרנישט טאָן האָבן געבראַכט זייערס, און איצט איז עבדו־רחמן זאָגאַר ניט געווען פעאיק אָנצופירן מיט זיין חייל. ער איז געזעסן אין געצעלט, געשפּילט אין שאָך און געהערט זיריאַבּס געזאַנג, און, דאַכט זיך, ער האָט פאַרגעסן וועגן דעם, אַז הונדערט־טויזנט מאַוורען וואַרטן אויף דעם שלאַכט און שמאַכטן אין שטילע תרעומות.

ענדלעך האָט אַפילו דער אַלטער וואַזיס פאַרלאָרן דאָס געדולד. ער איז געקומען צו עבדו־רחמנען און גענומען דערווייזן דעם קאַליף, אַז ס'איז ניט קלוג צו וואַרטן ביז די גאָטן וועלן קאַפּיטולירן, מ'האָט באַדאַרפט אָנהייבן אַ רעגלמעסיקע באַלאַגערונג. צוליב דעם איז נייטיק געווען איבערצופירן די הויפּט־קרעפטן אויף דעם צפונדיקן ברעג, צו דעם צופוסנס פון באַרג, מאַכן פעסטונגען זיך צו שיצן פון די באַפאַלער, נעמען אויפן באַרג מויער־ברעכער, מאַכן אַ פעסטן און ברייטן וואַל פאַזע די ווענט פון טאָלעדאָ, כדי גרינגער צו מאַכן די באַלאַגערונג.

עבדו־רחמן האָט צוזאַמענגערופן אַ ראַט.

אַלע עלטסטע פון די אָפּטיילונגען, וויסנדיק גוט די שטימונג פון חייל, האָבן אָפּגעגעבן זייער שטים פאַר וואַזיסעס פאָרשלאַג. דאָס חייל האָט אויפגעוואַכט. דער איבערגאַנג איז געוואָרן געמאַכט אין עטלעכע טעג — צען ווייאָרסט פון שטאָט. אויף דעם לינקן זייט טאַכאָ איז געבליבן אַ פערטל פון דעם מיליטער אונטער דער אָנפירונג פון פירשט וואַליד. יחיה האָט געראַטן דעם קאַליף אָנטרויען די אָנפירונג וואַלידן: ער האָט געהאָפט, אַז דער היציקער און אומגעדולדיקער פירשט וועט געפינען דעם טויט אין עפּעס אַן אומגליקלעכן צוזאַמענשטויס.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אייליקע אַרבעט. טויזנטער ערד־גרעבער האָבן געאַרבעט אויף צו מאַכן אַ גרויסן וואַל הינטער די סאַמע ווענט פון טאָלעדאָ. די גאָטן האָבן באַמערקט די ענדערונג אין דער טעטיקייט און האָבן איצט מיט אַלע אָנשטרענגונגען זיך באַמיט צו שטערן די, וואָס האָבן געאַרבעט. אויף זיי האָט זיך פון די שטאָטישע ווענט געשאָטן אַ האָגל פון שטיינער און פיילן. ס'איז רק אויסגעקומען צו שיקן נייע מיליטער אויף דער געפערלעכער

אַרבעט און יעדן טאָג האָט מען פון דאָרטן אויפגענומען צענד־ליקער צעשעדיקטע הרוגים.

דערווײַלע האָט זיך יחיה דערוואוסט, אַז דאָס חייל איז מתרעם און אומרואיק. ער האָט זיך דערשראָקן, מ'האָט באַדאַרפט עפּעס פאָרנעמען כדי אויפצומונטערן דאָס מיליטער. יחיה האָט געראָטן דעם קאַליף אָנהייבן דעם אָנגריף, ניט וואַרטנדיק ביז ס'וועט ווערן פאַרענדיקט דער ערד־וואַל. גאַנץ פרי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט עט־לעכע אָפּטיילונגען איבער דעם שטיליקן באַרג צו די געציינדלטע בערג פון טאָלעדאָ. צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, האָבן די סאָלדאַטן צונויפגעוואָרפן די זאַטלען — איז געוואָרן אַ העכערער אָרט — זײַנען זיי אַרויפגעקראָכן אויף דערדאָזיקער קופּע און געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די שטאָטישע טויערן. אויף די מאַוורען האָט זיך גענומען גיסן זודיקער פעך און זודיק וואַסער. דער אָנגריף האָט זיך גע־ענדיקט מיט אַ פולן דורכפאַל.

מ'האָט געמוזט וואַרטן ביז מען וועט האָבן פאַרענדיקט דעם וואַל.

טרויער און פאַרדרוס האָט נאָך שטאַרקער באַהערשט דאָס חייל.

נאָר אין דער אָפּטיילונג, וואָס איז געבליבן אויף דעם לינקן ברעג פון טאַכאָ, האָט געהערשט אַ פרייליכע שטימונג. — וואַלידס מוטיקייט און פרייליכקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זײַנע סאָלדאַטן. עס זײַנען נאָך אַליין פאָרגעקומען קאַמפן אויפן בריק. די מאַוורי־טאַנישע ריטער, רײַטנדיק אויף די פלינקע פערד, פלעגן אַרויס־רופן פרייוויליקע אויף אַ צווייקאַמף. די גאָטן, אַרויסגעבראַכטע פון געדולד דורך דעם חוזק איבער זיי פון די מאַוורען, פלעגן אויפ־עפענען די טויערן און אַ גאַנצע גרופּע העלדן־יונגען פלעגן אָנ־נעמען דעם אַרויסרוף. דיזאָזיקע דרייסטע קאַמפן פלעגן זיך גע־ווינטלעך ענדיקן מיט גאָרנישט. אין איינעם פון אַזאַ קאַמף האָט זיך פּירשט וואַליד אויסגעצייכנט. ער האָט דערהערט, ווי אַ גאָטישער רײַטער האָט חוזק געמאַכט פון די מאַוורען, אַז זיי שטייען שוין צוויי חדשים און זיי קענען ניט נעמען טאָלעדאָ — און זײַן בלוט האָט אים אויפגעקאָכט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן באַרימער, אַרויס־

געריסן בײַ אים פֿון האַנט דעם שפּיז, אַ יאָג געטאָן דעם פֿערד און איז פֿאַרשוואונדן, פֿאָכנדיק אין דער לופֿטן מיט זײַן טראָפּײ און הויך שרײַענדיק פֿון נצחון. די מאַוורען זײַנען געווען באַגײַסטערט פֿון דעם. זײ האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דעם שונא, וועלכער האָט קוים זיך געקענט ראַטעווען, פֿאַרמאַכנדיק נאָך זיך די שטאָט־טויערן.

אויפֿן אַנדער טאָג אין אָוונט איז פּירשט וואַליד, וועלכן דאָס חייל האָט מיט באַגײַסטערונג באַגריסט, אַוועקגעפֿאָרן אויף דער הויפּט־קוואַרטיר צו זײַן קײזערלעכן ברודער.

אין דעם פּראַכטפֿולן געצעלט, אויסגעבעט מיט טעפּעכער, איז געזעסן עבדו־רחמן און געשפּילט אין שאָך מיט אײנעם פֿון זײַנע בעל־יועצים.

דערזען דעם אַרײַנקומענדיקן וואַלידן, האָט דער קאַליף אַ שמײכל געטאָן.

— אָט איז אונזער העלד! — האָט ער פֿרײַנדלעך געזאָגט.

דער שררה, וואָס האָט מיט אים געשפּילט אין שאָך, איז אויפֿגעשטאַנען און זיך נידעריק פֿאַרנויגט.

— הײם דערלאַנגען ווײַן, — האָט וואַליד פֿרײלעך אויסגעשריען. — דאָרטן נעמט זיך שוין בײַ אונז באַלד אויס דער פּראָוויאַנט, — דער בעסטער סימן, אַז דער קריג וועט זיך באַלד ענדיקן!

אין דערדאָזיקער מינוט איז אַרײַנגעקומען דער אַלטער וויזיר, און זײַנע אויגן האָבן זיך מיט אַנטציקונג אָפּגעשטעלט אויף דעם יונגן פּירשט. און ווירקלעך, פּירשט וואַליד, אין די מיליטערישע קלײדער, אַן אָפּגעברענטער און אַ פֿרײלעכער מיט זײַן קלוגן בליק פֿון די שוואַרצע אויגן — איז געווען די פֿאַרקערפּערונג פֿון מוטי־קייט און קראַפֿט.

— אַ! אונזער אַלטער און טרײַער דינער! — האָט ער אויסגעשריען און פֿרײַנדלעך אויסגעשטרעקט די האַנט. — לאַנג זיך ניט געזען! דאָ אין קאַסטיליע לעבן מיר באַזונדער, ניט ווי אין דער ליבער קאָרדאָווע.

יעדערן פֿון דער סוויטע האָט וואַליד געזאָגט עטוואָס אָנגענעמס, און אַלע זײַנען געוואָרן אויפֿגעלעבט, מ'האָט געבראַכט פֿרוכט, האָ־ניק.

דער יונגער פירשט האָט דערציילט וועגן דעם, ווי נאַריש די גאָטן זיינען געוואָרן צעשראָקן, און האָט אַלעמען געמאַכט לאַכנ־דיק.

דער פאַרהאַנג פון דעם קייזערלעכן געצעלט האָט זיך פונאַנדער־געריקט און ס'איז אַריין זיריאַב, אַן ערנסטער און אַ טרויעריקער. דערזעענדיק וואַלידן, איז ער צו אים שנעל צוגעגאַנגען, און דער יונגער פירשט האָט אים אַרומגענומען ווי אַ פריינד.

עבדו־רחמן האָט גנעדיק איינגעלאַדן זיריאַבן פאַרנעמען אַן אָרט לעבן אים.

— מיר האָבן געהערט וועגן דיין העלדן־טאַט, פירשט, — האָט דער דיכטער געזאָגט, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין בלייך געזיכט.

— יאָ, — האָט דער פירשט געענטפערט. — די גייסטער האָבן מיר געהאָלפן.

— צי אַמאָל ניט די דושינען? *)

— ניין, — האָט זיך וואַליד צעלאַכט, — די דושינען זיינען זיך צעפלויגן, ווי די שוואַרצע שאָטנס.

— צי האָט אַמאָל דאָס ניט דיין גייסט אויסגעפלאָכטן די יעניקע נעצן, וואוהין דאָס גליק איז אַריינגעפאַלן?

— עס איז אַליין געקומען צו פליען צו מיר, — האָט דער יונגער פירשט באַשיידן געענטפערט. — אָבער זאָג מיר בעסער, וואָס טוסטו דאָ? ס'איז לאַנגווייליק דעם דיכטער צווישן מיליטער־לייט? באַזוכן דיך גילדערנע טרוימען?

זיריאַב האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— פינסטערניש האָט אונז אַרומגענומען, — האָט דער אַלטער פירשט אַמאַיאַ געזאָגט, ניט קוקנדיק אויף עבדו־רחמנען.

דער קאַליף האָט זיך אָנגעצונדן, אָבער ער האָט זיך באַהערשט און אין אַ שפּאַסיקן טאָן געענטפערט:

---

*) גייסטער, וואָס באַזוכן די מענטשן (ווערט געבראַכט אין דעם באַגריף פון בייזע גייסטער).

— אויב ס'איז אויפגעגאַנגען די לבנה אויף דעם געצעלט פון די הימלען — מעג אויפגיין די לבנה פון דער פּאָעזיע; און אויב ס'האָבן זיך אויסגעלאָשן די הימלס־ליכטער — האָבן מיר אַ פֿירנדיקן שטערן פון דער קונסט!

— גוט געזאָגט, — האָט וואַליד אויסגעשריען. — ווער וועט טרעפן מיין רעטעניש? — האָט ער זיך געווענדט צו די אַלע ביי־געוועזענע.

„ווען פאַרלירן פּערל די שוואַרצע נעכט?"
אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שווייגן.

„ווען עס וויינען שוואַרצע אויגן", — האָט זיך דערהערט זיריאַבס ענטפער.

— אויסגעצייכנט, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט.

— און אָט זיינען נאָך רעטענישן, — האָט דער לוסטיקער וואַליד ניט אויפגעהערט. — וואָסער שטיין האַלט זיך אָן ביינאַכט מיט די פיסלעך אָן אַ צווייגל, האַלט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און קווטשעט אַ גאַנצע נאָכט, אַז אים זאָל ניט אויפעסן אַ סאָווע?

— נו, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, — דאָס איז עפּעס זייער פאַרדרייט — פונוואַנען האָסטו עס גענומען?

וואַליד האָט מיט אַ שעלמישן שמייכל אַ קוק געטאָן אויף אַלע ביי־געוועזענע.

— און דו, זיריאַב?

— איך מיין, אַז דאָ ווערט גערעדט וועגן דעם פויגל סאַפּיר, — האָט דער דיכטער געענטפערט.

פירשט אָמאַיאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— קיינמאָל אין לעבן וואָלט איך ניט געטראָפן דיינע רעטענישן. הגם דעם אמת געזאָגט, בין איך שוין אַלט און דער קאָפּ אַרבעט שלעכט.

עבדו־רחמן האָט נאָך־וואָס געוואָלט אָפּענטפערן דעם וויזיר — איז אין דער מינוט אין געצעלט אַריינגעקומען יחיה.

וואַליד האָט פריילעך אים באַגריסט; דער פּערסיאַנער האָט געענטפערט קאַלט, קוים פאַרנויגנדיק זיך.

— דו פאַרגעסט דעם קאָראַן, — האָט וואַליד באַמערקט.

דער פערסער האָט זיך אָנגעצונדן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דו געדענקסט, דאָרט ווערט געזאָגט, אַז אויף יעדער באַ־גריסונג דאַרף מען ענטפערן מיט נאָך אַ מער פריינדלעכער באַגריסונג, אין דו האָסט געענטפערט אַזוי, אַז מיר איז אַזש קאַלט געוואָרן.

יחיה איז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צום קאַליף און האָט זיך איינ־געאָרדנט הינטער זיין שטול. מיט זיין קומען האָט גענומען הערשן אַ טויטע שטילקייט.

— וואָס זיינען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן? — האָט דער קאַליף פאַרוואונדערט געפרעגט.

— פיל אָן אונזערע אויער־לעפלען מיט די פערל פון דיינע ווערטער, — האָט וואַליד צוגעגעבן, מיט חוזק קוקנדיק אויף יחיהן.

— איך האָב ניט קיין פערל פאַר קייזערלעכע אויער־לעפלען, — האָט דער פערסיאַנער געזאָגט, קוים איינהאַלטנדיק זיין אויפרעגונג.

עבדו־רחמן, פאַראויסזעענדיק אַ קריג, האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן מיליטערישע צוגרייטונגען און באַלד האָבן אַלע זיך פאַרטיפט אין מלחמה־ענינים.

וואַליד האָט זיך געקליבן אָפּצופאָרן.

— וואָס, דו וואַרפסט אונז אַוועק! — האָט עבדו־רחמן אויס־געשריען. — איך וועל דיך ניט לאָזן. צוזאַמען מיט דיר איז צו אונז געקומען פריילעכקייט און לאַכן, און מיר זיינען אַלע אַזוי מרה־שחורהדיק. בלייב מיט אונז.

און וואַליד איז געבליבן.

שפּעט ביינאַכט האָט פּירשט אָמאַיאַ און זיריאַב אָפּגעפירט וואַלידן אין לאַגער, און דאָרט, שפּאַצירנדיק צווישן די ביידלעך, וואו ס'האָבן געשלאָפן די סאָלדאַטן, האָבן זיי דערציילט דעם פירשט זייערע פּלענער און האָפענונגען.

פירשט אָמאַיאַ האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף שיקן פאַר־מיטלער און פאַרלייגן די גאָטן, אַז זיי זאָלן קאַפּיטולירן אויף גינסטיקע באַדינגונגען.

יחיה האָט געכעסט און געציטערט. אויב דער קאַליף וועט אָננעמען דעם ראַט פון וויזיר — דאַן זיינען אַלע זיינע קאָמבינאַציעס

פאַרלאָרן. זיריאַב און פיל אַנדערע פעלדמאַרשאַלן זיינען געווען פאַר אָמאַיעס פאַרשלאָג.

דאָס אַלץ האָט ער געמאָלדן וואַלידן און האָט געבעטן אויסניצן זיין גאַנצע השפּעה און איבערצייגן אין דעם קאַליף.

אויף מאָרגן פרי איז וואַליד אַוועק צום ברודער און נאָך לאַנגע און הייסע וויכּוחים האָט ער אים איינגערעדט, אַז אַזוי וועט זיין גלייכער צו טאָן.

ניט געקוקט אויף דעם שרעקלעכן צאָרן פון יחיהן, וועלכער איז לסוף אַרויסגעלאָפן פון קיניגס געצעלט, איז דאָך באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן פאַרמיטלער.

עבדו־רחמן האָט געהייסן רופן סאַאידן. דערדאָזיקער מאַוור, אַדאַנק זיריאַבס התקרבות, האָט אָנגעפירט מיט אַן אָפּטיילונג און איז געווען באַוואוסט אַלס געשיקטער און העפלעכער פאַרמיטלער. אים האָט דער קאַליף געגעבן די שליחות זיך לאָזן קיין טאָלעדאָ און פאָרלייגן זיי באַדינגונגען צו שליסן שלום.

דאָסמאָל האָט דער מזל אַ שמייכל געטאָן יחיהן.

סאַאיד, אין דער באַגלייטונג פון איניקע זעלנער און צוויי טראָמפּייטערס, איז געקומען צו די טויערן פון שטאָט. מ׳האָט אים אַריינגעלאָזט און אים געבראַכט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די גאָטישע שררות. די פאַרעקשנטע גאָטן האָבן אָפּגעוואָרפן דעם קאַליפס שלום־פאָרשלאָגן און מיט עזותדיקן חוזק און זידלערייען אַרויסגעטריבן דעם מאַוור. זיי האָבן געמאָלדן, אַז דער קאַליף וועט קיינמאָל ניט נעמען די שטאָט. אָט שטייען זיי דאָך שוין דריי חדשים און אָן רעזולטאַטן.

עבדו־רחמן האָט צאָרנדיק צוגעהערט צו די ווערטער, אויסגעהערט סאַאידס באַריכט און געהייסן רופן יחיהן.

פירשט אָמאַיאַ און זיריאַב זיינען מיט פאַרדראָס אַרויסגעגאַנגען פון מלכּס געצעלט. זייער זאַך איז געווען פאַרשפּילט, און די פאַרעקשנטע גאָטן האָבן אַליין פאַר זיך צוגעגרייט דאָס אומגליק.

יחיה האָט מיט אַ פייערלעכן שמייכל אויסגעהערט דעם אויפגעצאָרנטן קאַליף. ער האָט אים דערקלערט, אַז דער ערד־וואַל

איז שוין געמאַכט, און ס'האָט געשלאָגן די שעה איינצוברעכן די פעסטונג.

— מיר וואַרטן בלויז אויף דיין גנעדיקן באַפעל, — האָט דער פערסיאַנער פאַרענדיקט.

עבדו־רחמן האָט באַשטימט אויף מאָרגן אַן אַנטשיידענעם אָנגריף. מ'האָט צעשיקט לויפערס אָנצוזאָגן די עלטסטע פון די אָפטיילונגען. דאָס חייל איז לעבעדיק געוואָרן. אַלעמען האָט געשמייכלט די צוגעזאָגטע באַלוינונג. אין אָוונט איז ביי עבדו־רחמנען אין געצעלט פאָרגעקומען אַזאַ מין סצענע:

פירשט וואַליד איז געלעגן אויפן דיוואַן און האָט צעשטרייט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס צווישן דעם קאַליף און יחיהן. פלוצלונג האָט ער דערהערט, אַז דער פערסיאַנער האָט דערמאָנט זיין נאָמען. ער האָט זיך גענומען צוהערן. יחיה האָט געראָטן דעם קאַליף צו באַשטימען וואַלידן פאַר דעם אָנפירער פון דער אַוואַנגאַרד־אָפטיילונג.

— נאָך דעם פירשטס העלדישער האַנדלונג וועט דאָס חייל גערנער גיין מיט אים, קיניג, — האָט אים דער פערסיאַנער איינגערעדט מיט אַ שטילער שטים. — זיין היציקייט און אַנטשלאָסנקייט וועלן באַגייסטערן די זעלנער.

פירשט וואַליד האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און איז איבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט, וואו דער קאַליף האָט געשמועסט מיט יחיהן.

— מיר האָבן וועגן דיר גערעדט, וואַליד, — האָט עבדו־רחמן געזאָגט, אויפהויבנדיק די אויגן אויפן ברודער. — יחיה רעכנט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, איבערגעבן דיר די קאָמאַנדע איבער דער אַוואַנגאַרד־אָפטיילונג.

— איך ווייס אַליין אויך מיין פלאַץ, — האָט וואַליד שטאָלץ געזאָגט. — אויך אָן יחיהס עצות האָב איך געהאַט דעם באַשלוס דיך צו בעטן, דו זאָלסט מיר געבן די אָנפירונג.

עבדו־רחמן האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געענטפערט:

— אויב דו פאַרלאַנגסט דידאָזיקע באַשטימונג, בלייבט מיר דיר בלויז אָפצודאַנקען. איך האָב געוואָלט דיך וועגן דעם בעטן.

און דער קיניג האָט אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג איינעם פון די פּערזאָנען פון זיין סוויטע, מען זאָל וועגן דעם מודיע זיין דעם הויפּט־קאָמאַנדיר, דעם אַלטן וואַזימען.

— אַז דו זאָלסט וויסן, ווי ביי מיר ברענט דאָס פאַרלאַנג אַ וואָרף טאָן זיך אין דעם סאַמע פייער פון דער שלאַכט! — האָט וואַליד געזאָגט דעם ברודער. — מיר דאַכט זיך, איך וועל זיך ניט דערוואַרטן דעם מאָרגעדיקן טאָג, ווען איך וועל דאַרפן אַוועקפירן מיינע זעלנער אויף דעם דרייסטן אָנגריף! דאָס בלוט פון מיינע אָבות האָט אין מיר זיך צערעדט, און ס'איז ניטאָ אַזאַ שונא אין דער גאַנצער וועלט, וואָס איך זאָל אים ניט קענען מנצח זיין!

דאָס פּנים פון דעם יונגן פירשט האָט געברענט פאַר באַגייסטערונג. עבדו־רחמן האָט מיט פאַרוואונדערונג אויף אים געקוקט.

— אַלזאָ, וועל איך פירן די מאַוורען אין שלאַכט, — האָט ער צוגעגעבן. — איך האָף, אַז זיריאַב וועט וועלן זיין אין מיין אָפּטיילונג. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אים דריקט, וואָס ער טוט גאָרנישט.

וואַליד איז אַרויס פון געצעלט, אויפצוזוכן זיין פריינד.

ווי נאָר די געבלומטע פאָרהאַנגען פון געצעלט זיינען אַראָפּגעפאַלן הינטער אים, האָט זיך יחיה אָנגעבויגן צום קאַליף און אים איינגערוימט אויפן אויער.

— פירשט וואַליד האָט אַליין געוואָלט זיין טויט. מילא! אויב ער אַליין ברענט צו באַווייזן זיין העלדישקייט, וועלן מיר אים אין דעם ניט שטערן. עבדו־רחמנס רום וועט ניט פאַרטונקלט ווערן מיט דעם רום פון אַן אַנדערן, אויב וואַליד וועט אומקומען אין דעראָזיקער שלאַכט.

עבדו־רחמן האָט אויפגעציטערט און איז בלייך געוואָרן.

— צי דען האַלטסטו דעם ברודער פאַר מיינעם אַ געפערלעכן קאָנקורענט?

— קיניג, — האָט יחיה געזאָגט און האָט כלומרשט אַ טיפן זיפץ געגעבן. — איך האָב געזען, וואָס פאַר אַ באַגייסטערטע בליקן זיינען אויף אים געווען געווענדט, איך האָב געהערט, ווי מ'האָט געלויבט זיין גבורה.

— איך זע, אַז איך האָב באַדאַרפֿט אָננעמען די קאָמאַנדע איבערן חיל, — האָט דער קאַליף מיט אַ אומרואיקער שטים געזאָגט. — אָבער דו עקשנסט זיך איין, אַז איך זאָל ניט נעמען קיין אָנטייל אין דעם שלאַכט.

— קיניג, דיין לעבן, אַלס פֿאַרטרעטער פֿון דעם נביא, איז צו הייליק פֿאַר דיין פֿאָלק, אַז דו זאָלסט קענען מיט אים ריזיקירן. ווען מיט דער הילף פֿון אַלאַ וועט מען די שטאָט איינגעמען — דאַן וועסטו זיך זעצן אויף דיין ווייסן פֿערד און אין דעם גלאַנץ פֿון גרויסקייט וועסטו ערשיינען צווישן דעם חיל, גליך ווי אַ ליכטיקער גייסט, און וועסט איבערנעמען די שליסלען פֿון טאָלעדאָ.

. . . .

אַ גאַנצע נאַכט איז געגאַנגען דאָס חיל און זיך געזאַמלט הינטער די ווענט פֿון טאָלעדאָ. איבערן טאַכאָ זיינען איבערגעשוואומען נייע אָפּטיילונגען. הילכיק האָט אָפּגעקלונגען אין דער ביינאַכטיקער לופֿט דער שווערער גאַנג פֿון די קאַמפּס־פֿערד און דאָס קלינגען פֿון די שפּיזן און געשפּאַן.

די אָפּטיילונג פֿון פֿירשט וואַליד איז געשטאַנען אין אַוואַנגאַרד, סאַמע ביי די ווענט פֿון שטאָט, וואו ס׳האָבן זיך געפֿונען די טויערן. דאָס פּנים פֿון דעם יונגן פֿירשט איז געווען אויפֿגעלעבט מיט דער מחשבה פֿון דעם פֿאָרשטייענדיקן קאַמף. אַזויפֿיל פֿרייוויליקע האָבן געוואָלט אָנקומען צו אים אין דער אָפּטיילונג, אַז מ׳האָט געמוזט אָפּזאָגן כמעט אַ העלפֿט. דאָס חיל האָט מיט אומגעדולט געוואַרט אויפֿן סיגנאַל, כּדי אָנצוהויבן דעם שטורעם. די פֿערד, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם ברייטן ערד־וואַל, האָבן געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אָן דער האַרט איינגעשלאָגענער ערד. אין דער גאַנצער אָפּטיילונג איז געווען שטיל: די רייטערס האָבן געהיט אַ שטרענג שווייגן, כּדי ניט צוצוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם שונא.

אין טאָלעדאָ אָבער האָט מען דאָך באַמערקט די אומגעוויינלעכע באַוועגונג צווישן די מאַוורען, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין דעם מאַוריטאַנישן לאַגער זיינען געווען פֿאַרלאָשן אַלע פֿייערן. און די גאָטן האָבן זיך אויך אַ גאַנצע נאַכט געגרייט צו דער שלאַכט — און זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג אין דעם לאַגער פֿון שונא.

אַזוי איז כּמעט אַריבּער די גאַנצע נאַכט.

ענדלעך, סאַמע פאַר באַגינען האָט זיך בּיי דעם געצעלט פון עבדו-רחמן באַוויזן אַ העלער פלאַם פון פיל פאַקעלן און איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן. דאָס איז געווען דער באַשטימטער סיגנאַל.

וואַלידס אָפּטיילונג האָט זיך מיט גרויס ליאַרעם געוואָרפן אויף די שטאָטישע טויערן. אויף דעם געשריי פון דעם אַוואַנגאַרד-פּאָלק האָט אָפּגעענטפערט דאָס גאַנצע חייל, און הילכיק האָט זיך דורכגעטראָגן דער אַראַבּישער קאַמפּס-רוף אין דעם שטילן פאַרטאָג.

— גרויס איז אַלאַ און מחמד איז זיין נביא!

אַלס ענטפער די אַראַבּער האָט זיך דערהערט אַ ווילדער געשריי פון די טאָלעדער. הינטער די טויערן פון שטאָט האָט זיך פאַרקאָכט אַ בּלוטיק געראַנגל. די ערשטע רייטער האָט באַגעגנט אַ גאַנצער שטראָם פיילן מיט שטיינער. די מויער-בּרעכערס האָבּן מיט קראַך איינגעבּראָכן די דיקע געמויערטע ווענט. ס'איז נאָך ניט געווען גוט טאָג. מ'האָט אַפילו ניט געקענט דייטלעך זען, אויף וועמען ס'האָבּן זיך געוואָרפן די סאָלדאַטן. ס'האָבּן געפינקלט די שווערדן און די קרומע אַראַבּישע סאַבּלען; ס'האָבּן זיך געהערט קרעכצן און ווילדע געשרייען, מיט קללות זיינען געפאַלן די מאַורען און די גאָטן, און די פערד, אַראָפּוואַרפנדיק די רייטערס, האָבּן משונהדיק זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, פאַרגרעסערנדיק די מהומה פון דער שלאַכט. ענדלעך האָבּן געפּלאַצט אונטער דעם דרוק פון די מויערבּרעכער די שטאַרקע ווענט פון טאָלעדאָ, און די מאַורען האָבּן דערזען, ווי ס'האָבּן גענומען פליען איין שטיק וואַנט נאָך אַ צווייטן; בּיז ס'האָט צווישן דעם וואָלקן שטויבּ זיך אַנטפּלעקט אַ בּרייטער חלל, דורך וועלכן ס'האָבּן זיך אַלאָז געטאָן די אַוואַנגאַרד-אָפּטיילונגען. די אַטאַקע פון דעם אַוואַנגאַרד-פּאָלק איז געווען גלענצנד. די מאַורען איז געלונגען אַריינצורייסן זיך אין שטאָט אַריין, און די שלאַכט איז שוין געגאַנגען אויף די גאַסן פון טאָלעדאָ. דורך דער דורכגעבּראָכענער וואַנט זיינען אַריין אין שטאָט אויך אַנדערע אָפּטיילונגען. אַ בּלוטיקע רויטקייט פון דעם ערשטן אונטערגעצונדענעם הויז האָט באַלויכטן דעם בּלייכן הימל.

זיריאַב איז מיטגעריסן געוואָרן פֿון דער שלאַכט. אין אים האָט דערוואַכט זײַן היציקע העלדישקייט. שנײַדנדיק אויף רעכטס און לינקס אין אַ מין פֿאַנאַטישער שיכּרות האָט ער לעבן זיך דערזען דעם פֿירשט וואַליד. אין דער דראָזיקער מינוט האָט זיך זײַן פֿערד אויסגעגליטשט. אויפֿן פֿירשט האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ טאָלעדער מיט אַן אויפֿגעהויבענעם שווערד, און זיריאַב האָט דערהערט אַ שווערן פֿאַל פֿון פֿערד און רײַטער. גלײַך האָט אים פֿאַרלאָזן דער קאַמפּסבּרען, אין די אויגן איז אים העל געוואָרן, ער האָט זיך אויסגעדרייט און מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעשלאָגן דעם טאָלעדער פֿון פֿערד. פֿירשט וואַליד איז געלעגן אין חלשות. מיט אַ הילכיקן געשריי האָט זיריאַב צונויפֿגערופֿן עטלעכע מאַוריטאַנער רײַטער. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם אומבאַוועגלעך ליגנדיקן וואַלידן; זיריאַב האָט מיט דער הילף פֿון אייניקע זעלנער אויפֿגעהויבן דעם פֿירשט, אַוועקגעלייגט אים אויף זײַן פֿערד און אונטערן שוץ פֿון דער אָפּטיילונג לאַנגזאַם אַוועקגעפֿאָרן אַראָפּ באַרג צו דעם מאַוריטאַנישן לאַגער. דידאָזיקע גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט אייניקע מינוטן. אַרום איז געגאַנגען די שלאַכט, און די מאַורען האָבן אַלץ ווײַטער און ווײַטער אַרײַנגעדרונגען אין שטאָט. איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם אָרט פֿון דער שלאַכט, איז זיריאַב שטיל צוגעפֿאָרן צום לאַגער. דאָרט איז אַלץ געווען פּוסט. די אָפּטיילונג, וואָס האָט פֿאַרנומען דידאָזיקע בײַדלעך, האָט זיך איצט געשלאָגן אויף די גאַסן פֿון טאָלעדאָ. זיריאַב האָט אָפּגעשטעלט דעם פֿערד פֿאַר דעם ערשטן געצעלט. שווער אַראָפּשטײַגנדיק פֿון פֿערד אין זײַן אײַזערנעם פּאַנצער האָט ער פֿאָרזיכטיק אַראָפּגענומען דעם פֿירשט און אים אַרײַנגעטראָגן אין בײַדל. ער איז נאָך אַלץ צו זיך ניט געקומען. דאָרט האָט ער אים אַוועקגעלייגט אויפֿן פּילץ. אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם שווערן פּאַנצער און העלם און צוהערנדיק זיך צום רעש און דונערן פֿון דער שלאַכט, האָט זיריאַב זיך אָנגעבויגן איבער וואַלידן און פֿאָרזיכטיק אַראָפּגענומען פֿון אים דעם אײַזערנעם פּאַנצער און העלם. דער פֿירשט איז געלעגן בלאַס און אָן באַוועגונג. פֿון אַ זײַט האָט זיך געגאָסן אַ קליין טונקל שנירל בלוט. ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, איז זיריאַב שנעל אַוועקגעלאָפֿן נאָך וואַסער.

אין לאַגער איז קיינער ניט געווען, ווער עס זאָל אים העלפֿן. ענדלעך, נאָך לאַנג זוכן האָט ער געפֿונען וואַסער און אין זיין העלם גע־בראַכט אין געצעלט אַריין. ווען ער האָט איינגענעצט דעם פֿירשטס קאָפּ און אים אַריינגעגאָסן עטלעכע טראָפּן אין דעם פֿאַרפּרעסטן מויל, איז דער פֿאַרוואונדעטער צו זיך געקומען. ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן, האָט טריב אַ קוק געטאָן אַרום זיך און אָנגעהויבן צו קרעכצן. דער זינגער האָט צוגעטראָגן דאָס וואַסער צו זיינע פֿאַר־טריקנטע ליפּן. ער האָט אַ שלונג געגעבן און האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף זיריאַב, וועלכער האָט מיט אַ קלאַפּעדיקן האַרצן געקוקט נאָך יעדער באַוועגונג זיינער.

דער באַוואוסטזיין האָט זיך צוריקגעקערט צו דעם גוססן.

— זיריאַב? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— דו ביסט געראַטעוועט פֿירשט, — האָט זיריאַב געזאָגט, נעמענדיק אים פֿאַר דער האַנט.

— מען שטורעמט? — האָט וואַליד געפֿרעגט, שטאַרקנדיק זיך.

— אונזערע זיינען אין טאָלעדאָ, — האָט זיריאַב געענטפֿערט.

וואַליד האָט צוגעמאַכט די אויגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט אין דעם וויטן גערויש פֿון דער שלאַכט. די געשרייען פֿון די סאָלדאַטן און דאָס קנאַלן פֿון די ברענענדיקע ווענט האָט זיך דערטראָגן צו דעם וויסטן לאַגער. דער יונגער פֿירשט האָט אַרויס־גערעדט נאָך עטלעכע ווערטער, וואָס זיריאַב האָט ניט דערהערט און פּלוצלונג האָט ער זיך צו אים געווענדט:

— זיריאַב?

— וואָס, מיין פֿריינד? — האָט ער געפֿרעגט, און זיך אָנגע־בויגן צו אים, כּדי ניט אַדורכצולאָזן קיין איין וואָרט פֿון זיינע קוים געהערטע רייד.

— וועלעדאַטע... געפֿין... היט זי, — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט מיט אַן אָפּשטאַרבנדיקן קול, און פּלוצלונג האָט אַ העלער שמייכל באַלויכטן זיין געזיכט, וואָס איז שוין געווען אָן לעבן און קאַלט. ער האָט אָפּגעזיפֿצט, זיין האַנט איז אַנידערגעפֿאַלן און די אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

פירשט וואַליד איז געלעגן טויט און קאַלט, אָבער זיין פּנים איז געווען באַלויכטן מיט אַ הערלעכן שמייכל. זיריאַב האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אים פאַרמאַכט די אויגן און האָט לאַנג אין פאַרצווייפלטע מחשבות געקוקט אויף די געשניצטע גלידער... דער דיכטער האָט געוואָרפן אַ „ויי־געזונט"־בליק אויף זיין טויטן פריינד און איז אַרויס פון געצעלט. ער האָט זיך געזעצט אויפן פערד און האָט אַוועקגעגאַלאָפּירט אַראָפּ אין טאָל, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס געצעלט פון קאַליף. הינטער אים האָבן געפלאַקערט און געקראַכט די געביידעס פון טאָלעדאָ, עס האָט זיך געהערט אַ גע־קנאַקעריי און אַ ליאַרעם, אָבער זיריאַב האָט אַפילו ניט געטראַכט איצט וועגן דעם, וויפל ווילדע אַכזריות ווערן אָפּגעטאָן דאָרט אין דער הייך.

ער איז צוגעפאָרן צו דעם געצעלט פון קאַליף און, איבער־לאָזנדיק דעם נאַס־געוואָרענעם פערד אויף דער השגחה פון דעם וואָפן־טרעגער, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, איז ער, ניט וואַרטנדיק, ביז מ'וועט וועגן אים מעלדן, אַריין צום קאַליף.

עבדו־רחמן, אַ בלייכער, אַ אומרואיקער, האָט אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט פון דעם לויפער, וואָס איז געקומען פון שלאַכט־פעלד, געשיקט פון וואַזימען. דערזען דעם אַריינקומענדיקן זיריאַבן אָן פאַנ־צער, מיט אַ פאַרענדערט פּנים, האָט דער קאַליף זיך צו אים גע־ווענדט.

זיריאַב איז שנעל צו אים צוגעגאַנגען און אַפילו פאַרגעסנדיק אים צו גריסן, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

— קיניג, פירשט וואַליד, געפערלעך פאַרוואונדעט, איז אויף מיינע הענט געשטאָרבן.

עבדו־רחמן איז בלייך געוואָרן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן די־וואַן. טיף פון געצעלט האָט זיך דערהערט אַ רופן. זיריאַב האָט זיך אומגעקוקט און דערזען יחיהן. דער פּערסיאַנער האָט אַפילו זיך ניט באַמיט צו פאַרבאַהאַלטן זיין נצחון, און אַ בייזער שמייכל האָט אויסגעקרימט זיינע דינע ליפּן.

זיריאַבן האָט אויפגעדרייט. ער האָט זיך געווענדט צום קאַ־ליף און געוואָרפן אויף אים אַ בליק פול פאָרוואורף און צאָרן.

עבֿדו־רחמן האָט אויסגעפֿרעגט זיריאַבֿן, ווי אַזוי דאָס אומגליק איז געשען, און אים פֿאַראָרדנט ברענגען דעם קערפּער פֿון דעם דערהרגעטן. אין אַ שעה אַרום זיינען צום קאַליפֿס געצעלט צוגעפֿאָרן רייטערס. זיריאַבֿ האָט אויף די הענט געבראַכט דעם קערפּער פֿון יונגן פֿירשט. די זעלנער האָבן אים אַראָפּגענומען פֿון פֿערד און אַריינגעטראָגן אין געצעלט אַריין.

עבֿדו־רחמן בלייך ווי דער טויט איז זיי נאָכגעגאַנגען. אַ שוואַכע שיין פֿון לאָמפּ איז געפֿאַלן אויפֿן מת. פֿירשט וואַליד איז געווען הערלעך, אַפֿילו טויטערהייט. אַ נאָגנדיק געפֿיל פֿון אייגענער שולדיקייט האָט אַרומגענומען עבֿדו־רחמנען. ער האָט דאָס געוואָלט, וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען; ער אַליין האָט קאַלטבלוטיק דערלאָזט ברענגען דעם מאָזיקן אומזיניקן קרבן; ער האָט דערהרגעט זיין קאָנקורענט; איצט האָט ער געקענט זיין רואיק: פֿירשט וואַליד וועט קיינמאָל ניט אָפּנעמען דעם טראָן ביי עבֿדו־רחמנען; די בליקן פֿון דעם חיל וועלן זיך ניט אָפּשטעלן מיט אַנטציקונג אויף דעם יונגן העלדישן ברודער פֿון קאַליף. איצט ליגט ער אַ אומשעדלעכער, און קיינמאָל מער וועט דער פֿריילעכער געלעכטער זיינער ניט פֿאַרהילכן די מירמלשטיינערנע זאַלן פֿון קאָרדאָווער הויף, קיינמאָל מער וועלן זיינע וויצן און שטיפֿערייען ניט לוסטיק מאַכן דעם טרויערנדיקן קאַליף.

אין געצעלט איז אַריינגעגאַנגען יחיה. ער האָט פֿאַראָרדנט פֿונאַנדעררוקן די פֿאָרהאַנגען, און אַ העלער זונען־שיין האָט באַלויכטן דעם אינעווייניק פֿון רייכן געצעלט. אַפֿילו ניט באַשענקענדיק מיט אַ בליק זיין טויטן שונא, האָט זיך יחיה געווענדט צום קאַליף:

— גרויסער קיניג, ס׳איז געקומען צו רייטן אַ צווייטער לויפֿער פֿון וואַזימען. די שטאָט איז שוין אין אונזערע הענט. ס׳איז שוין צייט, דו זאָלסט זיך צוגרייטן צו ערשיינען פֿאַרן טריאומפֿירנדיקן חיל.

דער קאַליף איז אַרויס פֿון געצעלט. נאָך אים איז אַרויס זיריאַבֿ. אין דעם ליכטיקן הימל איז שוין די זון געשטאַנען גאָר הויך. טאָלעדאָ איז געווען איינגעהילט אין פֿלאַמען. שוואַרצע זיילן רויך און גרויסע האָלאָוועשקעס זיינען געפֿלויגן אין דער לופֿטן; די חרובֿ

געוואָרענע ווענט האָבּן געהאַט אַ שוידערלעכן אויסזען. יאָמער און געשריי, דאָס הירזשען פון די פערד און דאָס קראַכן פון די ברענענדיקע און פאַלנדיקע געביידעס האָט זיך צעטראָגן ביז דעם קאַליפס געצעלט. אין דער הויך, פאַזע די ווענט האָבּן געפינקלט די שפּיזן באַגאָסן פון דער זון; דאָס זיינען געווען די פאָלקן, וואָס מ'האָט זיי פאַראָרדנט אויסצוראָטן דעם אַנטרינענדיקן שונא.

זיריאַב, טרייסלענדיק זיך פון אויפרעגונג און צאָרן, איז צוגעגאַנגען צום קאַליף, וועלכער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף דעם גרויזאַמען בילד פון צעשטערונג.

— קיניג, דו האָסט דערלאָזן דידאָזיקע שרעקלעכע רציחה.— טייכן בלוט גיסט זיך דאָרט, די זעלנער אונזערע פאַרצוקן זייער רייב ווי ווילדע חיות.—די שולד וועט פאַלן אויף דיר, עבדו=רחמן! די אַלע קרעכצן און קללות וועלן דיך פאַרפאָלגן ביז דיין לעצטער שעה! ס'וועט קומען די צייט, ווען די גאָטן וועלן זיך נוקם זיין אין אונז פאַר אונזער גרויזאַמקייט, און אויך אַזוי וועט ווערן פאַרברענט און חרוב קאָרדאָווע, אויך אַזוי וועט זיך גיסן דאָס בלוט פון טויזנטער מאַורען, און גאַנץ אַנדאַלוזיע וועט מען אָפּנעמען ביי דיינע יורשים. ווי צו מיר און צו מיין פאָלק! ווי צו דיר און צו דיינע דורות, עבדו=רחמן!

זיריאַבס שטורעמדיקע ווערטער האָבּן ווי בייזע נביאות אָפּגעקלונגען אין דער מאָרגן=לופט. ער האָט פאַרדעקט מיט די הענט דעם פּנים און אַוועק, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין. עבדו=רחמן האָט זיך אָפּגעקערט פון דער ברענענדיקער שטאָט און האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף יחיהן, וועלכער האָט גייציק געוואַרט אויף דעם באַפעל צו אַרעסטירן דעם זינגער פאַר זיינע דרייסטע רייד, — ער איז אַריין צו זיך אין געצעלט און געהייסן זיינע דינער דערלאַנגען אים די טייערע מלבושים, צוגעגרייטע פאַר דעם טריאומף=אַריינפאָר קיין טאָלעדאָ.

XXII

מיט אַ צעבראָכענעם געמיט און קערפּער איז זיריאַב נאָך איידער די קאָמפּאַניע האָט זיך פאַרענדיקט אַליין מיט אַ קליינער אָפּטיילונג צוריקגעקומען קיין קאָרדאָווע.

דער זינגער איז געווען אין גרימצאָרן אויף זיין געוועזענעם פריינד. די שוואַכקייט פון זיין ווילן, ביי אַלע אַנדערע מעלות זיינע, האָט זיך שעדלעך אָפּגערופן אויף אַלץ. ס'איז געשען די צעשטערונג פון טאָלעדאָ, און דער זינגער האָט דאָ גאָרניט געקענט פועלן. נאָך אַזאַ גרויסן נצחון פון יחיהן, איז זיריאַבן געבליבן זיך אָפּצוזאָגן פון יעדן אָנטייל אין די ענינים פון הויף. זיריאַב איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן און ביי אים אין האַרצן האָט זיך דערוועקט אַ פאַראַכטונג צו דעם נישטיקן קאַליף.

ער האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין וויסט הויז. דער אויסזען פון דעמדאָזיקן שיינעם פּאַלאַץ האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטורעם. אַזוי האָט עס זיך פאַרענדיקט זיין לעבן אין קאָרדאָווע! איינזאַם, דערשלאָגן, צעבראָכן איז ער איצט געזעסן אין זיין מירמלשטייגערנעם הויז מיט די שיינע געמעלן אויף די ווענט מיט דעם הויכן מורמלענדיקן פאָנטאַן און מיט דעם גרוימען הויף פול באַפלאַנצט מיט רויזן. דאָס דאָזיקע הויז איז אים איצט אויסגעקומען, ווי אַ תפיסה. זיין נשמה האָט זיך געריסן וואָס ווייטער פון די ערטער, וואו זיין עבר, נאָך אַ מינוט גליק, איז געווען פול מיט אַזויפיל ליידן און אומגליק. ניין, בשום=אופן וועט ער ניט פאַרבלייבן מער אין קאָרדאָווע! דערדאָזיקער נאָמען אַפילו איז ביי אים געוואָרן פאַרהאַסט. וואָס אָבער האָט אים דערוואַרט אין דער צוקונפט? ער האָט ניט געוואוסט. ער האָט געוואוסט נאָר איינס, אַז מען דאַרף אַנטלויפן פון קאָרדאָווע, וואָס ווייטער פון דעם שמייכלענדיקן און

ניִשטיקן עבֿדו-רחמנען, פֿון דעם גדלותדיקן יחידן, פֿון אַלע פֿאַלשקייטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אין הויף.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דיוואַן, וואו ער האָט צוגעבראַכט איניקע שעה אין טרויעריקע מחשבֿות, און האָט געהייסן זיין אַלטער דינסט, פּאַטימעס ניאַניע, זי זאָל אַריבערגיין אין הויף פֿון דעם אַלטן פֿירשט אָמאַיען און ברענגען די טאָכטער.

זיריאַב איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער דעם מירמלשטיינערנעם הויף און האָט געטראַכט, ווי זאָל ער זוכן דעם זון? כ'האָט באַדאַרפֿט פֿונדעסטוועגן אָפּוואַרטן דעם צוריקקער פֿון קיניג און דאָס לעצטע מאָל זיך באַנוצן מיט זיין חסד, כּדי אויסצוגעפֿינען די שפּורן פֿון דעם אַוועקגעגנבֿטן קינד. זיריאַב איז אַוועק צו זיך אין צימער, אַרויסגענומען פֿון שקעטעלע דאָס געהיימענישפֿולע צעטעלע און ווידער האָבן די ווערטער, געשריבענע מיט אַן אומבאַקאַנטער האַנט, אויפֿגעוועקט ביי אים אַ שוואַכע האָפֿענונג, אַז זיין זון וועט זיך געפֿינען. דערנאָך איז ער אַדורך די לערע צימערן און האָט אַ ציטער געטאָן אַריינקומענדיק אין וועלעדאַטעס שלאָפֿצימער. אַליין איז דאָרט געווען ווי אַמאָל. ער איז ניט געווען ביי איר אין צימער פֿון יענעם אָוונט, בעת זי האָט פֿאַרלאָזן זיין הויז. פּלוצלונג האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט וואַלידס בלייך פּנים און זיינע ווערטער פֿאַרן טויט.

— ער איז אויסגעגאַנגען מיט איר נאָמען אויף די ליפּן, און זיין פּנים האָט אויפֿגעשיינט מיט אַ העלן שמייכל, — האָט זיריאַב אַ טראַכט געטאָן. יאָ, דערדאָזיקער פֿריילעכער און לייכטזיניקער וואַליד האָט ליב געהאַט וועלעדאַטען.

און אַ געפֿיל פֿון אייפֿערזוכט צו דעם פֿאַרשטאָרבענעם פֿריינד האָט אויפֿגעוואַכט אין האַרצן ביי דעם דיכטער.

— ווי האָט ער געוואַגט זוכן זיך צו זען מיט איר? ווי האָט ער געוואַגט איר שיקן פֿרוכט און בלומען? און זי? אפֿשר, איז איר אויך געווען געפֿעלן דער שיינער פֿירשט? זיריאַב האָט דייטלעך זיך דערמאָנט אָן וואַלידס באַזוכן, אים האָט זיך ווי געדאַכט, אַז ער זעט אים, ווי ער קוקט שעלמיש אויף דער אין לייכטן שלייער

איינגעהילטער וועלעדראַטען און שמייכלט, דרייענדיק זיין שוואַרצע וואָנסע.

— צי דען קען איך זי אייפערן צו אַ טויטן, — האָט זיריאַב געטראַכט.

ער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט ניט געקענט טייער האַלטן וועלעדראַטען. זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער, און דאָס האָט אים אָפּגעשניטן פון איר. זיריאַב האָט זיך דערמאָנט אָן איר שיינעם מאַטן געזיכט, אָן אירע וואונדערלעכע הענט, ווי געשניצט פון אַ זעלטענעם מאַרמאָר, אָן אירע פאַרטראַכטע טיפע אויגן — „שענערע ווי ביי פענזילען!“ איז אים אַדורכגעלאָפן אין קאָפּ—יאָ, פירשט וואַליד איז געווען גערעכט: וועלעדראַטע איז געווען שיין, זייער שיין, זי האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ באַזונדערן חן, — דאָס ריין אַראַבישע בלוט, בלוי איידל בלוט האָט געפלאָסן אין די אָדערן פון דער שטאָלצער טאָכטער פון דעם אַראַבישן שייך. די טאָכטער פון דעם מדבר איז געווען שיין און שטאָלץ — איר שטאָלצקייט איז ניט געווען קלענער אַפילו פון זיריאַבס שטאָלץ. וואו איז זי איצט וועלעדראַטע, די באַליידיקטע אין איר ליבע? אויפזוכן זי, אומבאַדינגט זי אויפזוכן, — האָט זיריאַב געטראַכט, אָבער וואו זוכט מען זי? וועט זי מוחל זיין מיין קאַלטקייט און נאַכלעסיקייט? — אים האָט זיך פלוצלונג פאַרגלוסט דערהערן איר קלינגענדיקע שטים, דערזען די זאָזיקע געשניצטע הענט, דערפילן זיך ווידער אַלס איר אָפּגאָט.

מיט יעדער מינוט האָט זיריאַב זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צוגעבונדן צום געדאַנק וועגן וועלעדראַטען, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער זאָל זי דערזען און דערהערן פון איר אַ וואָרט פון פאַרצייאונג און ליבע, וועט דאָס לעבן פאַר אים ניט זיין אַזוי שרעקלעך וויסט און קאַלט. זיין זכרון האָט אָן אויפהער אַרויסגערופן פאַר זיינע אויגן וואַלידס ליכטיק געזיכט און זיינע ווערטער: זוך זי אויף — היט! — און ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן נאָר וועגן איינס, וואָס וועט ער איר זאָגן, ווען דער מזל וועט אויף אים מיטלייד האָבן און וועט אים צוזאַמענברענגען מיט איר? ווי וועט ער ווייך מאַכן איר האַרץ? ווי וועט ער פאַרגלעטן זיין שולד?

אין דער צייט האָט זיך די ניאַניע צוריקגעקערט מיט פּאַטימען. דאָס קינד האָט זיך אַוואָרף געטאָן צום פֿאָטער, אָבער זי איז שטיין געבליבן, דערזעענדיק אים אין זיין קריגס־באַוואָפֿענונג. זי האָט ניט דערקענט דעם פֿאָטער. זיריאַב איז שטאַרק אָפּגעברענט געוואָרן אין מיליטער. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און איר אויסגעשטרעקט די הענט. דאָס מיידעלע איז מיט אַ פֿריילעכן אויסגעשריי אים אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן האַלז.

קושנדיק די טאָכטער, האָט זיריאַב פֿאַרגעסן אָן זיין איינזאַמקייט.

ער האָט איר געמוזט דערציילן פֿון דער מלחמה. זי האָט מיט טיף אויפֿגעעפֿנטע אויגן זיך צוגעהערט צו די גרויזאַמקייטן פֿון שלאַכט־פֿעלד, ווי די זעלנער פֿלעגן שטאַרבן, ווי ס׳איז פֿאַרברענט געוואָרן טאַלעדראָ.

— אונזער ליבער פֿירשט וואַליד איז אויך דערהרגעט געוואָרן, — האָט ער צוגעגעבן און אָפּגעזיפֿצט. האָט זי אים געדענקט?

— יאָ, געדענקט. ער איז געווען זייער אַ גוטער, און פֿלעגט אָפֿט צושיקן טייטלען, מילגרוימען, בלומען — וואונדערלעכע גרויסע רויזן. וועלעדאַטע פֿלעגט שטענדיק אויסשיטן אַלע פֿרוכטן פֿאַר פֿאַטימען און פֿלעגט לאַכן, בעת זי פֿלעגט זיי ניט קענען אַלע אויפֿקלייבן, און די טייטלען פֿלעגן שפּרינגען און זיך קייקלען איבער דעם מירמלשטיינערנעם דיל. אָבער די בלומען פֿלעגט וועלעדאַטע נעמען פֿאַר זיך און פֿלעגט זיי אַוועקשטעלן ביי זיך אין צימער, אָדער פֿלעגט אָנשפּיליען זיך אויפֿן האַרצן.

זיריאַב איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אָפּגעשטויסן די טאָכטער.

— צי דען האָט זי ליב געהאַט דעם פֿירשט! — האָט אים אויפֿגעבליצט אין קאָפּ.

ער האָט זיך נאַכלעסיק צעזעגנט מיט דער טאָכטער, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן פֿאַרשעמט און שטיל, און איז אַרויס פֿון הויז.

ס׳איז שוין גאָר טונקל געווען. דער הימל האָט געלויכטן מיט זיינע אומצאָליקע שטערן. די וואַרעמע לופֿט איז געווען אָנגעטרונקען

מיט די דופטן פון בלומען. זיריאַב, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, האָט ניט באַמערקט, ווי שיין ס'איז די שטילע, וואַרעמע, דופטיקע נאַכט. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט, אַפילו ניט מערקנדיק, איבער וועלכע גאַסן ער גייט.

ער האָט אין געדאַנק געוואָרפן אַ בליק אויף זיין לאַגע. אַליץ אין זיין לעבן איז געווען צעשטערט. וואָס ערוואַרט אים אין זיין צוקונפט? דאָס פערזענלעכע גליק איז פאַרלאָרן. פענזילע איז טויט, און מיט איר זיינען געשטאָרבן זיין יוגנט און גליק. וועלעדאַטע — וועט זי דען אים מוחל זיין? און וואו זוכט מען זי אויף אין דער הונדערט־טויזנטיקער באַפעלקערונג אין קאָרדאָווע? אפשר איז זי שוין לאַנג דאָ אין שטאָט ניטאָ. דער זון? וואו איז ער? האָט דאָס בריוועלע דעם אמת געזאָגט, אָדער בלויז געוואָלט אויפוועקן אין אים האָפענונג, כדי שפעטער פון אים חוזק צו מאַכן?

די לאַגע ביים הויף איז אומערטרעגלעך. זינגען דעם קאַליף זיינע לידער און גלייכצייטיק זען אין אַלע ענינים יחיה'ס שעדלעכע השפעה! דער פאַרלאַנג אַרויסצושטויסן יחיהן איז געווען זייער שטאַרק אין זינגער; אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען אין אים די שטים, וואָס האָט געפאָדערט פרייהייט. זיין גאַנצע נאַטור, די טרוימערישע און ניט־פראַקטישע, איז געווען קעגן דעמדאָזיקן קאַמף. זיריאַב איז געווען צוגעבונדן צו מאַוריטאַניע, געווען געוויינט צו רעכענען זי פאַר זיין היימלאַנד; אָבער ער האָט ניט געהאַט צו איר יענע הייסע ליבע, וועלכע זאָל אים קענען אויפוועקן צו אַ לעבעדיקן און ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר איר צוקונפט. מיט דער נשמה איז ער נאָך אַליץ פאַרבליבן אַ זון פון אַראַביע, און אים איז געווען פיינלעכער צו פילן דעם דרוק פון האַרון דעם באַגדאַדער, ווי צוצוזען די פאַרברעכערישע שוואַכקייט פון דעם הערשער פון קאָרדאָווע. אַנטטוישט אין זיין מלכותדיקן פריינד, האָט זיריאַב געפילט, אַז זיין צוגעבונדנקייט צו מאַוריטאַניע ווערט שוואַכער, ער האָט זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף, וואָס לכתחילה האָט ער דערלאָזט, אַז יחיה זאָל דערהויבן ווערן, אָבער איצט האָט ער דעם קאַמף קעגן יחיהן ניט געקענט מאַכן אַלס ציל פון זיין לעבן. ער האָט ביי זיך דערהערט אַנדערע שטימען, וואָס האָבן אים גערופן צו שאַפן, צו

פרייהייט, צו דענקען. אָבער דידאָזיקע שטימען האָבן נאָך געקלונגען ניט האַרמאָניש און אומדייטלעך, און ער אַליין האָט זיך ניט געקענט פונאַנדערקלייבן אין זיינע מחשבות און פאַרלאַנגען. ער האָט געוואוסט, אַז ווען דער קאַליף וועט זיך צוריקקערן, וועט פירשט אַמאַיאַ מיט טרערן אויף די אויגן אים בעטן פאַרבלייבן אין קאָרדאָווע און אַראָפוואַרפן דעם פאַרהאַסטן פערסיאַנער און ווילנדיק-ניט-ווילנדיק וועט אים ווידער אויסקומען אַריינטרעטן אין קאַמף מיטן שונא און אָפגעבן דעמדאָזיקן קאַמף אַלע זיינע קרעפטן. די צוקונפט איז געווען איינגעהילט אין טונקלקייט. וואָס וועט זיין, אויב אַלע זייערע אָנשטרענגונגען וועלן ניט ברענגען יחידם מפלה?

— צי דען וועט אַזוי אַדורך מיין לעבן, גאָרנישט אויפטוענדיק?— האָט זיריאַב געטראַכט, אין שטאַרקער פאַרצווייפלונג וואַנדלענדיק איבער די פינסטערע גאַסן. און אויב יחיה וועט אין דעם קאַמף מנצח זיין, און איך וועל זיין באַזיגט — צי דען וועט לאיבוד גיין מיין לעבן אָן שום נוצן פאַר דער וועלט? און די כוחות, מיט וועלכע דער נביא האָט מיך באַשענקט, מיין וויסן, מיין יוגנט — דאָס אַלץ וועט פאַרלאָרן גיין ניט ברענגענדיק קיין פרוכט?

גלייך ווי אויף אַן ענטפער אויף דערדאָזיקער פיינלעכער פראַגע האָט זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט צו זיריאַבן דערטראָגן קלאַנגען פון אַ ליד.

ער האָט זיך אויטאָמאַטיש געלאָזט אין דער ריכטונג, פונוואַנען ס'האָבן זיך געהערט די קלאַנגען.

אייפן דאַך פון הויז אין דער פינסטער זיינען געזעסן עטלעכע מענטשן. איינער פון זיי האָט נאָר-וואָס געענדיקט דאָס ליד. די איבעריקע זיינען צו אים צוגעשטאַנען — בעטנדיק, אַז ער זאָל זינגען נאָך עפּעס, בעסערס. דורכגעשמועסט זיך וועגן דעם, וואָסער ליד איז בעסער, זיינען די מענטשן, איינגעהילט אין נאַכט, אַנטשוויגן געוואָרן. ווידער האָט זיך צעזונגען דיזעלבע קלינגענדיקע שטים, און זיריאַב האָט אויפגעציטערט, שטייענדיק אומבאַמערקט ביי דער וואַנט פון הויז. דער זינגער האָט געזונגען זיין ליד מיט אַזאַ באַגייסטערונג, אַז די צוהערער האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָבן אַרויסגעוויזן זייער אַנטציקונג אינמיטן פון זינגען.

אַז ער האָט אָפּגעזונגען, האָט ער געזאָגט:

— ניטאָ קיין בעסערע לידער פאַר אונזער זיריאַבס לידער. אַלאַ זאָל בענטשן זיינע טעג! מיר דאַרפן זיך פרייען און שטאָלץ זיין, וואָס דער הימל האָט אונז געשיקט אַזאַ מאַן!

פריילעכע און באַלעבטע שטימען האָבן אים אָפּגעענטפערט.

זיריאַב איז אין אַ טיפער איפרעגונג אַנטבאַמערקט אָפּגעגאַנגען פון הויז. אים בענטשט מען פאַר זיינע לידער! די פרייד האָט איפגעפלאַמט אין זיינע שוואַרצע אויגן. ער איז אַוועק ווייטער; גלייך ווי דער מזל וואָלט אָן ווערטער געוואָלט אים דערווייזן, אין וואָס באַשטייט זיין כוח און לעבן. אין איין הויז איז די טיר אין דרויסן געווען אָפן. אין אַן אָרעם צימער איז געזעסן אַ פרוי, באַליכטן פון דעם צאַנקענדיקן ליכט פון לעמפּל. זי האָט איינגעוויגט אַ קינד, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט שטיל און טרויעריק עפּעס צוגעזונגען, און זיריאַב האָט דערקענט איינס פון זיינע בעסטע לידער.

און אַלע זיינע פריערדיקע פינסטערע געדאַנקען, וואָס האָבן נאָר־וואָס אַזוי אים באַדריקט, האָבן זיך צעשפּרייט, ווי אַ לייכטער נעפּל פאַר דער העלער שיין פון דער טריאומפירנדיקער זון. דעם ענטפער האָט אים דער מזל אַליין געגעבן. הילכיק און אָן אויפהער האָט זיך אין אים צערעדט די שטים פון פּאָעזיע, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלאַ האָט אים באַשאַפן בלויז פאַר אַ דיכטער און האָט אים געגעבן איין באַשטימטן באַרוף; אַז אומזיסט האָט ער געוואָלט איינבויגן זיין שטאָלצן, פרייען קאָפּ אונטער דעם יאָך פון צוואַנג, און אויב זיין באַדייטונג איז ניט גרויס אין הויף ביי עבדו־רחמנען און ער איז ניט אימשטאַנד צו ענדערן דעם סדר פון מלוכה־לעבן און ראַטעווען דאָס לאַנד פון די אינטריגעס פון די הויפלייט— דאָך וועט ער ברענגען זיין ריינעם פּערל אין דער שאַצקאַמער פון אַראַבישן לעבן און ניט אומזיסט וועט זיין זיין לעבן פאַרן פאָלק זיינעם.

ער האָט אָפּגעזיפצט, ווי אים וואָלט לייכט געוואָרן, און בלויז איצט האָט ער דערזען, ווי שיין די שטילע וואַרעמע נאַכט איז, ווי ווייך עס פליסט די לופט איבער דער שלאָפעדיקער שטאָט, ווי יום־טובדיק עס לויכטן די שטערן אין דעם טונקעלן הימל.

XXIII

דאָס מאַוריטאַנישע מיליטער איז מיט פלאַטערנדיקע פאָנען און מוזיק צוריקגעקומען קיין קאָרדאָווע.

די הויפטשטאָט איז אינגאַנצן געוואָרן אויסגעפוצט צוליב דעמדאָזיקן נצחון.

אַ גרויסער עולם מענטשן האָט זיך געזאַמלט אויף די גאַסן און אויף די פלאַציקע דעכער. די העלע זון האָט באַלויכטן די פאַרביקע, יום-טובדיקע מלבושים פון די מאַורען, זייערע ווייסע טשאַלמעס און די פיל-און-פיל בלומען, מיט וועלכע די געביידעס זיינען געווען געפוצט. די גירליאַנדן פון די רויזן האָבן זיך אַוועקגעצויגן איבער די שמאָלע גאַסן, די הייזער זיינען געווען באַפוצט מיט בונטע טעפעכער און ווייסע פאָנען. דער גוטער וועטער האָט צוגעגעבן דער פייערלעכקייט גלאַנץ און לוסטיקייט. הילכיקע פריילעכע געשרייען האָבן באַגריסט דאָס מיליטער. ענדלעך האָט זיך פונדערווייטנס באַוויזן די ערע-וואַך פון מאַוריטאַנישע ריטער, וואָס האָבן אָנגעהערט צו די חשובסטע משפחות פון לאַנד. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם קאַליף. אַ ים בלומען, וואָס פרויען האָבן געוואָרפן, האָט פאַרזייט דעם וועג, איבער וועלכן ס'האָט באַדאַרפט דורכפאָרן דער קיניג. רויזן, ליליען, נאַרציסן זיינען געפלויגן צו די רייטערס פיס. די פראַכטפולע קליידונג פון די ריטער האָבן אַרויסגערופן הויכע אויסגעשרייען פון אַנטציקונג. ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער ווייסער פערד פון עבדורחמנען. דער קיניג, אין אַ בלענדנד ווייסן קלייד, אין אַ באַגולטן פאַנצער און העלם, אַרומגעוויקלט מיט אַ לייכטער ווייסער טשאַלמע, האָט לאַנגזאַם געריטן צווישן זיין סוויטע, שיין און פריי זיצנדיק אויפן טייערן פערד. דער געשפאַן און דער זאָטל האָבן געפינקלט מיט קאָסטבאַרע שטיינער. הויכע באַגריסונגען האָבן באַגעגנט דעם הער-

שער. ער איז געריטן אַ פֿריילעכער און אַ שטראַלנדיקער און האָט גנעדיק אָנגעבויגן זײַן שײנעם קאָפּ אויף דעם פֿאָלקס באַגריסונגען. עבֿדו־רחמן האָט אויסגעוויזן די אײַנוואוינער פֿון קאָרדאָווע ווי אַ העלער מלאך, געשיקט דורך דעם נבֿיא אַלײן. נאָך דעם הערשער זײַנען געגאַנגען די פֿערד זײַנע אין רײַכע דעקעס; די געווער־טרעגער האָבן זײ געפֿירט פֿאַר די צוימען. דערנאָך זײַנען געפֿאָרן די ראַט־געבער פֿון קיניג. דאָס פֿאָלק האָט אומזיסט געזוכט צווישן דער אויסגעפּוצטער סוויטע זײַנע ליבלינגען — אַנדערע פּערזאָנען, יחיהס אָנהענגער, האָבן אַרומגערינגלט דעם קאַליף. מ'האָט דאָ ניט געזען ניט פֿירשט וואַלידן, ניט זיריאַבֿן, ניט דעם אַלטן וויזיר אַמאַיען.

פֿירשט וואַליד איז געלעגן ווײַט אין די פֿעלדער פֿון קאַסטיליע, צופֿוסנס פֿון דער צעשטערטער טאָלעדאָ. זיריאַבֿ, אַ בלײכער און אַן אומעטיקער, איז געזעסן אויפֿן הויף פֿון זײַן רײַכן הויז, צוהערנדיק זיך צו די הילכיקע אויסגעשרייען פֿון די פֿאָלקס־באַגריסונגען, צו דער פֿריילעכער מוזיק פֿון די טראָמפּײטערס. פֿירשט אַמאַיאַ איז געפֿאָרן פֿון הינטן, נאָך דעם לעצטן פֿאָלק, אין אַ פֿאַרהאַקטער פֿורל, געשמידט אין קייטן, ווי אַ פֿאַררעטער פֿון טראָן. אַט־וואָס יחיה האָט אויסגעפֿירט, און ניט אומזיסט האָט יחיה אַזוי טריאומפֿירט און זײַן בליק האָט געשטראַלט פֿאַר נצחון. אַלע, ווער ס'איז אים געשטאַנען אין וועג, האָט ער אָפּגערוימט און פֿאַרניכטעט, און איצט האָט ער אין פֿולער מאַכט געהערשט איבער דעם גוטהערציק־שמייכלענדיקן עבֿדו־רחמנען.

• •

אין יענעם אָוונט איז אַ לויפֿער געקומען צו זיריאַבֿן און אים איבערגעגעבן דעם קאַליפֿס ביטע, ער זאָל קומען אין פּאַלאַץ אַרײַן.

זיריאַבֿ האָט מיט אַ געדריקט געמיט געפֿאָלגט דעם באַפֿעל.

אין הויף האָט געהערשט אַ גרויסע אויפֿלעבונג. אַ שטרענגער און אַ טרויעריקער איז זיריאַבֿ דורכגעגאַנגען צווישן די דאָזיקע אומבאַקאַנטע הויפֿלײַט, וועלכע זײַנען דערהויכט געוואָרן דורך יחיהס פֿאַרמיטלונג. דער פּערסער אַלײן איז אין פּאַלאַץ ניט געווען. זיריאַבֿן האָט מען אַרײַנגעפֿירט אין דעם אַרבעטס־צימער פֿון קאַליף, וווּ ער האָט אַמאָל פֿאַרבראַכט אַזויפֿיל אָנגענעמע שעהן. עבֿדו־

רחמן איז געווען אַליין און, דערזעענדיק דעם אַריינקומענדיקן דיכ־טער, האָט ער פריינדלעך אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— לאַנג זיינען מיר מיט דיר געווען צעשיידט, דיכטער, — האָט ער געזאָגט פריינדלעך. — איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר. איך האָף, אַז איצט וועסטו מיך אָפּט פרייען מאַכן מיט דיין קונסט. ווי דו זעסט, זיינען מיר געקומען צוריק אין דער הויפּט־שטאָט אַלס זיגער, און אונזער שטימונג איז זייער אַ פריילעכע.

— נעם צו מיין מזל־טוב, קיניג, — האָט זיריאַב געזאָגט און זיך פאַרנייגט.

— נאָך דעם פאַלן פון טאָלעדאָ זיינען מיר הינטער די ווענט פון שטאָט געשטאַנען ניט מער ווי איין וואָך צייט, כדי צו פאַר־ניכטן אַרום אין לאַנד די לעצטע שפּורן פון אויפשטאַנד. ווידער וועט מען אין קאָרדאָווע אויסבויען דעם שלאָס אַמרו, און אין אַלע שטעט און דערפער זיינען איבערגעבליבן מאַווריטאַנישע גאַרניזאָ־נען.

— ווי גרויס איז דער רויב, וואָס איר האָט גענומען אין טאָ־לעדאָ?

— וועגן דעם ווייס יחיה און מיינע מיניסטאָרן, — האָט עבדו־רחמן זאָרגלאָז געענטפערט. — איך רעכן, אַז ניט ווייניק גוטס האָבן מיר צוגענומען ביי די עקשנים, — האָט ער זיך צע־לאַכט. — דאַכט זיך, אַז די זעלנער זיינען צופרידן. אָבער זאָג מיר, ווי גייען דיינע ענינים?

— קיניג, איך האָב אַ גרויסע בקשה צו דיר, — האָט זיריאַב געזאָגט, און זיין בלייך געזיכט איז רויט געוואָרן. אין קורצן האָט ער איבערגעגעבן, אין וואָס באַשטייט דעם קאַליפֿס מיטווירקונג: העלפן אויפצוזוכן וועלעדאַטען און זיין זון. עבדו־רחמן האָט מיט פאַרוואונ־דערונג אויסגעהערט די דערציילונג וועגן דעם געהיימענישפולן ברי־וועלע און וועגן דעם, אַז מ׳האָט געזען וועלעדאַטען אויף קאָרדאָווער מאַרק, און האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו טאָן אַליץ, וואָס דער זינגער פאַרלאַנגט.

— איך וועל נאָך היינט הייסן יחיהן צו פאַראָרדענען וועגן דעם, — האָט ער געזאָגט.

— קיניג, הער מיך אוים ביזן סוף, דידאָזיקע בקשה מיט וועל־כער איך ווענד זיך צו דיר וועט זיין מיין לעצטע בקשה.

עבדו־רחמן האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויפן זינ־גער.

זיריאַב האָט ווייטער גערעדט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן.

— איך האָב פעסט באַשלאָסן, קיניג, פאַרלאָזן קאָרדאָווע.

— זיריאַב! — האָט עבדו־רחמן אויסגעשריען און איז רויט געוואָרן.

— יאָ, קיניג, מיין באַשלוס איז פעסט. איך האָב אַ סך געטראַכט די לעצטע צייט, און איך זע, אַז ס'וועט זיין בעסער, אויב איך וועל פאַרלאָזן דיין הויף.

זיריאַב האָט אויפגעהויבן זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט גלייך געקוקט דעם קאַליף אין די אויגן אַריין.

עבדו־רחמן האָט זיך שנעל אויפגעהויבן.

— איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן! — האָט ער אויסגעשריען. — איך בין צו דיר צוגעוווינט, כ'האָב דיך ליב ווי אַ פריינד, און האָב ליב צו הערן דיין זעלטענעם געזאַנג, — ניין, בשום אופן וועל איך דיך ניט אַוועקלאָזן פון קאָרדאָווע, וואַרף אַרויס דידאָזיקע געדאַנקען פון קאָפּ.

זיריאַב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, באַמיענדיק זיך צו בלייבן רואיק, האָט ער מיט אַ שטילן קול געענטפערט:

— מיט געוואַלד וועסטו מיך ניט איינהאַלטן ביי זיך, איך בין אַ פרייער מענטש. דו האָסט מיר נאָר־וואָס אָנגערופן דיין פריינד; ניין, קיניג, יענע טעג זיינען אַוועק אָן צוריקקער. אמת, עס איז געווען אַ צייט, ווען איך בין שטאָלץ געווען מיט אונזער פריינדשאַפט, אָבער איצט... איצט זאָג איך זיך אָפּ פון דעמדאָזיקן כבוד!

— ווי וואַגסטו מיר צו ריידן אַזעלכע זאַכן, זינגער!

— מיט מיינע ליפּן רעדט דער אמת, קיניג. פיל האָט זיך געענדערט פון יענער צייט, ווען מיר האָבן פריינדלעך געשמועסט אין דעמדאָזיקן צימער. דאַן האָט מיין נשמה אינגאַנצן געשטרעבט צו דיר און, דאַכט זיך, אַז ווירקלעך זיינען מיר געווען פריינד. דו האָסט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון יענע גוטע כוונות, מיט וועלכע דו

בּיסט געווען איבּערפֿולט און מיט דעם אַליין האָסטו צעקלאַפּט אונ־זער פֿריינדשאַפֿט. ניט זיי אין גרימצאָרן אויף מיר, אָבּער איך קען ניט זיין דאָרטן, וואו יחיה איז גרויס און אַלמעכטיק.

— יחיה איז מיין בעסטער ראַטגעבּער!

— זאָג בעסער: דיין בּייזער גייסט, עבדו־רחמן. ווי קענסטו דולדן לעבּן זיך דעמדאָזיקן נידעריקן מאַן? דו בּיסט בּיי אים אַ שפּילצייג. צי דען גיסטו זיך פֿרייוויליק אונטער אַלע זיינע שעדלעכע פֿאַראָרדענונגען? וואו זיינען דען דיינע אויגן? אין דער מלוכה איז איצט ניטאָ קיין אָרט, וואו עס זאָל קענען דינען אַן ערלעכער און אַ געוויסנהאַפֿטער דינער פֿון טראָן. אומעטום נאָר יחיהס קנעכט; זיינע טרייע מיטהעלפֿער ראַבּירן און נעמען אַרום דאָס פֿאָלק. ערטער און שטעלעס פֿאַרקייפֿן זיך, ווי סחורה אויפֿן מאַרק! און דו שווייגסט און דערלאָזט דידאָזיקע עוולות. אַפֿילו די עצות פֿון אַזאַ אַלטן מיניסטער ווי אָמאַיאַ דערגרייכן ניט צו דיינע אויערן.

עבדו־רחמן האָט זיך פֿאַרשעמט, אָבּער זיריאַבּ האָט עס ניט בּאַמערקט און ווידער גערעדט מיט בּרען.

— יחיה און אַזאַרע הערשן איבּער דיר! מיר איז אַ שאָד דאָס לאַנד, וואו עס קען פֿאָרקומען אַזאַ ערשיינונג. איך זשאַלעווע דיך, קיניג, און איך שילט דיין פֿאַרבּרעכערישע שוואַכקייט. ניין, כּל־זמן יחיה רעגירט אין הויף, קען איך ניט בּלייבּן דאָ.

— דו וועסט חרטה האָבּן, וואָס דו האָסט אָפּגעוואָרפֿן מיין פֿריינדשאַפֿט, — האָט דער קאַליף קאַלט געזאָגט. — איך האַלט דיך ניט, קאָנסט פֿאָרן, וואוהין דו ווילסט.

— ניט זיי אין כּעס אויף מיר, קיניג. זיי מוחל די צו האַרבּע שאַרפֿקייט אַ מענטשן, וועלכן דאָס אומגליק האָט צעבּראָכן. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך מיט דיר ניט צעשיידן ווי שונאים, און צוליבּ אונזער אַמאָליקער פֿריינדשאַפֿט וועסטו זיך ניט אָפּזאָגן מיר צו העלפֿן.

— מיין קייזערלעך וואָרט וועט ניט געבּיטן, — האָט עבדו־רחמן מיט שטאָלץ געזאָגט. — איך וועל אָנווענדן אַלץ, כּדי איבּ־צוזוכן דיין ווייבּ און קינד.

— איצט ערלויב מיר אַוועקצוגיין, קיניג. איך דאַרף נאָך זען פּירשט אָמאַיען.

עבדו־רחמן האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— דו קענסט ניט זען זיך מיט פּירשט אָמאַיען.

זיריאַב האָט אין פאַרוואונדערונג אויף אים אַ קוק געטאָן.

— דעם גרויס־וויזיר האָט מען געכאַפּט אין אַ פּאַרראַט צום פּאָטערלאַנד, האָט מען אים געשמידט אין קייטן און אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה.

זיריאַב האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ מיט בײדע הענט און האָט גענומען קרעכצן.

— אַזוי! האָט זיך דאָס אויך יחיה דערשלאָגן? אָ, אַ קללה! אַ קללה! דעם נביאס צאָרן זאָל טרעפן דעם אויסוואורף!

עבדו־רחמן האָט בייז צונויפגעדריקט די ברעמען.

ס'האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ שווערער שווײַגן.

— און וואָס באַשטייט די שולד פון פּירשט אָמאַיען? — האָט זיריאַב ענדלעך געפרעגט מיט אַ געבראָכענער שטים.

— זײַנע פאַראָרדענונגען אויף דער מלחמה זײַנען געווען געווענדט קעגן מײַנע באַפעלן.

— דו ווילסט זאָגן קעגן יחידס באַפעלן! אָבער דאָס איז נאָך ניט פאַרראַט. אין וועלכן פאַרראַט מאַכסטו אים שולדיק?

— פּירשט אָמאַיאַ האָט פאַר עדות געזאָגט, אַז דער געהרגעטער ברודער איז געווען דער ליבלינג פון פאָלק.

— צי דען איז דאָס אַ ליגן? אַלע האָבן ליב געהאַט דעם אָרעמען פּירשט וואַלידן.

עבדו־רחמן איז געוואָרן אָנגעצונדן.

— פּירשט וואַליד האָט די לעצטע צייט געזוכט התקרבות בײַם פאָלק, כדי אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד און אַראָפּוואַרפן מיך פון טראָן.

— דאָס איז ליגן! — האָט זיריאַב אויסגעשריען און איז בלייך געוואָרן.

— דו פאַרגעסט זיך, זינגער!

— דאָס איז ליגן! — האָט ער ווידער געזאָגט. — שלעכטע כּוונות האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין אָרט ביי אים אין קאָפּ! ער איז געווען צו גוט פֿאַר אַזוינע אינטריגעס! דאָס האָט יחיה אויסגעטראַכט, וועלכער איז אַליין אַן אויסוואורף און האַלט אַלעמען פֿאַר אויסוואורפֿן!... אָרעמער פֿירשט וואַליד! ער איז געשטאָרבן ווי אַ העלד און איצט וויל מען באַשמוצן זיין גוטן נאָמען? נו, גוט, לאָמיר איבערלאָזן די טויטע און זיך אומקערן צו די לעבעדיקע. צי דען זיינען עטלעכע אומשולדיקע ווערטער, וואָס דער אַלטער וויזיר האָט געזאָגט, גענוג אויף אומצובריינגען אַזאַ טרייען דינער? הער זיך איין, קיניג, האָט זיריאַב ווייטער גערעדט צוגייענדיק נאָענט צום קאַליף. דו גלויבסט דאָך אַליין אויך ניט, אַז אָמאַיאַ זאָל ווערן אַ פֿאַררעטער. דאָס זיינען דאָך אַלץ יחיהס בילבולים. איך בעט דיך, עבדו־רחמן, באַפֿריי דעם אומגליקלעכן! האָב מיטלייד אויף זיין אַלטקייט! קריג מיטלייד, קיניג, זאָל רחמים ווי העלער טוי פֿאַלן אויף דיין האַרץ! אָט וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן: איך וועל פֿאַרבלייבן ביי דיר אין קאָרדאָווע, איך וועל ווי אַלע מאָל פֿאַר דיר זינגען, דיר דינען, ווי דו וועסט פֿאַרלאַנגען, באַפֿריי נאָר דעם אַלטן פֿירשט!

ער איז געפֿאַלן אויף די קני און מיט געבעט אויסגעשטרעקט די הענט. אַ שווערע טרער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זיינע אויגן אויפֿן מירמלשטיינערנעם דיל. עבדו־רחמן האָט זיך אָפּגעקערט.

— דערמאָן זיך אָן אַמאָל, — האָט זיריאַב געזאָגט אויפֿשטייענדיק. — צי דען איז אַזוי קליין געווען דיין ליבע צום זינגער, אַז איצט דערגייט אַפֿילו ניט מיין וואָרט צו דיינע אויערן? ניט פֿיל איז געבליבן צו לעבן דעם אַלטן. לאָז אים פֿאַרענדיקן זיין לעבן אין רו און אין כּבוד. דו, קיניג, רופֿסט זיך אָן דער פֿאַרטרעטער פֿון אַלאַ — ער איז פֿול חסד צו דיינע קנעכט!

דער קאַליף האָט געשוויגן.

— זאָג מיר בלויז איין וואָרט: אַז דו וועסט ניט דערלאָזן אים הרגענען, און אויב ווירקלעך דו האַלסט אים פֿאַר שולדיק, וועסטו אים, לכל הפּחות, געבן די מעגלעכקייט זיך צו פֿאַרטיידיקן אין געריכט!

דער קאַליף איז געשטאַנען בײַם פענסטער און געשוויגן.

— איך טראַכט וועגן דײַנע ווערטער, זיריאַב, — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט ניט אָפּקערנדיק זיך. ער האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אַוועקגיין.

זיריאַב איז צוגעגאַנגען צום קאַליף, האָט שווײַגנדיק גענומען אים פאַרן האַנט, זי אַ קוש געגעבן און איז אַרויס פון קאַבינעט.

דאָס איז געווען זײַער לעצטע זעאונג.

זיריאַב איז געקומען אַהיים, אָנגעזאָטלט דעם פערד און איז אַרויסגעפאָרן פון קאָרדאָווע. אַרויספאָרנדיק, האָט ער אַ קוק געגעבן אויף דער זון, וואָס האָט געפינקלט איבער די שפיצן פון סיערע-מאָרענע. ס'איז געבליבן אַ שעה דריי ביז שקיעה.

— איך וועל זיך צוריקקערן צו מאָרגן פרי, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט זיך געלאָזט איבערן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן מיט דעם ברעג פון אועד-על-קעביר און דערנאָך זיך אויפגעהויבן העכער צו דער פאַרצווייגונג פון סיערע. עטלעכע שעה רייזע פון דער הויפט-שטאָט, צו דרום צו האָט זיך געפונען אַזאַרעס גוט, וואָס האָט פריער געהערט צו דעם אומגליקלעכן האַסאַנען. איצט האָט זיך דאָרטן דערהויבן אַ נייער רייכער פּאַלאַץ און דער בויער פון דעמדאָזיקן פּאַלאַץ איז געווען יוסף בן-פאַרעזי. צו אים איז איצט געפאָרן זיריאַב. אַ סך פריינד און באַקאַנטע האָט ער געהאַט אין קאָרדאָווע, אָבער ער האָט ניט געוואָלט זיך ווענדן צו זיי נאָך אַן עצה. און וואָס פאַר אַ מיטגעפיל האָט געקענט ערוואַרטן דער פון יחיהן באַזיגטער זינגער, דער איינציקער וואָס איז געבליבן פון די פריערדיקע קאַליפס ליבלינגען, וועלכן ס'האָט איצט אפשר שוין ערוואַרט דעם קאַליפס פאַרפאָלגונג און אפשר אויך אַ באַשולדיקונג אין אַ מלוכה-פאַרראַט? ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט וואָס צו דערוואַרטן פון די אַלע, וועמ ס'האָט אַזוי חניפהדיק אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, וועמ ס'האָט אַזוי נידעריק פאַר אים געקניט, בעת ער, אַ פריילעכער און אַ זיכערער, פלעגט אַרויסגיין פון הערשערס קאַבינעט. איצט חנפענען דיזעלבע לייט דעם פערסער, ווידער זייגען אַנדערע אַרויסגעוואָרפן געוואָרן און ווערן אויך פאַרפאָלגט. ער

האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פריינד פון דמשק און באַשלאָסן זיך מיט אים צו באַראַטן. זיריאַב איז איייניקע מאָל געווען ביי יוספן, און פון אים האָט ער זיך דערוואוסט וועגן זיין ווייטן היימלאַנד. אַזוי אַרום האָט ער זיך דערוואוסט, אַז האַרון-אַל-ראַשיד איז געשטאָרבן אין צוויי יאָר אַרום נאָך זיין אַנטלויפן, אַז דער אַלטער פריינד זיינער און דער לערער — אַטאַיע, האָט מיט עטלעכע טעג בלויז איבערגעלעבט דעם דעספּאָט. אויפן טראָן פון באַגדאַד האָט אַל-מאַמון זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן דעם גלאַנץ און רייכקייט און אַזוי ווי זיין פאָרגייער האָט ער פּראָטעזשירט געלערנטע און קינסטלער. ביי זיריאַבן אין קאָפּ האָט זיך באַוויזן אַ געדאַנק, אַז מ'האָט זיך באַדאַרפט צוריקקערן אין דמשק און לעבן דאָרטן, ווי פריער, אַלס פרייער וויסנשאַפטס-מענטש און דיכטער. וועגן אַל-מאַמונען איז געגאַנגען אַ גוטער שם. מ'האָט געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין זכר פון דעם פאָטערס דעספּאָטיזם, אַז ער איז אַ מענטש אָ געבילדעטער און אַ ווייכהאַרציקער. זיריאַב איז איצט געפאָרן צו בן-פאַרעזין זיך פונאַנדערצופרעגן די איינצלהייטן. ער האָט געוואוסט, אַז ביי דעם יידן אין הויז וועט ער באַגעגענען מיטגעפיל און פריינדשאַפט.

די זון איז פאַרגאַנגען הינטער די שפּיצן פון סיערע-מאָרענע און אַ צאַרטע שקיעה האָט זיך צעגאָסן איבערן הימל, ווען זיריאַב האָט דערזען פאַר זיך אויף דער אָפּשיסיקייט פון באַרג די פינקלענדיקע מירמלשטיינערנע קאָלאָנאַדעס. ער האָט אַ יאָג געטאָן דאָס פערד און איז באַלד צוגעפאָרן צו אַ שיינער געביידע. דאָ האָבן געאַרבעט פיל אַרבעטער. זיי האָבן געאיילט זיך צו באַנוצן מיט די לעצטע מינוטן פון טאָג. איייניקע האָבן באַאַרבעט מאַרמאָרנע פּלאַסטן. אַנדערע זיינען געווען פאַרנומען מיט אַוועקשטעלן די ווענט. גרויסע שטיקער מאַרמאָר האָבן ווי שנייאיקע קופּעס זיך געווייסט אין דעם גראָז. הינטער דער געביידע האָט זיך געצויגן אַ גרויסער גאָרטן. אין די שאָטנס פון די טשינאַרן האָט זיך באַוויזן אַ קליין הייזל.

זיריאַב איז צוגעפאָרן צום הייזל, צוגעבונדן דאָס פערד און זיך אַרומגעקוקט ביי די זייטן. קיינער האָט זיך ניט געזען דאַנעבן. אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען געקומען צו לויפן צוויי יינגעלעך מיט שוואַרצע אייגעלעך, איינס גרעסער, דאָס צווייטע נאָך גאָר

אַ קליינס. דאָס זיינען געווען יוספס זין. דערזען דעם גאַסט, זיינען די קינדער מיט אַ געשריי אַריינגעלאָפן אין הויז. זיריאַב איז געגאַנגען נאָך זיי. אויפן גאַניק האָט אים באַגעגנט רבקה. דערקענענדיק זיריאַבן, איז זי אַ ביסל געוואָרן אומרואיק און האָט אים, נאָך די געוויינלעכע באַגריסונגען, שנעל אַ פרעג געגעבן:

— די האָסט קיינעם ניט באַגעגנט אין גאָרטן?

— דאָ איז בײַ אייך לער און שטיל. דיין מאַן איז מסתמא אויפן בוי־פּלאַץ?

— יאָ, ער איז שטענדיק דאָרטן.

— איך בין צו אים געקומען וועגן אַן ענין. צי קען איך אים דאָ באַלד ניט זען? מאָרגן פאַרטאָג דאַרף איך זיין צוריק אין קאָר־דאָווע.

רבקה האָט מיט באַדויער אַ קוק געגעבן אויף זיריאַבס פאַר־מאַטערט געזיכט. זי האָט אים ניט געזען זינט נאָך פּענזילעס טויט און די פאַרענדערונג, וואָס אין אים איז פאָרגעקומען, האָט זי אי־בערראַשט און גערירט. אַ טיפער קנייטש האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן זיינע שוואַרצע ברעמען; זיינע וואונדערבאַרע אויגן האָבן געהאַט אַ מידן און טרויעריקן אויסדרוק. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ סך צער און אַנטוישונגען.

רבקה האָט פריינדלעך געבעטן זיריאַבן אַריינגיין אין הויז, אַריינ־געפירט אים אין עסצימער, וואו ס'איז געווען געגרייט צום אָוונט־ברויט. דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט גיין אויפזוכן דעם מאַן און ברענגען, און איז אַרויס פון צימער.

זיריאַב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל, אָבער ער האָט זיך ניט צוגערירט צו די פאָרגעלייגטע שפּייזן. ער האָט בלויז איצט דערפילט אַ שרעקלעכע מידיקייט. ער איז געזעסן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט און האָט זיך דערמאָנט אָן זיין שמועס מיט עבדו־רחמנען. אַ פאַרביטערטקייט האָט זיך ערוועקט בײַ אים אין האַרצן. ער איז איצטער געבליבן גאָר איינזאַם אין הויף, און זיין השפּעה איז געווען גאָר קליין. צי דען האָט ער געקענט ערב זיין פאַר דעם, אַז דער קאַליף וועט ניט איבערגעבן דעם אומשולדיקן זקן יחידן אין די הענט. צי דען האָט ער געקענט האָפן, אַז זיין געבעט האָט

ווירקלעך געקענט דערוועקן רחמנות בײַם קאַליף? מאָרגן וועט מען ווידער דאַרפֿן גײן צו עבֿדו־רחמנען בעטן תּחנונים, טענהן. וועט עס דען העלפֿן, בעת יחיה און אַלע זײַנע בעל־יועצים פֿאַרשוואַרצן דעם אַלטן אין די אויגן פֿון הערשער? וואָס קאָן ער אײנער מאַכן קעגן דער גאַנצער קליקע? זיריאַבֿ איז געוואָרן אַ שרעקלעכער רחמנות אויף דעם אָרעמען אַלטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן לעבן הענגט אויף אַ האָר און אַז דער וועג פֿון תּפֿיסה צו סם, אָדער צום קינזשאַל איז נאָענט, אויב מיט דעם אַלעם פֿירט אָן יחיה.

אין שכנישן צימער האָבן זיך דערהערט לײַכטע טריט. זיריאַבֿ האָט געמײנט, אַז רבֿקה איז צוריקגעקומען און האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

אין טיר האָט זיך באַוויזן אַ שלאַנקע פֿרוי מיט געלאָקטע צעלאָזטע האָר. דאָס איז געווען וועלעדאַטע.

זיריאַבֿ איז אויפֿגעשפּרונגען, קוקנדיק צעטומלט אויף דער ווײַב.

וועלעדאַטע, וואָס האָט זיך ניט גערעכנט אויף דערדאָזיקער באַגעגעניש, איז שטײן געבליבן בלאַס און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר, כּדי ניט אומצופֿאַלן. זי האָט אינגאַנצן געפֿיבערט. מיט ברײט אויפֿגעעפֿנטע אויגן האָט זי געקוקט אויפֿן מאַן.

אַזוי זײַנען אַריבער עטלעכע מינוטן. אין דידאָזיקע רגעס האָט וועלעדאַטע נאָך אַמאָל איבערגעלעבט איר גאַנץ לעבן. פּלוצלונג האָט זי דערזען דעם מאַנס געזיכט, דערזען, ווי שרעקלעך ער האָט זיך פֿאַרענדערט פֿון יענעם אָוונט, בעת זי האָט אים איבערגעלאָזט אַ גליקלעכן און אַ שטראַלנדיקן, און אַ רחמנות האָט ווי אַ הײסע כוואַליע אַ שטראָם געטאָן צו איר אין האַרץ. זי האָט שטיל אַ געשרײ געגעבן, געמאַכט אַ טריט פֿאָראויס און יאָמערנדיק אַרויפֿגעפֿאַלן דעם מאַן אויפֿן האַלז. זיריאַבֿ האָט זי צוגעפֿירט צום בענקל, זי אַנידערגעזעצט, האָט אָנגענומען זי פֿאַר בײדע הענט און זײ אַ קוש געגעבן. אײלנדיק און איבערשלאָגנדיק אײנע די אַנדערע האָבן זײ גענומען דערצײלן, וואָס זײ האָבן איבערגעלעבט אין דידאָזיקע יאָרן פֿון יענעם אָוונט, בעת וועלעדאַטע איז אַנטלאָפֿן פֿון דער הײם.

זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געבלאָנקעט אין די פעלדער און איז דערנאָך איינגעשלאָפן לעבן עפּעס אַ פּלייט. אינדערפרי איז זי אַוועק מיטן וועג, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין זי גייט, איטלעכע ווײַלע אומ־געקוקט זיך בײַ די זײַטן, אויב מען יאָגט זי ניט. געגאַנגען איז זי מיט פעלד און שטעגעלעך, און ענדלעך איז זי אַרויס אויפן גרויסן וועג, וואָס איז געגאַנגען פאַזע דעם ברעג פון טײַך. דאָ האָט זי אָנגעגענט יוסף בן־פּאַרעזי, וואָס איז געפאָרן אין שטאָט נאָך מאַ־טעריאַל. ער האָט זיך פאַרוואונדערט, דערזעענדיק זיריאַבס ווײַב אַ בלייכע, אין אַ צעריסענער קלייד; האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, און וועלעדאַטע האָט אים דערציילט וועגן זיריאַבס נייער ווײַב. יוסף האָט זי אַוועקגעפירט צו רבקהן. די גוטע יידישע טאָכטער, גערדענקענדיק וויפל פריינדשאַפט וועלעדאַטע האָט איר אַמאָל אַרויסגעוויזן, האָט איר געגעבן בײַ זיך אַן אָרט, זי באַרואיקט און איר צוגעשוואָרן קיינעם ניט אַרויסצוגעבן איר ערי־מקלט.

זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצודערציילן איינע פאַר די אַנדערע וועגן די געשעענישן פון דער לעצטער צײַט, איז אין צימער אַרײַנגע־קומען יוסף און נאָך אים רבקה. רבקה האָט מיט אַ כיוון פאַרהאַלטן דעם מאַן און האָט געשיקט וועלעדאַטען אין עס־צימער, גאָרנישט זאָגנדיק איר. זי האָט געמיינט, אַז די אומגעריכטע באַגעגעניש וועט צעברעכן זייער שטאָלץ. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, דערזעענדיק ווי זיי זיצן איינע לעבן צווייטן.

יוסף האָט פריילעך באַגעגנט זײַן פריינד.

זיריאַבס דערציילונג וועגן די הויפּלײַט און וועגן די אינטריגעס, וועגן עבדו־רחמנס שוואַכן ווילן האָט אַרויסגערופן בײַ אים אַ גרימ־צאָרן. דערהערט פון זיריאַבס באַשלוס צו פאַרלאָזן קאָרדאָווע, האָט יוסף ניט מסכים געווען.

— צוליב וואָס זאָלסטו ווידער פאָרנעמען אַ ווײַטע און געפערלעכע נסיעה? די לעצטע ידיעות פון סיריע זײַנען ניט גאָר פריילעכע. אין באַגדאַד זײַנען אומרועו. אַל־מאַמון איז געשטאָרבן און די סריסים וואַרפן אַראָפּ און נישטיקן איין קאַליף נאָך דעם צווייטן. ווי צו אונזער לאַנד. די אינטריגעס פון די סריסים, פאַקירן און די ווײַבער פון די קאַליפן רעגן אויף דאָס לאַנד. און צוליב וואָס דאַרפסטו

זוכן שוץ ביי זיי? דו ווייסט דאָך שוין אַליין, ווי טייער עס קומט אָן די גנעדיקייט פון אַ הערשער.

— איך וויל זיך באַזעצן אין דמשק, — האָט זיריאַב אים געענטפערט.

— אין דמשק איז אויך אומרואיק. וואָס דאַרפסטו פאָרן אַזוי ווייט נאָך דער פרייהייט? דו קענסט זיך דאָ אויך איינאָרדענען. קריג אַ קליין שטיקל ערד אין מאַוריטאַניע, ערגעץ אויף דרום, אין אַנ־דאַלוזיע, אָדער אין די בערג פון סיערע־נעוואַדע. ס'איז אַ געבענטשט־וואונדערלאַנד! לעב דאָרט שטיל און רואיק, וואָס ווייטער פון הויף, פון זיינע צייטווייליקע הערשער. אויף וויפל איך קען דיך, האָט ביי דיר קיין ווערט דער גלאַנץ און כבוד פון דעם קיניגלעכן לעבן. פאָלג מיך, פאָרן מיט דער פאַמיליע מיטן ים — און דערנאָך קיין דמשק איז ניט קיין שפּילכל. און דאָרט און דאָ איז דאָס זעלבע לעבן. בעסער פאַרבלייב דאָ, וואו אַלע האָבן דיך ליב און שעצן דיך; לעב אָפּגעזונדערט און רואיק. — וואָס ווערסטו זאָגן אויף דעם?

זיריאַב האָט אַ זיפץ געטאָן.

— מעגלעך, אַז דו האָסט רעכט, — האָט ער געענטפערט. — מ'דאַרף וועגן דעם אַ טראַכט טאָן. איצט באַאומרואיקט מיך דער גורל פון אַלטן פירשט, אַז איך קאָן וועגן זיך ניט טראַכטן.

ער האָט זיך גענומען געזעגענען.

וועלעדאַטע איז צו אים צוגעגאַנגען און שטיל געזאָגט:

— איך בעט דיך, קום אַריין אויף אַ ווײַלע צו מיר אין צי־מער.

ער איז אַוועק מיט איר.

ביי וועלעדאַטען אין צימער, אין אַ קליין בעטעלע האָט גע־שלאָפן זיין זון.

זיריאַב האָט זיך צו אים אַ לאָז געטאָן. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך צעוויינט. וועלעדאַטע האָט אים גענומען אויפן האַנט אים צו פאַרוויגן.

— זיי מיר מוחל, — האָט זי אין געפליסטער צו אים געזאָגט, און טרערן האָבן זיך צעפינקלט אויף אירע שיינע אויגן. — זיי מיר מוחל אין נאָמען פון אַלאַ! איך האָב אים אַוועקגעטראָגן דאַמאָלסט

ביינאַכט. איך וועל ניט פאַרבאַהאַלטן: אַ שלעכט נקמה־געפיל האָט מיך אָנגערעדט דערצו. דו האָסט אויף מיר אַ קוק געטאָן, בעת איך בין מיטן קינד אויפן האַנט דורכגעגאַנגען פאַרביי דיר. צי דען האָסטו מיך ניט דערקענט? איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט מיך דעריאָגן, און איך בין געלאָפן ווי אַ משוגענע מיטן קינד ביז דעם אָרט, וואו ס'האָט אויף מיר געוואַרט אַ פורל. אָבער איך שווער דיר, אַז ניט בלויז דאָס נקמה־געפיל האָט מיך געטריבן אַוועקגנבענען דיין זון, איך האָב געהאַט מורא, אַז קעלאַם זאָל אים ניט פאַרסמען. און אין יענעם פרימאָרגן, ווען צו אונז אַהער איז דערגאַנגען די ידיעה פון פענזילעס שרעקלעכן טויט, האָב איך זיך אַנטשלאָסן אויף דעמדאָזיקן טאַט. איך האָב אויף דיר אַ רחמנות געהאַט אַ בין געווען צופרידן, וואָס איך וועל קענען אין דיר אַ נקמה נעמען. דערנאָך, אַז איך האָב זיך דערוואוסט, ווי דו בענקסט נאָכן זון, האָב איך דיר אָנגעשריבן דאָס בריוועלע, כדי דיך צו באַרויִקן. איך האָב אים געוואָלט דערציִען פאַר דיינעטוועגן און מיין גאַנצע ליבע, וואָס דו האָסט אָפּגעוואָרפן, האָב איך אָפּגעגעבן דעם קינד.

זיריאַב איז געווען אַזוי גליקלעך, וואָס דער מזל האָט אים אומגעריכט געשיקט די יעניקע, וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג אַרומגעזוכט, אַז ער האָט ניט געקענט זיין בייז אויף וועלעדאַטען. ער וואָלט מיט פאַרגעניגן געבליבן ביי פאַרעזין אין הויז, פילן זיך צוריק ניט איינזאַם, אַרומגערינגלט מיט ליבע און זאָרג, — אָבער אים האָט באַדריקט דער גורל פון אַלטן פירשט.

געוואָרפן אַ בליק פול ליבע אויף דאָס שלאָפעדיקע קינד, איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט וועלעדאַטען און זיך גענומען געזעגענען מיט די פריינדלעכע באַלעבאַטים.

ערשט פאַרטאָג איז ער אָנגעקומען קיין קאָרדאָווע.

XXV

אין דער היים האָט ער געפונען אַ גנעדיקן בריוו פון דעם קאַליף און אַ טייער קלייד, באַוועבט מיט זילבער איבער פיאָלעט־סאַמעט. דער קיניג האָט געשריבן דעם דיכטער, אַז אין אָוונט איז באַשטימט אַ גרויסע סעודה אין פּאַלאַץ לכבוד דעם זיגרייכן צוריקקער פון דעם חייל, און געבעטן האָט ער זיריאַבן דערפרייען אים מיט זיין קומען. ער האָט געהאָפט, אַז דאָס קלייד וועט אים זיין נוציק אויפן אָוונט און ווידער אים פאַרזיכערט און זיין שטענדיקער גנע־דיקייט.

זיריאַב האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, אַ וואָרף געטאָן אַ גלייכ־גילטיקן בליק אויף דאָס טייער קלייד און אַ זיפץ געטאָן.

— נאָר אָפּראַטעווען דעם פירשט אָמאַיע, —האָט ער געטראַכט. — איך וועל אויספועלן זיין באַפרייאונג און דערנאָך וועל איך אַוועק פון קאָרדאָווע.

ניט וואַגנדיק צו גלויבן דעם צעטעלע, איז זיריאַב מיט אַ שוואַכע האָפענונג אויף ערפאָלג אַרויס פון שטוב. ער האָט געוואָלט פרווון נאָך אַמאָל זיך דורכריידן מיטן קאַליף און איבעראַנדערשן זיין באַשלוס.

ניט באַוויזן נאָך צו מאַכן עטלעכע טריט, איז אים אַנטקעגן אָנגעגאַנגען סאַאיד. זיין פּנים איז געווען בלאַס און אויפגערעגט.

נאָך די געוויינלעכע באַגריסונגען, האָט סאַאיד אים איילן גע־פרעגט:

— צי קלייבסטו זיך ניט אַמאָל צו גיין אין פּאַלאַץ, פריינד?

אויף זיריאַבס ענטפערט אויף יאָ, האָט סאַאיד שטיל אַרויס־גערעדט:

— אין נאָמען פון אונזער גרויסן נביא, ניט גיי אין פּאַלאַץ. לאָמיר בעסער זיך אומקערן צו דיר. איך בין געגאַנגען זיך מיט

דיר אַדורכריידן און בין צופרידן, וואָס איך האָב דיך געטראָפן אויפן וועג.

ביי זיריאַבן האָט אָפגעחלשט דאָס האַרץ. ער האָט איילינק איינגעלאַדן סאַאידן גיין נאָך אים.

— איך האָף, אַז ביי דיר וועט קיינער ניט אינטערהערן אונזער שמועס? — האָט מיט מורא סאַאיד געפרעגט.

זיי זיינען אַריין אין הויז. פאַטימע האָט זיך געשפילט מיט דער ניאַניע. זיריאַב האָט זיי אַוועקגעשיקט אין גאָרטן, פעסט פאַרמאַכט די טירן און, איבערציינגדיק זיך, אַז קיינער הערט זיי ניט אונטער, איז ער צוריקגעקומען צו סאַאידן און אומרואיק אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען?

— אַ שרעקלעכע זאַך...

— פירשט אָמאַיאַ?

— דערשטיקט היינטיקע נאַכט אין דער תפיסה.

זיריאַב איז שרעקלעך בלייך געוואָרן און איז אַנידערגעפאַלן אויפן בענקל.

— היינט פאַרטאָג איז צו מיר געקומען צו לויפן איינער פון די זעלנער, וואָס האָט געהיט דעם פירשט. ער האָט מיר דערציילט, אַז לויט יחיהס פאַראָרדענונג האָבן זיי געדאַרפט עפענען די ריגלען און אַריינלאָזן די מערדער.

זיריאַב האָט שווער געאָטעמט. ער איז געווען נאָענט צו חלשן.

— הער אויס, זיריאַב, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אַנטלויף פון דאַנען וואָס שנעלער. איך שעץ דיך הויך, און וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דיינע טובות, — גלויב, אַז איך ווינטש דיר גוטס. איך האָב געהערט, אַז אויך דיין טויט איז נייטיק יחיהן. מען זאָגט, אַז דו ביסט נעכטן געווען ביים קאַליף און זיך משתדל געווען פאַרן פירשט. יחיה האָט באַמערקט די וואַקלעניש און אומאַנטשלאָסנקייט אין דעם קאַליף נאָך דיין אַוועקגיין. ער האָט מורא פאַר דיר. דו ביסט דער איינציקער שונא זיינער, וועלכן ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרניכטן. איך האָב געהערט, אַז מען וויל דיר שיקן אַ

פֿאַרסמטן מלבוש. ס'קען זיין, אַז אין דידאָזיקע קלאַנגען איז פֿאַרהאַן אַ שטיקל אמת.

זיריאַב איז אויפֿגעשפרונגען.

— אַ פֿאַרסמטן מלבוש? אַזוי דאַכט זיך האָסטו געזאָגט? — ער האָט זיך ביטער צעלאַכט, אָנגעכאַפּט סאַאידן פֿאַר דער האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט אין דעם דערבייאיקן צימער.

דאָרט אויפֿן טיש איז געלעגן דאָס אויפֿגענייטע קלייד מיט דעם גינעדיקן צעטעלע פֿון דעם קאַליף.

— אָט האָסטו דעם פֿאַרסמטן מלבוש! — האָט זיריאַב אויסגעשריען. — היינט פֿרי האָט דעם קאַליפֿס דינער מיר געבראַכט דעמדאָזיקן געשאַנק אַלס צייכן פֿון זיין קייזערלעכער אַכטונג צום זינגער! היינט אָוונט האָב איך באַדאַרפֿט אין דעמדאָזיקן אָנצוג ערשיינען צו דעם אַלגנעדיקן הערשער מיינעם און זינגען אים מיינע לידער!

זיריאַב איז מיט אַ שרעקלעכן געלעכטער אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן געלעגער.

סאַאיד איז צו אים צוגעגאַנגען.

— באַרואיק זיך, מיין ערלעכער פֿריינד! ס'איז ניטאָ קיין צווייפֿל, אַז דאָס קלייד איז פֿאַרגיפֿטעט. צו אויסטערליש איז דערדאָזיקער טראַף. יחיה, ווי עס זעט אויס, טראַכט ניט לאַנג איבער זיינע באַשלוסן. נעכטן האָט ער אומגעבראַכט דעם גרויס-וויזיר, היינט איז געקומען דיין צייט. אַנטלויף פֿון דאַנען.

— אָ, קאַליף, קאַליף! — האָט זיריאַב געקרעכצט.

— דער קאַליף איז אַ נישטיקע שפּילצייג ביי דעם פּערסיאַנער אין די הענט, — האָט סאַאיד געזאָגט. — יחיה איז נעכטן אַ גאַנצן אָוונט אָפּגעווען ביי דעם קאַליף און האָט מסתּמא אים געקענט איבערצייגן, אַז דו ביסט געפֿערלעך פֿאַר דעם טראָן.

— דו האָסט רעכט, — האָט זיריאַב געזאָגט אויפֿשטייענדיק. — איך דאַרף אומגעזאַמט פֿאַרלאָזן קאָרדאָווע. דידאָזיקע לופֿט דאַכט זיך מיר איז אַדורכגעזאַפּט מיט גיפֿט.

— אייל זיך, מיין פֿריינד, — האָט סאַאיד געענטפֿערט. — איך בין צוליב דעם פֿריער געקומען אַהער, איך זאָל דיך קענען איינריידן גלייך לויפֿן פֿון דאַנען. האָסט ביי זיך געלט?

— געלט איז פאַרהאַן, — האָט זיריאַב אַ שמייכל געטאָן. — ניט אומזיסט בין איך געווען דער ליבלינג פון קאָרדאָווער קאַליף.

ער איז צוגעגאַנגען צום טישל, אַרויסגענומען פון קעסטל אַ זעקל מיט רענדלעך. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו סאַאידן מיט ווערטער פון הייסער דאַנקבאַרקייט פאַר זיין אָנטייל.

— קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן מיין רעטער, — האָט זיריאַב געזאָגט, אַרומנעמענדיק זיך מיטן מאַוור.

זיך צעזעגנט מיט סאַאידן, האָט זיריאַב געהייסן אָנזאָטלען דאָס פערד און, נאָך אַ פאַרמאַטערטער פון דער ביינאַכטיקער רייזע, האָט ער זיך ווידער געזעצט רייטנדיק, האָט פאָראויס אַוועקגעזעצט די טאָכטער און איז פאָרזיכטיק אַרויסגעריטן דורך דעם גאָרטן אין פעלד, וואָס איז געווען זיין נחלה.

צווישן די צייטיקע תבואות איז ער אַרויסגעפאָרן אויפן ברייטן וועג. אין דעם ערשטן דאָרף האָט ער געדונגען אַ פורל און איז אַוועקגעפלויגן מיט דעמזעלביקן וועג, וואָס ער איז נעכטן געפאָרן.

ביי בן־פּאַרעזין אין הויז האָבן זיך אַלע צעשראָקן פון דעם אומגעריכטן אָנקומען פון זיריאַבן און זיין טאָכטער.

דער אויפגערעגטער דיכטער האָט דערציילט פון די לעצטע געשעעניש, און וועלדאַטע איז מיט אַ שטאַרקן געוויין געפאַלן צו אים אויפן האַלז.

אַלע זיינען געווען אויפגערעגט און אויפגעבראַכט פון דעם, וואָס ער האָט דערציילט.

יוסף און רבקה האָבן געאיילט צוצוגרייטן דאָס נייטיקסטע פאַר דער לאַנגער רייזע. ביידערנאַכט האָט זיריאַב זיך איבערגעטאָן פאַר אַ יידן, גענומען דאָס ווייב און פאַטימען און דעם קליינעם זון, זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, וועלכער איז געווען געשפּאַנט מיט אַ פּאָר פעסטע מויל־אייזלען, און, באַגלייט מיט ברכות פון בן־פּאַרעזי און זיין ווייב, אַרויסגעפאָרן אויפן וועג, וואָס האָט געפירט אויף דרום, צו די ווייטע בערג־רוקנס פון דער אומצוטריטלעכער סיערע־נעוואַדע.

ס'איז פאָריבער אַ יאָר דרייסיק. אַ סך ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען פאַר דערדאָזיקער צייט אין דער שיינער קאָרדאָווע. אָבער די געציינדלטע בערג אירע האָבן זיך נאָך אַלץ אַזוי געשפּיגלט אין די לאַנגזאַמע כוואַליעס פון אועד=על=קעביר. נאָך דעם איינגעמען פון טאָלעדאָ זיינען אויפגעשטאַנען בלוטיקע קריגערייען אין דער הויפּט=שטאָט צווישן די גאָטן און מאַווערן. דער קאַמף צווישן דידאָזיקע צוויי שבטים האָט ענדלעך באַקומען אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. ניט די גאָטן זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דעם יאָך פון די מאַווערן, ניין, די קריסטן און די מחמדאַנער האָבן צווישן זיך געפירט אַ בלוטיקן קאַמף. אַלץ מער און פאַרביטערט האָבן געקעמפט די פיינדלעכע צדדים. דעם מעכטיקן יחידן האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ צווייטער, וועלכער איז געווען אויך אַזוי רויבעריש און אַכזריותדיק, ווי ער. איינער פון די סריסים פון האַרעם האָט בעסער געקענט האַווירען דער נייער געליבטע פון דעם קאַליף, און זיין דערהויכונג האָט נאָך זיך געפירט יחידס פאַלן. ענדלעך איז אָפּגעשטאָרבן עבדו=רחמן, די נישטיקע שפּילצייג אין די הענט פון זיינע דינער. ס'איז אָפּגעשטאָרבן דער זון זיינער מחמד, וואָס האָט באַקומען דעם טראָן נאָכן פּאָטערס טויט דורך שוחד... אויף דרום איז אַלץ מער עולה לגדולה געוואָרן גרענאַדע. דאָרט האָט אויפגעוואַכט אַ נייַ לעבן און אַהין האָבן זיך געצויגן די בעסטע כוחות פון די מאַווערן. אויף צפון, אין אַסטוריע און קאַסטיליע האָבן ביסלעכווייז זיך געשטאַרקט די גאָטן. זיי האָבן דאָרטן געבויט נייע פעסטע שלעסער אויף די אומצוטריטלעכע פעלזן און פון דאָרטן האָבן זיי געדראָט די מאַווערן. ס'האָט זיך געבילדעט דאָס קערן פון דער קינפטיקער שטאַרקער שפּאַנישער מאָנאַרכיע. און אויף דרום איז דערווייל צווישן די געבילדעטע מאַווערן געגאַנגען מלחמות און אומרוען...

. . . .

ווייט אויף דרום, אין דער סאַמע ווילדער געגנט פון סיערע=נעוואַדע, צווישן די שטרענגע בערג און טאָלן, האָט זיך אויף אַ פעלז פאַרבאַהאַלטן אַ קליין דערפל, וואָס האָט געטראָגן אַ שטאָלצן נאָמען: דער אָ ד ל ע ר = נ ע ס ט.

ס'איז געווען אַ מאַי־פֿאַרנאַכט. די זון איז פֿאַרגאַנגען הינטער דעם שכנותדיקן באַרג, זיין שנייאיקער שפּיץ האָט נאָך געפֿינקלט מיט די בלייך־ראָזיקע פֿייערן. אַלץ אַרום איז געווען שטיל. די פּויערים — דאָס בערג־פֿאָלק — האָבן זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פֿון די טאָלן און זיינען געזעסן פֿאַר די טירן פֿון זייערע ווייסע הייזלעך, קוויקנדיק זיך מיט דער שיינקייט פֿון דעם פֿרילינגס־פֿאַרנאַכט. די טשערעדע האָט זיך אומגעקערט אַהיים. ביי די טויערן פֿון אַ הייזל איז געשטאַנען אַ גרופּע מאַוורען און לעבהאַפֿט געשמועסט וועגן דעם אַראָפּנעמען די תּבֿואות פֿון די פֿעלדער. די גרויסע רעגנס האָבן פֿאַרשפּראָכן אַ גוטע גערעטעניש און אַלע זיינען געווען אויפֿגעלעבט: פֿריילעכער לאַכן און שפּאַס האָט געקלונגען צווישן דעמדאָזיקן עולם.

פֿלוצלונג זיינען אַלע שטיל געוואָרן און זיך מיט יראת־הכּבֿוד פֿאַרנויגט פֿאַר אַן אַלטן מאַן, וואָס איז פֿאַרביי זיי דורכגעגאַנגען.

דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַוור. זיין לאַנגע גרויע באָרד האָט אים צוגעגעבן אַן אויסזען פֿון אַ פּאַטריאַרך. אָבער די אויגן זיינען געווען קלאָר און האָבן געפֿינקלט ווי ביי אַ יינגל. זיין גאַנצע פֿיגור האָט געאָטעמט מיט איידלקייט און מאַיעסטעטישער רואיקייט. ער איז מוטיק געגאַנגען, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דעם אַקסל פֿון אַ קליין יינגל, קענטיק זיינס אַן אייניקל. אָנטרעפֿנדיק זיך מיט דער גרופּע בערג־איינוואוינער, וואָס איז געשטאַנען און האָט מיט רעספּעקט געשוויגן, האָט דער אַלטער זיי פֿריילעך באַגריסט, און אַ גוטער שמייכל האָט באַלויכטן זיין שיין, רעגלמעסיק געזיכט.

דאָס איז געווען זיריאַב, דער זינגער, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון עבֿדו־רחמנען, דער געליבטסטער דיכטער פֿון מאַוריטאַניע, דער שטאָלץ און רום פֿון זיין היימלאַנד.

יידיש שרה רייזען
ווילנע, 9 יוני 1925 יאָר.